Aleksandrów Łodzki Memorial Book

Aleksander

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Aleksander (ʼa. y. Lodzʻ) / ʼarikhah, N. Blumental ; tikhnun u-vitsuʼa, ʼA. Selaʼ.
IMPRINT	880-02 [Tel Aviv] : Irgun yotsʻe Aleksander be-Yiśraʻel, [1968?]
DESCRIPT	391 p. : ill., facsims., maps, ports. ; 25 cm.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Aleksandrów Łodzki. Aleksandrów Łodzki (Poland) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Aleksandrów Łodzki.
ADD'L NAME	Blumental, Nachman.

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

ארגון יוצאי אלכסנדר

(ע״י לודז׳)

ועדת ספר הזכרון

אלכסנדר

[ע"י לודז']

אלכסנדר

(ע״י לודז׳)


עריכה: **נ. בלומנטל**

תכנון וביצוע: **ע. סלע**


הוצא על־ידי ארגון יוצאי אלכסנדר בישראל
ארויסגעגעבן דורכן פארבאנד פון אלעקסאנדערער לאנדסלייט אין ישראל

תל־אביב, תשכ״ח — 1968

סידור ועימוד — דפוס חדקל בע״מ, רח׳ תושיה 2, תל־אביב
הדפסה — דפוס „מופת״, רח׳ קיבוץ־גלויות 26, ת״א, טל׳ 824193



Płock
Płońsk
Brześć Kuj.
ubraniec
54
Modl
Wyszogrod
Gostynin
Gąbin
PUSZ
KAM
M A Z
W
Kłodawa
Kutno
Sochaczew
WAR
Zychlin
Błonie
Łowicz
Bzura
Ner
Łęczyca
Grodzisk Maz.
Zy
Rawka
Ozorków
Skierniewice
Stryków
Zgierz
Aleksandrów łódz.
Brzeziny
Rawa Ma
Konstantynów łódzki
ŁÓDŹ
Mogiel
Pabianice
Zdunska Wola
Tomaszow Maz.
135
Piotrków Tryb.
Drzew
Bełchatow
Opoczno
Widawka
Warta
Borowa G.
278
Konskie
289
Diabla G.
Czarna
Radomsko
316
Przedborz
Chełmo
bice



הזית בית הכנסת הגדול

עם הספר

דלים וריקים היינו בראשית דרכנו, עם ההחלטה להקים מפעל הנצחה לזכר הקהילה הקדושה אלכסנדר.

התלבטויות רבות ומחשבות מטרידות ביחס לכלים הדרושים למילוי השליחות, ליוו את קומץ האנשים שנטלו על עצמם את המשימה הקדושה, האחראית והקשה, להעלות על הכתב את דמותה וצביונה של העיירה בתקופת זהרה, בימי השלוה, ועד לפרשת כליונה ואחריתה הטראגיים.

עיירה זו יצאו לה מוניטין בכל רחבי פולין, בשל השושלת של האדמו"רים ידועי השם ואורח חייהם הספציפי, שהתבלט במיוחד בסיסמה: אהבת ישראל — ענוה — פשטות — צדקה.

היו בה יהודים חכמים יושבי אהל, תמימים וישרים שעסקו בתורה וקיימו את המימרה „והגית בה יומם ולילה"; בתי התפילה היו מלאי מתפללים, ושליחי הציבור, בליווי המשוררים, הנעימו בקולו־תיהם את הלבבות.

אישי הציבור, שעמדו בראש הקהילה היהודית והמוסדות לעזרה הדדית, היו מוכנים תמיד להושיט עזרה לנצרכים לעת דחק.

משכילים וציונים שהיו ראשוני מבשרי הגאולה ופעלו רבות למען הציונות, קיימו את הרעיון הלכה למעשה: עלו ארצה, תקעו יתד והשתרשו בה.

יהודים אנשי מעש ויוזמה היו הכוח הדינאמי והרוח החיה בעיצוב דמות העיירה בשטח הכלכלי. במרצם הרב הקימו מפעלים גדולים בעיירה, אשר יצאו להם מוניטין בכל רחבי פולין ובזכותם היתה העיירה מקור פרנסה לאוכלוסיה היהודית והלא־יהודית.

הנוער היהודי הער והתוסס — נוער אינטלקטואלי, בעל אופקים רחבים ומעוף תרבותי, פוליטי וסוציאלי, — והסקטור הפועלי, מילאו חיים את העיירה בפעולותיהם הרב-גוניות.

כל זה נחרב בשואה האיומה שבאה על עמנו ואשר לא פסחה גם על יהדות אלכסנדר.

לא נוכל לשכוח את היום הגורלי ליהדות אלכסנדר, בו נגזר דינה. 25 שנה חלפו מאז.

מבחינת הזמן — תקופה די ארוכה. אולם מרחק הזמן אין בו כדי להשכיח מלבנו את תמונות הזוועה והסוף הטרגי. עוד אנו רואים אותם צועדים את צעדיהם האחרונים על אדמת אלכסנדר, רועדים מקור, מיואשים ומדוכאים; עדה שלמה מוכת גורל: זקנים, נשים וטף שאימת המוות מלווה אותם בדרכם האחרונה.

על פני ארצות אירופה, בדרכים, ביערות, בבונקרים, עוד פזורות עצמותיהם של יקירינו שלא זכו לבוא לקבר ישראל. מעמקי האדמה, מקברי אחים ומכבשני אושוויץ, מיידאנק וטרבלינקה, עולה הקריאה הזועקת: לזכור ולא לשכוח! לנקום ולא לסלוח! אין תמורה ואין תשלום ולא תהא כפרה בעד הדם הרב והיקר שהוקז, והחיים אשר נקפדו לעד.

יהיה ספר זה, המגולל את פרשת החיים וכליונה של עיירתנו אלכסנדר, צוואה לדורות, מצבת עד ונר תמיד לזכר הקהילה הקדושה.

ברטט ובחרדת קודש אנו מגישים את ספר אלכסנדר לקורא.

צום דערשיינען פון בוך

אָרעם זיינען מיר געווען ביים אָנפאנג פון אונדזער וועג, ביים באשליסן צו פאראייביקן דעם זכר פון אונדזער הייליקער קהילה אלעקסאנדער.

שווערע געראנגלעניש און באומרואיקנדיקע געדאנקען האָבן באגלייט דאָס קליינע הייפל מענטשן, וועלכע האָבן גענומען אויף זיך די הייליקע מיסיע צו פאראייביקן די געשטאלט און דעם כאראקטער פונעם שטעטל, פון די גוטע צייטן ביזן טראגישן אומקום.

דאָס שטעטל איז באַוווּסט געווען אין גאנץ פוילן צוליב דער באַרימטער דינאסטיע פון אירע רביים און זייער ספּעציפישן לעבן־שטייגער, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אהבת ישראל, עניוות, פשטות און צדקה.

געווען זיינען דאָ אָרנטלעכע יידן, תלמידי־חכמים, בית־המדרש־זיצערס, געלערנט תורה בהתמדה און מקיים געווען דעם פסוק „והגית בו יומם ולילה". די שולן פול מיט מתפללים און די שליחי־ציבור מיט זייערע משוררים האָבן פארכאפּט די הערצער מיט די שיינע תפילות.

געזעלשאפטלעכע טוערס זיינען געשטאנען בראש פון דער קהילה און אנדערע אנשטאלטן פאר קעגנזייטיקער הילף, תמיד גרייט צו העלפן יעדן נצרך.

משכילים און ציוניסטן זיינען געווען די ערשטע גאולה־אָנזאָגער פון שיבת־ציון; פיל געטאָן פארן ציוניזם, שפּעטער עולה געווען און געשלאָגן וואָרצלען אין ארץ־ישראל.

יידן מיט איניציאַטיוו און טיכטיקע זיינען געווען די גרונט־לייגערס און די געשטאַלטיקער פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. זיי האָבן מיט זייער דינאמישקייט און ענערגיע אויפגעבויט א גרויסע אינדוסטריע, וועלכע

איז באַוווּסט געוואָרן אין גאַנץ פּוילן. יידן און נישט־יידן האָבן געצויגן חיונה פון דעם.

די מונטערע און אינטעלעקטועלע יידישע יוגנט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע ברייטע האָריזאָנטן אויפן קולטורעלן און פּאָליטיש־סאָציאַלן געביט, האָט אָנגעפילט דאָס שטעטל מיט פיל־פאַרביקער לעבהאַפטיקייט.

דאָס אַלץ איז חורב געוואָרן אין דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס האָט געטראָפן אונדזער פאָלק און נישט אויסגעמיטן די אַלעקסאַנדערער יידן. מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענעם גורלדיקן טאָג, ווען דער שרעקלעכער גזר־דין פון זייער אומקום איז געקומען.

25 יאָר זיינען פאַרביי, אָבער דער צייט־אָפּשניט קען נישט מאַכן פאַרגעסן פון אונדזערע הערצער זייער טראַגישן סוף. מיר זעען אונדזערע נידערגעשלאָגענע שוועסטער און ברידער, די גאַנצע עדה: זקנים, פרויען און קינדער, מיט טויטשרעק אין די אויגן, אויף זייער לעצטן וועג.

איבער גאַנץ אייראָפּע, אויף די וועגן־ניט־וועגן, אין די וועלדער און בונקערס, זיינען צעזייט און צעשפּרייט די ביינער פון אונדזערע טייערע, וועלכע האָבן ניט זוכה געווען צו קומען צו קבר ישראל.

פון די ערד־אָפּגרונטן און ברידער־קברים, פון די קרעמאַטאָריומס פון אושוויץ, מיידאַנעק און טרעבלינקע, הערט זיך דער געשריי: — זכור! געדענקען — און ניט פאַרגעסן! נקמה נעמען — און ניט מוחל זיין! נישטאָ קיין באַצאָלונג פאַר זייער טייער בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן און פאַר די לעבנס וואָס זיינען פאַרשניטן געוואָרן.

זאָל דאָס דאָזיקע בוך, וואָס דערציילט וועגן אויפשטייג און אומקום פון אונדזער טייער שטעטל אַלעקסאַנדער, זיין א צוואה פאַר דורות, אַן אייביקע מצבה און א נר־תמיד פאַר דער אומגעקומענער הייליקער קהילה.

מיט א הייליקן ציטער גיבן מיר איבער דעם ספר־אַלעקסאַנדער פאַר די לייענער.

לתולדות העיר

צו דער געשיכטע
פון דער שטאט

יהושע צענדארף / היימלאנד

מיין ליב היימלאנד טריפט מיט טרערן,
די ווייסל איז שוין טרערן־פול!
ווי שווער פון דאָרט אַ וואָרט צו הערן,
ס'איבערקלערן מאַכט מיך דול.

אין אונדזער שטוב זיינען פרעמדע,
אין מיין בעט, — ווער שלאָפט דאָרט היינט?
ווער טראָגט דאָרט מיינע העמדער?
געוויס ניט מיינער אַ פריינט!
— — — — — — — — — —
כאָטש ניט דיך ס'האָט די וועלט
מיט אויסגעשריי באַגעגנט;
דיינע לאָנקעס, דיין יעדעס פעלד,
איך זוך אויף אַלע וועגן.

מיין ליב היימלאַנד, מיין שטעטל אַלעקסאַנדער
און לאָדזשער שטאָט פון מיין וויגל,
איר וועט פריער צי שפעטער דאָך
אייער טרויער באַזיגן.

לאגער פיטיוויע, 18.9.1941

שיו־פע / געווען א יידישע קהילה...

געווען א שטעטל אלעקסאנדער, א שעפערישע יידישע קהילה, ארייגעפלאכטן אין דער ראם פון יידישע קהילות אין פוילן־לאנד.

א שטעטל, ווי הונדערטער אנדערע איינגעפונדעוועט דורך דורות־מי פון בעלי־מלאכה, קרעמערס, סוחרים און בארימטע זאָקן־ארבעטער און פאבריקאנטן, וועמענס פראָדוקציע האָט זיך אויסגעשפרייט אריבער די גרענעצן פון פוילן. באזונדערס האָט זיך ארויסגעהויבן אין דער יידישער וועלט די רביישע דינאסטיע — דער אלעקסאנדערער „הויף״.

דאָס יידישע לעבן דאָ איז געווען אַ שטענדיקער געראנגל פארן קיום קעגן דער סביבה, וואָס איז נישט שטענדיק געווען פריינטלעך פארן יידישן ישוב. אָבער ביי אלע דרויסנדיקע שוועריקייטן האָט דער יידישער ישוב זיך דאָ איינגעפעסטיקט און זיך ארייגעוועבט אינעם אלגעמיינעם געוועב, וואָס הייסט: יידיש פאָלקס־לעבן.

צו פארשיידענע סאָציאַלע שיכטן, פרייע און רעליגיעזע, האָבן מיר געהערט. אָבער אלע, אלע האָבן געלעבט אין דערוואַרטונג אויף בעסערע טעג און תמימותדיק געגלויבט אינעם מענטש און מענטשלעכער קולטור, וואָס דארף ברענגען אויסלייזונג פאר מענטש און ייד. פלוצים איז געקומען די מוראדיקע גרויליקע טראגעדיע. אלע די שעפערישע כוחות זיינען צוזאמען מיטן לעבעדיקן ייד אוועק אין רויך.

און ס׳איז נאטירלעך וואָס ביי די פארבליבענע, וואָס שטאמען פון אָט די לחלוטין חורבע און צעשטערטע ישובים, איז אויפגעקומען דער ווילן אויפצושטעלן א דענקמאל אונדזערע היים־ערטער אין פארם פון יזכור־ביכער, ארויסגעגעבן דורך די לאנדסמאנשאפטן.

כדי אָפצוהיטן דעם ליכטיקן אָנדענק פון די אומגעקומענע אויף קידוש השם און קידוש העם פירן מיר אינעם יזכור־בוך פארביי אונדזערע מיט־

מענטשן, וואָס האָבן געווירקט אין אלעקסאנדער. מיר ווילן פארפיקסירן די געזעלשאפטלעכע, פּאָליטישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געווירקט אין אונדזער שטאָט.

מיר ברענגען צום אויסדרוק די גרויסע השפעה פון דעם אלעקסאנדערער „הויף" און די אנדערע חסידים־שטיבלעך און בתי־מדרשים, אויפן גאנג און שטייגער פון יידישן ישוב.

מיר ברענגען דעם נייעם יידן, דעם באוווסטזיניקן נאציאָנאלן־סאָציאלן טוער אין זיין שטרעבן איינצונעמען די יידישע באפעלקערונג פארן ציוניזם און סאָציאליזם.

די ווייניק פארבליבענע, ניצול־געוואָרענע פון די פארטיליקונג־לאגערן, פון וועלדער, פון גריבער און באהעלטענישן, לעבן איצט יעדער מיט זיינע זכרונות, וואָס גיבן אים נישט קיין רו.

זיי לעבן אין שאָטן פון די נשמות־קרבנות, נישט וויסנדיק ווו זייער הייליק געביין איז פארלוירן געגאַנגען.

זאָל דער יזכור־בוך ארויסווייִנען דעם ווייטיק, דעם בראָך, פון די ווייניק פארבליבענע, יתומים, אומגליקלעכע.

זאָל דער ספר הזכרון, שטיין אין וועג פון שר השיכחה, נישט דערלאָזן אונדז און די וואָס קומען נאָך אונדז פארגעסן, וואָס דער דייטשער פאשיזם האָט געטאָן צו די יידן פון אונדזער היים־שטעטל אלעקסאנדער.

זאָל דער יזכור־בוך אויפהיטן און איבערגעבן אלע די, און מי דערגרייכטע מעשים פון דער קהילה, בעת איר אויפשטייג.

זאָל דער פאַרליגנדער ספר, ווען אפילו, אויף א באשיידענעם אופן, פאר־צייכענען מיט פּיעטעט און נשמה־ציטער די פארשטייער, בויער פון עקאָנאָ־מישע אונטערנעמונגען און געזעלשאפט־דערציערישע אינסטיטוציעס פון דער הייליקער קהילה אלעקסאנדער.

זאָל דער יזכור־ספר זיין א מצבה־שטיין, געשטעלט די קדושים וטהורים, פאר וועלכע מיר בויגן אין טרויער אונדזער קאָפּ און מורמלען שטיל א תפילה פון נישט פארגעסן.

נתן פוזנר / עיירתי

זכור אזכרך, עיירתי אלכסנדר!

את חקוקה על לוח־לבי באותיות־אש המלבות ומאירות את נשמתי. מלשדך ינקתי את השראתי והכנפתי מעוף וחזון לעמוד ברשות עצמי בספינת־החיים הסוערת. על אדמתך עמדה עריסת־ילדותי, ובתוכך בליתי את נעורי אשר יסדו מסד איתן ומוצק לגופי ורוחי. נשמתך, עיירתי, ליוותני בכל מסלול־חיי ונסכה בי אורח־חיים אנושי ורוחני.

סעד ומשען קבלתי שם מהורי, אחי ואחיותי; ידע ודעת רכשתי ממלמדי ומורי בבתי־הספר דשם וממנהיגים וחברים בארגונים שונים.

הוי! כולם, דמויותיהם חקוקות ושוכנות בנקיקי לבי ואני מוצא בהן נוחם מול האכזריות בחלד.

לבי לך, עיירתי, על אשר נתיתמת מטובי בניך, ויושבת עתה בודדה ואבלה ומקללת בלבך, כמוני, את עם־הרוצחים שהביא עליך כליה באין רחמים. נתערטלת מן החלק התוסס ביותר, מן היהודים המושרשים, אשר במשך דורות עמלו בשבילך עמל רב, עמל של יצירה ורוח.

זוכרת אַת את בניך, היהודים המגוונים: חסידים, מתנגדים, ציונים, אנשי עבודה סוציאליסטיים. כולם היו כסופי גאולה — מי לגאולה יהודית ומי לגאולת עולם.

לבי דואב ונימי נפשי רוטטות ומפרפרות בהזכרי בחורבנך, אלכסנדר. ותפלתי היחידה היא שעם־רוצחים זה יהיה מקולל עד עולמי־עד.

ואותך עיירתי נזכור לטובה ונארגך בספרי־הימים לדורות.

שרה ויעקב פרלמוטר / עיירתי אלכסנדר

בצדק נקרא הענף הכרות של יהדות פולין מלפני המלחמה בשם „הכתר של יהדות אירופה", והכתר הזה זרח במשך עשרות דורות עד היום בו חטפו ידיים רצחניות אור זה ועלטה ירדה עלינו.

אין להכחיש שמאות הערים והעיירות של יהדות פולין בת האלף היו אלו שהאירו את דרכה של יהדות מזרח־אירופה. אחד מאלה האורות שבמשך דורות זרח על כולנו היה בלי ספק אלכסנדר; עיר קטנה בכמותה, אבל באיכותה רשאית להיקרא „עיר ואם בישראל".

אנו מאמינים שערים דומות לאנשים: אחד עובר דרכו בשקט, באפרוריות, בלי שאף אחד יבחין בו, והשני מאיר ככוכב בשמיים שכולם חייבים לראותו.

אם ניקח בחשבון שעיירתנו נבנתה בתחילת המאה הקודמת, נהיה נאלצים גם להסכים לכך שהיא דומה למטאור שדרך והאיר את שמי היהדות.

בה בשעה שערים ותיקות יותר נשארו באלמוניותן במזרח־אירופה היהודית הרי עיירתנו התפרסמה, בלי הגזמה, אצל גדולים וקטנים. קשה להאמין כי מישהו ממיליוני יהודי פולין לא שמע על אלכסנדר. סבורים אנו, כי ביושר ובאובייקטיביות נוכל לומר שהחסידות, שלידתה בשדות וביערות פודוליה, היא שכבשה בסערה את דמיון המוני היהודים בפולין והיא שהיתה הגורם לפופולריות העל־טבעית של עיירתנו.

„חצר" האדמו"ר מאלכסנדר היתה מפורסמת בכל העולם היהודי. עיירה בעלת אוכלוסיה של חמשת אלפים יהודים בערך, היתה לעתים מוצפת באלפים שבאו מכל קצות המדינה (ולפעמים גם מחו"ל) בכדי להימצא בקירבת הרבי וליהנות מזיוו.

כוח זה איחד עשרות אלפים. הבאים זרקו מעליהם עול־פרנסה וחיו, מי ימים ספורים ומי שבועות רבים, בהתלהבות ובריקודי חסידים ובשירי הלל לבורא העולם. ורעיון תמים אחד איחד את ליבות כולם: שבזכות הרבי יקבלו גם הם חלק בעולם הבא, ואולי יקצרו את דרכו של המשיח. ובימים ההם, מי שלא ראה אברכים חסידיים, „מוחות חריפים", מטיילים בחוצות העיירה, ידיהם באבנטיהם, ועוסקים בדבר תורה — לא ראה את זוהרה של אלכסנדר.

נוסף לפרסום שבו זכתה עיירתנו בשל „חצר" הרבי (שהפכה לאגדה ממש בין מאות ואלפי המוני היהודים), אין לשכוח גם גורם נוסף שאיפיין אותה ואת סביבתה. בניגוד לעיירה הקלאסית בפולין, שהצטיינה במסחר זעיר, היתה עיירתנו היהודית בעלת אלמנט תעשייתי־פועלי, שחי על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים.

את מקומן של החנויות הדלות והזעירות תפסו בעיירתנו מכונות הגרביים שיצרו כמויות סחורה ענקיות בשביל פולין כולה וגם בשביל חו"ל.

אפשר להגיד ללא הגזמה שקשה למצוא על המפה היהודית עוד הרבה מקומות כאלה (חוץ מכמה יוצאים מהכלל), בהם כל המשפחה התקיימה על עבודה פרודוקטיבית יוצרת והרוויחה את לחמה ביושר, בזיעה, כפי שכתוב בתורה. אבל „לא על הלחם לבדו יחיה האדם". היהודי בעיירתנו חי לו את חייו המסורתיים מדורי דורות, דבר שאיפשר לו להתגבר על קשיי היום־יום.

בהזדמנות זו ברצוני להזכיר לבני עירנו: היו זמנים שלפועלים יהודיים לא היתה, מסיבות שונות, דריסת רגל בבתי החרושת שבעיירה, ואפילו לא בלודז' הסמוכה.

עובדה היא, שהעיבה לא במעט על חיינו, שתעשיינים יהודיים גדולים לא רצו לקבל פועלים יהודיים, כדי שהאחרונים לא יהיו נאלצים לחלל את השבת, חלילה (בשבתות עבדו בבתי החרושת היהודיים פועלים נוצרים).

היו לנו צרות גם עם „חברינו" הגויים, שמלכו באגודות המקצועיות „בצורה פרוליטרית אמיתית" והטיפו לסיסמאות ש„כל הפועלים חייבים להתאחד" ו„כולנו אחים". דווקא הם הקימו מחסום גבוה, אותו לא יכלו בשום אופן לעבור הפועלים היהודיים בכדי להיכנס לאחד מבתי־החרושת.

למרות כל זאת היה בחיינו יותר אור מאשר צל.

אמנם, „חברינו" ו„אחינו" נלחמו נגד הפועלים היהודיים, אולם אלה החליטו לקחת את גורלם בידם, להילחם על הכנסת פועלים יהודיים לבתי־החרושת וגם ניצחו במלחמתם זו.

מקרים כאלה ואחרים רבים היו בעיירתנו הבלתי־נשכחת. נוסף למחסום העבודה פרץ הנוער שלנו גם מחסומים גבוהים אחרים ופתח לפני עצמו עולם חדש.

כל המפלגות והתנועות היהודיות מצאו באלכסנדר כר נרחב להפצת רעיונותיהן. מועדונים נפתחו, ספריות צצו כפטריות אחרי הגשם. הנוער היהודי, חדור אידיאלים ורצון להתעלות, קיבל הזדמנות להגשים את חלומותיו.

מי לא זוכר את השנים ההן, עת הצעיר היהודי, אחרי יום עבודה מפרכת על יד המכונה, היה בא בערבים למועדון התנועה לעזור בבניית עולם חדש וטוב יותר. בהזדמנות זו היה „בולע" עשרות ספרים, שהיוו יסוד להשכלתו העצמית, מאחר שלא זכה בלימודים סדירים.

ולא רק בספרים התעניין הצעיר בעיירתנו. הנה נודע לו הפתגם הרומי העתיק „נשמה בריאה בגוף בריא". נוסדו אגודות ספורט רבות. גם המפלגות הפוליטיות, כגון: ה„בונד", „פועלי־ציון", ימיניים ושמאליים, „המזרחי", וכן תנועות הנוער: „פרייהייט", „צוקונפט"־יוגנט, „גורדוניה" ועוד, — כולן כולן נתנו לפועל היהודי הצעיר הזדמנות ליישר את גבו הכפוף בטרם עת.

כך התנהלו החיים היהודיים באלכסנדר עד למלחמת העולם השניה. אז נכנסו קלגסי היטלר ובנעליהם המסומרות דרסו חיים יהודיים תמימים, מסורת של דורות. אפלה כיסתה את שמינו הבהירים... נהרות הדמים של יקירינו וקרובינו, דמם השפוך של קדושי אלכסנדר זועק אלינו מן האדמה: בל תשכחו! זכרו את עברנו המפואר, שנכרת לבלי תקנה.

דמעה צצה מתוכּכי הלב... רואים אנו את עיירתנו מתעוררת ומתחדשת באלפי אורות, פה על אדמת ישראל...

כן, אחיות ואחים יקרים! הבה נוסיף לבנה לבניין חיינו מחדש על אדמת ארצנו, בהתאם לרוח ולמסורת המפוארת של אלכסנדר היהודית. לאורה נלך, למען הדורות הבאים, למען ההמשך...

שרה און יעקב פערלמוטער /

מיין שטעטל אלעקסאנדער

מיט רעכט ווערט אָנגערופן דער פארשניטענער צווייג פון יידישן פאָלק אין פארמלחמהדיקן פוילן: „די קרוין פונעם יידישן פאָלק"; און דער קרוין האָט געלויכטן אין משך פון הונדערטער דורות, ביז צום טאָג, ווען רוצחים־הענט האָבן ארויסגעריסן די דאָזיקע ליכטיקייט, און א פינצטערניש האָט זיך אויף אונדז אראָפּגעלאָזט.

און ווער וועט נישט אנערקענען, אז די הונדערטער שטעט און שטעטלעך פונעם טויזנט יעריקן יידישן פוילן, זיינען געווען די, וועלכע האָבן מיט זייער

ליכט באלויכטן דעם וועג פונעם יידישן מזרח אייראָפּעאישן פאָלק? און איינס, וואָס האָט אין משך פון דורות אויסגעשטראַלט פון זיך א ליכט פאַר אונדז אלעמען, איז אויך געווען, בלי ספק, אלעקסאנדער. א שטאָט, כאָטש אין כמות קליין, אָבער אין איכות גרויס. מיט רעכט קען זי אָנגערופן ווערן „עיר ואם בישראל״.

און מיר גלויבן, אז שטעט זיינען געגליכן צו מענטשן, איינער גייט אדורך זיין לעבן גרוי, וואָכעדיק, און קיינער באמערקט אים נישט, און אַ צווייטער ווארפט א ליכט ווי א מעטעאָר אויפן אומענדלעכן האָריזאָנט, וועלכן אלע מוזן זען.

און ווען מיר נעמען אין באטראכט אז בסך הכל איז אונדזער שטאָט געוואָרן אויפגעבויט אינעם אָנהויב פון פאָריקן יאָרהונדערט, וועלן מיר אלע מסכים זיין, אז אלעקסאנדער איז טאקע געגליכן צום מעטעאָר, וועלכער האָט גאָר שנעל אויפגעשטראַלט און באלויכטן דעם יידישע האָריזאָנט.

ווען אנדערע, גרעסערע און עלטערע שטעט, זיינען געבליבן אומבאקאנט, איז אונדזער שטאָט געוואָרן בארימט, אָן גוזמה, ביי גרויס און קליין; שווער צו גלויבן אז עמעצער פון די מיליאָנען פוילישע יידן זאָל נישט האָבן געהערט וועגן אלעקסאנדער. און אונדזער שטאָט איז געוואָרן בארימט צוליב פארשיי־דענע סיבות; אָבער מיר גלויבן, אז מיר וועלן זיין גאָר אָביעקטיוו, אויב מיר וועלן אנערקענען אז דער חסידיזם, וועלכער האָט פון די פּאַדאָליער וועלדער און פעלדער, אָנגעיאָגט ווי א שטורעם, און פארכאפּט די פאנטאזיע ביים פּאָלק אינעם יידישן פוילן, איז געווען דער הויפּט גורם צו אונדזער אזוי איבער־נאטירלעכער פּאָפּולאַריטעט.

עס איז דאָך געווען בארימט אין דער יידישער וועלט דער אלעקסאנדער „הויף״. אין א שטאָט אין וועלכער עס האָבן געלעבט א פינף טויזנט יידן בערך, פלעגן גאָר אָפט, צו א יום טוב, ארייַנפאָרן פיל טויזנטער פון אלע עקן פוילן (און אפילו אויך פון אויסלאנד), נאָר כדי צו זיין אין דער נאָענטקייט פונעם רבין, און זיך ווארעמען אין זיינע שטראַלן.

און אָט דער כח האָט געקענט פאראייניקן צענדליקער טויזנטער יידן, אין אַ ספּעציעלן צבור. די געקומענע האָבן פון זיך אָראָפּגעוואָרפן דעם פּרנסה־עול און די וואָכעדיקייט, און געלעבט, ווער א פּאָר טעג, און ווער לאנגע וואָכן, מיט התלהבותדיקע חסידישע טענץ און לויב־געזאנגען צום בורא עולם. איין תמימותדיק געדאנק האָט אלעמען באהערשט: אז אינעם זכות פון רבין וועלן

זיי אפילו עולם הבא באקומען, און אפשר טאקע אויך מקצר זיין דעם גלות דורך ביאת המשיח. און ווער ס׳האָט נישט געזען אין יענע טעג, ווי חסידישע יונגעלייט, „שארפע קעפ״, גייען איבער די גאסן, האלטנדיק זיך ביי די גארטלען, און זיינען עוסקים בדברי תורה, דער האָט נישט געזען דאָס שיינקייט פון אלעקסאנדער! אָט דער כח האָט געמאכט אונדזער שטאָט בארימט אין דער ידישער חסידישער וועלט. אָבער, אויב מען קען זאָגן, אז דער הויפט גורם צו דער בארימטקייט פון אונדזער שטאָט איז געווען דער חסידיזם, און איבער־הויפט דער אלעקסאנדער „הויף״ (וועלכער איז געוואָרן פארוואנדלט ממש אין א לעגענדע צווישן הונדערטער און טויזנטער פאָלקס יידן), דארף מען אָבער נישט פארקוקן אויך אן אנדערן פאקטאָר, וועלכער האָט כאראקטעריזירט אונדזער שטאָט און איר סביבה, און דאָס איז — להיפך צום קלאסישן שטעטל, אין חרוב געוואָרענעם פוילן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט דער עיקר מיט זיין קליין־האנדל (א פאקט וועלכן די היסטאָריקער אנערקענען און בארעכטיקן דאָס מיט גורמים אומאָפּהענגיקע פונעם שטעטל־תושב) — האָט דאָס יידישע אלעקסאנדער, וואָס האָט געציילט ביי פערציק פראָצענט פון דער באפעלקערונג, פאַרגעשטעלט מיט זיך אן אינדוסטריעל־האַרעפּאשנעם עלעמענט, וועלכער האָט געלעבט על התורה, על העבודה ועל גמילות חסדים.

אנשטאָט די קליינע דלותדיקע געוועלבלעך אינעם קלאסישן יידישן שטעטל האָט ביי אונדז געשפילט פערמאנענט די מוזיק פון דער זאקן־מאשין, וועלכע פלעגט ארויסווארפן ריזיקע סטאקן סחורה, פאר גאנץ פוילן און אויך פאר אויסלאנד.

מען קען זאָגן אָן גוזמה, אז ס׳איז שווער צו געפינען נאָך אזעלכע ערטער אויף דער יידישער מאַפּע, וו די גאנצע יידישע באפעלקערונג (מיט גאַר קליינע אויסנאמען) איז געווען אזוי פראָדוקטיוו און פארדינט דאָס טעגלעכע ברויט אזוי אָרענטלעך, מיט שווייס, ממש לויטן תנ״כישן געבאט. אָבער ווי אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „לא על הלחם לבדו יחיה האדם״, אחוץ פארדינען אויף ברויט, מיט זיינע האָרעפּאשנע מאזאלעדיקע הענט, האָט דער אלעקסאנדער ייד, זיך אויך אויסגעלעבט אינעם דורותדיקן טראדיציאָנעלן לעבן, וואָס האָט באצויבערט, און געהאָלפן פארטרייבן די וואָכנדיקייט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאנען, און מיינע בני עיר געדענקען דאָס געוויס: אז ס׳זיינען געווען צייטן, ווען א יידישער ארבעטער האָט נישט

געקענט אריינגיין אין די טעקסטיל־פאבריקן, סיי פון אלעקסאנדער און סיי פון נאָענטן גרויסן לאָדזש, צוליב פארשיידענע סיבות.

קודם כל, איז געווען באקאנט דער ביטערער וויץ, וועלכער האָט פארטונקלט דאָס שיינע און ליכטיקע אינעם טראַדיציאָנעל יידישן לעבן, דהיינו: אויך יידישע גרויס־אינדוסטריעלער האָבן נישט געוואָלט אריינבעמען א... יידישן ארבעטער, כדי דער לעצטער זאָל נישט... מחלל שבת זיין (אין די יידישע פאבריקן האָט מען געארבעט אויך שבת, מיט קריסטלעכע ארבעטער).

אָבער אויך דאָס איז געווען א האלבע צרה. די הויפט־צרה איז געווען מיט די גויישע „חברים", וועלכע האָבן געקעניגט אין די פראָפעסיאָנעלע פאריינען, און אויף אן „אמת פראָלעטארישן אופן" ווו עס ווערן געפריידיקט אלע גוטע מידות, וועגן דעם „אז אלע ארבעטער דארפן זיך פאראייניקן", און דער עיקר, וועגן דעם „אז אלע זיינען ברידער". דווקא אָט זיי האָבן אויפגעשטעלט א הויכע וואנט, וועלכע דער יידישער ארבעטער האָט בשום אופן נישט געקענט אריבער, כדי אריינצוגיין אין איינער פון די גרויסע פאבריקן.

אָבער אין אונדזער טראַדיציאָנעל יום־טובדיק לעבן איז געווען מער ליכט ווי שאָטן.


אויב אונדזערע „חברים" און „ברידער" צום קאמף האָבן שיקאנירט א יידישן ברודער־ארבעטער, האָבן די יידישע ארבעטער אליין באשלאָסן צו נעמען זייער גורל אין האנט און אליין פירן דעם קאמף. און, ווי געזאָגט, דערפירט אים ביז צום זיג און דערמעגלעכט דערמיט דעם צוטריט פון יידישן ארבעטער צו די גרויסע פאבריקן.

און אזעלכע, און אויך אנדערע ליכטיקע מאָמענטן, זיינען געווען גאָר אָפט אין אונדזער אומפארגעסלעכער און היינט חרוב־געוואָרענער שטאָט. און אויב מיר האָבן שוין דערמאָנט דעם יידישן ארבעטער וועלכער האָט באוויזן דורכצוברעכן טיילוויז דעם וואנט צו גלייכער ארבעט, דארפן מיר נישט פארגעסן א צווייטע „וואנט", וואָס איז טאקע אומגעווארפן געוואָרן אין גאנצן און געעפנט פאר דער יידישער יוגנט א נייע וועלט.

אלע יידישע פארטייען און באוועגונגען האָבן געפונען אין אלעקסאנדער א פעלד צו אקערן און צו פארזייען אלע סאָרטן אידייען און געדאנקען. פארטיי־לאָקאלן זיינען געוואָרן געעפנט, ביבליאָטעקן זיינען אויסגעוואקסן ווי שוועמלעך נאָך א רעגן, און די יידישע אידעאליסטישע יוגנט, וועלכע האָט

שטענדיק געזוכט צו דערהויבן זיך, האָט איצט געהאט א געלעגנהייט צו פארווירקלעכן איר טרוים.

ווער פון אונדז געדענקט נישט יענע יאָרן, ווען דער יוגנטלעכער פלעגט נאָך א גאנצן טאָג אַרבעט ביי דער מאַשין, קומען אין אָוונט אינעם פאַרטיי־לאָקאַל, שטענדיק מיט געדאנקען צו העלפן בויען אַ נייע און בעסערע וועלט, און דערביי „איינשלינגען" צענדליקער ביכער, וועלכע פלעגן אים, דעם יוגנטלעכן וועלכער האָט נישט געהאט די זכיה צו זיצן אויף א שול־באַנק, באַרייכערן זיין וויסן דורך זעלבסטבילדונג, טאַקע א דאנק די ביכער פון דער פארטיי־ביבליאָטעק.



דער אריינגאנג אין שטאָט | הכניסה לעיר

און נישט נאָר צו ביכער האָט זיך דער יוגנטלעכער באַגרענעצט. ווי אַ פלייסיקער שילער האָט ער זיך דערוווסט, אז שוין די אַלטע רוימער האָבן געלערנט אז „א געזונטער גייסט דארף זיין אין א געזונטן גוף".

האָט מען געשאַפן פיל ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס ביי די פּאַרטיי־לאָקאַלן, צי דאָס איז געווען דער „בונד" אָדער „פּועלי־ציון" רעכטע צי לינקע; „מזרחי" און „פרייהייט", „צוקונפט" יוגנט אָדער „גורדוניה" און נאָך און נאָך. אַלע, אַלע האָבן געגעבן א געלעגנהייט דעם יונגן יידישן אַרבעטער אויסצוגלייכן זיינע יונגע און שוין פריצייטיק אויסגעקרימטע פּלייצעס, מיט וועלכע ער פלעגט שוין איצט זיך באַוויזן מיט שטאָלץ.

אזוי האָט עס זיך געפירט ביז צום צווייטן וועלט־קריג, ווען די אָנגעקומענע היטלר־באַרבאַרן האָבן אריינמאַרשירט אויך אין אַלעקסאנדער און האָבן אכזריות־דיק צעטראָטן א יידישע טראַדיציאָנעל דורותדיק לעבן פון תמימות און ריינקייט, און א פינצטערניש האָט איינגעהילט אונדזער ליכטיקן הימל...
און די טייכן בלוט, די פאַרגאָסענע, פון אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע, דאָס בלוט פון די אלעקסאנדערער קדושים, רופט אונדז נישט צו פארגעסן און שטענדיק געדענקען אונדזער גלאָררייכן עבר, וועלכער איז געוואָרן אזוי מערדערלעך אָפּגעשניטן.

אָבער פּלוצים קומט אונדז ארויף א טרער פון די טיפענישן פונעם הארצן, און מיר דערזען א ניי אלעקסאנדער, אן אויפגעוואַכטע און אויפגעלעבטע מיט טויזנט חן־ען, דאָ ביי אונדז אויף אייגענער ישראל ערד...

יאָ, טייערע ברידער און שוועסטער, זאָל יעדער פון אונדז צולייגן א ציגל, און העלפן צוריקאויפבויען אונדזער פאַרשניטענעם שטאָלץ, בויענדיק אונדזער לעבן אינעם אייגענעם לאנד, לויטן גייסט און שענסטע טראדיציעס פון אונדזער יידישן אלעקסאנדער, וואָס דאַרף לויכטן און ווייזן דעם וועג פאר אונדזערע קומענדיקע דורות, פאר אונדזער המשך!

בן־ציון פּוזנרנץ / אלכסנדר

מוניטין יצאו לה, לאלכסנדר, בזכות הרבי האלכסנדרי.

אדמו"רי אלכסנדר חרתו על דגלם את המידות: אהבת ישראל, רדיפת שלום, צדקה, ענוה ועבודת־הבורא מתוך שמחה. הם נודעו לתהילה והערצה בכל רחבי העולם היהודי. יהודים מכל החוגים והשכבות נהרו לאלכסנדר כדי ליהנות מזיו פניו של הרבי, לזכות בברכה מפיו או בדבר־נחמה לעת צרה;

לקחת חלק בתפילות הנלהבות ולהשתתף בשמחות, שהיו חזיון נפרץ מאד בחצר אלכסנדר. רבים באו לרוות את צמאונם בדברי־התורה של הרבי או להגיע במחיצתו לידי התפשטות הגשמיות ושיכחת עניני יום־יום תוך כדי שירה וריקודים.

העיירה היתה תמיד פעילה ועירנית מאד בשטח התרבות והחינוך ורבים לאין ספור היו ה,,חדרים", בתי־הספר וה,,ישיבות", בהם קבלו הילדים חינוכם היסודי, כל אחד לפי יכולתו ונטייתו.

התבלט במיוחד בית־הספר ,,המזרחי", הודות למחנכים המעולים אשר מלבד החינוך הכללי החדירו בתלמידי בית־הספר גם את רעיון שיבת־ציון.


החיים הציוניים בעיירה היו תוססים ועירניים. לימוד עברית יחד עם הפצת תעמולה למען ארץ־ישראל בצורות שונות, כגון קרן־קיימת־לישראל, קרן־היסוד, קפא"י וכיוצא באלה — היפרו את הרעיון הציוני. רבים מבני הנוער הציוני, וכן יהודים באים־בימים, לא אמרו די ברעיון בלבד, אלא הגשימו אותו הלכה למעשה ועלו לארץ־ישראל.

פעילות נאה ופוריה מאד התנהלה בשטח הסוציאלי, ובמיוחד ראוי לציין את יסוד ,,בית התה" עם תום מלחמת העולם הראשונה, בביתו של ימילה פליטמן, בהנהלת ה"ה חיה דרוקר, פנחס ז'רנובסקי, פייבל שלם, שמחה קופל ועוד — שתפקידם היה להגיש עזרה לילדי העניים והיתומים, הרעבים והיחפים, אשר המלחמה הותירה אותם בחוסר כל. העזרה שהוגשה לילדים אלה איפשרה להם להמשיך בלימודים (אם אין קמח אין תורה) והצילה אותם מחרפת רעב.

גרעין ראשון זה, שנשתל על־ידי החברים הנזכרים בשטח הסוציאלי, נתן אחר־כך פרי מבורך, כאשר התפתחו ושיגשגו מפלגות וגופים ציבוריים שונים, אשר מלבד בהשקפתם הפוליטית היו פעילים גם בחיים הסוציאליים ויצרו במשותף קופות של גמילות־חסדים, לינת־חולים וכיוצא באלה מוסדות צדקה וחסד, שנודעה להם השפעה ניכרת על התפתחות החיים של האוכלוסיה היהודית באלכסנדר במשך דורות.

נ. ב. / אלעקסאנדער
שטריכן צו איר געשיכטע

דער שטאָט אלעקסאנדער געהערט צו די ייִנגערע שטעט, וואָס זיינען אנטשטאַנען אין קאָנגרעס־פוילן אין דער ערשטער העלפט פון ניינצעטן יאָרהונדערט, נאָכדעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען אין און אַרום לאָדזש, דער נייער טעקסטיל־צענטער. די טענדענץ פון דער דעמלטדיקער רוסישער רעגירונג און באזונדערס פון די פוילישע אָנפירנדיקע אַדמיניסטראטיווע אוןווירטשאפטלעכע קרייזן איז געגאַנגען ערשטנס אין דער ריכטונג פון אנטוויקלען די אייגענע אינדוסטרי, און דערמיט געווינען אין די שטעט נייע אַרבעט־פלעצער פאר די מאסן פויערים, וואָס האָבן נישט פארדינט אויף זייער אַרעמען אויסקומען אין דאָרף ביי דער ערד־אַרבעט; צווייטנס,



בית העיריה — דער מאגיסטראט

הויבן די רייכקייט פון לאנד דורך פאבריקאַטן, וואָס האָבן באַקומען א גרויסן אפזאץ־מארק אין דעם גרויסן רוסלאנד, נאָך מער אפגעשטאנענעם פון דעם פוילישן „קעניגרייך". פון דעם שטאַנדפונקט געזען, איז דאָס שאפן קאָנגרעס־פוילן (1815) ביי דער רוסישער אימפעריע, געווען פון גרויס נוצן.

די שטאָט איז אזא יונגע, אז דער עלטערער דור (היינט־צוטאָג) פון די אלעקסאנדערער יידן געדענקט נאָך ביז היינטיקן טאָג די סימנים פון יונגקייט פון דער שטאָט: זיי געדענקען, ווען איז די שטאָט אויפגעשטעלט געוואָרן לויט די דערציילונגען פון זייערע עלטערן, די עלטערן פון די עלטערן, זיי האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן די עלטסטע מצבה, וואָס אויפן יידישן בית עולם וכו׳ וכו׳.

לייענט די ווייטערדיקע זכרונות און איר וועט זיך אין דעם איבערצייגן.

דער ישוב (אויף פויליש — Osada), האָט פריער געטראָגן דעם נאָמען „לענטשיצער", ווייל ער האָט געהערט צו דעם פּאָוויאַט לענטשיץ, און צו דער וואיעוואדשאפט מאַזאָווש. די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אין 1818 יאָר אויפן אָרט פון דער גלאָז־פאבריק וואָס אין ברוזשיצא וויעלקא, דערפון דער צווייטער צונאָמען פון דער שטאָט „פאבריטשני". מיט דער צייט, מיטן וווקס פון דער שטאָט לאָדזש און מיט דער נייער איינטיילונג פון פוילישן געביט — נאָכן אָפּשאַפן דאָס „קעניגרייך פוילן" (1864) — איז אלעקסאנדער צוגעטיילט געוואָרן צום לאָדזשער פּאָוויאַט, פּעטריקאָווער גובערניע. דאָס, וואָס פּעטריקאָוו — אין די פוילישע צייטן האָט די שטאָט געהייסן און הייסט ביזן היינטיקן טאָג „טריבונאַלסקי" — איז געוואָרן דער צענטער, און נישט לאָדזש, באַווייזט אָמבעסטן די גרויסקייט־פּארהעלטנישן פון דיביידע שטעט. און אזוי איז פארבליבן ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914), הגם מיט דער צייט איז לאָדזש געוואקסן און מיט איר צאָל איינוווינער פיל, פיל מאָל איבערגעשטיגן די צאָל איינוווינער פון דער גובערניע־שטאָט פּעטריקאָוו.

פון די לעגענדן־פאקטן, וואָס האָבן א שייכות צו דער געשיכטע פון יידן אין אלעקסאנדער, דאַרף דאָ געבראכט ווערן, אז אין פוילישן אויפשטאנד פון 1861 האָבן אלעקסאנדערער יידן גענומען אן אָנטייל: אויסבאהאלטן געווער, פּאָליאַקן, געזוכטע דורך דער מאכט א.א.וו.

ווידער אין יאָר 1905 האָט זיך דאָ, ביים אלעקסאנדערער רב זינגער אויסבאהאלטן דער יונגער פילסודסקי, שפּעטערדיקער שעפער פון די פוילישע לעגיאָנען און פוילישער מלוכה־שעף.

צאל איינוווינער

אין דעם יאָר 1824 האָט אלעקסאנדער פארמאָגט 340 הייזער מיט 2,955 איינוווינער. דערפון האָבן 365 פארנומען זיך מיט טעקסטיל־אויסארבעטונגען. דער באַדייטנדיקער רוב פון דער באַפעלקערונג זיינען געווען צו דער צייט דייטשן.

אין יאָר 1826 האָבן די יידן באַקומען די פּריווילעגיע פון מעגן וווינען און קויפן זיך פּלעצער בלויז אויף די גאַסן ווארשאַווסקאַ און וויעטראַטשנאַ, ווי אויך אויפן רינעק ביי דער ווארשעווער גאַס.

אין יאָר 1858 איז די צאָל איינוווינער געפאַלן ביז 2,885 איינוווינער, פון זיי איז א טויזנט — יידן. לויט דער פאָלקסציילונג פון 1897 איז אין אלעקסאנדער שוין געווען 5,992 איינוווינער, פון זיי 1673 — יידן.

אין יאָר 1909 איז געווען דאָ 3,061 יידן, וואָס האָט אויסגעמאַכט 34.7% פון דער אלגעמיינער צאָל פון דער באַפעלקערונג.

לויט דער ערשטער פאָלקסציילונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַפרייטן פוילן דעצעמבער 1921, איז אין דער שטאָט געווען 8,236 איינוווינער; דערפון פאָליאַקן (רוימיש־קאַטוילישע) — 2,399; דייטשן־עוואַנגעליקער — 3,116; יידן, לויט דת משה — 2,635, ד.ה. 32%.

לויט דער נאַציאָנאַליטעט (מוטער־שפּראַך) האָבן זיך די ציפערן פאַר־געשטעלט אביסל אנדערש. פוילישע נאַציאָנאַליטעט — 2,782; דייטשע — 3,018; יידן — 2,434; דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז 201 יידן האָבן אָנגעגעבן, אַז זייער נאַציאָנאַל־שפּראַך איז פויליש. פון די עוואַנגעליקער האָבן בלויז 98 אָנגעגעבן, אַז זיי זיינען פאָליאַקן נישט קיין דייטשע, וואָס קען טאַקע זיין אין דער אמתן, אָבער קיין פאָליאַקן בני דת משה זיינען אין שטאָט איז אזא גרויסער צאָל זיכער נישט געווען.

די ציפער שפּיגלט זיכער נישט אָפּ דעם ווירקלעכן מצב, אזוי ווי מיר אלע ווייסן, אז אמתע אַסימילאַנטן, גערופן „משקעס", זיינען אין שטאָט געווען

איינצעלנע, געציילטע אויף די פינגער; דאקעגן האָבן דאָ, אין אלע איבעריקע שטעט, א טייל יידן און דאָס „גוטע יידן" — צוליב נישט אָריענטירן זיך אין דער גאנצער פראגע, אָנגעגעבן די פוילישע נאַציאָנאַליטעט, פארטוישנדיק דאָס מיט „פוילישער בירגערשאפט". געווירקט אויף דעם האָט אויך די שטעלונג פון די ציילונגס־קאָמיסארן, וואָס זיינען געווען פאראינטערעסירט אין א גרעסערער צאָל... פאָליאקן.

ביי דער צווייטער פאָלקסציילונג (לעצטער אין אומאָפּהענגיקן פוילן), פון דעצעמבער 1931, האָט די שטאָט געציילט 1,025 געבײדעס מיט 11,554 נפשות; ד.ה. א וווקס פון 28.7%.

יידישע קהילה

די יידן פון דער שטאָט זיינען פון אָנהויב געווען צוגעשריבן צו דער קהילה פון שטעטל לוטאמירערסק, סיעראדזשער פאָוויאָט, קאלישער וואיעוואָד־שאפט, און געטראָגן די לאסט פון צאָלן שטייערן און פראָצענטער פון אלטע חובות אויף אויסהאלטן די לוטאמירערסקיער קהילה צוזאמען מיט די איבעריקע יידן פון דער שטאָט. אין יאָר 1830 אנטשטייט א באזונדערע קהילה אין אלעקסאנדער, אָבער דאָס צאָלן די פראָצענטער פון די חובות פון דער לוטא־מירערסקיער קהילה דארף ווייטער צאָלן בלויז אלעקסאנדער, לויט דער פאר־אָרדנונג פון דער (רוסישער) מלוכה־קאָמיסיע פאר אינערלעכע און רעליגיעזע ענינים. באגרינדט האָט די קאָמיסיע איר אויסטערלישן באשלוס דערמיט, וואָס דער רוב פון די אלעקסאנדערער רייכערע יידן שטאמט פון לוטאמירערסק, און זיי זיינען קינדער צי קינדס־קינדער פון די יעניקע לוטאמירערסקיער קהלניקעס, וואָס האָבן געמאכט די גרויסע הלוואות (חובות).

פעסטגעשטעלט האָט דאָס די קאָמיסיע אויף סמך פון דעם עדות־זאָגן פון בלויז צוויי עלטערע לוטאמירערסקיער יידן; אזוי ווי קיין אָפיציעלע דאָקומענטן וועגן דער פראגע זיינען שוין צו דער צייט נישט געווען. דער גאַנצער קהילה־ארכיוו פון לוטאמירערסק איז נעמלעך פארלוירן געגאנגען בעת דער גרויסער שריפה, וואָס האָט פאר דעם געטראָפן די שטאָט.

אין 1851 יאָר האָט די דאָזיקע מלוכה־קאָמיסיע פארפליכטעט די פרעמדע יידן, וואָס האָבן אָפּגעקויפט כמעט אלע וועלדער פון דער סביבה צו צאָלן

שטייערן פאַר דער אַלעקסאַנדערער קהילה, כל זמן זיי וועלן פירן זייערע מסחר אין דער געגנט, הגם זיי אַליין האָבן אין אַלעקסאַנדער נישט געוווינט. דערמיט האָט מען באַרייכערט די קאַסע פון דער קהילה, וואָס האָט תמיד — איבעריגנס נישט נאָר דאָ — געראַנגלט זיך מיט פינאַנסיעלע שוועריקייטן.

באַשעפטיקונג פון די יידן

וועגן דער באַשעפטיקונג פון די יידן אין שטאָט האָבן מיר בלויז פראַג־מענטאַרישע געגעבענע פון די פריערדיקע צייטן.

אין יאָר 1826 איז אויף צוויי מייסטערס שניידערס קריסטן געווען 12 יידישע. ביזן יאָר 1840 זיינען צוגעקומען ניי־פאַררעגיסטרירטע מייסטערס: 11 יידן און 19 קריסטן. פון די נייע יידישע מייסטערס זיינען געווען 4 היימישע, 3 פון לוטאָמירערסק און צו איינעם פון אַנדערע שטעט (זגירש, טושין א.א.וו.).[1]

פון די גרעסערע ערשטע יידישע פאַבריקאַנטן אין שטאָט איז געווען גרינבערג פייוול — פאַרמאָגנדיק 17 וועבער־וואַרשטאַטן. אין 1861 טראָגט ער זיך אַריבער קיין לאָדזש, ווו די צאָל וואַרשטאַטן זיינע ווערן פאַרגרעסערט ביז 23 (אין 1864).[2]

לויט דער אַנקעטע, וואָס ס'האָט דורכגעפירט צווישן יידן דער דזשוינט אין פוילן תיכף נאָכן ערשטן וועלט־קריג[3], איז אין אַלעקסאַנדער אין יאָר 1921 געווען טעטיקע יידישע אונטערנעמונגען 196, אין וועלכע עס האָבן געאַרבעט 591 פערזאָנען. 152 (25.7%) פון זיי זיינען געווען די בעלי־בתּים גופא; 47 (8%) באַשעפטיקטע אין די אונטערנעמונגען זיינען געווען משפחה־מיטגלידער; דער רעסט 392 (66.3%) זיינען געווען לוין־אַרבעטער; פון זיי איז געווען יידן מער ווי א העלפט (53.8%): נעמלעך 211 (127 מענער, 84 פרויען) יידן און 181 (46.3%) קריסטן.

1. Dr. Filip Friedman: Studia nad przeszloscia Zydow w Lodzi. Lodz, 1935, str. 188/9.
2. דאָרט, ז. 241/2.
3. Zydowskie przedsiebiorstwa w Polsce wedlug ankiety z 1921 r., opracowane pod kierunkiem Eliezera Hellera. Warszawa 1923. וועגן אַלעקסאַנדער זע באַנד VII, ז. 138/9, 140, CXLV, טאַבעלע A און 1A.

אַט איז די טאַבעלע פון די טעטיקע אונטערנעמונגען און באַשעפטיקטע אין זיי פערזאָנען:

	אונטערנעמונגען		באַשעפטיקטע און איר פערזאָנען		דערפון לוין־ארבעטער	
נאָמען	צאָל	%	צאָל	%	צאָל	%
מעטאל	8	4.1	8	1.4	—	—
מאַשינען אפאראטן	1	0.5	1	0.2	—	—
האָלץ	1	0.5	1	0.2	—	—
פעל, לעדער	5	2.5	7	1.2	1	0.3
טעקסטיל	127	65.0	483	88.7	369	94.1
באקליידונג	31	15.8	46	7.8	11	2.8
פאפיר	1	0.5	4	0.7	2	0.5
דערנערונג	15	7.6	31	5.2	10	2.3
בוי	3	1.5	4	0.7	—	—
גראפיק	1	0.5	1	0.2	—	—
רייניקונג	3	1.5	5	0.8	—	—

באמערקונג: דער פראַצענט אין ערשטן פאל איז פון אלע אונטערנעמונגען, אין צווייטן — פון די באשעפטיקטע אין אלע אונטערנעמונגען, א.א.וו.

די טעקסטיל אינדוסטריע (127 אונטערנעמונגען) טיילט דער מחבר אויף פאָלגנדיקע קאַטעגאָריעס:

שפולעריי
טרייבעריי
וועבעריי
באוועל־וועבעריי
אַפּרעטור
פארבעריי
זאַקן־פאבריקן

די לעצטע קאַטעגאָריע האָט אויסגעמאכט כמעט א העלפט (46.1%) פון אלע טעקסטיל־אונטערנעמונגען, באשעפטיקט אין איר זיינען געווען 312 פערזאָן — 64.6% פון אלע באַשעפטיקטע אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע.

די דאַזיקע טאַבעלע באַווייזט, אַז אַלעקסאַנדער איז געווען אַ טעקסטיל־שטאָט (זאָקן־פאַבריקן), און אַזוי איז עס פאַרבליבן ביזן אויסברוך פון דער מלחמה אין 1939 יאָר, וואָס ס'באַשטעטיקן די זכרונות געבראַכטע אין בוך.

און הגם די שטאָט איז נאָך ענדע 1939 געוואָרן יודענריין, האָט מען אָבער שפּעטער פון 1.5.1942, געמוזט ברענגען אַהער יידן אויף אַרבעט; זיי זיינען געבראַכט געוואָרן פון פאַביאַניצער אַרבעטסלאַגער און זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין סאָרטירן די זאַכן, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון טויטן־לאַגער כעלמנא און פון די געראַוימטע געטאָס. די זאַכן האָט מען אָפּגעלאַגערט אין קאַטוילישן קלויסטער. די יידן אין דער צאָל פון 15—30 מאַן פלעגט מען ברענגען אונטער אַ שמירה מיט אויטאָס אינדערפרי און אָוונטצייט צוריקפירן אין לאַגער קיין פאַביאַניץ.

די ציווילע דייטשע אָנגעשטעלטע פון דער לאָדזשער געטאָ־פאַרוואַלטונג, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון די יידן, האָבן באַקומען אַ ספּעציעלע געלט־הוספה, גערופן Gefahrenzulage — הוספה פאַר דער סכנה אָנגעשטעקט צו ווערן מיט אַן עפּידעמיע קרענק ביים סאָרטירן זאַכן פון עווענטועלע קראַנקע, וואָס זיינען אומגעקומען אין טויטן־לאַגער כעלמנאָ צי ביים רוימען די געטאָס, ד. ה. ביים איבערפירן די יידן פון געטאָ אין טויטן־לאַגער און צונויפזאַמלען זייער פאַרמעגן.

די אויססאָרטירטע בעסערע זאַכן, פלעגט מען שיקן אין רייך פאַר „ווילטעטיקע" אינסטיטוציעס. ערגערע זאַכן האָט מען פאַרקויפט פאָלקס־דייטשן אויפן אָרט; די נישט פאַרווענדבאַרע זאַכן האָט מען ווי רוי־מאַטעריאַל איבערגעפירט צום פאַראַרבעטן אין די פאַבריקן.

מנחם ווינטער / אַ בינטל פאַקטן

אַלעקסאַנדער ליגט 11 קילאָמעטער מערב־זייט פון דער גרויסער פאַבריקן־שטאָט לאָדזש.

אויטאָבוסן, וואָס זיינען געפאָרן פון לאָדזש, האָבן אויך פאַרבונדן די שטאָט מיט פּאַדעמביץ, לאַסק ביז קאַליש.

אַ טראַמוויי קורסירט לאָדזש־אַלעקסאַנדער יעדע 15—20 מינוט.

דער שטח פון שטאָט בערך 4 ק״מ^2;

פון זגערזשער גאס ביז סוף לוטאמיערסקא — 2 ק״מ.

פון וואלנאשטש ביזן מארק — 1 ק״מ.

פון יידישן צענטער — די שול — ביז ספאצעראווא — 1 ק״מ.

64 גאסן און געסלעך, אייניקע צו 1 ק״מ לאנג, האָבן צעשניטן די שטאָט אין קוואדראטן און אין פיר־קאנטן.

ארום דער שטאָט זיינען געווען גרינע פעלדער, וועלדער, סעדער, טייכלעך און וואסערן.

אלעקסאנדער האָט אין יאָר 1939 געציילט 84 פאבריקן און פאבריקלעך (לויט דער פוילישער צייטונג "Rzeczpospolita" פון 1945).

די גרעסטע און שענסטע פאבריקן האָבן געהערט צו פאָלקס־דייטשן, אייניקע צו פאָליאקן, די רעסט צו יידן.

פראָדוצירט האָט מען אויסשליסלעך זאָקן און טעקסטיל, דערצו האָבן נאָך עקזיסטירט אייניקע פארבערייען, פארמערייען, שלאָסער־ווארשטאטן און א דרוקעריי.

די זאָקן האָט מען פארקויפט אין גאנץ פוילן, דאָס האָט געגעבן באשעפטיקונג און פרנסה כמעט דער גאנצער שטאָט.

אויף דער עלטסטער מצבה פון אלטן בית־הקברות, וואָס איז געשטאנען ביז 1939, איז געווען בולט דער דאטום: תקע״ו, ד.ה. 1816, מיין פאָטער אלימלך ז״ל ליגט נישט ווייט פון דעם אָרט און איך פלעג אהין קומען און פארשן די מצבות.

אייניגע מצבות זיינען געווען פון יאָר תק״פ (1820), תקצ״א (1831) א.א.וו.

אויפן מאגיסטראט, וואָס איז ווארשיינלעך דער עלטסטער בנין אין שטאָט, איז צו זען א קאָפּ פון א פרוי, פארבונדן מיט א פאס די אויגן (דער סימבאָל פון גערעכטיקייט). ווארשיינלעך האָט דאָס הויז געדינט אלס געריכט. אונטערן קאָפּ איז געווען דאָס יאָר 1824.

אַמאָל האָט דאָס דערפל לאָדזש געהערט צום קרייז אלעקסאנדער.

ביז 1914 האָט די שטאָט געהערט צו די רוסן.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די דייטשן אָקופּירט די גאנצע געגנט, און דעמלט איז פּייזול (שרגא) דעם רבין שמואל צבי׳ס זון פאר־

דעכטיקט געוואָרן אלס שפּיאָן, און איז דורך די רוסן טראגיש אומגעקומען אין שטאָט ראדאָם.

אין 8 בתי תפילות האָבן טאָג טעגלעך יידן געדאווונט פון באגינען, און געלערנט תורה ביז שפּעט ביינאכט.

דאקעגן איז געווען אין שטאָט להבדיל 1 קאָשטשיאָל פאר פאליאקן און 2 קירכן פאר דייטשן.

אין די שטיבלעך, ווו עס איז נישט געווען בייטאָג קיין לערנערס, האָט א מלמד געלערנט קינדער תורה.

אין ראדאָמסקער שטיבל — דער מלמד משה פנחס נאבאָזשני; אין בצלאל יאיר׳ס קלויז — דער מלמד — בערל (דער בעל קורא פון גערער שטיבל), אין סוכאטשעווער שטיבל אנטשל טשייניקס זון, האָבן געלערנט מיט דערוואקסענע בחורים.

אין גערער שטיבל האָט א גאנצן טאָג גערוישט פון „קעסט־אײדעמס״ און פרחי תורה, מיטן מורה הוראה הנוך מלאך בראש. דערצו זיינען געווען באשטימט 2 צימערן, אין וועלכע שבת זיינען געווען פול מתפללים, און אין ימי חול האָבן דאָרט געלערנט מיט תלמידים די מלמדים יחזקאל בעריש זעלמאן און יחיאל מאיר פראנקענטאל.

אין קהלס בית מדרש — אין דער פארבער־גאס — זיינען אין די וואָכן־טעג געווען מיינסטנס קדיש־זאָגערס. אין „המזרחי״ האָט מען געדאווונט כמעט נאָר שבת און יום־טוב.

די גרויסע שול פלעגט שבת און יום טוב, באזונדערס אין די ימים נוראים, זיין פול מיט קינדער, מענער און פרויען — מוצאי יום כיפור האָט זיך פון דאָרט ארויסגעלאָזט א ים מתפללים, וואָס האָבן פארנומען די גאנצע שול־געגנט און זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט.

א טרויער איז געווען, ווען די טירן פון דער שול זיינען בייטאָג געווען אָפן. דעמלט האָט מען געזעגט אין פאליש קרשים (ברעטער) פאר א נפטר.

א באזונדער קאפּיטל פארנעמט דעם רבינס בית המדרש מיט דער „ישיבת בית ישראל״, ווו אויך איך האָב געלערנט.

דאָרט האָט געברויזט טאָג־טעגלעך ווי אין א קעסל, אויסער ניתל׳ס און ט׳ באב.

יענקעלע, רבי אברהם חיימס זון, איז געווען דער לייטער (מנהל); א בחור א גאון, שיין, קלוג, הויך, איידל און זייער ענערגיש, ער האָט אלעס

געזען, געהערט און געוווסט. ער האָט אָנפאַנג פון די דרייסיקער יאָרן געגרינדעט א ספעציעלע קוך פאר די העכער 100 „ישיבה״-בחורים, און עס האָט אויפגעהערט דאָס בזיונותדיקע „עסן טעג״.

שבת און יום טוב זיינען כמעט אלע געגאנגען דאווענען אין שווארצע זיידענע קאַפּאָטעס. אלע בתי תפילות זיינען געווען פול.

ווען עמעצער איז לא עלינו קראַנק געוואָרן, האָט מען אים באַזאָרגט אין שטוב מיט א מנין. ווען עמעצער איז געשטאָרבן, האָט מען געדאווענט אין שטוב פון אבל, די גאנצע „שבעה״.

פון די ספרים, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין אלעקסאנדער, זיינען מיר באקאנט „ישמח ישראל״ פון רבין ירחמיאל ישראל יצחק, דעם רבין יחיאלס זון, וועלכער האָט קיין קינדער נישט געהאַט. „תפארת שמואל״ פון רבין שמואל צבי, „עקדת יצחק״ פון רבין יצחק מענדל דאנציגער, דער לעצטער רבי פון אלעקסאנדער. א פירוש אויף „שיר השירים״ פון רב אברהם יוסף פישער, דער מלמד פון רבין יצחק מענדל, ביי וועמען אויך איך האָב געלערנט. ער איז געווען א גאון מופלג, געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר.

א יידישע פאָלקס-שול מיט פוילישער אונטעריכט-שפּראך פאר יידישע קינדער איז אמאָל געווען ביי ווונטשן אין הויף. אויך איז געווען אין די מילן-גאס די „מזרחי-שול״ און די „אגודת ישראל שול״ ביים גערער שטיבל.

לעצטנס האָבן יידישע קינדער געלערנט אין די פוילישע פאָלקס שולן, לאָדזשער גימנאזיעס און פאך-שולן.

פאָלגנדע צען יוגנטלעכע האָבן געענדיקט די גימנאזיע: יעקובסאָן — 2 קינדער; ביעלאוס — 3 קינדער: רוזשקע, לוטא און מארעק; גאָלדבערג — 1 קינד; הערמאן יוזעפאָוויטש, שלמה לעווין, צודקעוויטש און מאנ׳א זילבערבערג.

לעבן געבליבן זיינען נאָר 3 אקאדעמיקער: ד״ר הערמאן יוזעפאָוויטש אין ישראל, ד״ר שלמה לעווין אין פראנקרייך, ד״ר מארעק ביעלאוס אין רוסלאנד.

ס׳זיינען אויך געווען בערך 15 מלמדים. אין אייניקע „חדרים״ האָבן געלערנט עטלעכע צענדליק קינדער.

איך געדענק טיילוויז פון זיי: משה פנחס נאבאָזשני, קאלושינסקי יעקב, שיפּלינגער בעריש, ראסלער מיכאל, סקאצילאס, שלמה׳לה טענצער, פראנקענטאל,

ווידאווסקי מרדכי, זשיכלינער, כהן יאַסעלע, בערל (חנה׳ס ברודער), ווייס יחיאל (בערל ווייס זון) און שווארצער יאַסעלע (אין הויז פון דער געלע חיה — נעבן קריזמאן).

דערפאר זיינען קיין יידן אנאלפאבעטן נישט געווען. אלע, ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן געקענט לייענען און שרייבן.

ראשי העדה: דער רב זינגער, 2 מורה הוראות, 3 שוחטים, שמחה באטשאן מיטן זון און ברוך בער וויינבערג. לעצטנס האָט אויך אָנגעהויבן שחטן אלטער יוסף יעקובאָוויטש.

דער אָנקום פון שבת איז מיטן „ליכט צינדן״ אויסגערופן געוואָרן דורך דעם שמש הערשל גרינשפאן, וואָס איז אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער סירענע פון דער מקוה. די לעצטע געשעפטן האָבן זיך פארקלאפט ווי אויף א מיליטערישן באפעל, אויסער אייניקע פריזיערס און דעם „סקלאדאפטעטשני״ פון ביעליאסן, וועלכע האָבן נאָר איין טיר צוגעמאכט אלס צייכן פון סאָלי־דאריטעט.

דער ערשטער רבי פון שטאָט רב הנוך פון די קאצקער תלמידים, האָט געלאָזן פאָלגנדע ברכה פאר דער שטאָט: „דאָ שמעקט מיט תורה, דעריבער זאָלן דאָ נישט ברענען 2 הייזער מיט איין מאָל״. בשעת דער גרויסער שריפה פון ראדאָמינסקיס קינאָ, אין יאָר 1929, ווען דאָס פייער מיט פונקן זיינען ממש ארויף אויף די שכנישע הייזער, האָט דאָס פייער קיין שליטה געהאט. ס׳האָט דעמלט געדראט אז א גרויסער טייל פון דער יידישער געגנט זאָל אוועק אין פלאמען. אויך ווען די דייטשן האָבן ביים סוף פון צווייטן וועלט־קריג פארלאָזט די שטאָט (יאנואר 1945) און אונטערגעצונדן די ארכיוון, און די רוסישע הארמאטן און טאנקן האָבן באשאָסן די שטאָט, האָבן נישט געברענט קיין 2 הייזער צוזאמען.

זלאטע — ברוך שלמה האנדעלסמאנס טאָכטער — געלעבט אויף ארישע פאפירן, האָט מיטגעארבעט מיטן לאָדזשער אונטערגרונט און אומגעקומען.

פייוול האנדעלסמאן איז פארוואונדעט געוואָרן אלס קעמפער קעגן די דייטשן (אלס רוסישער סאָלדאָט) ביי סמאָלענסק.

משה שיפלינגער און פאָמעראנץ האָבן געדינט אין דער פויליש־רוסישער ארמיי. יהושע — יצחק לעווינס זון — איז געווען דער ערשטער סאָלדאָט וועלכער איז צוריקגעקומען אָנפאנג 1945 מיט דער ביקס אין האנט נאָך

אלעקסאנדער. ער האָט פאָרטגעזעצט דעם קאמף קעגן די דייטשן אויף דער אַנדערער זייט פון טייך אָדער ביז בערלין און איז מער נישט צוריקגעקומען.

מיט געוואר אין האנט זיינען אומגעקומען אונטער בערלין לייביש גערשאָנאָוויטש און ירחמיאל כילעוויטש.

י. בן־דב / שושלת אדמו״רי אלכסנדר



האדמו״ר האחרון של אלכסנדר, רבי יצחק מנחם־מנדל דנציגר (באמצע), ושני אחיו, אברהם חיים ויעקב בונים, בקרלסבד.

דער לעצטער אלעקסאנדערער רבי, רבי יצחק מנחם־מענדל דאנציגער (אין מיטן) מיטן זיינע צוויי ברידער אברהם חיים און יעקב בונים, אין קארלסבאד.

חסידות אלכסנדר, — שהיא המשך חסידות וורקא, — קמה בשנת תרל״ו, עם בואו של הרב הגאון הרבי יחיאל, בן הרב והאדמו״ר רבי שרגא פייבל דנציגר, לעיירת אלכסנדר לשמש בקודש בתור מרא דאתרא. קודם לכן שימש בכהונה זו בעיירות טורצ׳ין, גריצא, פילץ.

בילדותו היה הרבי יחיאל חלש בגופו ואביו הקדוש חרד מאד לחייו, כי הוא נשאר לו בן יחיד מכל הבנים והבנות שנולדו לו, אשר כולם מתו עליו בצעירותם. מרוב דאגתו לבנו יחידו הביאו פעם לאדמו״רו, הרבי ישראל יצחק מוורקא, ובקש ממנו שברוב חסדו יאציל מברכתו לבנו יחיאל שיאריך ימים. „זה חלקי מכל עמלי" — פרץ בבכי מר. האדמו״ר השקיטו ונחמו ואמר לו: „אל תדאג, פייבל, תנהו לי ואגדלו ואחנכו ולא יקרה לו, חלילה, כל רע. עלי ועל צווארי אני לוקח אותו, אשמור עליו כעל בבת־עיני ועוד אעשה ממנו כלי חמדה, אשר יתברכו בו הבריות". הרבי שרגא פייבל הסכים להוציא את בנו מרשותו, עד שאפילו בחתונת בנו יחידו ואהוב לבו לא השתתף משום עינא בישא. מאז נשאר רבי יחיאל בביתו של האדמו״ר עד לשנה אחרי חתונתו. הוא, רבי יחיאל, היה אצל האדמו״ר הזקן כבן ממש, מפתו אכל ומכוסו שתה. הרבי ישראל יצחק לא מש ממנו והשגיח עליו בשבע עיניים, לימדהו, הדריכו והיה מחזקו בגוף וברוח. הוא פיתח ברבי יחיאל את כל המידות הטובות אשר היו מושרשות בו בתכלית השלימות. מאדמו״ר זה למד רבי יחיאל אהבת ישראל מהי, והגיע בה למדרגה גבוהה מאד. ועת הוא עצמו נעשה לאדמו״ר לאחר שנים, לקח תורה זו לעיקר שיטתו בהנהגת החסידות.

בשנת תר״ח, באחרון של פסח, נפטר האדמו״ר הזקן, הנקרא בחיבה גם רבי יצחקל וורקער, על שהיה חביב על הכול על מידת האהבה שבו. אז נתנו החסידים את עינם בחברם החסיד הרב הגאון רבי שרגא פייבל דנציגר, אביו של הרבי יחיאל, הנקרא גם רבי פייבעלע גריצר, ששימש אז כאב״ד בעיר מאקוב, והיה מגדולי חסידי וורקא, והכתירוהו למנהיג עליהם. הרבי שרגא פייבל נהג באדמו״רות רק חצי שנה — נפטר בשמיני עצרת שנת תר״ט ונטמן בעיר מאקוב.

אחרי הסתלקותו של האדמו״ר הרבי שרגא פייבל זצוק״ל, עברה המנהיגות בחזרה לוורקא לידי הרבי מנחם מנדל, בנו השני של האדמו״ר הזקן. בנו בכורו, הרבי יעקב דוד, נהג באדמו״רות באמשינוב. הרבי יחיאל דבק בכל נימי נפשו באדמו״ר הוורקאי השני, הרבי מנחם מנדל, שהיה אהוב עליו כאח

ונעשה חסידו ותלמידו. והוא, הרבי מנחם מנדל, אמר עליו: „אם אבי זצוק״ל אמר שיעשה ממנו כלי חמדה, אני אעשה ממנו כלי חמדה דחמדה״.

בשנת תרכ״ח נסתלק הרבי מנחם מנדל והחסידים בחרו אז בגדול שבחסידי וורקא, הרבי רב בעריש מביאלא והכתירוהו למנהיג עליהם. רבי יחיאל בא להסתופף גם בצלו של אדמו״ר זה ונעשה מחסידיו החביבים ומתלמידיו הראשונים.

רבי יחיאל היה איש עניו מאד ומידת ענוותנותו היתה לאין שיעור. הוא היה גם בעל מזג טוב ובעל נפש עדינה וצרתו של הזולת או כאבו נגעו ללבו כאילו היו משלו עצמו. הוא סבל הרבה מן ה„מתנגדים״, כי איש שלום היה מטבעו ולא היה יכול לבוא בריב עם אנשים — לכן סבל והבליג. ניחא היה לו הסבל מן המחלוקת אשר ממנה ברח, כבורח מן האש. מעולם לא הקפיד על איש, אפילו אם הלה פגע בכבודו. ואם קרה שמישהו ממתנגדיו נפל בצרה ובא אליו לבקש עצה או „טובה״, היה מקבלו כידיד, היה מסביר לו פנים והיה מחזקו ומעודדו. והרבה הרבה ממתנגדיו נעשו למעריציו ואוהביו, ועת נעשה אדמו״ר באו להסתופף בצלו.

הודות לסגולותיו התרומיות והנעלות ופשטות הליכותיו העריצוהו ואהבוהו. ועת נסתלק האדמו״ר הרבי דב בעריש מביאלא, בשנת תרל״ו, ידעו החסידים כי הוא, רבי יחיאל, הגדול והוותיק שבחסידי וורקא, ראוי לאצטלה זו, והם התחילו לבוא אליו מדי שבת בשבת לפילץ, שם ישב אז על כס הרבנות.

אולם דבר בואם היה לו למורת־רוח, כי ראה שהם רוצים בו למנהיג. והוא הלא לא ראה עצמו ראוי לאצטלה זו, במה הוא נעלה מהם?

בדיוק באותו זמן, עת החסידים התחילו לבוא אליו, עזב רבי יחיאל את פילץ ועבר לעיירת אלכסנדר, הסמוכה לעיר לודז׳, כי נתקבל שם לרב העיר. החסידים מצאו גם כתובת זו, ובאו אליו המונים המונים. אם לפילץ באו אליו מאות, נהרו לאלכסנדר אלפים... והיות ורבי יחיאל ראה כי הבעיה נעשתה רצינית — באים נגד רצונו — בא אליהם בטענה: מה אתם רואים בי, שאתם באים אלי, האם אני רבי? הלא אינני ראוי להיות רבי. אם אתם רוצים לשמוע בקולי, נלך לר׳ יענקעלע סוקולובר שהוא חסיד גדול וירא־שמים ונכתיר אותו למנהיג. אבל החסידים נתנו כבר מזמן עינם בו, ולא רצו לשמוע לטענותיו ולא שעו להפצרותיו להרפות ממנו. פעם אחת בא ר׳ יענקעלע סוקולובר לאלכסנדר. שאלו רבי יחיאל: למה זה באת אלי? הלא אני דברתי עם החסידים לבוא אליך, שאתה תהיה רבי. אמר לו ר׳ יענקעלע: אם אני באתי אליך, סימן הוא

שאני מצאתי את הרבי! — והיתה לו מזה עגמת־נפש גדולה, לרבי יחיאל, כי ראה בעין שרוצים לכפות עליו את המנהיגות בכוח. מה לעשות? התיישב בדעתו וכתב אל הגאון ר׳ יהושעלע מקוטנא ואל בעל „נפש חיה״ שישיבו לו אם על פי דין התורה רשאי הוא לקחת על עצמו את המשימה הזאת. והשיבו לו: לא רק שהוא רשאי אלא מוטלת עליו החובה לעשות זאת. אם יש מישהו שראוי להורות דרך ה׳ ואינו עושה זאת הוא חוטא בפלילים. אחר קבלת תשובה זו עוד לא היה שוה עם לבו, והלך לרבי יעקב דוד מאמשינוב לדבר עמו בענין זה. רק אחר כל אלה נאות לקבל על עצמו את המשימה ונעשה לאדמו״ר באלכסנדר.

מרבי יחיאל מתחילה שושלת אדמו״רי אלכסנדר, שהחסידות שלה הכתה שרשים עמוקים ביהדות פולין, והיא המשך של חסידות וורקא אשר אחד מיסודותיה העיקריים היה אהבת ישראל ואשר הרבי יחיאל וכל אדמו״רי אלכסנדר אחריו הרחיבוהו ל„אוהבים את בני ישראל כמו שהם, אפילו את הפשוטים שבפשוטים, מקרבים ומרוממים אותם למדרגה יותר גבוהה״.

על אף ענוותנותו הגדולה ידע רבי יחיאל להשריש את שיטתו המיוחדת בדרך החסידות ביתר שאת ולהשפיע על אלפי אנשים להסתופף בצלו. הוא לא חסך עמל וטורח להניח יסודות איתנים כדי לבצר ולחזק את דרכו בחסידות, וביססה על שני עמודים: על עבודת ה׳ ביראה ועל אהבת הבריות. את כל עולמו הרוחני והמוסרי ייסד על הענוה והתשובה ועבודתו הקדושה השפיעה על חסידיו ללכת בדרכו. הוא, רבי יחיאל, הגם שהיה דגול מרבבה ומשך אליו המונים גדולי תורה ופשוטי עם, החשיב עצמו ללא כלום — לפחות ושבפחותים. רחמיו נכמרו רק על המוני ישראל ועליהם דאגתו. הוא היה שונע בצע תכלית ומעולם לא לן אצלו בבית מטבע — אם נזדמן לידיו איזה כסף היה תיכף מחלקו לעניים. ומשום כך הנהיג בחצרו מנהג „לא לקבל פדיונות״, נזהר היה לא ליהנות משל אחרים. אבל החסידים שידם היתה משגת לא יכלו להבין זאת ולכן הביאו מתנות־כסף ופדיונות־נפש. רבי יחיאל השתמש בכסף זה להשיא יתומות ולעזור לנצרכים, הוא עצמו לא נהנה מזה אף שוה פרוטה. אדרבא, הוא אף ממשכורתו הדלה שהיה מקבל כאב״ד, ושממנה חי בדוחק, היה מפריש לצדקה.

על־יד בית המדרש הגדול בנה לו את ביתו הצנוע מעץ, חדרים קטנים וצרים ובפשטות הריהוט, בשביל חסידיו ובשביל משפחתו הענפה. היו לו

שלושה בנים: ר׳ ירחמיאל ישראל יצחק, ר׳ שמואל צבי ר׳ בצלאל יאיר ושלוש בנות. במשך הזמן נוספו עוד בתים וגן וה„חצר" התרחבה.

רבי יחיאל נסתלק בשיבה טובה בי"ד בשבט שנת תרנ"ד ונטמן באלכסנדר. על קברו עומדת מצבת־אבן פשוטה לפי בקשתו. הוא, כמו שהיה עניו וצנוע בחייו, רצה גם להיות אחרי מותו וביקש מבניו ומחסידיו ואף כתב בצוואתו, שלא יפארו את קברו ע"י העמדת מצבה מיוחדת, אלא שיעמידו על קברו אבן פשוטה בלי כל תארים.

אחר הסתלקותו של האדמו"ר הזקן, רבי יחיאל זצוק"ל, נתנו החסידים את עינם בבנו בכורו, הרבי ירחמיאל ישראל יצחק, הנקרא גם ה„ישמח ישראל" על חבורו בשם זה, ורצו להכתירו למנהיג עליהם. אבל הוא, היות והיה עניו וצנוע כמו אביו הקדוש, לא הסכים. הוא סירב להיות לאדמו"ר כי לא ראה עצמו ראוי לאצטלה זו. אבל סירובו לא עמד לו, החסידים הכתירו אותו בעל־כרחו.

מחמת רוב ענוותנותו לא ראה עצמו, הרבי ירחמיאל ישראל יצחק, במדרגת אביו הגאון והקדוש שיהא זכאי לנהוג בעדת החסידים. אבל אלה האחרונים, החסידים, ראו את ההיפך — הם דוקא ראו בו את יורשו האמיתי של אביו במנהיגות, הם היו בטוחים כי הוא האיש הנכון לאצטלה זו. הלא הם ידעו כי הוא גאון עולם וקדוש וחכם שאין שני לו, רק מרוב ענוה הוא מפחית מערכו. הם ידעוהו גם כמנהיג — הלא הוא היה עוזרו הנאמן של הרבי יחיאל במנהיגות, וביחוד בשנים האחרונות לחיי אביו הקדוש הוא ניהל את כל האדמו"רות. והיו וידעו כל הדברים האלה כפו עליו המנהיגות הר כגיגית ממש. ולמרות שעצם הבחרו היה למורת־רוחו קבל עליו את הדין, היות, לפי דבריו, החסידים עושים את הרבי... ואולי גם משום שראה בזה גזירה מן השמים, שאין להתחמק ממנה. ובכל זאת אמר להם: יודע אני כי רק בזכותו של אבי הקדוש, רבי יחיאל זצוק"ל, אתם באים אלי, ולא בזכותי כי אני איני ראוי לכך.

נוסף לתכונות הנעלות והחיוביות, שהרבי ירחמיאל ישראל יצחק ירש מאבותיו הקדושים: ענוה, צניעות, יראת־שמים ופשטות־הליכות — חונן גם בפקחות וחכמה נפלאה ומוניטין יצאו לו כחכם בכל אתר ואתר. היה גם בעל־זכרון ובעל טביעת־עין לאין שיעור, ודי היה שיראה מישהו פעם אחת או את כתב־ידו ויכירו אחר שנים. מספרים שהיה זוכר את כל רבבות חסידיו

על שמותיהם ושמות נשיהם ובניהם. היה למדן גדול ובעל דקדוק ועוד בצעירותו ידע על־פה ש״ס, פוסקים ומדרשים ובקי היה בחכמת הנגלה והנסתר. ואמר עליו הגאון המפורסם ר׳ יוסי בר מבריסק כי הוא אחד מן הלומדים הראשונים בפולין.

בעל קומה בינונית היה ורזה־גוף. פניו החיוורות, בלא חתימת זקן, שחן וחסד היו נסוכים עליהן, היו מעוטרות שתי פאות ארוכות שירדו עד למדיו, וכל כולו אומר הוד וקדושה. היה חשוך בנים וכל האהבה האבהית שהיתה חבויה בנפשו האצילה פרצה כמעין נובע, עת נעשה אדמו״ר, והאציל ממנה לרבבות חסידיו ומעריציו, אשר את כל אחד מהם ראה כבנו. כשקבל עליו את האדמו״רות ידע כי הגיעה שעתו להגשים את תורת אבותיו הקדושים והגדולים בחסידות והיה תמיד משוה את דרכיו לדרכי התנהגותו של אביו הקדוש, וזה שימש לו קנה־מידה בעבודתו. בדבקות העמוקה שבתפלתו הלוהטת ובזמרו בקולו הערב את זמירות השבת, היו פניו בוערות כלפיד אש והיה נראה בעיני כול כמלאך ה׳, וכל השומע את קולו הנעים היה מתעורר בו הלב ליראת־שמים. והיו אומרים בזמנו: „די להיות באלכסנדר פעם אחת, שיראת־שמים תספיק לשנה שלמה״. את תורותיו ואמרותיו היה מחדיר עמוק ללב שומעיו, ודבריו הנבונים והמחוכמים היו משפיעים על הכול השפעה עצומה. מעולם לא היה שרוי בעצב, והגם שהיה חשוך־בנים והצטער על זה מאד, היה תמיד שמח והכל היה עושה בשמחה: מתפלל בשמחה; לומד בשמחה; מזמר בשמחה; ואף על חסידיו וכל אשר באו אתו במגע היה משפיע להיות שמחים, לעשות הכל בשמחה, כי „בשמחה״ הן האותיות של „מחשבה״. ועל־ידי תפלה ולמוד בשמחה באים לידי מחשבה טהורה. ואכן, באלכסנדר היו עובדים את ה׳ בשמחה:

——— אין אלעקסאנדער פאראן א מסורה איי איי איי,
אז נאַר דורך שמחה דינט מען דעם בורא איי איי איי,
מוז דאָרט יעדער
גרויס און קליין
טרינקן וויין,
פריילעך זיין,
ווייל דורך שמחה דינט מען גאָט אליין.

איי איי איי, איי איי איי,
אין אלעקסאנדער פירט מען זיך אזוי —
דאָרט דינט מען גאָט מיט שמחה און מיט פרייד,
ווייל די שמחה גיט דער תפלה א באדייט.*

באצילותו, אהבת הבריות שבו ופשטות הליכותיו כבש הרבי ירחמיאל ישראל יצחק לא רק את רבבות החסידים אלא גם את פשוטי העם שבאו אליו בהמונים. הם הרגישו עצמם בנוח במחיצתו, כי לא התרומם מעליהם, דיבר אליהם בשפתם הפשוטה, שנגעה ללבם והבינו אותו ואהבוהו. הם באו אליו לשאול בעצתו, לשמוע דברי־חכמה וטעם והיו מתענגים בראותם את דמות־דיוקנו הקדושה שהאצילה עליהם רוך וחסד. מעורה היה בחיי העם והיה דואג לשלומם ולמחסורם של העניים. מספרים שהיה מתלבש כאחד מפשוטי העם שלא יכירו אותו והיה מתהלך ביניהם, היה מתערב בין עניי העיירה, דיבר אתם על דאגותיהם ומחסורם כדי לדעת את מצבו של כל אחד ואחד. אחר־כך היה מעביר אליהם מזונות וסמי־רפואה. בעיקר דאג להם שלא יהיו חסרים דבר ביום השבת, שביום זה יהיו שווים לאלה שאין להם מחסור ושיוכלו לשמוח ביום שכולם מתענגים בו. והכל נעשה בלי רעש, בלי פרסומת, בלי שמישהו מן הנצרכים ידע אפילו מנין כל זה בא אליו, כדי שהמקבל לא ירגיש עצמו נעלב ומושפל בגלל עניותו. בזמן כהונתו הגיעה חסידות אלכסנדר לשיאה.

הוא נפטר בערב ראש־חודש שבט שנת תר״ע, ונטמן באלכסנדר. גם את קברו לא פארו, לפי בקשתו.

שמעתי מפי אבי ז״ל, כי בהלווייתו של בעל „ישמח ישראל" השתתפו הרבה רבבות אנשים מכל השכבות ושכל הדרך מלודז׳ עד לאלכסנדר, מרחק של 11 קילומטרים, היתה מלאה מלווים שליווהו בדרכו האחרונה.

אחרי הסתלקותו של הרבי ירחמיאל ישראל יצחק זצוק״ל, נחלקו החסידים בבחירת רבם. החלק הארי הכתיר למנהיג את אחיו, בנו השני של האדמו״ר הזקן, את הרבי שמואל צבי, הנקרא גם „תפארת שמואל", על חבורו בשם זה; חלק בחר בר׳ מנחם מנדל לנדא, וחלק נמשך אחרי רבי בצלאל יאיר, בנו השלישי של רבי יחיאל. אחר בחירתו של בעל „תפארת שמואל", העתיק הרבי

* באלכסנדר יש מסורת איי איי איי, / רק ע״י שמחה עובדים את הבורא איי איי איי, / חייב שם כל אחד / גדול וקט / לשתות / לרון / לשמוח / כי ע״י שמחה עובדים את ה„עליון". / איי איי איי, איי איי איי / באלכסנדר יש נוהג כזה — / שם, את הבורא עובדים בגילה / כי השמחה נותנת מובן לתפילה.

בצלאל יאיר את משכנו לעיר לודז׳. בגלל פשטות הליכותיו ועדינות נפשו משך אליו הרבה מפשוטי העם אשר חפשו מזור לנפשם הדוויה, כי הוא באצילותו ידע לנחמם במלה טובה בעת צרתם או לתת להם עצה טובה. חוץ מחסידיו הקבועים, אשר בחרו בו כרבם, באו אליו גם הרבה חסידים של בעל ,,תפארת שמואל" אשר נפשם דבקה בשני האחים הקדושים והלכו אל שניהם: פעם ל,,תפארת שמואל" ופעם לרבי בצלאל יאיר. לרבי בצלאל יאיר היו שני בנים — ר׳ אברהם יהודה, שנעשה אחר פטירת אביו לממלא מקומו, ור׳ יחיאל — וארבע בנות. בתו הבכירה נישאה לרבי מנדלע מוורקא והבת השניה נישאה להרב הגאון רבי יהודה משה שליט"א, האדמו"ר של חסידי אלכסנדר דהיום. ביום כ"ה באדר שנת תרצ"ד נפטר הרבי בצלאל יאיר בשיבה טובה ועל פי צוואתו נקבר בקבר אבות באלכסנדר.

האדמו"ר, הרבי שמואל צבי, התחיל לבצר ולחזק את ה,,חצר" שנתרופפה קמעא על־ידי הפילוג שנתחולל עם הסתלקותו של בעל ,,ישמח ישראל". החסידים שעזבו את אלכסנדר, דמו בנפשם, כי בגלל קפדנותו היתרה של בעל ,,תפארת שמואל" יחול שינוי בשיטה המקורית והמיוחדת של אהבת ישראל. ,,קפדנות באלכסנדר?" — שאלו. אבל אלה שחשבו כך טעו. גם בהנהגתו לא נגרע אף שמץ מאהבת ישראל באלכסנדר. עת הוא נעשה אדמו"ר נעלמה כל קפדנותו כאילו לא היתה קיימת אצלו מעולם. אדרבא, אהבה עזה פרצה מלבו ועטפה את קהל חסידיו. אז היו משתוממים על התמורה שחלה בו פתאום, והתחילו לחקור בדבר ובאו לכלל דעה, כי כל קפדנותו לא היתה אלא משום שחס על בריאותו של אחיו הקדוש רבי ירחמיאל ישראל יצחק. עם קפדנותו רצה, פשוט, להבריח את החסידים מאחיו אשר העסיקוהו יומם וליל ולהקל עליו את המעמסה. רק אחרי הבחרו כאדמו"ר ראו כולם בעין כי גם בו מושרשות כל המידות הטובות והאהבה הגדולה של אבותיו הקדושים לכלל ישראל. ואלפי חסידים באו להסתופף בצלו; אפילו הרבה מאלה שעזבוהו חזרו אליו, מי לצמיתות ומי לחצאין.

הוא הרחיב את ה,,חצר", בנה מול בית־המדרש הגדול בית חדש למשפחתו הענפה. היו לו שלושה בנים: ר׳ יצחק מנחם מנדל, ר׳ יעקב בונם ור׳ אברהם חיים; וכן ארבע בנות. בא בקשרי חיתון עם הרבה אדמו"רים בפולין ולכלולות בנותיו היו באים לאלכסנדר אלפי חסידים מכל קצות פולין והרבה אדמו"רים. כמו אצל האדמו"רים הקודמים, היה בית מדרשו תמיד שוקק המוני חסידים, ולשבת או למועד היו באים באלפים.

פרייז א האלבע זלאטע.

א זעהר שעהנע וואונדערליכע געשיכטע
פון הייליגען רבי
ר' העניך זצ"ל מאלכסנדר יע"א

ארויסגעטריבען

צוויי דבוקים

פון א מיידעל

מאת יצחק הצניך זאנענבערג.



די מוטער איז אריינגעגאנגען מיט דעם מעדעל צום הייליגען רבי זי"ע. דער רבי האט גוזר געווען אז די צוויי דבוקים זאלען ארויס פון מעדעל'ס צוויי פינגער. און די דבוקים זענען באלד ארויס.

בית-מסחר הספרים של יצחק מאיר קאהן
לאדז, אלעקסאנדריסקא 15
לאדז, תרפ"ו.
דרוקעריי „קולטורא", לאדז, ציגעל-גאס 10.

רושם כביר עשה באלכסנדר, בשנת תרפ״ב בקורו של האדמו״ר מגור, הרבי אברהם מרדכי, אצל בעל ה„תפארת שמואל״. הוא בא לשכך את הרוגז והמחלוקת שהיו שוררים מאז ומתמיד בין שתי השושלות, וכן לשדל את האדמו״ר המקומי שיצטרף עם חסידיו ל„אגודת ישראל״, אשר אז היו קוראים לה „שלומי אמוני ישראל״. אבל היות שהרבי שמואל צבי לא ראה בעין יפה את המפלגתיות בישראל בכלל, לא היה יכול להסכים להשתייך לפלג אחד של העם. במהותו היה על־מפלגתי והוא נשאר כזה כל חייו ואף הבנים אחריו. והגם שידע היטב כי סרובו ילבה עוד יותר את רגש המחלוקת לא ויתר ולא סר מהחלטתו הנחושה. בבחירות לסיים הפולני ולעיריות נתן לחסידיו יד חפשית — לא השפיע עליהם ולא הכריע לשום צד.

בעל „תפארת שמואל״ נפטר בשיבה טובה בערב ראש־חודש חשון שנת תרפ״ד ונטמן באלכסנדר בקבר אבות. אף את קברו לא פארו, לפי בקשתו, והעמידו עליו מצבת אבן פשוטה.

אחרי הסתלקותו של האדמו״ר הרבי שמואל צבי זצוק״ל, בחרו החסידים את בנו בכורו, הרבי יצחק מנחם מנדל, וכל חסידי אלכסנדר באלפיהם באו להסתופף בצלו. אף הוא, כקודמיו, ירש את כל התכונות הטובות ומידותיהם של אבותיו הקדושים וכדרכם נהג את העדה ביד רכה. הוא היה טוב־לב ואציל־רוח והיה משתתף בצרת הזולת. גם הוא לא שינה דבר מדרך חסידות אלכסנדר המקורית, ועת פנו אליו שיצטרף למפלגה לא שעה לפנייה, כי כמו אביו הקדוש גם הוא לא גרס התפלגות בעם ומנהיגי המפלגות לא יכלו להשפיע עליו שיתן להם את ידו אפילו רק בעת בחירות, כלומר שישפיע על חסידיו ומעריציו הרבים להצביע בשביל מפלגה זו או אחרת. דרכו היתה עצמית אפילו בנוגע לעליה לארץ־ישראל, הוא לא התנגד לה, ובהסכמתו עלה ארצה בשנת תרצ״ד חתנו של דודו, הרב הגאון רבי יהודה משה שליט״א, אדמו״רם של חסידי אלכסנדר דהיום.

הרבי יצחק מנחם מנדל הרחיב את ה„חצר״ ושינה אותה בתכלית בחיצוניותה. הוא בנה לו בית מידות לתפארת, בן שתי דיוטות, אשר עמד בתחומו של גן גדול. החיים ב„חצר״ היו תוססים בכל עת ובכל שעה. בית־המדרש הגדול היה מלא לומדים וחסידים תמיד, ובשבתות ובימי חג ומועד היתה השמחה שוררת שם לאין שיעור בין אלפי חסידיו.

היו לו שני בנים — ירחמיאל ישראל יוסף ופינחס — ושמונה בנות. הבן הצעיר, פינחס, מת עליו בדמי ימיו: רק בן שש־עשרה היה במותו. המקרה

הזה העציב מאד את הרבי ודכא את רוחו והרבה שנים היה מתהלך אבל על מות בנו. אך כל כמה שזה השפיע על האדמו״ר, לא גרע הדבר בכללו מהשמחה אשר ב„חצרו״. „אין אלעקסאנדער מוז מען פריילעך זיין״. הוא בא בקשרי חיתון עם האדמו״רים מסלונים, קומארנו, סוכאצ׳וב; ולכלולות בנותיו באו — כמו בשעת כלולות אחיותיו — אלפי חסידים והרבה אדמו״רים מכל קצות פולין.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה, עת כל תושבי אלכסנדר היהודיים גורשו מן העיר, הוגלו גם האדמו״ר רבי יצחק מנחם מנדל עם משפחתו ופמליתו. אחרי טלטולים רבים ומיגעים הגיעו לווארשה. חסידיו ונאמניו רצו שהרבי יעזוב את פולין וסדרו בשבילו את האפשרות הזאת. הם הלא ידעו כי הגרמנים ימ״ש גמרו אומר להשמיד בראש ובראשונה את המנהיגים הרוחניים של יהדות פולין. אז טרם ידועה היתה תכניתם השטנית להשמיד עם שלם. הרבי סרב לעזוב את העם בצרתו ולהציל רק את עורו הוא... האדמו״ר ראה עצמו אחראי לעם הסובל ונשאר עם אחיו המעונים כדי לעודדם ולחזקם ברוח. הוא לא הסכים לנצל את ההזדמנות שניתנה לו לעזוב את גיא ההריגה על אף הפצרותיהם ותחינותיהם של חסידיו. בעלום־שם הוא נכנס לעבוד לסדנה ויחד עם מאות פועלים עבד בסנדלרות. אבל הגרמנים הנתעבים והארורים מצאוהו והביאוהו למשרפות טרבלינקה. ה׳ ינקום דמו של הרבי הקדוש והטהור, יחד עם דמם של ששת מיליוני היהודים.

האוהל של אדמו״רי אלכסנדר לא היה מכוסה גג. למה?

הרבי יחיאל השאיר צוואה לא להקים אוהל על קברו. ואף על פי שבנו, הרבי „ישמח ישראל״, לא השאיר צוואה כזו, לא היה נעים להקים אוהל לבן, מה שלא עשו לאביו. בענין זה התקיימה ישיבת מועצת רבנים מוונגרוב, שרדז׳ וסטריקוב. ושם הוחלט להקים מבנה בלי גג, שייראה כמו גדר.

(הערה של י. פרבר)

מנשה אונגער

דער אלעקסאנדערער „הויף״

דער באַגרינדער פון דער אלעקסאנדערער חסידישער דינאַסטיע איז געווען דער רבי ר׳ יחיאל דאַנציגער, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרנ״ד (1894).

דער רב ר׳ יחיאל דאַנציגער איז געווען א זון פון הרב ר׳ שרגא פייוול פון גריצע, א תלמיד מובהק פון רבין ר׳ בונים פון פּשיסכע און פון אלטן וואַרקער רבין, ר׳ יצחק, און אין נגלה איז ער געווען א תלמיד פון באַרימטן גאון ר׳ יעקב פון ליסע, דער מחבר פון באַרימטן ספר „חוות דעת״.

ר׳ יחיאל דאַנציגער האָט נישט געוואָלט ווערן קיין רבי, אָבער אין יאָר תרל״ו (1876), נאָך דעם ווי דער ביאַלער רבי, ר׳ בעריש, איז נפטר געוואָרן, זיינען חסידים צו אים צוגעשטאַנען ער זאָל ווערן רבי. די רבנים־גאונים ר׳ יהושע׳לע קוטנער, און זיין איידעם, דער קאַלישער רב ר׳ חיים אליעזר וואַקס האָבן ארויסגעגעבן א פּסק־דין, אז ער קען נישט אָפּזאָגן דעם פאַר־לאַנג פון די חסידים און דאַרף ווערן רבי.

האָט דער אלעקסאנדערער רבי געבעטן זיין שוועסטער, זי זאָל גיין אויפן קבר פון זיין פאָטער און מתפלל זיין פאַר אים, ער זאָל זוכה זיין תשובה צו טאָן...

דער אלעקסאנדערער רבי האָט געגעבן א תנאי זיינע חסידים, זיי זאָלן אים נישט רופן „רבי״ און זיי זאָלן אים נישט געבן קיין קוויטלעך. אויך אויף זיין קבר, האָט ער אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, מען זאָל אים נישט שטעלן קיין אהל, און מען זאָל אויף דער מצבה נישט אָנשרייבן קיין טיטל „רבי״, „צדיק״ אָדער „חסיד״...

נאָך זיין פּטירה איז געוואָרן רבי זיין זון ר׳ ירחמיאל ישראל יצחק. ער איז אָנגערופן געוואָרן אויף דעם נאָמען פון זיין ספר: בעל „ישמח ישראל״.

זעכצן יאָר האָט דער בעל „ישמח ישראל״ געפירט די רביסטווע, און מען האָט אים געהאַלטן פאַר א גרויסן בעל־צדקה. דער סאָכאַטשעווער רבי האָט וועגן אים געזאָגט: „חסידים זאָגן, אז וואַרקע איז געווען דער ,עמוד גמילת חסדים׳. ביאַלע — דער ,עמוד התורה׳, און אלעקסאנדער — דער ,עמוד

העבודה׳, און איך זאָג, אז דער אלעקסאנדערער רבי האָט געהאט אלע דריי עמודים צוזאמען״.



הרב ר׳ יצחק מאיר זינגער ז״ל (יושב); מימינו אחיו חיים אליעזר ומשמאלו אברהמ׳לה, בן הרבי מקרימילוב.

דער רב ר׳ איטשע מאיר זינגער ז״ל (זיצט); זיין ברודער חיים אליעזר (רעכטס), און אברהמ׳לה, דעם קרימילאָווער רבי׳ס זון.

דער אלעקסאנדערער רבי האָט צעטיילט זיין גאנץ געלט אויף צדקה. אין ספר „ארזי הלבנון" פון הרב דוד ווייסבראָד (הלחמי), זיינען אָפּגעדרוקט בריוו פון אלעקסאנדערער רבין, וואָס גיבן א בילד, וואָס פאר א גרויסער בעל צדקה איז ער געווען.

דער ראדזינער רבי ר' יעקב האָט אויף אים געזאָגט, אז ער האָט געהאט די נשמה פון „אור החיים" און ווען דער גאון ר' יהושע'לע קוטנער איז געפאָרן מיט זיין אידעם, דער בעל „נפש חיה", קיין ארץ־ישראל, האָט דער אלעק־סאנדערער רבי מיט זיי מיטגעגעבן א גרויסע סומע געלט אויף אויפצושטעלן א ציון אויפן קבר פון „אור החיים".

חסידים דערציילן, אז נאָך דער פטירה פון אלעקסאנדערער רבין, ווען מען האָט שוין געהאלטן ביים אראָפּלאָזן דעם ארון אין קבר אריין, איז פלוצים געקומען צו גיין א פרעמדער ייד און האָט איבערגעגעבן א קליין זעקעלע מיט ארץ־ישראל ערד און געזאָגט: „איך האָב די ערד געבראכט פון הייליקן לאנד פון דעם ,אור החיים'ס קבר" — און ער איז באלד פארשוואונדן...

דער אלעקסאנדערער רבי ר' ירחמיאל ישראל יצחק דאנציגער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינדער און נאָך זיין פטירה (ערב ראש חודש שבט תר"ע — 1910), איז געוואָרן רבי זיין ברודער שמואל צבי, וועלכן מ'האָט גערופן — אויפן נאָמען פון זיין ספר, — דער בעל „תפארת שמואל". פערצן יאָר איז ער געווען רבי.

נאָך זיין פטירה איז געוואָרן רבי זיין זון ר' יצחק מנחם מענדל דאנציגער.

דער אלעקסאנדערער רבי ר' יצחק מנחם מענדל איז געבוירן געוואָרן אין יאָר תר"מ (1880). ער איז אלט געווען פערצן יאָר, ווען זיין זיידע, דער ערשטער אלעקסאנדערער רבי, איז נפטר געוואָרן. געלערנט האָט ער ביי זיין פעטער, דער בעל „ישמח ישראל", און נאָך זיין פטירה — ביים פאָטער, דער בעל „תפארת שמואל".

ער איז אלט געווען 44 יאָר, ווען ער איז געוואָרן רבי, און זיין דרך אין חסידות איז געווען: ענוות און אהבת ישראל. אכצן יאָר איז ער געווען רבי אין אלעקסאנדער.

ער האָט שטארק געהאלטן פון תפילה בציבור. ער האָט ארויסגעלאָזט א בריוו צו זיינע חסידים, זיי זאָלן שאפן „ישיבות", און אליין האָט ער געהאט א גרויסע „ישיבה" אין אלעקסאנדער און א צווייטע — אין לאָדזש.

עס פלעגן אויף א פשוטן שבת קומען הונדערטער חסידים קיין אלעק־סאנדער און אויף די „ימים נוראים" — טויזנטער.

דער רבי ר' יצחק מנחם מענדל האָט איינגעפירט, אז יעדער ייד זאָל יעדן טאָג געבן זעקס גראָשן צדקה. דאָס געלט איז יעדן חודש געשיקט געוואָרן צום רבין און דער רבי האָט עס צעטיילט צווישן פארשיידענע צדקה־אנשטאלטן.

פון זיין התנהגות: דער רבי איז תמיד געגאנגען מיט אן אראָפּגעבויגענעם קאָפּ, נאָר ביים דאווענען האָט ער געהאלטן דעם קאָפּ אין דער הויך.

כנ. ליפבון / „סדר" של נועלה

ב„סדר" אלכסנדר, כלומר ה„סדר" של רבי שמואל צבי זצ"ל מאלכסנדר, הכתוב מדבר.

וכך היתה דרכה של אלכסנדר: אברך אחרי חתונתו, כל עוד הוא אוכל לחם חוקו (קעסט, בלע"ז) אצל חמיו, — לחג הפסח יעלה ויבוא לאלכסנדר, ועל שולחן הרבי שם יסעד כל שמונת ימי החג.

ואמנם מאות אברכים צעירים, מלבד מספר הגון למדי של זקנים גלמודים מכל קצות פולין החסידית, התקבצו ובאו אל הרבי האלכסנדרי מדי שנה בשנה לעריכת ה„סדרים" ולחג.

אני כשלעצמי, חסיד אוסטרובצאי הייתי — מתלמידיו של הגאון והקדוש מאוסטרובצה, על ידו גם הוסמכתי להוראה. אבל חמי, חסיד אלכסנדרי „שרוף" היה. מן הדין, איפוא, היה, שבשנים הראשונות אחרי חתונתי, בשנות היותי סמוך אל שולחנו, שבאשר „יסע" — „אסע" גם אני. וכך עלה בזכותי לחוג את חג הפסח ולהימצא ב„סדריו" של האלכסנדרי, רבי שמואל צבי זצ"ל, שלוש פעמים, בשלוש שנות אָכלי „קעסט".

„עבודת החג" התחילה באלכסנדר ערב פסח עם צהרים. אותה שעה התכנס הרבי עם חסידיו, שנזדרזו והספיקו להגיע, אל המאפיה המיוחדת שלו, לאפית מצות־מצוה של ערב פסח.

אפיית „מצות ערב־פסח" — עבודת קודש מיוחדת במינה היתה. מי שלא ראה „עבודה" זו, לא ראה „עבודה" מימיו. אל שולחנות ארוכים מצופים פח מצוחצח־מבריק, עומדים היו החסידים, רחוצים־טבולים, מלובשים בגדי משי־אטלס של חג, ושטריימליהם על ראשיהם, ומעגילות של עץ, נקיות־מצוחצחות, בידיהם, והם מעגלים בזריזות את הבצק, המושט להם מדי פעם בפעם, למצות. הידים מעגלות, והפה, ועם הפה גם הלב, — שירה, הלל בצבור; פסוק אחרי פסוק, הרבי בראש והחסידים אחריו, בחגיגיות, בהתלהבות, ומתוך רוממות־רוח והשראת קדושה מיוחדת.

יותר מכולם ועל כולם „עבד" הרבי בכבודו ובעצמו. ידיו לא נחו אף רגע. הולך היה מאיש לאיש, לוקח מידיהם — בין מצה למצה, — את מעגילות העץ, ומגרדן בשבר זכוכית אשר בידו, כדי לנקותן ממשהו בצק שדבק בהן. גם אל השולחנות שם עיניו, שישארו נקיים וטהורים. ולא נחה דעתו עד שבדק מפעם לפעם גם את ידיהם של החסידים עצמם. חליפות שלח אותם לרחוץ את ידיהם ולנגבן היטב היטב טרם ישובו לעבודתם. מדי פעם בפעם נשמע היה קולו המרטט: לשם מצת־מצוה, וכל החסידים עונים אחריו בלחש וברטט גם הם: לשם מצת־מצוה.

שלש פעמים גומרים היינו את ההלל עד שנגמרה מלאכת האפיה. אז מיהרנו כל אחד לאכסניתו, לאכול ארוחה קלה, ארוחת ערב של פסח, זו היחידה שאכלנוה כל אחד באכסניה שלו. מכאן ואילך אוכלים היינו משולחן הרבי כל ימי החג.

עוד השמש בעצם תקפה, והאברכים אצו־רצו לבית־המדרש של הרבי לתפוס מקום על הספסלים, או על האצטבות, או על החלונות שמסביב לשולחן הארוך הערוך ל„סדר". מטפס היה לו כל אברך לאן שטיפס, שם קשר עצמו באבנטו אל עמוד, או זיז, או מוט, או סריג־חלון, הכל לפי המקום שהצליח לתפוס לעצמו, ושם עמד והחזיק עצמו עד שעה מאוחרת בלילה, עד אחרי גמר ה„סדר".

וזה הכלל בחג־הפסח באלכסנדר: מי שרכש לעצמו מקום בערב פסח והחזיק בו — שלו היה מקום זה ומובטח לו כל ימי החג.

ככה עמדנו, תלויים ועומדים, צפופים ודחוקים, כעשר שעות רצופות. ככה התפללנו תפלת מנחה לפנות ערב, ותפלת מעריב של יו"ט עם חשכה, אחרי התכנס החג.

לאט לאט נתישבו הזקנים מסביב לשולחן, כל אחד במקום שסומן לו. אחר, נכנסו ה„גבאים" של הרבי וסדרו וערכו את המנות — מצות, יין ושאר צרכי ה„סדר" — לפני היושבים; הביאו את קערת הכסף המפוארת בשביל הרבי, מסודרת וערוכה כראוי, טפסו ועלו על השולחן, אחרי שחלצו נעליהם ונשארו בפוזמקאותיהם על רגליהם בלבד, וחילקו לנו האברכים בקבוקי־יין, כוסות וכפות; בקבוק, כוס וכף לאיש.

בשעה שמונה בערב בערך, נכנס הרבי, ואתו כל בני ביתו הזכרים, ותפסו מקומותיהם על־יד השולחן. הרבי בראש השולחן, על ספה מהודרת וכרים שנים לצדו השמאלי, ובני־ביתו מסביב לו. לבנות־ביתו, הנשים, שגם הן נכנסו אותה שעה אתו, הוקדש מקום מיוחד, זאת הפעם בבית־המדרש גופא, שם הועמד שולחן ערוך, ווילון של בד לבן חוצץ בינו לבין שולחן הגברים.

את ההגדה כולה אמר הרבי לבדו בקול, ברטט ובהתלהבות יוצאת מן הכלל, ובנעימה האלכסנדראית המיוחדת, כשהוא עומד כל הזמן על רגליו. אחרי כל פרק ופרק שבהגדה אמר „תורה". מי שלא שמע „תורה" זו יוצאת מפי הרבי מאלכסנדר ב„סדר" ליל פסח, לא שמע „תורה" מימיו. בכי שובר לבבות מלווה היה את דברי פיו כל אותה שעה. וה„תורות" בעיקרן סובבות היו מסביב לעניני פרישות בחיי אישות, וטהרה וקדושה בדברים שבינו לבינה, ודאי משום שהפעם קהל של אברכים צעירים לפניו, שזה עתה התחילו בחיי־משפחה. וודאי גם משום שעצם המושג שחרור משיעבוד כולל בראש ובראשונה את היציאה לחירות מעולו של היצר הרע והשחרור מהשיעבוד לתאוות יצרי הלב...

והדברים, הגניחות והבכיות שיצאו מפי הרבי כל אותו לילה, עם אמירת ההגדה של פסח, חרשו חריש עמוק בלבותינו, האברכים, שעמדנו והקשבנו להם ביראה ופחד ובלב נשבר ונדכא, כשקול בכי חרישי ומדוכא נשמע פורץ מדי פעם בפעם פה ושם מפי העומדים.

אוכל הוגש לנו בידי הגבאים ששוב עלו על השולחן בפוזמקאותיהם. בלי אומר ובלי דברים חולק האוכל. ללא צורך לדרוש ולבקש. ולא קופח אף אחד במאומה. ומעולם לא נשפכה טפת מרק או יין על בגדינו; מעולם לא נפל מאומה מידינו. סדר וזריזות למופת. ממש כעבודת הכהנים בבית־עולמים.

הסעודה נמשכה עד שעה מאוחרת בלילה. גם „על השולחן", כלומר בשעת הסעודה, אמר הרבי „תורה", אך הפעם „מסוג רגיל", מעניינא דיומא. בינתיים נתמלא בית־המדרש יהודים, תושבי אלכסנדר, שהספיקו כבר לגמור את ה„סדר" שלהם, בביתם, ובאו לשמוע את המחצית השניה של ה„סדר" מפי הרבי.

גם החלק השני של ההגדה היה מתובל בדברי תורה בנוסח שנזכר לעיל. אנו, האברכים, לא נתעייפנו, וכל קושי לא הרגשנו בעמדנו ככה, תלויים־ועומדים, על הספסלים, ועל החלונות למעלה, ומי למעלה־למעלה, שעות רבות, כי לנו היה זה „סדר" במובנו החסידי־העילאי ממש, „סדר" של מעלה...

נתן פוזנר / שבת בעיירה

הצופר בבית המרחץ, על יד בית הכנסת הגדול ברחוב וארשאווסקה (יידישע גאס) משמיע את צפירתו הממושכת ומבשר שהשבת מתקרבת. שתי רשויות מצטלבות ומתחלפות אז וצונפות בשוליהן חולין וקדושה עם יפעתן המקרינה. השבת נכנסת אט לבין הרחובות והבתים והעיירה לובשת צורה חגיגית. היהודי הופך למלך — פורק מעליו כל דאגותיו וטרדותיו, המעיקות עליו כל ימות השבוע, בשל פרנסתו הכרוכה ביסורי עלבון צורב ובחיים בלתי תקינים וסבירים. עתה זקוף קומה הוא ועטרת שבת על ראשו. הוא שמח בחדוות „נשמה יתרה" שהאצילו עליו ממרומים.

לכל מקום חודרת השבת ומשביתה שם את העבודה. החשמלית הבאה מלודז' העירה מביאה את אחרוני היהודים החוזרים מעסקיהם. העיירה נקיה להפליא הגם שיום שוק היה ואכרי הסביבה באו למכור תנובתם לאוכלוסיה היהודית. כל הזבל שלאחר השוק נעלם כליל והעיירה טואטאה וטוהרה לכבוד השבת. יהודים שדבקות השראת השבת שורה עליהם, ממהרים עם ילדיהם הביתה מבית המרחץ ואגלי הזיעה והמים ניגרים משיער־ראשם על לחייהם. נערים ונערות אצים אל האופים עם סירי־החמין.

בן הרב דמתא, ר' פייבל, עם פמליתו, ובראשם א. מ. זינגר, יהודי דל־זקן ודל־בשר, כאילו נשמתו פורחת ממנו, סורקים את העיירה לבל יימצא איזה מסיג גבול השבת... במיוחד שומרים הם על הספרים (גלבים) העושים מלאכתם מאחורי דלתות מוגפות, ושופכים עליהם זעמם אם תופסים מי מהם בקלקלתו.

אורות מתחילים מנצנצים דרך החלונות. הנשים עומדות ליד פמוטות, מדליקות נרות שבת ומאהילות בידיהן הרכות את פניהן בברכן על הנרות בשיח חרישי ובדמעה. שלוה משתפכת מן הבתים על פני כל העיירה ומשפיעה אף על לא־יהודים.

עוד ניצב לפני עיני מעמד זה ודמותה הטהורה והמקרינה של אמי זכרונה לברכה, בפאה הנכרית שלה המסורקת יפה, ובעיניה דמעות. את ידיה, שזה אך הורידה מעל פניה אחרי הדלקת הנרות, שמה היא ברוך על ראשי בני הבית בברכה אותנו בתפילה חרישית וזכה.

היהודים הולכים ל„קבלת שבת", מי לבית הכנסת הגדול ומי לקלויז או לשטיבל. אנו הולכים לבית המדרש של הרבי מאלכסנדר. שם עומד אני ליד אבא המתפלל בהתרוממות ובדבקות עילאית, ומדי פעם זורק עין על פניו הנוהרים. הוא נראה אז בעיני אחר לגמרי בקאפוטת המשי שלו, חגור אבנט משי שזור, ובכובע הקטיפה של שבת, אומר הוא הוד והדר.

בחזרנו הביתה מבית המדרש, כבר שוררת שבת בכל. מחלונות הבתים בוקעים אורות וזמירות ועל פני כל העיירה נסוך הוד של קדושה. על סף הבית, בפתחו את הדלת ולאחרי אמירת „גוט שאבעס", מתחיל אבא ב„שלום עליכם מלאכי השלום" ואחרי זה, בניגון ערב, ממשיך ב„אשת חיל מי ימצא". תוך כך זורק הוא מבטים על השולחן הערוך ועל אמא שטרחה לפארו כל כך, וכולו אומר שבח והודיה לאל בורא הכל על שנתן יום קדוש זה לנחלה ליהודים. אנו מסובים מסביב לשולחן, מחושקים בטבעת של חיבה, ואבא מברך על היין ומקדש את השבת. את הסעודה החגיגית מתחילים בזמירות, והשמחה והקדושה אינן פוסקות עד למחרת, אחרי ה„הבדלה".

במשך דורות היתה זאת השבת, שנסכה ביהודים בגולה חיות וכוח לעמוד בצרות ויסורי הזמן שבאו להם מסביבתם ונטעה בהם אמונה בגאולה העתידה לבוא, אשר תשחררם מעול גלות ותביאם אל ארץ הבחירה.

שלמה ברוכוני / זכרונות מימי ילדותי

מלמדים ו„חסידים" באלכסנדר

המלמדים רובם ככולם היו נקראים על שמות הערים מהן יצאו. ה„חדר" הדרדקי היה בשותפותם של שני מלמדים: „דער פאָדעמביצער" ו„דער סטרי־קאָווער". ב„חדר" זה למדו הרבה ילדים והמו כל היום ככוורת של דבורים. שם למדו החל מקריאת האותיות והנקודות וגמור ב„סידור", כלומר — קריאה שוטפת של התפילות.

מה,,חדר" הנ"ל עברו הילדים ל,,חדרים" של חומש־רש"י וגמרא, בהם הלעיטו את הלומדים הקטנים ב,,הוויות דאבא ורבא". פתיחת הלימודים היתה במסכת בבא מציעא בפרק ,,שנים אוחזין בטלית".

ה,,חדר" של יהושע שעדליצער היה איזון בין לימוד חומש־רש"י ונ"ך ובין לימוד גמרא. בנביאים וכתובים היו לומדים בעיקר את ספר ישעיהו ואת ספרי תהלים ומשלי וכן חמש המגילות. לר' יהושע שעדליצער היה חוש פדגוגי רב והיה משתדל להמחיש לתלמידיו את תורתו. כשהיה מלמד בפרשת נח ,,ויהי המבול ארבעים יום על הארץ וירבו המים וישאו את התיבה ותרם מעל הארץ", היה לוקח קערה גדולה ומכניס בה את קופסת הטבק שלו ויוצק מים לתוכה עד שקופסת הטבק, היא ה,,תיבה", התרוממה וצפה כמו תיבת נח. ובפרשת תצוה בפסוקים ,,ועשית בגדי־קדש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת", ו,,אלה הבגדים אשר יעשו חשן ואפוד" וגומר, היו מונחים לפני התלמידים חושן ואפוד עשויים בטוב טעם מניירות צבעוניים מעשה ידיו להתפאר של ר' יהושע שעדליצער ועל פי הדגמים האלה הסביר לתלמידיו את מעשה ,,בגדי הקודש" והלומדים הקטנים התלבשו בזה אחר זה בבגדי הכהן הגדול. מובן מאליו שבלימוד חומש־רש"י שם לב במיוחד למקומות שיש בהם ,,אויסרעדעניש" וביחוד בפרשת ויחי בפסוק ,,ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל בארץ כנען בדרך" וכו' עם ,,ושבו בנים לגבולם". בשבתות הקיץ היו לומדים אחרי הצהריים ב,,חדרים" של אברהם ווענגראוועג, משה פשיסחער, משה פנחס נאבוזנא ומאיר זגערזער. אצלם למדו גפ"ת (גמרא עם פירוש רש"י ו,,תוספות"), ,,שולחן ערוך", ו,,אורח חיים". ר' מאיר זגערזער היה מלמדם של נערים גדולים.

,,ישיבות" באלכסנדר

לפני מלחמת העולם הראשונה נוסדה ,,ישיבה" באלכסנדר, אבל מסיבות שונות לא החזיקה מעמד זמן רב. במקומה נוסדה על־ידי בעל ,,תפארת שמואל" זצ"ל, ,,ישיבת בית ישראל", על שם אחיו האדמו"ר ,,ישמח ישראל" זצ"ל, ללומדי גפ"ת ומפרשים ראשונים ואחרונים. ראש הישיבה, משה־שמעון סקער־ניוויצער, למדן היה וחריף. ב,,ישיבה" היה נהוג לשלוח את התלמידים בשבתות להיבחן אצל רבנים וגדולי תורה, שהיו באים להרבי ,,תפארת שמואל" בשבתות וחגים. לכל תלמיד היה פנקס מה,,ישיבה" שבו היה הבוחן רושם את הערותיו וחוות דעתו על התלמיד ועל סדרי הלמוד ב,,ישיבה", והתלמידים היו חוזרים

אצל הרב הבוחן על ה„חילוק" והפלפול ששינן ראש ה„ישיבה" ויש שרבנים גדולי תורה היו מעירים או משיגים על דעת ר' משה שמעון וכשתלמידיו היו מוסרים לו על כך, היה מגיב בסערה ובדברים כדרבנות.

את תלמידיו היה ר' שמעון אוהב אהבת אב ויחסו אליהם היה רך ורחום. כשהגענו ב„תוספות" ל„מקשין העולם", היה פונה אלינו בזה הלשון: „די וועלט פרעגט א קושיה". מי הוא העולם המקשה? — יצאתי לרחוב וראיתי קבוצת חנוונים עומדים על פתחי החנויות. שאלתי: מה אתם מקשים? ענו לי: אנחנו לא מקשים. אנו עומדים סתם ומשוחחים. פניתי לבעלי הדוכנים בשוק: מה קשה לכם, שאלתי. — גם להם אין קושיה כלל. פניתי לעוד קבוצות אנשים, וגם הם ענו לי שלא שלהם היא הקושיה שבעלי התוספות אומרים „מקשין העולם". דעו לכם, תלמידי היקרים, שכאן בבית המדרש, כאן ב„ישיבה", הוא העולם ולא ברחוב ובשוק.

האדמו"ר ר' יחיאל דנציגר

אחרי פטירת ר' ישראל יצחק מוורקא, באחרון של פסח שנת תר"ח, עברה ההנהלה לידי אביו של ר' יחיאל, ר' שרגא פייבל דנציגר, אב"ד העיר גריצה, תלמידו המובהק של הרב הזקן ר' ישראל יצחק. ר' שרגא פייבל כיהן באדמו"רות זמן קצר במאקוב ונפטר בשמיני עצרת שנת תר"ט. חסידות וורקא הסתעפה ועברה לבניו ולתלמידיו של הרבי הזקן ר' יצחק, ואחרי פטירתו של ר' בריש לנדאו מביאלה, בשנת תרל"ו, עברה ההנהגה לר' יחיאל שהתישב באלכסנדר. הוא נפטר בי"ד בשבט שנת תרנ"ד.

האדמו"ר ר' ירחמיאל ישראל יצחק

בנו של רבי יחיאל מילא את מקומו על כס האדמו"רות ורבבות חסידים סרו למשמעתו וכל מוצא פיו היה קדוש להם. גם סתם בעלי בתים מהעיר וסביבתה, שלא היו חסידים מובהקים, היו באים לאלכסנדר לשאול בעצתו ולקבל ברכתו.

האדמו"ר ר' ירחמיאל ישראל יצחק, הידוע בשם „ישמח ישראל" על שם חיבורו על התורה, היה מפורסם כלמדן גדול וכבקי בהוויות העולם. הוא שימש גם בתור רב העיר. אימרותיו היו עושות להן כנפיים בכל רחבי פולין התורנית

והחסידות. פעם אחת הלך לבדוק את המאפיות כדי להכשירן לאפיית מצות לחג הפסח. במאפיה אחת התווכח אתו האופה וטען שהתנור כבר הוסק כמה פעמים להכשרתו לאפיית המצות ואין צורך יותר בהמשך פעולת ההסקה. ואילו ה„ישמח ישראל" דרש להמשיך בהכשרת התנור. הטענות והמענות נמשכו — הרבי בשלו והאופה בשלו. אשתו של האופה, פריידה היה שמה, עמדה מן הצד ולא התערבה בוויכוח. עד שפנה אליה בעלה האופה, בהצביעו על הרבי: „איך האָב שוין נישט צו אים קיין כוח, פריידה, טענה דו" (אין לי כבר כוח אליו, פריידה, טעני את). כסיום לוויכוח בלתי נשלם וכרמז מבדח לוויכוח שבין האופה לבין הרבי, השתמשו חסידי אלכסנדר, לפעמים, בוויכוח עם בעל דין קשה, ביטוי: „פריידה, טעני את".

ה„ישמח ישראל" נפטר בערב ראש חודש שבט, שנת תר"ע, ועל כס האדמו"רות עלה אחיו, ר' שמואל צבי, בעל ה„תפארת שמואל". על כס הרבנות עלה חתנו, מורי ורבי הרב יצחק מאיר זינגר, בנו של ראש בית-הדין בקאליש, ר' אליהו זינגר ז"ל.

האדמו"ר שמואל צבי המשיך עבודתו בקודש כמו קודמיו, אביו ר' יחיאל ואחיו ה„ישמח ישראל", בנוסח וורקא-אלכסנדר: אהבת ישראל ואהבת התורה. הוא הראה חיבה יתירה לצעירים ולאברכים שבקהל חסידיו. הוא היה נוהג להפתיע את הלומדים הצעירים בבית המדרש בערב. בלילות החורף הארוכים היה בא לביקור פתע, לראות אם הם לומדים או משוחחים בחסידות. וכשתפס אותם בשיחה על חסידות (שמועסן חסידות), היה מוכיח אותם על ביטול תורה. אביי ורבא, רב ושמואל ודומיהם, היה אומר, היו רביים ואדמו"רים גדולים עוד לפני שקמה החסידות, ואין צריכים להפסיק משנתם ול„שוחח חסידות"...

הרבי שמואל צבי נפטר בערב ראש חודש חשון שנת תרפ"ד, ועל כס האדמו"רות באלכסנדר עלה בנו הבכור ר' יצחק מנדל הי"ד. הוא נספה על ידי הצוררים הנאצים בשנת תש"ג בווארשה. יום הזכרון לו נקבע ליום כ"ג באלול.

הבן השלישי של ר' יחיאל, הוא רבי בצלאל יאיר, השתקע בלודז', קיבל עליו עול האדמו"רות וניהל עדת חסידיו אף הוא לפי מסורת וורקא-אלכסנדר.

לדרישת חסידי אלכסנדר בארצנו הוטלה משרת האדמו"רות, כהמשך לשושלת אלכסנדר, על חתנו של רבי בצלאל יאיר זצ"ל — הרב יהודה משה טרייברג-דנציגר. בהשתדלות חסידיו עבר האדמו"ר מירושלים לבני ברק ושם ממשיך הוא את שושלתא דדהבא לחסידות אלכסנדר.

אזכרה אלכסנדר ואהמיה

מי יתנה את הזוהר והתפארת ב,,חצר״ אדמו״רי אלכסנדר בשבתות ובחגים, במעמד מאות ואלפי חסידים, ובהם גדולי הרבנים מכל קצות פולין. אזכור את התפילה מלאת הדבקות וההתלהבות, המהדהדת עד היום באוזני, תפילת ,,פסוקי דזמרא״, כשהיא יוצאת מפיהם של ה,,ישמח ישראל״ ושל ה,,תפארת שמואל״, זכר צדיקים לברכה, בשפה ברורה ונעימה המגיעה לשיאה בהתלהבות מתלקחת בתפילת ,,נשמת״, כשהרבי מדגים כל מלה באומרו: ,,ואלו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גלש ושפתותינו שבח כמרחבי רקיע״ וכו עד ,,אין אנחנו מספיקים״. ושוב הקול הולך ומתגבר. ,,מלפנים ממצרים גאלתנו ה׳ אלהינו ומבית עבדים פדיתנו״ וגומר עד ,,שמך מלכנו תמיד״ ושוב הקול הולך וחזק: ,,כי כל פה לך תודה וכל לשון לך תשבע וכל עין לך תצפה וכל ברך ועני ואביון מגוזלי שועת עניים אתה תשמע צעקת הדל תקשיב ותושיע״. עם סיום תפילת ,,נשמת״ הורגשה התפרקות־מה מהמתח ולפני התיבה היה עובר הבעל־שחרית והתפילה עברה לפסים עליזים ושמחים בשירה וזימרה.

חגים ומועדים ב,,חצר״ הרבי מאלכסנדר

לחגים היו חסידים רבים באים מקרוב ומרחוק. אפילו בפסח, כשברוב ,,חצרות״ האדמו״רים בפולין היה נהוג לדרוש מהחסידים שיישבו בבית, היו באים כמה מאות חסידים, בעיקר אברכים שהיו סמוכים על שולחן חותנם, וכן מזקני החסידים שהיו גלמודים. כל אלה היו סמוכים על שולחן הרבי כל ימי הפסח. הסדר היה נערך ברוב פאר בבית המדרש — שולחן מיוחד היה בשביל נשי ה,,חצר״ ומחיצה מפרידה בין הגברים לנשים. אחרי כל קטע בהגדה אמר הרבי ,,תורה״. בימי ה,,ישמח ישראל״, כשאני וחברי היינו קטנים, היינו באים עם הורינו אחרי ה,,סדר״ בבית ל,,סדר״ של הרבי. אני ויחיאל משה ובר ואחרים היינו נדחקים תחת השולחן לרגלי הרבי כדי להקשיב לאמירת ה,,תורה״.

בחג השבועות, לפני קריאת התורה, היה ר׳ שבתי — מזקני וחשובי חסידי אלכסנדר — אומר ,,אקדמות״ בהתלהבות ובקול צלול וחגיגי להפליא. וכשהחל ר׳ מאיר זגערזשער, בעל הקריאה המצוין, לקרוא ,,בחדש השלישי לצאת בני ישראל מארץ מצרים ביום הזה באו מדבר סיני״ — ניתן היה להרגיש כאילו היית מיוצאי מצרים ומבאי מדבר סיני והיית במעמד רם ונישא זה, הוא מעמד מתן תורה.

לראש השנה וליום הכיפורים היו באים לאלכסנדר אלפי חסידים. בית המדרש היה מלא מפה אל פה והרבה התפללו בעליה של בית המדרש. ארובה גדולה, מיוחדת, מעל לבימה, שהיתה עשויה לכך, היתה נפתחת ב„ימים הנוראים" ושימשה קשר בין מתפללי מעלה לבין מתפללי מטה. כמו כן התפלל קהל רב בחצר היפה של בית המדרש, שחלונותיו היו פתוחים.



בית האדמו״ר רבי יצחק מנחם־מנדל דנציגר (כעת גימנסיה עירונית)
רבי יצחק מנחם־מענדל דאנציגערס הויז (היינט א שטאָטישע גימנאזיע)

בימי ה„ישמח ישראל" היה עובר לפני התיבה במוספים ר׳ יעקב פרגר, בעל תפילה חסידי ששמו הלך לפניו בכל רחבי פולין. בימי ה„תפארת שמואל" היה הבעל־מוסף מזקני חסידיו באלכסנדר, ר׳ ישראלצי.

לסליחות הראשונות במוצאי „יום מנוחה" היה עובר לפני התיבה אחד מגדולי הרבנים שבפולין, שהיתה לו „חזקה" על כך.

בתפילת הגשם, בשמיני עצרת, היה עובר לפני התיבה אחד מזקני חסידי אלכסנדר, ר׳ שמואל קיניזוער. כן היה ר׳ שמואל בא להרבי לפורים והיה בעל הקריאה של המגילה ובסעודת פורים היה הוא המבדח את הרבי והחסידים בשירים באידיש מעורבת בפולנית על מרדכי ואסתר ולהבדיל — על המן ויתר גבורי המגילה.

כמו כן היו באים חסידים ללילות חנוכה לחזות בהדלקת הנרות על ידי הרבי ולשמוע „תורה" מפיו; ומנעימי זמירות היו שרים מזמור שיר חנוכת הבית לדוד, ועוד.

גם בראש חודש היו באים חסידים לרבי לסעודת ראש חודש.

באלפיהם היו באים חסידים לאלכסנדר בימי ההילולה של רבי יחיאל, בי"ד בשבט, ובערב ראש חודש שבט — יום פטירתו של ה„ישמח ישראל". עסקני חברות הצדקה והחסד שבאלכסנדר היו מתגייסים בימים אלה למלא קופותיהם לטובת הנצרכים לקראת חג הפסח הממשמש ובא. פרחי בחורי בית המדרש היו גובים תרומות ל„תיקון ספרים".

עוד לפני שנוסדה „ישיבת בית ישראל", ועל ידה פנימיה, היו נוהרים לאלכסנדר מערים ועיירות בחורים רבים לקיים „הווה גולה למקום תורה" כאימרת רבי נפחא ב„אבות" פרק ד' משנה י"ד. יהודי אלכסנדר גידלו את בניהם לתורה ואת בנותיהם היו משיאים לתלמידי חכמים שהיו סמוכים אל שולחן חותנם תקופה מסוימת ועסקו בתורה, „ללמוד וללמד", ונתנו שיעורים בתורה לבחורים צעירים, שאנשי אלכסנדר היו מכלכלים אותם מי יום בשבוע ומי יומיים־שלושה, וגם היו נותנים להם סכום כסף מסוים שיוכלו לשלם שכר דירה ולשאר צרכים.

ישראל פארבער / ברעקלעך זכרונות

חברה קדישא

די פירער פון דער חברה קדישא בעפויר די ערשטע וועלט־מלחמה איז געווען פישל גריימאן. ער איז געווען דער נייער פון די תכריכים. מיט אים האָבן געארבעט: מרדכי'לע גריימאן, דער געלער משה'לע (יאקובאָוויטש), דער בלינדער משה'לה, שמערל וועבער, קאָפּעל האנדעלסמאן, דוד קאטאַליק, מיין טאטע מענדל משמש, וואָלף און משה בלאכארזש, מאנעלע וויינבערג, יחיאל בלאכארזש. גבאים זיינען געווען שמואל פיעטריקאָווער און קאָפּעל האנ־דעלסמאן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען די חברה קדישא מאַטיס פשעדבאָרסקי, מיינע ברידער יחיאל און חיים יאָסל, יחיאל משה וועבער, יחיאל

בזשאָזע, מענדל קעלנער, דער געלער לאזער, שמואלס, משה הערש האנדעלס־מאן, אביגדור האנדעלסמאן, אברהם אייזעלע, הערשל שמואלס און נאָך אנדערע. לעצטנס איז געווען דער גבאי מאָטיס פּשעדבארסקי.

עס איז ווערט צו באשרייבן, ווי די חברה קדישא פון אלעקסאנדער האָבן אין יאָר 1932 ארויסגעגנבעט א מת פון לוטאמירסק און געפירט נאָך אלעק־סאנדער. ביי לוטאמירסק איז געווען א דאָרף קאזשימיערזש. אין דעם דאָרף זיינען געווען לעטניקעס פון לאָדזש און פון אלעקסאנדער. איז אין 1932 אין דאָרף געשטאָרבן נחמן ביערקיס אייִדעם; די חברה קדישא אין לוטאמירסק האָבן פארלאנגט טויזנט זלאָטעס, ווען זיי ארויסגעבן דעם מת; איז געבליבן, מען זאָל גיין אין שענק אריין אונטערהאנדלען ביי א גלעזעלע ביר. אינדערצייט ווען מען האָט מיט זיי אונטערגעהאנדלט, האָט מיין ברודער חיים יאָסל געכאפּט דעם מת, ארויפגעלייגט אויף א פור מיט גוטע פערד, און אנטלאָפן מיטן מת נאָך אלעקסאנדער. און די לוטאמירסקער זיינען געבליבן ביי גאָרנישט.

די ערשטע וועלט-מלחמה

פון פיר ביז זעקס וואָכן איז אלעקסאנדער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען איזאָלירט פון דער וועלט. די שלאכטן זיינען געווען צווישן לאָדזש און אלעקסאנדער. די דייטשן זיינען געווען אין אלעקסאנדער און די רוסן אין לאָדזש. דער רבי מיט דער גאנצער משפּחה זיינען אנטלאָפן און געוווינט אין לאָדזש. אלעקסאנדער איז געוואָרן באָמבארדירט און עס זיינען געפאלן פון די באָמבעס, ווי איך געדענק, דער שטומער משה ישראל קארזעלס זון, העניך מלאך׳ס ברודער (שערפּינסקא), עקיבאלע שמש מיט דער פרוי, יאָמעלע פליטמאנס (פריזיער) טאָכטער מיט א קינד, און נאָך מענטשן וועלכע איך געדענק נישט. אלעקסאנדער איז געוואָרן פאראָרעמט, דער דייטש האָט צוגענומען אלע סחורות „אין בעשלאגנאם”. דער פלעק־טפוס האָט געפּא־גערט אין יעדן הויז. נאָר די קינדער זעקלעך פון 1 ביז 7 זיינען נישט געווען „אין בעשלאָג”, אָבער עס איז נישט געווען קיין רוי־מאָטעריאל צו ארבעטן: אנשטאט צו דרייען זאָקן אויף די האנט־מאשינדלעך האָט מען געדרייט קאָרן אויף האָנט־מילעכלעך, געמאכט ראזשוקע־מעל.

אויף יעדן בוידים, אין יעדן קעלער, האָט מען געדרייט ראזשוקע. ברויט איז געוואָרן אריינגעשמוגלט נאָך לאָדזש. דער דייטש פּרויעגרייך האָט זי־

געיאָגט נאָך די ראזוווקע־דרייערס; ער האָט געמאכט רעוויזיעס אין אלע שטובן. די בעקערס האָט ער געיאָגט, עס איז נישט געווען וואָס צו עסן. א סך זיינען אויך געוואָרן שמוגלערס פון מעל; געגאנגען צופוס נאָך פּאָדעמביץ, איניעווע, דאמביע. זעקס טעג געגאנגען צופוס הין און צוריק מיט א שווערן פּאק אויף די פּלייצעס. ווען גאָט האָט שוין געהאָלפן, און מען איז שוין מיטן פּאק אָנגעקומען הינטער אלעקסאנדער, זיינען די זשאנדארן ארויסגעקומען פון א באהעלטעניש, קאָנפיסקירט דעם פּאק מעל און דעם שמוגלער ארעסטירט. האלב אלעקסאנדער האָט זיך פארנומען מיט דער שווערער פרנסה.

איך געדענק אברהם אייזעלע; מען האָט אים גערופן אייזעלע, ווייל ער האָט געשלעפּט ביז צוויי הונדערט פונט אויף זיינע פּלייצעס. 1916 האָבן אלעקסאנדערער יידן זיך גענומען צו א פרישער נייער פרנסה: מען האָט אָנגעהויבן אויסארבעטן אזא ביליק סאָרט צייג פון פּאפּירענע וויגאניע; וויגאניע איז נישט געווען „אין בעשלאג״. די וועבערס זיינען געווען די דייטשן; די אָפּנעמערס פון צייג — יידן. פון צייג האָט מען אויסגעארבעט הויזן. דאָס איז געווען אזא סחורה בלויז צום האנדלען, נישט צום טראָגן. פאר דער סחורה זיינען געווען די אָפּנעמערס לאָדזשער סוחרים. דער פּרייז איז יעדן טאָג געשטיגן העכער און העכער. און אלעקסאנדער האָט געארבעט אויף דער גאנצע פּארע, אלעקסאנדערער יידן האָבן ווייטער אָנגעהויבן פאר־דינען אויף ברויט. עס האָבן זיך געעפנט צענדליקער פּרעסערייען צו פּרעסן די צייג, זי זאָל קריגן א גלאנץ. ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, זיינען אלע געבליבן ביי די פּעקלעך הויזן מיט צאגער (ערגסטע, געמיינסטע סחורה). עס איז גאָרנישט ווערט געווען.

אינדוסטרי־אונטערנעמונגען

פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען אין אלעקסאנדער געווען צוויי יידישע פּארבערייען, פון קאָפּעל האנדעלסמאן און מענדל גאָדלבערג, און איין דייטשע פון שטעקעל, דער לאָמער. בעפויר דער צווייטער וועלט־מלחמה זיינען אין אלעקסאנדער שוין געווען ביז 10 פארבערייען ווי אויך א 10 שאכטל־פאבריקן. פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען געווען נאָר צוויי שאכטל־פאבריקן (ליפּמאן ווונטש און פוקס). די אפפאל־הענדלערס, וואָס האָבן אָפּגענומען ס׳אָפּ־פאל פון די פאבריקן, האָבן זיך פאראייניקט אין איין שאָפּ. זיי זיינען בא־

שטאנען פון 7־8 מענטשן, פון וועלכע איך געדענק: מיין ברודער יחיאל פארבער, מיין ברודער חיים יאָסל, לאָזער יאָזיפּאָווסקי, אברהם אייזעלע, און נאָך פיר, וועלכע איך געדענק נישט.

עס איז אויך געווען א יידישע באנק. דער גרינדער פון דער באנק איז געווען אברהמעלע ראבינאָוויטש, דעם אלטן רבינס איידים, א זון פון קרימא־לאוור רבין. פאר דער ערשער וועלט־מלחמה איז אויך געווען א יידישע ליי און שפּאר־קאסע. דער אָנהייבער פון די ליי־קאסע איז געווען דער געוועזענער גביר אהרן אלבעק. דער באנק איז געווען ביי יאָמעלע פריזיער. די לעצטע באנק איז געווען ביי יצחק לעווין.

שוחטים זיינען געווען, לויט דאָס וואָס איך געדענק, זלמן משה שוחט (שמחה שוחטס פאָטער), שפּעטער ר׳ שמחה שוחט און עזריאל חזן שוחט. לעצטנס — יחיאל שמחה, און ברוך בער שוחט. עזריאל שוחט איז אויך געווען מוהל. די צוהאלטערס אין שול, די משוררים, וועלכע האָבן צוגעהאלטן עזריאל חזן, — געדענק איך, — זיינען געווען אברהם יצחק שלאָסער, בן־ציון און שמואל־חיים גרינשפּאן, דאָדיק, יחיאל שמאָליס, לייזער אָפּאטאָווסקי און יחיאל קוטשינסקי.

ביז דעם ערשטן קריג איז דער רבי יעדעס יאָר געפאָרן זומער אויף צוויי חדשים אין די בעדער. די אלעקסאנדערער בעלי־אכסניהס האָבן די צוויי מאָנאטן געהאט אביסל מנוחה. זיי האָבן זיך זייער געזאָרגט, דאָס זיי קענען קיינמאָל נישט זינגען די זמירות „מנוחה ושמחה״; ווען זיי האָבן מנוחה, האָבן זיי נישט קיין שמחה, ווייל עס קומען נישט קיין חסידים; האָבן זיי שמחה — האָבן זיי נישט קיין מנוחה.

ר ב נ י ם

מורה הוראה אין אלעקסאנדער — פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז געווען ר׳ אידל מורה הוראה, מיט זעקס רובל א וואָך געהאלט. אויף דער הייוון־פארקויף צו די חלות אויף שבת האָט צו אים געהערט. ווען ר׳ אידל איז נפטר געוואָרן, האָט זיך געמאכט א גרויסע מלחמה צווישן די גערער און די אלעקסאנדערער חסידים. דער אלעקסאנדערער „הויף״ האָט נאָר געוואָלט פאר מורה הוראה — חיים אליעזר זינגער. ער איז אויך געווען אן איידים פון רב

און אן אייניקל פון רבין. די גערער האָבן גערואָלט ר' מאיר אברהם פאר א מורה הוראה. ער איז אפילו געוואָרן אן אלעקסאנדערער חסיד, געדאווענט אין רבינס בית המדרש. א ייד אָנגעזאפט מיט תורה, וועלכער האָט געהאט א שארפן קאָפּ. ער איז געווען אין דער צייט פאררעכנט פאר איינעם פון די וועלט לומדים, ווי די גערער האָבן געזאָגט: ר' מאיר אברהם איז שפעטער געוואָרן א גערער חסיד און אריבערגעפאָרן נאָך גער; און די אלעקסאנדערער האָבן פארלורן צוויי זאכן: א חסיד און א מ"ה.

נאָכן טויט פון רב מאיר אברהם האָט מען שוין אויפגענומען צוויי מ"ה: שלמה נח, — אן אלעקסאנדערער חסיד; און דעם צווייטן העניך שערפינסקא (מלאך) — א גערער חסיד.ביידע אָנגעזאפט מיט תורה.

אלעקסאנדער האָט אויך געהאט א רב, אן אָמטלעכן, א קאזיאָנע רב, ר' יאָסעלע פיינער. ער האָט געוווינט אין לאָדזש, אָבער געווען קאזיאָנער רב איבער אלעקסאנדער. ווי איך געדענק, איז ער געווען 40 יאָר רב.

די אנדערע אלעקסאנדערער רבנים האָבן נישט געקענט רעדן נישט רוסיש נישט פויליש נישט דייטש און רב יאָסעלע האָט באהערשט עטלעכע שפראכן. ער איז אויך געווען פעלד־ראבינער. ער איז געווען דיין אין לאָדזש, אויך אן אלעקסאנדער חסיד. ער האָט געהאט פון דער פוילישער רעגירונג דעם טיטל פולקאָווניק.

דער קברן

דער טויטן־גרעבער איז געווען — פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה — דער אלטער בלינדער אברהם פייוול. ער איז געשטאָרבן — זאָגט מען — צו הונדערט יאָר; נאָך אים איז געווען קברן משה ישראל ליטאמירסקי. זיין צווייטער פאָך איז געווען צו טראָגן מעל פון דער מעל־הורטאָווניע צו די בעקערס. ער איז געווען אזוי שטארק, אז ער האָט געטראָגן מיט איין מאָל צוויי זעק מעל אויף די פלייצעס. געוווינט האָבן די קברנים אין א שטיבל, וואָס איז געווען צוגע־מויערט צום בית החיים, געוויינלעך זייער אָרעם; דאָס מעבל איז באשטאנען פון צוויי צעבראָכענע בעטן. דערציילט מען, אז איין מאָל איז דער סעק־וועסטראטער געקומען צו משה איינמאָנען „מיעשקאניאָווע". ווי געוויינלעך האָט ער נישט געהאט וואָס צו נעמען. משה קומט אין שטאָט אריין און רימט

זיך, דאָס דער סעקוועסטראַטער איז ביי אים געווען, און הלוואי ער זאָל דאָס טרעפן ביי אַלע יידן, וואָס ער האָט ביי מיר געטראָפן...

די מיקוועניקעס זיינען געווען — ווי איך געדענק — דער אַלטער אברהם מיקוועניק, זלמלה איזראַעלעוויטש (היסער), יצחק ברעסלער און מרדכי יוסף לערנער.

מלמדים און לערערס

צוויי יידישע לערערס זיינען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אין אַלעקסאַנדער; זיי זיינען געקומען אין פּריוואַט שטובן, געגעבן לעקציעס אויף רוסיש און יידיש. דער ערשטער — ברוך, אַ קליין, דאַר יידעלע מיט אַ שמאָל בערדעלע. האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אַ סוכאַטשעווער חסיד, האָט אויך געשריבן און דערלעדיקט אין מאַגיסטראַט געבורטס־שיינען, חתונה־אַקטן א.א.וו. דער צווייטער — ברוך לעווקאָוויטש (דעם הייזעריקנס פאָטער), אַ הויכער, דיקער ייד מיט אַ שיין גראָב בייכל, און אַ לאַנגער שיינער ברייטער באָרד. געוויינלעך האָט מען קיין סך פון אים נישט געקענט לערנען. קיין צוואַנגס־שול איז נאָך נישט געווען. משה סטריקעווער (גערופן סטריקעווער אויערן „פּרעסער") האָט געהאַט אַ „חדר" מיט אַ „פּאָזוואָלעניע" און דאָס בילד פון צאַר ניקאָליי איז געהאָנגען אין „חדר". אויך שוואַרצע לאַווקעס זיינען געווען אין חדר. אָבער אַ חסידישער מענטש האָט קיין קינד נישט געוואָלט געבן אין דעם „חדר", ווייל דעם צאַרס בילד איז דאָך געווען מיט אַ צלם! עס איז אויך געווען אַ רוסישע שקאָלע (ביי אַמיסלאַווסקען אין הויז), פאַר יינגלעך מיט מיידלעך, בלויז פאַר יידישע קינדער. אָבער די אַלעקסאַנ־דערער יידן האָבן אויך נישט געוואָלט געבן די יינגלעך אין דער שקאָלע. ערשטנס, ווייל עס זיינען געזעסן מיידלעך מיט יינגלעך אויף איין באַנק, און צווייטנס האָט מען געמוזט גיין אָן אַ היטל. ווי איך געדענק זיינען דריי יינגלעך פון דער שטאָט יאָ געגאַנגען אין די שקאָלע: פּנחס זשאַרנאָווסקי, אליהו גריימן (מיכאַלס אַ ברודער, אין ניו־יאָרק) און איינער פישל, ברוך לייזער וועבערס.

מיר יינגלעך זיינען געלאָפן אַריינקוקן דורכן פענצטער און זען דאָס וווּנדער, ווי די יינגלעך זיצן אינאיינעם מיט מיידלעך און אָן היטלען.

שלמהלע וואָלער, געהאט פיר אָדער פינף זין און עטלעכע טעכטער, און אלע די יאָרן געלעבט פון נדבות. פרייטיק האָט זיך שלמה וואלער ארויס־געלאָזט מיט דער גאנצער משפחה איבער די שטאָט, יעדער איז געגאנגען באזונדער. אָן שלמה וואלער וואָלט דער פרייטיק קיין פרייטיק נישט געווען. דעם גרעסטן סעזאָן האָבן זיי געהאט ערב יום־כפור, אָדער ווען ס'איז געווען א רבינס א יאָרצייט. שלמה וואלער מיט זיין משפחה האָבן באזונדערס באארבעט די חסידים. קיינער האָט זיי נישט אָפּגעזאָגט. אָן שלמה וואלער מיט זיין משפחה וואָלט דאָס „גוטע אָרט" קיין „גוטע אָרט" נישט געווען.

פון די אלעקסאנדערער גאונים וועלכע האָבן געקענט צום בעסטן לערנען, געדענק איך: אברהם יוסף פישער (בעל מחבר ספר „פורת יוסף"), הרב יצחק מאיר זינגער, יוסף מענדל יאמניאק, איטשע פייווישאק, שלמה העניך מלאך, בונים וועבער (שמערלס), מנשה פריימאן, אלטער יוסף יעקובאָוויטש (חיימס זון), איטשע רויזענשטרויך, יעקב שמחה מאָרגנשטערן, דודל קאָפּלאָוויטש, יחזקאל בעריש מלמד, משה מרדכי פערלמוטער, משה פנחס מלמד, לייזער פשיסכער, העניך גערשאָנאָוויטש (גערופן העניך אברהמס), אברהם יעקבס (געהאט א בשום געוועלבל צווישן די יאטקעס). די תורה פון רבינס טיש האָט געשריבן מנשה פריימאן (שמחהלה טיימאכערס איידים. ער האָט געשריבן פון „ישמח ישראל" ביז צום לעצטן רבין ז"ל).

אין יאָר 1910 האָבן די געוער חסידים געגרינדעט א „ישיבה", וואָס האָט געהייסן „קהלס־ישיבה" (אויך איך האָב געלערנט אין דער „ישיבה", ביי יחזקאל בערישן).

די גרינדונגס־פאַרוואלטערס זיינען געווען: מאנע לייזער, העניך מלאך, חיים חסיד, און יהודה מאיר יעקובאָוויטש. די מלמדים זיינען געווען: יחזקאל בעריש, א לאָדזשער מיטן נאָמען בנימין, און א מלמד פון וויעלון. די „ישיבה" איז געווען אין קהלס בית־המדרש. דאָרט האָבן געלערנט ביז 200 תלמידים פאר א זייער קליינעם אָפּצאָל. די אָרעמע האָבן איבערהויבט נישט געצאָלט. די „ישיבה" האָט אָנגעהאלטן נאָר ביז 1912, צוליב מאטעריעלע סיבות און צוליבן פראָטעסט פון די מלמדים וועלכע זיינען צוליב די „ישיבה" געבליבן אָן פרנסה.

אין יאָר 1910 איז נפטר געוואָרן דער „ישמח ישראל", דער רבי ר' ישראל יצחק. אויף זיין נאָמען איז אין 1912 געוואָרן געגרינדעט די „ישיבה" „בית ישראל". די גרינדער זיינען געווען מנשה פריימאן (שמחהלע טיימאכערס

איידים) און ר׳ אברהם חיים דאנציגער (דעם לעצטן רבינס ברודער). די „ישיבה״ איז געווען אין רבינס בית־המדרש. די מלמדים זיינען געווען משה שמעון סקערנעוויצער, א שטרענגער ייד מיט א בייזן בליק, וואָס מ׳האָט אויף אים געזאָגט אז ער איז דער צווייטער גאון נאָכן אָסטראָווצער.

דער צווייטער מלמד איז געווען משהקע ווענגראַווער. די ערשטע תלמידים פון דער „ישיבה״ „בית ישראל״ זיינען געווען מיין ברודער בעריש יחיאל, משה וועבער, יחיאל שוחט, יחיאל האנדעלסמאַן, יחיאל פרענקעל; פון די קליינע תלמידים זיינען געווען: יחיאל בזשאָזע, יחיאל שאמפאניע, אליהו מארגאָלעס, יעקב יצחק פיראנקא, בונים וועבער, שמואל אבא דאנציגער, יחיאל דוד, הערשל יוזעפּאָווסקיס (דערטרינקען געוואָרן אין מענדל פארבערס וואַסער אין יאָר 1914), משה יוסף (מאָטל מאלארזש זון, געשטאָרבן נאָך דער ערשטער מלחמה), יחיאל פּאָמעראַנץ, יענקל שאמפאניע און דאכט זיך מיר אז אויך יחיאל משה האנדעלסמאַן, בן־ציון גאָלדוואַסער (דעם ווייסן מאירס זון) און אויך א פּאָר נישט קיין אלעקסאנדערער.

די דיסציפּלין אין דער „ישיבה״ איז געווען א שטרענגע. יעדן שבת האָט מען געשיקט פאַרהערן צו די רבנים, וועלכע זיינען געקומען צום רבין אויף שבת. די „ישיבה״ האָט עקזיסטירט ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָך דער מלחמה איז די „ישיבה״ צוריק געעפנט געוואָרן שוין אויף א גרעסערן מאסשטאַב, מיט עטלעכע הונדערט תלמידים פון דער פרעמד און פון אלעקסאנדער, און מיט אַן אייגענער קיך. זי האָט עקזיסטירט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. די „ישיבה״ האָט דורך דער צייט ארויסגעגעבן א סך רבנים, בארימטע גאונים, — אלע אומגעקומען אויף קידוש השם, הי״ד.

יעקב לייבעלע, א קליין דאַר יידעלע, אָנגעהערט זיך צו דער משפחה פון רבינס „הויף״, האָט געהאַט דעם שליסל פון רבי יחיאלס, פון „ישמח ישראלס״, פון רב שמואל צביס און ר׳ בצלאל יאירס אוהל. ער האָט געהאַט נאָך א פרנסה: האָט פארדונגען אלטע אויסגעקראַכענע שטריימלעך צו די חסידים, וועלכע זיינען געקומען צום רבין אויף שבת, און זיי האָבן קיין אייגענע שטריימלעך נישט געהאַט.

נאָך דער ערשטער מלחמה איז אויך געווען א לערער, וועלכער האָט געגעבן לעקציעס אין די שטובן — הערשל מאלארזש (איטשע מייער גלעזערס איידים); ער האָט געהאַט צוויי פרנסות: לערער און מאלארזש (שטובן־מאלער).

יחיאל פויזנער / נײַן אלעקסאנדער

דאָס שטעטל האָט אין מײַנע קינדער־יאָרן אויסגעזען ווי דאָס שענסטע און בעסטע שטעטל פון דער גאנצער וועלט. ווען מען האָט אין דעם רואיקן שטעטל — דעם ערשטן טראַמווײַ געזען אָנקומען (1908), זײַנען א סך פרויען געלאָפן אויפן מארק, ווו דער טראַמווײַ איז אָנגעקומען פון לאָדזש, און פארשאָלטן אים, ווײַל ער האָט אװעקגענומען די יידישע פרנסות פון זייערע מענער, די בעלי־עגלות, וואָס האָבן געפירט די מענטשן נאָך לאָדזש און אומגעבונג און אהיים געבראכט נאָך אלעקסאנדער.

1914, דער אויסברוך פון וועלט־קריג, האָט אויפגערודערט גאנץ אלעק־סאנדער. איך בין נאָך זייער יונג געווען. עס האָט אויף מיר געמאכט א דער־דריקנדיקן אײַנדרוק, ווען איך האָב געזען ווי די מענער זײַנען געפאָרן נאָך לאָדזש, זיך שטעלן צום מיליטער. צוריק געבליבן זײַנען זייערע פרויען מיט קינדער, דאָס איז דעמלט געווען א שרעקלעך טרויעריק בילד. מען קען זאָגן: גאנץ אלעקסאנדער האָט געוויינט.

דער ערשטער עראָפּלאַן איז אָנגעקומען נאָך אלעקסאנדער אין 1914. פאר אונדז קינדער איז עס געווען אן אויסערגעוויינלעכע זאך. האָט אונדזער שכנטע טויבע רובינשטיין געזאָגט: אזא וווּנדער האָט די וועלט נאָך נישט געזען, מען וועט עס קענען דערציילן קינדס־קינדער.

אונדזער שכנטע טויבע און איר מאן בן־ציון זײַנען זייער פײַנע מענטשן געווען. ער איז געווען א מלמד און זי האָט געארבעט אין דער מקוה. פון בײדע פרנסות האָבן זיי גוט געהונגערט. זייערע קינדער אין אמעריקע האָבן זיי אונטערשטיצט: אויף יעדע ימים טובים פלעגן זיי קריגן פון זייערע קינדער געלט, אָבער דער וועלט־קריג האָט אונטערגעבראָכן די פארבינדונג מיט אמעריקע.

מיר האָבן נאָך געהאט איין שכן, הערשל מיט זײַן פרוי נעכע. זיי זײַנען געווען א גרויסע פאמיליע, וועלכע האָט געוווינט אין איין צימער. אין דעם

איינעם צימער האָבן זיי צוויי „פאבריקן״ געהאט. ער האָט געהאט א וועבער־שטול און געארבעט שטאָפן, און די קינדער — זאָקן־מאשינען; און זיין פרוי האָט געבאקן חלות אויף שבת. דער באק־אויוון איז געווען ביי איר פאָטער. דער הערשל האָט אמאָל געזאָגט: מען דאַרף די פאבריקאנטן נישט נאָכגעבן אזא וויגאָדע. פון דער צייט אָן האָט ער געהייסן „הערשל וויגאָדע״. אויף אזא וועג האָט יעדער באקומען אין אלעקסאנדער א צונאָמען. אזוי האָבן זיך מענטשן געמוטשעט, און דאָך זיינען זיי אלע אין אלעקסאנדער גליקלעך און צופרידן געווען.

ווי איך בין קוים 18 יאָר אלט געוואָרן, האָב איך געמוזט מיין שטעטל פארלאָזן. ס׳איז מיר זייער שווער געווען צעשיידן זיך.

יאָרן האָב איך געחלומט, מיין שטעטל ווידער צו זען, און דער חלום איז מקוים געוואָרן. נאָך 18 יאָר בין איך 1937 אויף א באזוך קיין אלעקסאנדער געקומען. די גאסן זיינען פול מיט מענטשן געווען, יעדער האָט מיך געוואלט זען און איך יעדן. יעדער איינער איז פאר מיר געווען א שטיק פון מיין לעבן.

זומער 1945 בין איך ווידער אָנגעקומען אין אלעקסאנדער. אפשר האָב איך דאָרט א מנין יידן אָנגעטראָפן און יעדער מיט זיין שווער און ביטער הארץ, און ביי יעדן איז פארלוירן געגאנגען נישט בלויז א קליין שטעטעלע, נאָר א גאנצע וועלט.

יצחק וונטש / עירי וביתי


תולדותיה הארוכות של העיירה אלכסנדר (הסמוכה לכרך הגדול לודז׳) ומסכת חייה היהודיים, הכלכליים, הציוניים והפועליים, משקפות את תולדותיה של משפחה שאבדה וכלתה בשואה. קשים ומרים הכאב והצער שאפפו את היהודים בגולה ואף כי רבים לא יכלו לשאת את קשיי החיים והתפשרו עמם — אם מבחינה חומרית ואם מבחינה מוסרית — נמצאו משפחות לא־מעטות שעמדו בנסיון ויכלו לו.

אבי המנוח, ר׳ אליעזר ליפמן ווונטש, שהיה מכונה בפי הבריות „דער שאכטל־מאכער״ (עושה הקופסאות), נולד בשנת 1876 בעיר לודז׳. סבי ז״ל,

ר׳ שאול הערש, וסבתי טובה יסקה, עסקו בממכר עורות וצרכי סנדלרות בעיר לודז׳. ארבעת הבנים (שאבי היה הצעיר ביניהם) התחנכו בבית סבא על תורה ועבודה. סבי היה משנן להם את המימרה הידועה: „אם אין קמח אין תורה״. לכן דאג שבהגיעם לגיל המצוות ישלחו ידם גם במלאכה. עקב קשריו של סבא עם בתי החרושת ותעשייני הנעליים למד אבי את מלאכת הייצור של קופסאות קרטון לנעליים, ונתקבל לעבודה באחד מבתי החרושת הגדולים שבעיר ובמרוצת הזמן מונה מנהל הייצור (מייסטער בלע״ז).

בשנת 1905 קפץ על אבי רוגזו של מעבידו הגוי שתבע ממנו במפתיע לעבוד גם בשבתות. כל עובדי בית החרושת הכירו היטב את אבא כיהודי ותמהו כיצד יפול דבר.

בעיר אלכסנדר היה לאבי גיס, ר׳ אברהם לייביש לוין, שנודע בכינוי „דער קאָנסטאַנטינער מלמד״. דוד זה היה יהודי בר־אוריין, איש חכם ונבון. אל דוד זה באו, איפוא, אמי ואבי, כדי לטכס עצה. הלה חיווה דעתו כי מוטב להם להיוועץ ברבי של אלכסנדר.



בית הספר העממי הממלכתי בחצר וונטש

די מלוכהשע פאָלקס שולע אויף וונטשס הויף

בקיץ 1905 התייצב אבי לפני הרבי ר׳ ירחמיאל ישראל יצחק זצ״ל, שכונה „ישמח ישראל״, ושפך לפניו מרי־שיחו: „לאבד הפרנסה או לחלל את השבת״.

גיבור המחזה הזה היה אברך צעיר, מטופל במשפחה בת חמש נפשות. „יהודי אינו עובד בשבת ואינו מחללה״ — פסק הרבי בצורה חד־משמעית. „קח את אשתך ושלושת ילדיך ובוא לאלכסנדר והשם יהיה בעזרך״.

עוד באותו יום שיגר הרבי שליח לשני בעלי בתי חרושת לגרביים (זאָקן־פאבריקאַנטן), האדונים שולץ וגריילך, והזמינם לבוא אליו בהקדם האפשרי.

הגויים באלכסנדר ידעו לכבד את הרבי ולא פעם היו שואלים בעצתו, ומשום כך ידע הרבי את בעיותיהם העסקיות ומצבם המסחרי.

שבוע לאחר מכן נקבעה פגישה משולשת, שבה לקחו חלק הרבי, אבי וגיסו, ושני הגויים. אמר להם הרבי: אברך זה נתברך בשם גרמני וונטש והוונטש (משאלה) שלו הוא שתעזרו לו להשאר יהודי ולקיים את מצוות התורה. אין בדעתו לבקש חסד. ברצונו להרוויח את לחמו בזיעת אפיו, כמו שעשה עד כה. אתם מייצרים גרביים ושולחים אותם בשקים לאריזה ללודז׳ בקופסאות. נאה איפה לכם ויאה לעיירה, שתהיה לנו כאן תעשיית קופסאות (שאכטל־פאבריק) וכך תעזרו ליהודי זה לקיים את משפחתו ויהדותו, ונמצאנו כולנו נשכרים.

האדונים שולץ וגריילך קיבלו ברצון את דברי הרבי ומיד שיגרו שליח מיוחד יחד עם אבי לעיר ברמן שבגרמניה לרכישת הציוד הדרוש להקמת בית החרושת.

בחצר הגדולה של יהושע ז׳רנובסקי, בשכנות לחצר הרבי, עמד צריף גדול שבו עתיד היה לקום בית החרושת. בחורף אותה שנה הגיע הציוד ובית החרושת עמד על תילו. הגויים מימנו את רכישת הציוד ללא תנאים מוקדמים. „וכשירחיב״, אמרו, „תשלם״.

באותו בנין שבחזית החצר של יהושע ז׳רנובסקי, בדירת גג, גרה המשפחה בת 5 הנפשות, שטולטלה מהכרך הגדול לעיירה הקטנה.

הרשל שנקר, מוטל הוכמן, דוד גולדהמר, אהרן בירקה והניך זייגרמכר לקחו את אבי ומפעלו תחת חסותם, עזרו לו ועודדו אותו עד שעמד על רגליו.

בתום 4 שנים לשהותו באלכסנדר, באביב 1910, חנך אבי את ביתו החדש ברחוב לנצ׳יצקה 13, על חצרו הגדולה והיפה עם סוכה קבועה וגן עצי פרי ובאר מים חיים במרכזה של החצר.

בעת ובעונה אחת נסתיים גם בנין בית החרושת, האופיצינה הגדולה שבחצר, וביום ז׳ בסיון תכ״ג (14.6.1910) הוחג שם ברוב פאר טקס ברית המילה של בן הזקונים יצחק הרש.

האופיצינה, הבנין שבחצר, יש לו היסטוריה בפני עצמו. אבי בנה אותו מלכתחילה שני חלקים: חלקו האחד לבית החרושת וחלקו השני — אולם גדול לאירועים צבוריים ופרטיים. הרבה שנים שימש אולם זה כאולם לחתונות ועשרות זוגות באו שם בברית הנשואין. גם מטבח מסודר היה שם, ולחתונות עשירות היו מזמינים שבוע מראש את שבע „די קעכין״ מקונסטנטין, שהיתה מפורסמת בעיירה כמומחית לבישול ואפיה לשמחות, וכל זה ללא כל תמורה כספית.

בתקופת מלחמת העולם הראשונה שימשו האולם והמטבח לחלוקת ארוחות חינם לנצרכים, כשעל מלאכה זו ניצחו הגב׳ טובה פרדל ריבן ומר גדליהו גורמן. ובחללו של האולם והחצר נשמעו הקריאות „ר׳ גדליה, אביסל געדעכטס״.

בתום מלחמת העולם הראשונה, עת התארגנה הקהילה היהודית בעיר, הוחלט להקים בית ספר יהודי, במקביל לבתי הספר הפולני והגרמני שהיו קיימים בעיר, אשר התלמידים היהודים לא הרגישו בהם בטוב בגלל יהדותם. האנטישמיות לא פסחה גם על עיירתנו וילדיה. מיד העמיד אבי לרשות הקהילה את האולם בשביל בית הספר ללא כל תמורה כספית.

עם התפתחות התעשיה באלכסנדר בכלל, וענף הגרביים בפרט, הורגש צורך חיוני בקופסאות אריזה לגרביים, לשם שיווקן במרחבי פולין. לכן דרושה היתה הרחבת מפעל תעשיית הקופסאות. אבי ז״ל השקיע הרבה מרץ בשכלול המפעל והרחבתו, הכניס צעירים מהנוער היהודי (ביניהם — ברוך גולדוסר, משה פרבר, ישראל לחמן, בונים דנציגר, חיים וירחמיאל בריל), הדריך אותם והם התמחו במקצוע ובמרוצת הזמן השתלב הענף הזה במסגרת המפעלים המאורגנים והמעולים והיה מקור פרנסה להרבה משפחות יהודיות בעיר.

ארבע שנות מלחמת העולם הראשונה עשו שמות בכל התעשיה בעיר ואף בית החרושת שלנו בכלל זה. אבי חלה ונפל למשכב ונפטר בי״א בכסלו תרע״ה (15.11.1918) אחרי מחלה ממושכת. אמי, אחי ואחיותי החליטו להמשיך במפעל. כולם היו לפועלים בבית החרושת כשאמא מנצחת על המלאכה ממיטת

חוליה. תוך תקופה זו גדלה המשפחה, האחיות הבכורות התחתנו, ילדו בנים ובנות וחצר לנצ׳יצקה 13 המתה ממשפחות ווונטש, קריזמן, אייזנר ואברמוביץ.

עם פטירת אמי, ביום כ״ה בתמוז תרפ״ג (12.6.1923), נפל נטל ניהול בית החרושת על אחי יחיאל ועלי, אך עם נשואי אחותי בריינדל ואחי יחיאל נתפרדה החבילה: האחיות ובעליהן הלכו לדרכם, מי להמשיך מסורת התעשיה של אבא ומי לעסקים אחרים. אני שמתי פעמי ל„פרייהייט", ל„פועלי ציון" ל„החלוץ" ולהכשרה — לקראת ניתוק מוחלט מהגולה ולקראת העליה לארץ־ישראל.

אחרי שנת הכשרה בקיבוץ בורוכוב בסוכדניוב שבפלך קילץ, עזבתי את אלכסנדר ביום 2.6.1930, בדרכי לארץ ישראל, והגעתי לשערי הארץ ביום 14.6.1930, בדיוק ביום הולדתי ה־20.

השארתי מאחורי משפחה ענפה בת 27 נפשות, שנספו כולם בשואה ולא זכיתי לראותם עוד.

השארתי את רחוב לנצ׳יצקה 13 על חייו החברתיים, התרבותיים והחלוציים, את המפלגה שממנה צמחה הכרתי הציונית־הפועלית על מוסדותיה, את ביתי בו נולדתי והתחנכתי ובו עברו עלי שנות ילדותי ונעורי. היה זה כור ההיתוך שבו צורפה ועוצבה השקפת עולמי, בו קשרתי את גורלי עם רעיתי שרה.

תמיד זכרתי ואזכור: אבי היה פועל; ילדיו המשיכו בדרכו!

ר׳ אליעזר ליפמן ווונטש ז״ל נמנה עם חלוצי התעשיה באלכסנדר, ומורשת זו שיננתי לעצמי: סבלתי, לחמתי, וגם יכולתי!

כך נחרתה בזכרוני העיירה ועברה וביתי שהיה.

בין שתי
מלחמות עולם

צווישן ביידע
וועלט־מלחמות

יצחק צענדאָרף / נײַן שטעטל

11 קילאָמעטער ווייט פון דער גרויסער פאַבריק־שטאָט לאָדזש ליגט דאָס שטעטל אלעקסאנדער. 25% פון דער באפעלקערונג זיינען דאָ געווען יידן, 35% פאָליאקן און 40% דייטשן. די מערהייט פון דער שטאָטישער באפעל־קערונג האָט געלעבט פון זאָקן־אויסארבעטן און טעקסטיל־ארבעט; אלעק־סאנדער האָט צוגעשטעלט זאָקן פאר גאנץ פוילן.

די יידישע ארבעטער האָבן געארבעט ביי די זאָקן־מאשינען, ווו מען האָט געמוזט מיט דער האנט דרייען די מאשין. די בעלי בתים (אונטערנעמער) פון די האנט־מאשינען האָבן נישט געהאט קיין באקוועמע לאָקאלן צו דער ארבעט, האָט דער יידישער ארבעטער די מאשין גענומען צו זיך אהיים און צוגעשרויפט זי צום פענסטער און אזוי געארבעט פון 5 פארטאָגס ביז שפעט אין דער נאכט.

די יינגערע קינדער, וועלכע האָבן נישט דערגרייכט צו דער מאשין און דאָך שוין געמוזט ארבעטן, האָבן זיך אונטערגעשטעלט א ציגל, געשטעלט זיך אויף אים און שווער געארבעט כדי צו העלפן די עלטערן.

אין שטאָט זיינען אויך געווען פאבריקן, און צווישן זיי א טייל יידישע, ווו די מאשינען זיינען געגאנגען אויף עלעקטרישן כוח. אין די פאבריקן האָבן געארבעט נאָר פוילישע און דייטשע ארבעטער. זייער ארבעט איז געווען פיל לייכטער, און די פארדינסטן פיל גרעסערע. אָבער צו די מעכאנישע פאבריקן האָבן די יידישע פאבריקאנטן נישט צוגעלאָזט קיין יידישן ארבעטער, ווייל זיי האָבן נישט געלאָזט קיין ייד שבת ארבעטן אין זייער פאבריק, און פארלירן דעם שבתדיקן ארבעטס־טאָג זיינען זיי נישט געווען גרייט. די עלטערן, ברידער און שוועסטער וועלכע האָבן נישט געארבעט דירעקט ביי די מאשינען, האָבן צוגעהאָלפן ביים אויספּאַרטיקן די זאָקן, ביים רעפעזירן, פארמען און פאקן די זאָקן אויף עקספּאָרט. די עלטערע יידישע ארבעטער האָבן געארבעט ביי טעקסטיל־וועבער־שטולן, ווו זיי האָבן אויסגעארבעט ביליקע סחורות און בענדלעך. אויך זיי האָבן אָנגעהויבן די ארבעט פארטאָגס נאָך תפילת שחרית און מיט א קליינער הפסקה ביים דאווענען מנחה און מעריב געארבעט

ביז שפעט אין דער נאכט. א גרופּע יידישע ארבעטער האָט אויסגעארבעט שאכטלען פאר די זאָקן.

אנדערע יידישע פרנסות אין שטעטל זיינען געווען: עטלעכע פּראָדוקטן־געוועלבער; פריזערן, — צווישן זיי איינציקע, וואָס האָבן א חוץ פריזעריי אויך יעדן דאָנערשטיק פארקויפט פיש אויף שבת, כדי צו קענען אויסהאלטן די משפחה; עטלעכע אכסניות, וועלכע האָבן זיך דערנערט פון די קומענדיקע חסידים פון גאנץ פוילן צום רבין; צוויי יידישע דאָקטוירים; א פעלדשער; צוויי קראנקן־שוועסטערס; אן אפטייק־סקלאַד; עטלעכע בוכהאלטערן; עט־לעכע לערערס; און א גרעסערע צאָל מלמדים מיט „חדרים", וועלכע האָבן געלערנט מיט יינגלעך תורה; א רבצין וועלכע האָט געלערנט מיידלעך דאווענען און אויך תורה; דער שטאָטישער רב; צוויי דיינים; צוויי שוחטים; וועלכע זיינען אויך געווען די בעלי תפילה אין די ימים הנוראים; צוויי שמשים, און א חזן.

אין רבינס הויף האָט עקזיסטירט א גרויסע „ישיבה", ווו עס האָבן געלערנט בחורים געקומענע פון גאנץ פוילן; א טייל פון זיי זיינען געוואָרן די צוקונפטיקע רבנים אין די שטעטלעך פון פוילן.

אין יאָר 1918 האָט א גרופּע עסקנים פון „מזרחי" אָרגאניזירט א העברע־אישע „מזרחי"־שול, ווו אין משך פון דער צייט האָבן 400 תלמידים געלערנט אלע מקצועות און די העברעאישע שפּראך. בראש פון דער שול איז געשטאנען דער ספּעציעל אראָפּגעבראכטער קיין אלעקסאנדער יעקב שפּירא. מיט אים האָבן מיטגעארבעט דער אלעקסאנדער באקאנטער העברעאישער לערער יעקב ליטווין, און וואלמאן וועלכער האָט זיך באזעצט אין שטעטל. נאָכן פארלאָזן די שטאָט פון שפּירא האָט א יאָר צייט אָנגעפירט מיט דער שול אלס מנהל ר' משה מרדכי פערלמוטער ז"ל, דער פאָטער פון די ברידער יעקב און שמואל פערלמוטער. שפּעטער איז אלס מנהל פון דער שול באשטימט געוואָרן דער לערער וואָלמאן. ווי לערער צו תורה האָבן געאַרבעט משה פנחס נאבאָזנע ז"ל און נתן פּשיסחא ז"ל. חשבון און די פּוילישע שפּראך האָבן געלערנט חיים דוד צודקעוויטש, קורכין און צפורה ליטווין.

אין 1927 איז לויט דער איניציאטיוו פון אגודה־פירער ר' חנוך אלתר געשאפן געוואָרן א בית־יעקב שול פאר רעליגיעזע מיידלעך.

אין די יאָרן 1918—19 האָבן זיך די יידישע ארבעטער אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן און געשאפן דעם יידישן פּראָפעסיאָנעלער פאריין, אָנגעפירט

דורך די פארטייען „בונד" און לינקע „פועלי־ציון". צוליב דער שטארקער השפעה פון „בונד", האָבן זיך פיל ארבעטער — ציוניסטן און רעליגיעזע — נישט איינגעשלאָסן אין די פראָפעסיאָנעלע פאריינען, אָבער ביי יעדער עקאָנאָמישער אקציע, ווי א שטרייק צו פארבעסערן די לוינען, האָבן אלע ארבעטער זיך סאָלידאריזירט און געהאָלפן אדורכפירן די אקציע מיט דער־פאלג לטובת דער ארבעטערשאפט. דער פאריין האָט עקזיסטירט אלס יידישער פאריין ביזן יאָר 1930. אין דעם יאָר האָט זיך פארשטארקט דער אלגעמיינער פאראייניקטער פראָפעסיאָנעלער פאריין צו וועלכן עס האָבן געהערט פאָליאקן, דייטשן, און אויך יידן. אין דער ערשטער פארוואלטונג איז אלס פאָרשטייער פון די יידישע ארבעטער געווילט געוואָרן פייוול האנדעלסמאן.

אין 1930 האָט זיך א גרופע יידישע האנט־זאָקן־ארבעטער אָנגעהויבן בונטעווען און געפאָדערט, מען זאָל זיי איבערפירן אין די עלעקטרישע פאבריקן. היות א גרויסער טייל פון די ארבעטער האָבן געהערט צום חלוצישן לאגער, האָט דער שטאָטישער פארטיי־קאָמיטעט פון די „פועלי־ציון" רעכטע גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו קעמפן פאר דערפילן די פאָדערונג. נאָך א משא־ומתן מיט די יידישע ארבעטס־געבער וועלכער האָט נישט געגעבן קיין רעזול־טאטן, איז אוועק א גרעסערע דעלעגאציע אין דער יידישע קהילה (אין דער דעלעגאציע זיינען געווען די חברים: יחיאל פליטמאן (ראָטמאָן), אברהם הערשקאָוויטש, די ברידער משה חיים און יצחק צענדאָרף, שמעון כעלמער, שמעון מארקאָוויטש, ישראל פיטריקאָווסקי, און רפאל הערשקאָוויטש) אין באגלייטונג פון א גרעסערער גרופע חברים פון „הפועל". זיי האָבן נישט פארלאָזן די קהילה, ביז מען האָט ארויסגערופן די פאבריקאנטן. ביים ארייננגיין אין בנין פון דער קהילה, זעענדיק די גרויסע דעלעגאציע, האָבן זיי באלד דערקלערט, אז זיי זיינען גרייט אונטערצושרייבן א הסכם ארייצופירן יידישע ארבעטער אין זייערע פאבריקן. צווישן די ערשטע פאבריקאנטן וואָס האָבן דאָס אונטערגעשריבן, זיינען געווען גרשון היימאן, יחיאל משה וועבער, בינם היימאן, זעליג גוטערמאן, הנוך שמידט, מאָטעס פשעדבארסקי.

במשך דעם יאָר 1931 זיינען אריין ארבעטן אין די פאבריקן 150 יידישע ארבעטער. אלע די ארבעטער האָבן זיך איינגעשלאָסן אין אלגעמיינעם פראָ־פעסיאָנאלער פאריין און בעת די וואלן זיינען געווילט געוואָרן 3 יידישע פאָרשטייער אין דער פארוואלטונג; אברהם שווענדזינעוויטש פון די יידישע קאָמוניסטן און די חברים שמעון מארקאָוויטש ז"ל און יצחק צענדאָרף פון

די רעכטע „פועלי־ציון". ביידע האָבן געאַרבעט אין דער פאַבריק פון גרשון היימאַן; מאַרקאָוויטש איז געווען דער בריגאַדיר אין דער פאַבריק. זיי האָבן פאַרטראָטן די אַרבעטער ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה.

דאָס פּאָליטישע לעבן אין שטאָט איז געווען זייער אַנטוויקלט. אַלע פּאַרטייען האָבן געהאַט פּאַרטיי־קלובן, אַ חוץ די רעליגיעזע פּאַרטייען ווי „אגודה", אַלעקסאַנדערער חסידים, ראַדאָמסקער, און סאַכאַטשעווער חסידים, וועלכע האָבן געהאַט זייערע בתי־תפילה און דאָרט געפירט זייער פּאָליטישע אַרבעט. עס האָבן עקזיסטירט: „המזרחי", די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, רעוויזיאָניסטן, „התאחדות", רעכטע „פועלי־ציון", לינקע „פועלי־ציון", „בונד" און קאָמוניסטן.

צווישן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן עקזיסטירט: „פועלי־אגודה", „הפועל המזרחי", בית"ר, „הנוער הציוני", „גורדוניה", „פרייהייט", „באָראָכאָוו־יוגנט", „צוקונפט" און קאָמוניסטישע יוגנט. ביי יעדער פּאַרטיי האָבן עקזיסטירט ספּאָרט קלובן. „מכבי", „הפועל", „שטערן" און „מאָרגנשטערן". יעדן זונטיק האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן מיט די אָרטיקע קלובן אָדער אָראָפּגעבראַכטע פון אַנדערע שטעט. ביי יעדן אַנטיסעמיטישן אַרויסטריט האָבן די ספּאָרט־קלובן פאַרטיידיקט דעם כבוד פון די יידן אין שטאָט.

ביי אַלע פּאָליטישע פּאַרטייען האָט זיך געפירט אַ קולטור־אַרבעט: עס זיינען פאָרגעקומען אָוונט־קורסן, וווּ מען האָט געלערנט יידיש און העברעאיש. מיט די קורסן אין שטאָט האָבן אָנגעפירט די חברים: ברוך זאָנענבערג, שימקאָוויטש („בונד"), שמואל פּערלמוטער, בן־ציון כילעוויטש (לינקע פו"צ), יעקב פּערלמוטער, שמעון כעלמער, פּנחס גאָלדקראַנץ (רעכטע פו"צ), שמחה שערמאַן, חיים דוד צודקעוויטש („גורדוניה"), טאָבטשע גאָלדוואַסער („הנוער הציוני"), און דער באַקאַנטער העברעאישער לערער אברהמל כהן.

פון 1919 האָט עקזיסטירט אַ גרויסע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון באָראָכאָוו ביי די לינקע „פועלי־ציון" און אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען גראָסער ביים „בונד". אין 1928 האָבן זיך די רעכטע „פועלי־ציון" געשאַפן אַ גרויסע ביבליאָטעק.

יעדן פרייטיק אָוונט זיינען אין די פּאַרטיי־לאָקאַלן פאָרגעקומען קעסטל־שמועסן, פאָרלעזונגען, פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען מיטן אָנטייל פון די בעסטע כוחות אין פּוילן ווי יצחק גרינבוים, הרב ברוידע, הערשל פּאַרבשטיין, אַנשל רייס, יעקב זרובבל, דר. ראָזענבלאַט, דר. טאַרטאַקאָווער, אברהם ביאַלאָפּאָלסקי,

לייזער לעווין, דר. שוויג, חיים בראנד, אפרים לאזער זעלמאנאָוויטש, יצחק גאָלדין, לייב שפּיזמן, פישל הערצבערג, יוסף כלודנעוויטש, ישראל ליכטנ־שטיין, יעקב לעשטשינסקי, סעגאלאָוויטש, יואל מאסטבוים, רחל פייגענבערג, משה בראָדערזאָן, ישעיהו שפּיגעל, חיים לייב פוקס, יאן פּראַוודא, אברהם ברייזבלאט, קיפּניס, זעליגפעלד, שמאי ראָזנבלום, האמבורגער א.א.

ביי יעדער פּאַרטיי האָט עקזיסטירט א דראמאטישער גרופּע. אין 1930 האָבן זיך די אַלע דראמאטישע קרייזן פאראייניקט און געשאפן א דראמאטישן קרייז אונטערן נאָמען „קולטור־הויז״, און אונטער דער לייטונג פון ארטיסט האמבורגער פון לאָדזש געשטעלט די בעסטע פּיעסן. אין שפּיץ פון קולטור־הויז זיינען געשטאנען די חברים: יחיאל פליטמאן, הלל ריוואן, גרשון יונה זאָנענבערג, אלטע גריימאן און שמואל כעלמער. צו די בעסטע כוחות האָבן געהערט דער געהילפס־רעזשיסאָר גרשון יונה זאָנענבערג, הלל ריוואן, אלטע גריימאן, מאיר זאָנענבערג און אברהם לערנער.

אין 1926, ווען אין אלעקסאנדער זיינען דאָס ערשטע מאָל פּראָקלאמירט געוואָרן וואלן צום שטאָט־ראט, איז דורך דער איניציאטיוו פון פאָרשטייער פון די יידישע קאָמוניסטן דער חבר יהושע (מאניעק) צושטאנד געקומען א פאראייניקטער בלאָק פון קאָמוניסטן „בונד״ און רעכטע „פּועלי־ציון״, און דער קאנדידאט פון די רעכטע „פּועלי־ציון״, דער חבר יחיאל פליטמאן, איז געוויילט געוואָרן אלס ראטמאן אין שטאָט־ראט.

אין 1930 האָט א גרופּע חברים געשאפן אין שטאָט דעם „החלוץ״ און צענדליקער יינגלעך און מיידלעך האָבן זיך געמאָלדן און געוואָלט אפּפאָרן קיין ארץ־ישראל. צווישן די ערשטע שטאָטישע חלוצים, וואָס א טייל פון זיי האָט דעם זעלבן יאָר פארלאָזט די שטאָט, זיינען געווען יצחק ווונטש, שרה ריוואן, שלמה קולסקי, אהרון פליישמאן, נתן פּאָזנער, לוי קוטנער, בן ציון פּאָמעראנץ, יחזקאל וואסערמאן, שמחה שערמאן, שרה שערמאן, צפּורה קול־סקי, רחל איצקאָוויטש, רחל פּאָמעראנץ. אין יאָר 1934 זיינען עולה געווען יעקב פערלמוטער, פאָרזיצער פון די רעכטע פּו״צ, שמואל פערלמוטער, פאָר־זיצער פון די לינקע פּו״צ; און פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז אוועק־געפאָרן קיין ארץ־ישראל אהרון האָכמאן, פאָרזיצער פון די רעוויזיאָניסטן.

אין 1932 זיינען אראָפּגעקומען חלוצים און געשאפן אין שטאָט הכשרה־פּונקט: עס האָט עקזיסטירט א קיבוץ ביי „הפּועל המזרחי״, א קיבוץ ביי די רעוויזיאָניסטן און א קיבוץ באַראַכאָוו ביי די רעכטע „פּועלי־ציון״. די חברים

פון די קיבוצים האָבן געארבעט ביי אלע שטאָטישע שווארצע ארבעטן און נאָך דער ארבעט אָנטייל גענומען אין קולטורעלן און געזעלשאפטלעכן לעבן אין שטעטל.

אין 1928 האָבן א גרופע עסקנים, צווישן זיי די חברים מענדל מארקאָוויטש, ירחמיאל בזשאָזא, שמחה שערמאן, צוזאמען מיטן שטאָטישן רב איטשע מאיר זינגער ז״ל, געשאפן א הילפס־אינסטיטוציע צו געבן מעדיצינישע הילף פאר די אָרעמע קראנקע, וועלכע האָבן נישט געהאט קיין רעכט צו דער קראנקן־קאסע. דורך זייער אינקאסענט וואָלף יוזיפאָווסקי האָבן זיי געזאמלט געלט און געגעבן די נויטבאדערפטיקע א דאָקטאָר און רפואות. אין 1934 האָבן די פּאָליטישע פארטייען איבערגענומען די אינסטיטוציע. בראש פון דער אינ־סטיטוציע האָט זיך געשטעלט דער חבר אברהם יעקובאָוויטש (האנס) און געמאכט פון דער געזעלשאפט א יידישע קראנקן־קאסע. די געזעלשאפט האָט זיך פארבונדן מיט די בעסטע דאָקטוירים אין לאָדזש און אויף יעדן רוף זיינען די דאָקטוירים געקומען העלפן אונדזערע אָרעמע קראנקע.

אין 1936 האָט זיך ביים „לינת החולים״ געשאפן א יוגנט־גרופע מיטן נאָמען „שומרי חולים״. יעדע נאכט זיינען זיי געגאנגען אָנגעטאָן אין די ווייסע שירצן, צו די אָרעמע קראנקע, וועלכע האָבן נישט געהאט ווער עס זאָל זיי העלפן ביינאכט.

אין יאָר 1930 זיינען פאָרגעקומען די ערשטע וואלן צו דער קהילה. עס זיינען געוויילט געוואָרן 6 חסידים און 2 בעלי בתים מזרחיסטן. די קהילה האָט אויסגעהאלטן דעם רב, די שוחטים, דעם חזן און שפעטער צוגענומען נאָך צוויי דיינים. די צוויי בעליבתישע דאָזערס זיינען געווען מרדכי גריימאן און יחיאל ריוואן. שפעטער, — ישעיה ריוואן און אברהם ראָזענצווייג. זיי האָבן נישט געקענט ביישטיין די פּאָליטיק פון די חסידישע דאָזערס און זיי האָבן זיך כסדר אָפּגעזאָגט.

אין 1938, פאר די לעצטע קהילה־וואלן, האָבן זיך צונויפגענומען עטלעכע עסקנים, ווי הלל ריוואן, לייזער אָפּאטאָווסקי, אברהם יעקובאָוויטש, אברהם ראָזענצווייג, הנוך יעקובאָוויטש און באַשלאָסן שאפן א דעמאָקראטישן בלאָק. אין בלאָק האָבן זיך איינגעשלאָסן: די האנדווערקער און רעכטע „פּועלי־ציון״. אלס ערשטן קאנדידאט האָט מען ארויסגעשטעלט דעם חבר הלל ריוואן פון די רעכטע „פּועלי־ציון״. די חסידים, דערזעענדיק אז דער בלאָק קען אפשר ברענגען צו א ווענדונג אין דער קהילה און ליקווידירן זייער

לאנג־יעריקן הערשאפט, האָבן געזוכט מיטלען אויף צו פסלען דעם חבר הלל ריוואן.

הלל ריוואן האָט געהאט אן עלטערן ברודער מיכאל ריוואן, א מיטגליד אין דער „מזרחי"־פארטיי. די „מזרחי" האָט אלס איר קאנדידאט ארויסגעשטעלט דעם ברודער מיכאל און לויטן געזעץ האָבן צוויי ברידער נישט געקענט זיין צוזאמען פארטרעטער אין דער קהילה. אין אזא פאל ווערט דער יינגערער אויטאָמאטיש געפסלט. אזוי ארום איז געפסלט געוואָרן די קאנדידאטור פון הלל ריוואן.

ביי די קהילה וואלן איז געווען א בלאָק פון „בונד" און לינקע „פועלי־ציון", מיט די קאנדידאטן שמחה קאָפּל („בונד") און יחיאל משה וועבער (לינקע „פועלי־ציון"). אין טאָג פון די וואלן זיינען געזעסן ביי דער וואל־קאָמיסיע צוויי פאָרשטייער פון בלאָק און געוואָלט אָפּהיטן די ריינקייט פון די וואלן בעת דער אָפּשטימונג. אָבער ווען עס האָט געשטימט א מענטש דאָס זעלבע צום צווייטן מאָל, — און דער בלאָק־פאָרשטייער האָט זיך קעגנגעשטעלט, האָט די קאָמיסיע באשטעטיקט לאָזן אָפּגעבן די פאלשע שטימע. די פאָרשטייער פון בלאָק זיינען אין מיטן ציילן די שטימען צוגעלאָפן צום טיש, געכאפט די צעטלען און אנטלאָפן, וועלנדיק אזוי ארום פסלען די וואלן. אָבער מיט דער הילף פון פאָליציי־קאָמיסאר איז אלס פארענדיקט געוואָרן מיטן נצחון פון די מאכט־אָרגאנען. עס זיינען געוויילט געוואָרן חנוך יעקובאָוויטש און אברהם ראָזענצווייג אלס דאָזערס אין שטאָט.

אין 1939 ווען די פוילישע רעגירונג האָט זיך באמיט מיט אלע מיטלען פארקלענערן די פארטרעטערשאפט פון די ארבעטער, פון די מינדערהייטן בכלל און פון די יידן בפרט, איז די שטאָט אלעקסאנדער פארטיילט געוואָרן אין פיר וואל־ראַיאָנען, אזוי אז עס זאָל נישט געוויילט ווערן קיין יידישער פאָרשטייער אין שטאָט־ראט. דער „אגודה"־דאָזער, חנוך אלתר, האָט צונויפגענומען אלע יידישע פארטייען און זיי פאָרגעשלאָגן זוכן מיטלען אז די פינף יידישע פאָר־שטייער זאָלן נישט פארלירן זייערע מאנדאטן. עס איז באשלאָסן געוואָרן, אז קיין בלאָק ווערט נישט געשאפן, נאָר די ראטמענער ווערן פארטיילט לויט די ראַיאָנען. יעדע פארטיי גייט צו די וואלן אליין און די איבריקע יידן, וועלכע וווינען אין דעם ראַיאָן, שטימען פארן יידישן קאנדידאט. צווישן די זעקס פארטייען זיינען געווען: „אגודה", אלעקסאנדערער חסידים, „מזרחי", האנדווערקער, בעלי בתים, רעכטע „פועלי־ציון". די פאָרשטייער פון די רעכטע

„פועלי־ציון״ האָבן זיך געווענדעט צו די לינקע „פועלי־ציון״ און עס איז געשאפן געוואָרן א בלאָק פון ארבעטנדיקן ארץ־ישראל וואָס האָט ארויס־געשטעלט אין צוויי ראיאָנען זיין ליסטע און באקומען צוויי ראטמענער: יחיאל פליטמאן ז״ל פון די רעכטע „פועלי־ציון״, טוביה קוטשינסקי פון די לינקע „פועלי־ציון״ חוץ דעם זיינען געווײלט געוואָרן יצחק לעווין פון דער „אגודה״, אביגדור האנדעלסמאן פון די אלעקסאנדערער חסידים, אברהם יעקו־באָוויטש — האנדווערקער, בן־ציון גאָלדוואסער — „המזרחי״, יעקב גאָלד־בערג פון די בעלי בתים. די זיבן ראטמענער האָבן געווײלט אלס לאווניק דעם שטאָטישן יידישן דאָקטאָר גאָטליב. אזוי זיינען אויפן אָרט פון פינף ראטמענער אריין אכט יידישע פאָרשטייער אין שטאָטישן מאגיסטראט. די בונדישע פארטיי איז געגאנגען צו די וואלן נאָר קיין מאנדאט נישט באקומען.

אויך דער ארבעטער יום טוב, 1־טן מאי, איז אין אלעקסאנדער געפייערט געוואָרן דורך אלע ארבעטער. די פאבריקן זיינען געווען געשלאָסן. די פארטייען האָבן אין די גאסן דעמאָנסטרירט מיט די פענער, לאָזונגען, און אָרקעסטער. די חלוצישע אָרגאניזאציעס — מיט ארץ־ישראל לאָזונגען.

אין די יאָרן 1934—5 האָבן די פוילישע ארבעטער נישט דערלויבט טראָגן קיין ארץ־ישראל לאָזונגען אין 1־טן מאי; האָבן די חברים פון רעכטע „פועלי־ציון״ — צוזאמען מיט „פרייהייט״, „החלוץ״, „גורדוניה״, „הפועל״ און קיבוץ באָראָכאָוו — אליין מארשירט מיט זייערע פענער און אָרקעסטער און מיט זייערע ארץ־ישראל לאָזונגען איבער די גאסן פון שטאָט.

אין 1938—9, ווען אין פוילן האָט די היטלער־יוגנט אָנגעהויבן פראוואָצירן די יידישע יוגנט און עטלעכע שבתים זיינען א גרויסע צאָל היטלער־יוגנט אין קורצע הויזן מיט לאנגע שטעקענעס געקומען קיין אלעקסאנדער — ווען דער פאָליציי קאָמיסאר האָט ביים שטאָטישן רב געבעטן, אז די יידן זאָלן זיצן אין שטוב און נישט ארויסגיין דעם טאָג אין גאס — האָבן זיך די ספאָרט קלובן „מכבי״ און „הפועל״ צוזאמען מיט האָצלמאן און בוזין געשאפן א זעלבסט־שוץ. דעם דאָזיקן שבת האָבן זיי זיך איינגעטיילט אין גרופעס און ביי דער ערשטער פראָוואָקאציע העלדיש פארטיידיקט דעם יידישן כבוד, און פאַריאָגט די היטלער־יוגנט פון שטאָט.

אין 1939, ווען די מלחמה האָט זיך דערנענטערט און עס האָט זיך געשאפן א בירגער־מיליציע און זי האָט אויסגענוצט די סיטואציע און געשלאָגן יידן — זיינען די יידישע ראטמענער יחיאל פליטמאן, אברהם יעקובאָוויטש,

הנוך אלתר און דער שטאָטישער רב איטשע מאיר זינגער, אוועק צום וואיע־וואָדע און באקומען א דערלויבעניש צו עפענען א יידישע בירגער־פּאָליציי. בראש האָט זיך געשטעלט דער ראטמאן אברהם יעקובאָוויטש, צוזאמען מיט די חברים איטשע מאיר צאלעק, שמעון מארקאָוויטש, יצחק צענדאָרף, אברהם צאלע און טאָבטשע גאָלדוואסער. זיי האָבן אויפגענומען די יידישע פּליטים וועלכע זיינען געקומען צולויפן צו אונדז פון די ארומיקע שטעטלעך. דעם לעצטן טאָג — דינסטיק דעם 5־טן סעפּטעמבער — 12 ביינאכט, ווען די מאכט־אָרגאנען האָבן שוין געהאט דעם שטאָט פארלאָזט, האָט די פּינף טויזנט שטאָטישע יידישע באפעלקערונג — צוזאמען מיט די טויזנטער פּליטים — זיך געלאָזט אויפן וועג קיין לאָדזש. עס זיינען געגאנגען צו פוס דער רבי מיט זיין משפחה, די קהילה־פאַרשטייער, די שטאָטישע ראטמענער, די פּארטיי־טוער, אלטע און שוואכע טאטעס און מאמעס, און פּיצלעך יידישע קינדער אויף די הענט פון זייערע מאמעס. פון לאָדזש האָבן אלע מענער פון 60—18 לויט א פאלשן באפעל געלאָזט זיך אויפן וועג קיין ווארשע. אויפן וועג האָבן מיר געזען, ווי טויזנטער יידן פאלן פון די באָמבארדירונגען.

מאיר זאנענבערג / די קהילה

אין די צארישע צייטן זיינען די פאַרשטייער פון דער קהילה געווען סוחרים, רייכע מענטשן. די קהילה־מענטשן פלעגן זיך צונויפקלויבן ביים רב אין שטוב און דאָרט האָבן זיי באהאנדלט אלע פּראָבלעמען. קיין וואלן צו דער קהילה זיינען אין יענע צייטן נישט פאָרגעקומען. דער רב האָט באשטימט די דאָזערס.

אין יענער צייט איז די קהילה באשטאַנען פון פאָלגנדע פערזאָנען:

1. קאָפּל האנדעלסמאן,
2. חנה׳לע האָכמאן,
3. לייזער־ברוך רובינשטיין,
4. משה קליין (בליאכאזש),
5. דוד גאָלדהאמער,
6. דער רב ר׳ איטשע־מאירל זינגער.

די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט רעליגיעזע ענינים. מיט קיין קולטורעלער טעטיקייט האָט זיך די קהילה נישט פאַרנומען. יעדעס יאָר פלעגט דער רב איבערבאַשטימען די זעלבע דאָזורס. זיי זיינען קיין מאָל דורך קיין אנדערע נישט פאַרביטן געוואָרן. אָט דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, איז געווען פאַר די צאַרישע צייטן.

מיטן באַקומען די אומאָפּהענגיקייט האָט די פּוילישע רעגירונג צווישן אַנדערע אויך פאַראָרדנט וואַלן צו דער קהילה. די וואַל־רעזולטאַטן זיינען תמיד געווען די זעלבע, ד.ה. די חסידים האָבן ווידער באַהערשט די קהילה מיט דער הילף פון דער מאַכט. אָבער צווישן די רעליגיעזע גרופּן האָט שוין די „מזרחי" אָנגעהויבן שפּילן אַ געוויסע ראָל. די אַרבעטער פּאַרטייען זיינען אַ צייט נישט געגאַנגען צו די וואַלן, ווייל דער פאָרשטייער פון „מזרחי", ברוך שלמה האַנדעלסמאַן, האָט אויך רעפּרעזענטירט כמעט אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. מיט זיין פּשוטער, קאָרעקטער אויפפירונג האָט ער צוגעצויגן כמעט אַלע שטימען פון די אַרבעטער. קיין ספּעציעלע טעטיקייט האָט די קהילה נישט געפירט. ס'איז אויך נישט געווען אין דעם אינטערעס פון דער קהילה זיך צו פאַרנעמען מיט נישט קיין רעליגיעזע ענינים. די גאַנצע יאָרן איז געווען פּרעזעס דער פאָרשטייער פון די גערער חסידים דוד גאָלדהאַמער. אויסגעטיילט ווי אַ געזעלשאַפטלעכער פאָרשטייער האָט זיך בלויז ברוך שלמה האַנדעלסמאַן.

די קהילה האָט זיך פאַרנומען צווישן אַנדערע מיט די שוחטים, מקווה, מתן בסתר, הכנסת אורחים.

די שטאַטישע שול איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין יאָר 1908, און אינעווייניק איז עס נישט געווען געפּוצט. האָט זיך איין מאָל גענומען אַ באַלעבאַטישער ייד, אברהם ראָזענצווייג (דער געלער אברהם), און געשאַפן אַ קאָמיטעט מיטן צוועק אָפּרעמאָנטירן דעם שול.

נאָכן אדורכפירן די רעמאָנט־אַרבעטן פון דער שול איז זיין נאָמען שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין שטאָט און שוין ביי די ערשטע קהילה־וואַלן האָט ער אַרויסגעשטעלט זיין אייגענע ליסטע און ער איז אדורך. דאָס האָט געמוזט זיין, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אין די דרייסיקער יאָרן.

„בונד", פאַראייניקט מיט „פּועלי־ציון" (לינקע), האָבן אין 1938 געמאַכט אַ פּרוּוו צו גיין צו די קהילה־וואַלן. זיי זיינען אָבער דורכגעפאַלן צוליב דעם פּאַראַגראַף 20, וואָס האָט באַדייט, אַז דער וואָס איז מחלל שבת און היט

נישט אָפּ קיין מצוות האָט נישט קיין רעכט צו שטימען. היות ווי די באַוווסט־זיניקע אַרבעטער האָבן נישט געהאַט קיין שטים־רעכט, איז די ליסטע דורכגעפאַלן.*

איין מאָל איז געווײלט געוואָרן אַלס ציוניסטישער דאָזער יחיאל ריוואַן. די חסידים האָבן געוואָלט פון אים פּטור ווערן, האָבן זיי אים דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער איז אַליין געצוווּנגען געווען צו דעמיסיאָנירן.

נאָך א ייִד, א פאָרשטייער פון באַלעבאַטישן שיכט, איז געווען דאָזער — מרדכי גריימאַן. ער איז געווײלט געוואָרן פון דער ליסטע בעלי־בתּים (השפּעה פון „מזרחי"), אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מאַנדאַט, מאָטיווירנדיק דאָס מיט דעם, אַז ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט קען מען נישט זיין ערלעך... גריימאַן איז געשטאָרבן אין 1957 אין ישראל, אין עלטער פון 106 יאָר.

די לעצטע יידישע קהילה־מיטגלידער זיינען געווען:

דוד גאָלדהאַמער, הנוך אַלטער (גערער חסידים); משה־אהרן עסטרייכער, אביגדור האַנדעלסמאַן (אַלעקסאַנדערער חסידים); הנוך יעקובאָוויטש (האַנדווערקער); אברהם ראָזענצווייג (בעלי־בתּים); מיכאל ריוואַן („מזרחי").

מאיר זאַנענבערג / דער שטאָט־ראַט

ביז יאָר 1922 איז אין אַלעקסאַנדער נישט געווען קיין שטאָט־ראַט. אַדמיניסטראַטיוו איז אַלעקסאַנדער געווען א גמינע, בראש פון וועלכער ס'זיינען געשטאַנען א וואָיט מיט סאָלטיסן.

ווען ס'זיינען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צום שטאָט־ראַט זיינען אויסגעווײלט געוואָרן 24 ראַטמענער: 11 דייטשן, 6 יידן און 7 פּאָליאַקן. דער ערשטער בירגערמייסטער איז געווען א פּאָליאַק: פּיסטער.

דער יידישער לאַווניק, ברוך־שלמה האַנדעלסמאַן — וואָס איז אויך געווען דאָזער אין קהילה — צוזאַמען מיט די יידישע ראַטמענער — האָבן אין לויף פון זייער טעטיקייט קיין ספּעציעלע איניציאַטיוו נישט אַרויסגעוויזן. זייער

---

* זע וועגן דעם די אַרבעט פון יעקב פּערלמוטער און יצחק צענדאָרף: „פּועלי־ציון" באַלכסנדר.



יהודים חברי מועצת העיריה: יושבים, שורה ראשונה מימין: ברוך ניסנבוים, יעקב גולדברג (שלישי); שורה שניה: משה אהרן אסטרייכר, יצחק לווין, הרשל קופרווסר, חבר ההנהלה ברוך־שלמה הנדלסמן (חמישי).

שטאָט ראַדניקעס יידן: 1־טע ריי, זיצן פון רעכטס: ברוך ניסנבוים, יעקב גאָלדבערג (דריטער); 2־טע ריי: משה אהרן עסטרייכער, יצחק לעווין, הערשל קופּערוואַסער, לאַווניק ברוך שלמה האַנדעלסמאַן (פינפטער).

טעטיקייט האָט זיך באַגרענעצט צו שתדלנות, אראָפּנידערן די פּאָדאטקעס, צונישט מאכן א פּראָטאָקאָל. אויף דעם געביט האָט זיך שטארק אויסגעצייכנט ברוך־שלמה האנדעלסמאן. א ייד, וועלכער האָט זיך גענויטיקט אין א טובה, איז באלד געגאנגען צו ברוך־שלמהן.

אליין נישט קיין גרויסער גביר — געהאט א פארבעריי צוזאמען מיט זיינע ברידער משה־הערש, אביגדור און לייבל — איז ער אליין געשטאנען ביים פארב־קעסל מיט שווארצע פארקאָפּטשעטע הענט, אין א פּאר טרעפּעס. און ווי נאָר ער האָט באמערקט, אז א ייד קומט צו אים אריין וועגן עפּעס אן ענין — האָט ער באלד אלץ איבערגעלאָזט און איז גלייך געגאנגען דעם יידן אויסצוהערן. ער איז נישט געווען פויל אוועקגיין אין מאגיסטראט צו דערליידיקן פאר דעם יידן זיין ענין.

ער איז געווען זייער באליבט ביי די יידן אין שטאָט. מ׳דארף צוגעבן, אז ער האָט גערעדט א גוטן פּויליש און צו זיינע רייד האָט מען זיך צוגעהערט. זיינע אינטערווענצן האָבן געבראכט געווונטשענע רעזולטאטן. מיטן פּוילישן בירגערמייסטער מאריאן אנדזשעיאק, א מיטגליד פון פּ.פּ.ס., איז ער געווען אין גוטע באציונגען. ברוך־שלמה איז געווען דער איינציקער ייד, קען מען זאָגן, מיט וועמען די פּוילישע שררה (מאגיסטראט, אויספיר־אָרגאן) האָט זיך גערעכנט. אחוץ אים זיינען אין שטאָט־ראט געווען פאָלגנדיקע יידישע ראטמענער:

משה־אהרן עסטרייכער, ברוך ניסנבוים (אלעקסאנדערער חסידים); יצחק לעווין (גערער חסיד); הערשל קופּערוואסער (סאכאטשעווער חסיד); יעקב גאָלדבערג (ראדאמסקער חסיד); יחיאל פליטמאן (רעכטע „פּועלי־ציון”); בן־ציון גאָלדוואסער („מזרחי”).

אין לעצטן שטאָט־ראט זיינען שוין אויסגעוויילט געוואָרן א ריי יינגערע ראטמענער. ס׳זיינען צוגעקומען: אברהם יעקובאָוויטש פון האנדווערקער־פאריין; טוביה קוטשינסקי פון די לינקע „פּועלי־ציון”.

דער לעצטער יידישער לאווניק אין אלעקסאנדער איז געווען דר. גאָטליב.*

---

* דר. גאָטליב אהרן, געבוירן 1901, געענדיקט אויף דאָקטאָר מעדיצין (אינ־טערניסט) אין יאָר 1929, געארבעט קודם אין טורגעלע, שפּעטער זיך באזעצט אין אַלעקסאנדער. אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ. זע: The Martyrology of the Jewish Phisicians in Poland, — New York, 1961, p. 630. חוץ דר. גאָטליב איז אין שטאָט געווען נאָך א יידישער דאָקטאר מיטן נאמען גלאַט, וואס האט זיך נאך פריער באזעצט אין אלעקסאנדער.

פאַרטייען

שמואל פערלמוטער /

דער אַרבעטער סעקטאָר

וועןְ דאָס האַרץ איז טרערן,
קען געטרייסט נישט ווערן,
וועל איך דורכגיין מיין רעשטל טעג,
מיט א בענקשאַפט אייביק, צו יענעם ברעג.

ואלה תולדות — און דאָס איז די נייע געשיכטע פון שטעטל אלעקסאַנדער, זינט דעם יאָר 1915, ביז דעם גרויסן קאַטאַקליזם. יידן האָבן דאָרט געלעבט, געשאַפן און — נישטאָ מער.

אלעקסאַנדער איז זינט דורות געווען א חסידישער צענטער, ווו דער „הויף" און אנדערע חסידים־שטיבלעך, האָבן געשאַפן אן אייגנאַרטיקע אַטמאָס־פער און די גרויסע מערהייט פון דער יוגנט זיינען געווען קלויז־בחורים. הגם דאָס יידישע לעבן אין אַלגעמיין איז לעצטנס שוין געווען באַדייטנט סעקולאַריזירט — האָט אָבער די טראַדיציאָנעלע יידישקייט נאָך אלץ געהאַט אירע וואָרצלען אינעם לעבן פון אלטן דור, און די גייסטיקע פירער פון אָט דעם דור האָבן אויפגעהאַלטן דערציונג־אַנשטאַלטן און „ישיבות", אין וועלכע זיי האָבן זיך באַמיט צו דערציען אין זייער גייסט.

אין היגן רבישן „הויף" האָבן זיך געהאַט אָנגעזאַמלט אוצרות מיט טייערע חפצים פון א סך דורות. זיי האָבן אויך פאַרמאָגט ווערטפולע אַלטע „פנקסים".

ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס יידישע לעבן דאָ געווען פאַרגליווערט אין דלת־אמות פון פראַצע; פון באַגינען ביז אין שפּעטער נאַכט. די פרומע, קאָנסערוואַטיווע עלטערן, האָבן געזען צו האַלטן די קינדער דערווייטערט פון אַלערליי נישט־געוואונטשענע השפעות.

די אָרטאָדאָקסיש־אַריסטאָקראַטיש־אָפּגעשטאַנענע שטוב האָט געגעבן אַביסל בילדונג די קינדער, געהאַלטן מלמדים און לערער, וועלכע האָבן זיי אין דער היים באַזוכט, ביז שדכנים האָבן פאַר זיי אָפּגעזוכט א פּאַסנדן, לויט דער עלטערנס מיינונג, גוטן שידוך. דאָ האָט מען דערצויגן די קינדער פאַר וויל־לערנערס, ווייל זיין א בעל־מלאכה איז געווען א פּסול אין דער משפּחה.

ס׳קומט דער געראַנגל צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, מ׳מוז ענדערן די ביטול־באַציונג צום אַרבעטער־קאָלעקטיוו, עס קומט אויך דער קאַמף איבער דער דערציונג פונעם נייעם דור.

די השכלה באַוועגונג פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווי אויך די כוואַליעס פון א ציוניסטישער און ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער מאַסן־באַוועגונגען אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַלעקסאַנדער, — ערשט ביי דער דייטשער אָקופּאַציע אין פּוילן אין יאָר 1915. די דייטשע אָקופּאַנטן, זייענדיק פאַראינטערעסירט אָפּצורייסן די יידן פון דער רוסישער קולטור, האָבן נישט געשטערט די קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין דער יידישער שפּראַך.

מיר זיינען דעמלט, כמעט אַלע, נאָך געווען „גרינע" אין געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אונדזערע קענטנישן און דערפאַרונגען האָבן מיר געלערנט פון די אַלגעמיינע דעמלטדיקע רעשיקע פּאַסירונגען פון לעבן און נישט פון גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן, פון וועלכע מיר זיינען נישט געקומען. אונדזער אָריענטאַציע איז געקומען אין פאַרשיידענע געביטן פון אונדזער אינערלעכן געזונטן פאָלקס־אינסטינקט און אינטואיציע. שפּעטער־צו איז געקומען דאָס וויסן און קענטנישן.

אין די פּאָר יאָר פון דער דייטשער אינוואַזיע — 1915—1918 — האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין אַלעקסאַנדער א יידיש־געזעלשאַפטלעך לעבן. אמת, אויך פריער, ס׳זיינען געווען איינצעלנע סאָציאַל־פּאָליטיש אָריענטירטע, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער אָדער אַנדערער פּאַרטיי — אָבער דאָס זיינען געווען יחידים. ס׳זיינען שוין אין יאָר 1905 געווען לינק־איינגעשטעלטע פּערזאָנען — זאָגט עדות מיין פאָטער ז״ל — וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט אין די נעכט די אויסרופן קעגן דער צארישער מאַכט.

ווינטער פון יאָר 1915 האָט די רוסישע אַרמיי, צום צווייטן מאָל, ענד־גילטיק פאַרלאָזט דעם פראָנט קעגן די דייטשן און איבערגעלאָזט א האַלב־

פארברענט שטעטל, אַן מיטלען צום לעבן, א הונגעריקע און פון קעלט געפרוירענע באפעלקערונג. אין רעזולטאט פון דעם אלעם האָט געבוטשעוועט דער טיפוס, וואָס האָט געטראָפן א טייל פון דער יידישער אָרעמקייט, דער עיקר — קינדער. צו דעם איז צוגעקומען דאָס ארייננציען פון דער יוגנט אויף ארבעט דורך די דייטשן הינטערן פראָנט. אין אָט דעם אזוי שווערן מצב האָט זיך צונויפגערעדט און אָרגאניזירט א גרופע יידן און אָנגעהויבן קודם־כל זאָרגן פאר די קינדער, די זקנים און די אומבאהאָלפענע. זיי האָבן געגרינדעט דעם „יוגנט אונטערשטיצונג־פאריין", וועלכער האָט אויפגעשטעלט א ביליקע און טיילווייז אומזיסטע פאָלקס־קיך און א טיי־האלע, ווו די הונגעריקע יידישע באפעלקערונג האָט באקומען א לעפל ווארעמס, א גלאָז טיי און געהאט ווו צו פארברענגען די פרייע שעהן אין א ווארעמער סביבה.

די „טיי־האלע" איז געווען אין הויז פון יומעלע פליטמאַן. שפעטער־צו איז דער „יוגנט אינטערשטיצונג־פאריין" אריבער אין הויז פון אלטער חיים האָפמאַן, אויף דער לאָדזשער גאַס. צו די גרינדער האָבן געהערט: טענצער, ביעליס, מאָרגענשטערן, יוזעפאָוויטש, דער פעלדשער, יחיאל ריוואַן, קיסין, לעווין. די יינגערע גענעראַציע איז געווען פארטראָטן דורך הערשל גאָלדבערג, נחום ראָזענבערג, פנחס זשארנאָווסקי, פייוויש שליאם, חיה דרוקער א. אַ.

מיט דער טעכנישער אויספיר־ארבעט, וואָס איז ביי די דעמלטדיקע שווערע ווירטשאפטס־באדינגונגען, געווען גאָרנישט קיין לייכטע, האָבן זיך מיט פלייס פארנומען פנחס גאָלדקראַנץ, יצחק פערלמוטער א. א.

עס איז געשאפן געוואָרן א דראמאטישע און פרעלעגענטן סעקציע, וואָס האָבן איינגעאָרדנט פאָרשטעלונגען, פאָרלעזונגען און אָוונטן פון געזאנג און טאנץ. די הכנסה איז פארווענדט געוואָרן אויף וויל־טעטיקע צוועקן. עס זיינען אויפגעפירט געוואָרן די פאָרשטעלונגען: „דער ,ישיבה'־בחור", „גאָט, מענטש און טייוול", א. א. אונטער דער רעזשי פון ניסנבוים און רייכענבערג (לאָדזש).

ווי ס'ווייזט אויס, זיינען די איניציאַטאָרן־שאפער פון דעם „יוגנט אונטערשטיצונג־פאריין" געווען אַן ענגע און געשלאָסענע גרופע. א סימן — זיי האָבן נישט צוגעצויגן קיין סך מיט־העלפער. די שטרייט־פראגן צווישן זיי זיינען משמעות געווען מער פון א פערזענלעכן כאראקטער, ווי פון אַן אלגעמיינעם אידעאישן.

דער אקטיוו איז מיטאמאָל אויפגעוואקסן אין די אויגן פון דער יידישער באפעלקערונג. מען האָט אָנגעהויבן פילן, אז ס'וועט געלייגט דער גרונט־שטיין פון א ניי קולטור־געזעלשאפטלעך לעבן אין שטעטל.

דער „יוגנט אונטערשטיצונג־פאריין" האָט געשפילט א פיאָנירישע ראָל אין דער היגער געזעלשאפטלעכקייט. דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל געהערט די נעמען: מענדעלע מוכר ספרים, פרץ, ביאליק, רייזן און ווארשאווסקי. צוגלייך האָט מען זיך צוגעהערט צו אזעלכע, ביז דאן כמעט פרעמדע נעמען, ווי לענין, טראָצקי, הערצל און באָראָכאָוו, באלפור־דעקלעראציע און „סאן־רעמאָ".

דאָס האָט געווירקט אויף ברייטע קרייזן און אפילו אוועקגעריסן לערנערס פון קלויז. אין „יוגנט אונטערשטיצונג־פאריין" האָבן ביי דער ארבעט, אין דער ערשטער צייט, קאָאָרדינירט אלע געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע אָרגאני־זאציעס, ביז דעם יאָר 1920, ווען ס'איז בולט געוואָרן דאָס ארץ־ישראל פּראָבלעם און פאָרשטייער פון די פארטרעטענע דאָרט פארטייען האָבן גענומען קלאָרע שטעלונגען צו דער פראגע: די ציוניסטישע און פועלי־ציוניסטישע פאָרשטייער פון איין זייט, און די אָרטאָדאָקסישע און בונדישע פאָרשטייער פון דער צווייטער זייט. נאָך 2—3 יאָר געמיינזאמער הילפס־ארבעט לטובת די דורך־דער־מלחמה געליטענע, און א פארצווייגטע קולטור־דערציערישע טעטיקייט האָט זיך דער „יוגנט אונטערשטיצונג־פאריין" אויפגעלעזען.

פאראלעל האָט עקזיסטירט א טורן־און ספאָרט־קלוב אין זאל „לוטניע" אויף דער לאָדזשער גאס, ווו א דייטש, אָדער א יידיש־דייטש, שמידט, האָט מושטירט און געאיבט מיט די יידישע יוגנט־גרופן אין דער דייטשער שפראך. צווישן זיי איז געווען אויך דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז אהערגעקומען קאָנספּיראטיוו, נאָך א שיעור אין בית־המדרש, טראָגנדיק נאָך א לאנגע, חסידישע קאפּאָטע, וועמענס פּאלעס זיינען געווען אן ערנסטער שטער בעתן טורנען און די לאנגע פאות אראָפּגעהאָנגען, האָבן זיך געשאָקלט, ווי צווייגן־ריטלעך, אויפן ווינט.

אין יידישן לעבן האָבן אין יענער צייט אויפגעוואכט ריזיקע מאסן־כוחות, וואָס האָבן גענומען זיך אויספורמען און אויסגעשטאלטיקן. די סאָצ־יאליסטישע אידייע פון די ארבעטער פארטייען „בונד" און „פועלי־ציון", ווי אויך די נאציאָנאלע רענעסאנס־באוועגונגען אין יענער צייט, האָבן באווירקט

גרויסע טיילן יידן פון אלעקסאנדער, ספעציעל די יוגנט, וועלכע האָבן דאָס מיט באגייסטערונג אויפגענומען.

עס איז געווען א באמתע מעטאַמאָרפאָזע פונעם יידישן קליינשטעטלדיקן, אידילישן לעבן. מען האָט גענומען אָניאָגן די לאנגע יאָרן פון אָפגעשטאנענקייט, פון לעבן אין מיטלאלטערלעכע עקאָנאָמישע, מאטעריעלע און גייסטיק־קולטורעלע באדינגונגען.

מיר האָבן זיך אויף א נאטירלעכן אופן צונויפגעוועבט מיט די פאָלקס־מענטשן פון דעם שטעטל. מיר האָבן, אין אונדזער גרויער וואָך, געקומען אין קאָנטאקט מיט פארשיידענע טיפן און מענטאליטעטן פון דער באפעלקערונג, מיט פרומע לייט און הפקר־יונגען, וועלכע זיינען געווען א שטער אין אונדזערע מעטאָדן און מיטלען, צו געווינען און משפיע זיין די פאָלקס־מענטשן, פאר דער מאָראלישער דערהויבונג פון יחיד און פערמאַנענטער זאָרג פונעם כלל.

יאָ, מיר האָבן געהאט באריר־פונקטן מיט דעם חסידישן און פאָלקס־שאפן; מיר האָבן ארויסגעוויזן א טיף־אינעווייניקסטע באציונג צו חסידות פון „אויב נישט נאָך העכער", וואָס שטאמט פון די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה.

חסידיזם אין אונדזער לעבן איז געווען אויסגעצייטיקטע היילונג פאר דעם יידישן גייסט, געטראָגן גלויבן, געברענגט הילף און טרייסטפולע פרייד, ווען ס'איז שוין געווען „באו מים עד נפש". אזוי ווי בעל־שם־טובס חסידות איז געווען קודם כל פארן פשוטן פאָלק, וואָס האָט זיך געבויגן אין דרייען פאר דעם לערנער אין שול, אזוי האָט דער ציוניזם, דער פראָלעטארישער ציוניזם, דערהויבן דאָס לעבן, ספעציעל אין די שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע.

דאָס האָט פארכאפט אויך די חסידים־שטיבלעך, ווו יונגע־לייט זיינען געזעסן ביי די אָפענע גרויסע גמרות, פון א שפראָץ אויף באגינען ביז שפעטן חצות. פון דאנען האָט זיך געטראָגן א טיפער ניגון אין די שווערע ווינטער־דיקע נעכט און געהייטערט דאָס שווערע געמיט פון אן אָרעמער שטוב.

אין קהלס און אין רבינס בית המדרש האָבן בחורימלעך געלערנט דעם טעגלעכן שיעור, ביי די מער דערוואקסענע וויל־לערנערס, צווישן זיי דער שרייבער פון די שורות. יעדעס מאָל איז געקומען אן אנדער למדן פון די עלטערע יידן, צו פארהערן די 13—18 יעריקע בחורים און אפילו די וואָס לערנען שוין פאר זיך. דאָ האָט מען געלערנט מיט התמדה, מיט ערנסט, ווי מען וואָלט אויף זיך געטראָגן דעם גאנצן עול פון יידישקייט. אָבער די

הילכיקע אָפּרופן פון די דעמלטדיקע ארומיקע וויכטיקע געשעענישן האָבן געהאט זייער אויסקלאנג אין די הייליקע ווענט פון די בתי מדרשים. א גרויסער טייל האָט אָנגעהויבן לייענען און פאראינטערעסירן זיך מיט די נייעס אין די צייטונגען און בגניבה געכאַפּט א קוק אין א ספר־חולין. מ׳איז געקומען אין קאָנטאקט מיט דער אויפגעברויזטער גאס.

א היבשער טייל איז אריין אין דער „מזרחי״ אָרגאניזאציע, א טייל איז געוואָרן פיזישע ארבעטער, דער עיקר אין זאָקן־פאַך, און מיט דער צייט געוואָרן טעטיק אין דער „פועלי־ציון״ פארטיי (א קלענערער טייל אין דער אָרגאניזאציע פון „בונד״). פון דאן הייבן זיך אָן די ערנסטע קולטור־געזעלשאפטלעכע און פאָליטישע פארטייאישע ארבעטן.

א טייער, הארציקע יוגנט איז דאָס געווען — א צעזונגענע, צוגלייך, ערנסטע יוגנט, באפליגלט צו גרויסע דערגרייכונגען. געפירט א באוווסט־זיניק־לעבן, מיט א חוש פאר קולטור־דערשיינונגען. געהאט פיעטעט פאר א גוט, באלערנדיק ספר. מיט פארשטאנדקייט אויפגענומען דאָס גוטע אינעם לעבן. געפירט אומבויגזאם דעם קאמף קעגן שונאים פון דרויסן און פון אינעווייניק.

די תקופה פון באנייטן אלעקסאנדער, באזונדערס די ערשטע יאָרן, איז שוין איינגעהילט, ווי אין א ווייטן נעפל פון פייער און בלוט, און דער נאָכוווקס־דור און אוודאי פאר די יונגע, וואָס זיינען אויפגעוואקסן אין ישראל, האָט דאָס, צום באדויערן, נישט מער קיין באדייטונג.

עס איז באלערנט דער פאקט, וואָס כמעט אלע וואָרט־זאָגער וואָס האָבן רעפּרעזענטירט די פאָליטיש־געזעלשאפטלעכע פארטייען און קולטור־דערציערישע אָרגאניזאציעס, האָבן גענומען א טיכטיקן אָנטייל אין די ציוניסטישע און ציוניסטיש־סאָציאליסטישע באוועגונגען, האָבן ביז היינט אין זיך אויפגעהיטן פיעטעט, ליבשאפט און פארערונג צו זייערע אידייען און אידעאלן.

משה הנדלסמן /

התנועה הציונית בהתפתחותה

נולדתי באלכסנדר במשפחה גדולה וענפה. היינו ארבעה אחים ושלוש אחיות, וכמה מאתנו לקחו חלק בפעילות ציונית ופועלית־כללית.

בחיי הושפעתי על־ידי כמה גורמים: בגיל צעיר ע״י סבי מצד אמא — ר׳ הרשלי חלמר, מחסידי וורקא, ביאלה ואלכסנדר, שבילה הרבה מזמנו בביתנו; וכן ע״י סבי מצד אבי — ר׳ יעקב קופל הנדלסמן — תעשיין, עסקן־ציבור יהודי וכללי. רוב בניו היו מעורים בתנועה הציונית ובפעילות ציבורית בעירנו.

חייתי את הציונות מגיל צעיר. אבי, יהודה לייב ז״ל, אסף כסף עבור הקרן הקיימת והפיץ שקלים עוד לפני מלחמת העולם הראשונה. בבית חונכתי לקריאת עתון עברי יומי, „הצפירה", והוצאות עבריות אחרות. חונכתי על ידי ר׳ אפרים מנשה שרמן (חתם את שמו בפסבדונים „אמש״), אשר הייתי תלמידו היחידי ומגיל צעיר למדתי תנ״ך ועברית. למדתי אצלו חמש שנים בערך. עד היום נזכר אני, לפעמים, בטיולי השבת שלו עם חברו ר׳ אליהו פיין ז״ל, מחוץ לעיר, בהם היו משמיעים שירים עבריים רוויי געגועים לארץ, וכן בקריאה המשותפת בעתונים העבריים שהיו ברשותי. את לימודי המשכתי עד גיל הבגרות.

בשנת 1916 חל מפנה בחיי: עם חברי, יחיאל פרנקל ז״ל, הוזמנתי לאספת היסוד של צעירי „המזרחי״ בלודז׳. התחלנו בארגון „המזרחי״ ו„צעירי המזרחי״ בעיירתנו; והתחיל מאבק נגדנו משני צדדים: מבית ה„חצר״ של חסידי אלכסנדר ובתי הכנסת של החסידים מצד אחד, וה„בונד", שכבר אז היה מאורגן בעירנו — מצד שני.

פתחנו בפעילות ציבורית ותנועתית מבלי שים לב לקשיים ולסכנות, ובשנת 1917 הקמנו באופן רשמי את תנועת „המזרחי״ באלכסנדר.

עלי לציין שהתנועה היכתה גלים בעיירה והצטרפו אל „המזרחי״ מכל חוגי התושבים: מחסידי גור ומחוגים רחבים של מתפללי בית הכנסת העירוני ובית המדרש של הקהל. בד בבד עם „המזרחי״ הקמנו גם את תנועת „צעירי המזרחי״, מטובי הנוער הלומד והעובד בעיירה.

כאן המקום לציין את שמות חברי הוועד הראשון של „המזרחי״: ר׳ ברוך־שלמה הנדלסמן ז״ל, ר׳ אביגדור הנדלסמן ז״ל, ר׳ יהודה לייב הנדלסמן ז״ל, ר׳ הירשל ויינברג ז״ל, ר׳ יצחק שמידט ז״ל, ר׳ חנוך שמידט ז״ל, ר׳ מיכל גריימן ז״ל (נפטר בארץ). ב״כ „צעירי המזרחי״ בוועד היו: ר׳ יעקב שלם ז״ל, ר׳ יחיאל פרנקל ז״ל, ר׳ הרשל פרנקנטל ז״ל, ר׳ חנוך גוטרמן ז״ל, ויבל״א יחיאל משה הנדלסמן, כותב שורות אלה.

לוועד הראשון של „צעירי המזרחי״ נבחרו החברים: יחיאל פרנקל ז״ל, בן־ציון גולדווסר ז״ל, פנחס ליפשיץ ז״ל, יחיאל ווונטש ז״ל, יחיאל משה זבר ז״ל, ויבל״א יעקב פרלמוטר ויחיאל משה הנדלסמן.

עם הקמת התנועה התחלנו בפעולות שונות ומגוונות כגון: ארגון הנוער בשורות התנועה, הפצת שקלים ואיסוף כסף למען הקרנות הציוניות (קרן הקיימת לישראל, קרן הגאולה, ואח״כ קרן היסוד). כ״כ הקימונו בית כנסת שריכז מאות מתפללים בשבתות, רכשנו כמעט בית שלם עבור לשכת המפלגה ובית־ספר „המזרחי״, שהיה בית־הספר העברי היחידי באלכסנדר. רוב בני הנוער שהצטרפו במשך השנים לתנועות ציוניות וציוניות־סוציאליסטיות — „פועלי־ציון״ ימין, „פרייהייט״, „התאחדות״, „גורדוניה״ ו„החלוץ הכללי״ — קיבלו את החינוך העברי בבית־הספר או בשעורי הערב לעברית שניהלנו.

הנוער החלוצי שעלה לארץ לפני מלחמת העולם, בשנים 1930 עד 1939, ידע עברית קרוא וכתוב. גם חלק לא מבוטל שבאו לארץ אחרי השואה, אפילו השתייכו לארגונים מאד שמאליים, ידעו עברית וזה הקל עליהם להיקלט בחיי עבודה ויצירה בארץ.

תושבי העיר היו ערים לנעשה בשטח הציוני והחינוכי והגישו את עזרתם המוסרית והכספית, למרות החרמות מצד חסידי המקום והפרעות מצד החלק האנטי־ציוני בעיר. לא רק בענייני חינוך דתי וציוני פעלנו — אין שטח־חיים שלא היינו פעילים בו: החל בפעולות הג׳וינט בסוף שנת 1917 ועד השתתפות בבחירות לוועד הקהילה ולעיריה (אחד מחברי ה„מזרחי״, ר׳ ברוך־שלמה הנדלסמן, היה סגן ראש העיריה).

היינו פעילים מאוד בתנועה הארצית והשתתפנו בוועידות כלליות־ארציות של הקרן הקיימת, קרן היסוד ובוועידה שאירגן בווארשה מי שהיה חבר הסיים בפולין מר גרינבוים, שנקראה בשם „צייטווייליקער יידישער נאציאָנאל־ראט צוזאמענפאר״.

בשנת 1924—25 קמה התעוררות לעליה ועלו לארץ כמה משפחות שלמות, ביניהם גם תעשיינים ידועים בעירנו ומחוגי החסידים: משפחת ר׳ אלתר זילברברג ומשפחת ר׳ זאב קופלוביץ. משפחות אלה התערו בחיי הישוב. כמו כן עלו אנשי ה„מזרחי״ ו„צעירי המזרחי״ וחוץ מאחד התערו כולם בחיי הארץ, הקימו משפחות נוספות והרחיבו את השרשרת.

העיקר — הזרע שהתחלנו לזרוע בשנת 1916 נבט וצמח ובשנת 1929—30 עלתה עליה חלוצית גדולה, יחסית לממדים ההם. רובם קיבלו את ההכשרה והידע הראשון של הציונות בבית־ספר „המזרחי״ וב„צעירי המזרחי״.

ברצוני לציין את היקרים והראשונים לעליה, שנפטרו בארץ:

ר׳ אלתר זילברברג ואשתו ז״ל, שנפטרו בשיבה טובה וזכו לראות בהתערות ילדיהם בחיי הארץ;

ר׳ זאב קופלוביץ, שלמרות הכשלונות הראשונים בענף התעשיה, לא בז לכל עבודה. ולאחר שהשיא את ילדיו — עם בואו אל המנוחה ואל הנחלה — נפטר טרם זמנו;

ר׳ מיכל גריימן ואשתו ז״ל, מראשוני תנועת „המזרחי״ בעירנו. ביתם היה בית־ועד לענייני התנועה. נפטרו בהשאירם בנים ובנות ונכדים בהתיישבות העובדת.

אברהם ציאשניאק / דער „בונד״

אין דעם קאמף וואָס האָט זיך געפירט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באוועגונג קעגן דער דעספּאָטישער צארישער מאכט אין רוסלאנד, און שפּע־טער אין פוילן, האָבן זיך אויך מיטבאטייליקט די יידישע ארבעטנדיקע מאסן, וואָס האָט ארגאניזירט, אין יאָר 1897, די נאָר־וואָס געגרינדעטע יידישע סאָציאַל־דעמאָקראטישע אַרבעטער־פּארטיי, דער „בונד״. די קאפּיטאַליסטן און די זעלבסט־הערשער האָבן איצט שוין צו טאָן נישט מיט דעם אמאָליקן איינגעהויקערטן יידישן ארבעטס־מענטש, וועלכער איז געווען שוואך און נידערגעשלאָגן און וועלכן מען האָט געקענט אומבאשטראָפט טרעטן מיט די פיס. פאר זיי שטייט שוין איצטער א מעכטיקע אומלעגאלע קאמפס־

אַרגאַניזאַציע פון „בונד״, צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן זיך שפּעטער אָרגאַניזירט אַלס פּראָפעסיאָנעלער קלאַסן־פאַריין, וואָס האָט געקעמפט פאַר זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעכט.

אונדזער זאָקן־שטאָט אַלעקסאַנדער האָט שוין אין יאָר 1905 אָנטייל גענומען אין דער ראַיאָן־קאָנפערענץ וואָס איז פאָרגעקומען אין לאָדזש אויף צו אָרגאַניזירן פּראָטעסט־שטרייקן קעגן דער צאַרישער מאַכט, וואָס האָט געהייסן שיסן אויף די דעמאָנסטרירנדע אַרבעטער. דאָס איז געווען דער סיגנאַל צו די ווייטערדיקע רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין יאָר 1905. דער פּראָטעסט־שטרייק איז פאָרגעקומען אין די אַרומיקע שטעטלעך נעבן לאָדזש, ווי: זגערזש, פּאַביאַניץ, אָזאָרקאָוו, און אַלעקסאַנדער. חוץ דעם האָבן די יידישע האַנט־זאָקן־אַרבעטער פון אונדזער שטאָט אויך געפירט אַ קאַמף קעגן אונדזערע היימישע יידישע עקספּלאָאַטאָרן, די יידישע פאַבריקאַנטן ווי די גוטערמאַנס, הירש צודקאָוויטש (דער שוואַרצער הירש) און אַנדערע. יידישע האַנט־זאָקן־אַרבעטער האָבן געאַרבעט פאַר זיי פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטער־גאַנג, ביי נידעריקע לוינען און אָן שום סאָציאַלע רעכט.

אויסער דעם, וואָס זיי, די פאַבריקאַנטן, האָבן געהאַט פאַבריקן, ווו די אַרבעטער האָבן געאַרבעט, האָבן זיי די גרעסטע טייל אַרבעטן אַרויסגעגעבן צו אַרבעטער אין שטוב אַריין, ווו דאָס האַנט־זאָקן־מאַשינדל איז געווען צוגעשרויפט צום טיש אָדער צום פענסטער, און די גאַנצע פאַמיליע האָט צוגעהאָלפן ביי די פאַרשיידענע אַרבעט־פּראָצעסן, ווי שפּאָלן דעם פאָדעם, רעפּעריזירן די זאָקן, א.א.וו. די פאַרטיקע סחורה איז געוואָרן צוריקגעגעבן דעם פאַבריקאַנט, וואָס האָט די סחורה צעשיקט סוחרים קיין לאָדזש, איבער גאַנץ פּוילן און אויך אין טיף־רוסלאַנד.

מיטן טראַגישן אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט זיינען אויך פאַרלוירן געגאַנגען אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן געקענט אויף אַ ברייטערן אופן באַלייכטן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון דער בונדישער אָרגאַ־ניזאַציע ביי אונדז אין שטאָט. איך מוז זיך דעריבער שטיצן נאָר אויף דעם, וואָס איך האָב באַוויזן איינצוזאַפּן אין מיין זכרון, וואָס באַגרענעצט זיך צו דער אַרבעט וואָס איז געפירט געוואָרן אין מיין צייט ווי אויך צו דעם וואָס איז צו מיר דערגאַנגען דורך די עלטערע חברים בונדיסטן.

די בונדיסטן אין אַלעקסאַנדער האָבן זיך רעקרוטירט פון די עלעמענטן וואָס האָבן זיך גרופּירט אויף די אַרבעט־בירזשעס, און פון די „אחדות״־

גרופן, יונגען און מיידן „וואָס ווילן אראָפּוואַרפן ניקאָלייען דעם קיסר״. די „אחדות״־גרופן זיינען געווען אין „עקאָנאָמישע״ אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע צו דערליידיקן ארבעטס־סכסוכים צווישן די יידישע ארבעטער און די ארבעטס־געבער. אַזעלכע סכסוכים פלעגן פאָרקומען צווישן די האַנט־זאַקן־ארבעטער און זייערע ארבעטס־געבער, ווי אויך ביי די בענדל־מאַכער און די האַנט־וועבער וואָס האָבן שוין געהאַט געפירט אַזוי גערופענע „קליינע שטרייקן״. נאָר דער גרעסטער טייל שטרייקן און סכסוכים איז פאָר־געקומען ביי די יידישע האַנט־זאָקן־ארבעטער. ווייל דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג האָט זיך פארנומען מיט אויסארבעטן זאָקן.

די יעניקע וואָס זיינען געווען מיטגלידער אין די „הילפּס־קאַסעס״ זיינען שוין געווען א מער אָרגאַניזירטער עלעמענט, וואָס האָט זיך פארנומען אויך מיט קולטור־ארבעט, געפירט ליי־ביבליאָטעקן, ווו מען האָט פאַר א קליינעם אָפּצאָל געקענט לייענען און אויסבאָרגן א בוך. דאָס האָט דעם יידישן ארבעט־מענטש געגעבן א מעגלעכקייט, זיך צו באַקענען מיטן אַלגעמיינעם רעוואָלוצ־יאָנערן שטורמישן לעבן אין דער דעמלטדיקער צייט. עס פלעגן אויך פאָר־קומען ליטעראַרישע שמועסן און פּאָליטישע לעקציעס אין די אָרומיקע וועלדער און אַנדערע ערטער, ווו מ׳האָט זיך געקענט אויסבאַהאַלטן פאַר א פּאָליציייאיש אויג. אַלץ איז פאָרגעקומען אויף אן אומלעגאַלן אופן. דער נאָמען „הילפּס־קאַסע״ איז געווען צוליב קאָנספּיראַציע־צוועקן לגבי דער מאַכט.

אָנגעפירט מיט דער ארבעט האָבן די ח״ח שמחה קאָפּעל, רפאל שימקע־וויטש, הערשל איזראַעלעוויטש (דער שוואַרצער הערשל), גאָלדע מאַלקע וועבער, שרה מירל ברעסלער, שפּעטערדיקע פרוי פון שמחה קאָפּעל. אין דער צייט פון די מלחמה־יאָרן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע (1915—16) האָט דער „הילפּס־קאַסע״־פאַריין שוין געטראָגן מער א לעגאַלן כאַראַקטער. די קולטור־ארבעט איז שוין געפירט געוואָרן אין א לעגאַלער פאָרם, און עפנטלעך זיינען שוין פאָרגעקומען ליטעראַרישע און פּאָליטישע פאָרלעזונגען פון די חברים פון אַלעקסאַנדער און אויך פון לאָדזש. אין דער זעלבער צייט איז אויך אַנטשטאַנען דער האַלב לעגאַלער יידישער פראָפעסיאָנעלער פאַריין אָנגעפירט דורך די אויבנדערמאַנטע חברים. דאָס האָבן אָרגאַניזירט די יידישע האַנט־זאָקן־ארבעטער.

א קליינער טייל קריסטלעכע האַנט־זאָקן־ארבעטער איז מיטגעגאַנגען אין דעם יידישן פראָפעסיאָנעלן פאַריין, וואָס זיין לאָקאַל איז געווען אין דער

מילן־גאס ביי קאסטנערן, אין הארץ פון דער יידישער אַרעמקייט. עס דערמאַנט זיך מיר א קוריאַז, וואָס די חברים בונדיסטן פלעגן דערציילן פון אַט דער צייט. די אקטיווע טוערין פון „בונד" און אָרגאַניזאַטאָרין גאָלדע מאלקע וועבער האָט אויף א פארזאמלונג פון די האנט־זאָקן ארבעטער אין דער־מאָנטן פראָפעסיאָנעלן פאריין, בעת א שטרייק פון יידישע און קריסטלעכע ארבעטער, אָנגעהויבן איר רעדע מיט פאָלגנדע ווערטער: „איך וועל צו די פוילישע ארבעטער שפרעכן אויף דויטש", ווייל קיין פויליש האָט זי נישט געקענט. מיט איר קאמפס־ענערגיע און אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן האָט זי באווירקט אז די ארבעטער זאָלן זיך האלטן מוטיק אין שטרייק, און נישט קאפיטולירן פאר די פאבריקאנטן. און בעת די ארבעטער זיינען געווען הונגעריק, איז גאָלדע מאלקע מיט א גרופע ארבעטער און ארבעטערינס, געגאנגען אויף די קארן־פעלדער, געריסן די זאנגען און געגעסן די רייפע קערנער צו שטילן דעם הונגער ביז עס איז זיגרייך פארענדיקט געוואָרן דער שטרייק. אזוי איז געפירט געוואָרן א ברייטע עקאָנאָמישע, פאָליטישע און קולטורעלע טעטיקייט צווישן דער אלעקסאנדערער יידישער ארבעטנדער אָרעמקייט.

ענדע 1918, מיטן אנטשטיין פון דער פוילישער מלוכה, האָט שוין דער „בונד" אין אלעקסאנדער באוויזן צו אָרגאַניזירן די ארבעט. עס איז אין דער צייט פאָרגעקומען אין לאָדזש א ראיאָן־קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַ־ניזאציעס פון די ארומיקע שטעטלעך, האָט שוין אלעקסאנדער געשיקט אירע דעלעגאטן די ח"ח משה וואָלף זילבערשטיין, גאָלדקראנץ, שימקעוויטש, און דער פראָפעסיאָנעלער פאריין און די קולטור קאָמיסיע האָבן שוין געפירט זייער טעטיקייט.

אין יאָר 1919 ברעכט אויס די מלחמה צווישן פוילן און רוסלאנד, א גרויסער טייל יוגנט און פארטיי־מיטגלידער ווערן מאָביליזירט אין דער פוי־לישער ארמיי, א טייל בלייבט און ארבעט אומלעגאל. דער לאָקאל ווערט געשלאָסן, אין גאנץ פוילן קומען פאָר מאסן־ארעסטן. עס ענדיקט זיך די מלחמה צווישן פוילן און רוסלאנד, עס קומען צוריק א טייל חברים און דער „בונד" אָרגאַניזירט ווידער זיין ארבעט. צום בונדישן קאָמיטעט האָבן דעמלט געהערט: משה וואָלף זילבערשטיין, רפאל שימקעוויטש, פנחס גאָלדקראנץ, שרה מירל ברעסלער, ראובן וואָלף גילעף, גאָלדע מאלקע וועבער, און שמחה קאָפּעל.

די פּאָליטישע אויפקלערונג־ארבעט וואָס דער „בונד" אין אלעקסאנדער האָט געפירט איז געווען זייער א ברייטע און א פארצווייגטע. עס איז אויך געווען א גרויסע אָרטאָדאָקסישע רעליגיעזע פעריפעריע, פון כל מינים חסידים און די בונדיסטן זיינען פארשריגן געוואָרן פון זיי, ווי „שבת גוים", האלטן נישט פון יידישקייט, גייען נישט דאווענען, פארן אום שבת, טראָגן נישט קיין היטלען, און נאָך אזעלכע זאכן. עס זיינען אויך געווען אלערליי ציוניסטישע און פועלי ציוניסטישע אָרגאַניזאציעס, וואָס יעדע איינע האָט געפירט איר געזעלשאפטלעכע ארבעט.

ביים „בונד" אין אלעקסאנדער זיינען פאָרגעקומען סיסטעמאטישע עפנט־לעכע פארלעזונגען, וועגן פּאָליטישע אקטועלע געשעענישן, מיטן אָנטייל פון די בעסטע פרעלעגענטן פון ווארשע־לאָדזש, פון די ח"ח י. ליכטענשטיין, אפרים לאזער זעלמאנאָוויטש, ארטור זיגעלבוים, ש. מילמאן און אנדערע, און אויך פון אָרטיקע רעדנער די ח"ח שמחה קאָפּעל, שימקעוויטש, מאיר זאָנענ־בערג, ברוך זאָנענבערג א.א. אַ וויכטיקע ארבעט האָבן געטון די אָוונט־קורסן פון לערנען לייענען און שרייבן, וואָס איז פאָרגעקומען אין בונדישן לאָקאל, אין דער פוילישער שפראך, אָנגעפירט דורך דעם ח' ראָזענבלום, דעם איינציקן יידישן באאמטן אין דער קראנקן־קאסע ביי אונדז אין שטאָט. די יידישע שפראך האָט געלערנט ח' ברוך זאָנענבערג. די קורסן האָבן געבראכט זייער א גרויסן נוצן פאר די יידישע ארבעטער, ווייל אין זייערע יוגנט־יאָרן האָבן זיי נישט געהאָט קיין מעגלעכקייטן צו לערנען, צוליב דער מלחמה און אונטער דער דייטשער אָקופּאציע איז לערנען זיך געווען א שווערע פּראָבלעם.

עס האָט עקזיסטירט א כאָר ביי דער בונדישער אָרגאניזאציע אונטער דער אָנפירונג פון דעם זעלבן ח' ראָזענבלום. זיי האָבן געהאט ספּעציעלע ארויסטריטן אין פארטיי־לאָקאל און אויך אָנטיילגענומען ביי פארשיידענע בונדישע פייערלעכקייטן. זייער איינדרוקספול און אימפּאָזאנט פלעגן אויספאלן די אינטערנאַציאָנאלע און טיילמאָל די באזונדערע 1־טן מאי־דעמאָנסטראציעס, יאָר יערלעך, אָרגאניזירט דורך די פּאָליטישע אָרגאנזאציעס פון „בונד", פּ. צ. לינקע און רעכטע, פּ.פּ.ס., דייטשע סאָציאל דעמאָקראטישן ארבעטער־פארטיי, און פראָפעסיאָנעלע קלאסן־פאריינען פון יידישע און קריסטלעכע ארבעטער. אין געמיינזאמען צוג פון 1־טן מאי האָבן מארשירט יידישע, פוילישע און דייטשע ארבעטער, דורך די פוילישע און יידישע גאסן, מיט די רויטע פענער, און ארבעטער־לאָזונגען. ווען מען איז צוגעקומען צום מיטן מארק, אַנטקעגנ־

איבער דעם לוסט־גארטן, איז געווען צוגעגרייט א דעקאָרירטע טריבונע, ווו עס האָבן גערעדט די פאָרשטייער פון אלע פארטייען, וואָס זיינען געקומען פון לאָדזש, און אויך אַרטיקע רעדנער ווי דער ח׳ שמחה קאַפּעל פון „בונד״ און ח׳ טורעק פון פ.פ.ס א.א.

אויב דער 1־טער מאי איז אויסגעפאלן אין א מארק־טאָג, זיינען אויף דעם זעלבן פלאץ געשטאנען פויערים פון די ארומיקע דערפער, און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די אויספירן פון די רעדנער, וואָס האָבן גערעדט פון דער טריבונע. זייער אקטיוו זיינען געווען די בונדישע חברים ביי אונדז אין שטאָט ביים אדורכפירן דעם האלב־טאָגיקן פראָטעסט שטרייק (17.3.1936) קעגן פשיטיקער פאָגראָם, וואָס די ענדעקעס האָבן אדורכגעפירט אין א מארק טאָג. ער איז געווען געלונגען אדורכגעפירט. די פאבריקן האָבן נישט געארבעט, די געשעפטן און געוועלבער זיינען געווען געשלאָסן, די גאנצע יידישע באפעלקערונג פון שטאָט האָט געשטרייקט.

אויך דער פראָטעסט־שטרייק קעגן דער מאדאם פריסטאראוועס שחיטה־געזעץ איז געוואָרן אדורכגעפירט מיטן אָנטייל פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג. א גרויסע פאָליטישע אויפקלערונגס־ארבעט האָבן די בונדיסטן אין אלעקסאנדער געפירט בעת די סיים און סענאָט וואלן.

א וויכטיקע פאָליטישע באדייטונג האָבן געהאָט די דיסקוסיעס אין דער פארטיי גופא צווישן די חברים, אזוי גערופענע „איינסער״ און „צווייער״, צי זיך סאָלידאריזירן מיט די מער ראדיקאלע עלעמענטן, — דאָס וואָס האָבן געוואָלט די אזוי גערופענע „צווייער״, — אָדער גיין מיט די מער רעפאָרמיסטישע סאָציאליסטישע פארטייען, צו וואָס עס האָבן געשטרעבט די „איינסער״.

דער „בונד״ אין אלעקסאנדער האָט געהאט פארטרעטער אין די געזעל־שאפטלעכע אינסטיטוציעס, ווי די שטאָטישע גמילות חסד קאסע, און לינת החולים, — די ח״ח קאַפּעל, הערשל איזראעלעוויטש און גראָסקאָפּ.

א באזונדערע אקטיוויטעט האָבן די חברים ארויסגעוויזן אין די „פרעסע־טעג״ פון דער בונדישער טעגלעכער צייטונג די „נייע פאָלקס־צייטונג״, בעת די „בונדיסטן״, „צוקונפטיסטן״ און די קליינטשינקע „סקיפּיסטן״ האָבן נישט אדורגעלאָזט קיין איין גאס און שטוב, ווו זיי זאָלן נישט קומען און פארקויפן די צייטונג. אין אזא פרעסע־טאָג זיינען געוואָרן פארקויפט הונדער־טער עקזעמפּליארן „פאָלקס־צייטונג״.

אין לעצטן פארטיי־קאָמיטעט זיינען געווען די פאָלגנדע חברים: שמחה קאָפּעל, מאיר זאַנענבערג, ברוך זאַנענבערג, זאכטשינסקי, הערשל איזרא־עלעוויטש, א. ציאַשניאַק, יחיאל מאיר שפּיציק.

די וואלן צו די שטאט־ראטן

מיר האָבן זיך געפונען אין א ספּעציפישער לאגע, ווייל די מערהייט פון דער באפעלקערונג אין שטאָט זיינען געווען די דייטשן. און כדי די דייטשן זאָלן נישט באהערשן אין גאנצן דעם שטאָט־ראט, זיינען די פּאָליאקן געגאנגען מיט א ספּעציעלער פאראייניקטער פּוילישער ליסטע. עס איז אויך געווען א ספּעציעלע ליסטע פון די יידן (בירגערלעכער בלאָק). דער „בונד", וועלנדיק אז אין שטאָט־ראט זאָל זיין אויך א יידישער סאָציאַליסט, האָט מסכים געווען צו גיין אין בלאָק פון „בונד", רעכטע „פּועלי־ציון" און קאָמוניסטן. דער „בונד" איז אויך מסכים געווען, אז אויף דעם ערשטן אָרט זאָל זיין דער קאנדידאט פון די רעכטע „פּועלי־ציון", יחיאל פּליטמאַן, ווייל ער איז געווען אן ערלעכער מענטש און א סאָציאַליסט. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן.

א גרויסע און וויכטיקע קולטור־ארבעט איז געפירט געוואָרן דורכן דראמאטישן קרייז ביי דער בונדישער אָרגאניזאציע, אונטער דער אָנפירונג פון ח' מאיר זאַנענבערג א.א. דער דראמאטישער קרייז איז אנטשטאנען אָנהויב פון די 20־קער יאָרן, און די ערשטע רעזשיסאָרן זיינען געווען דער ארטיסט קאלמאנאָוויטש פון לאָדזש (מעגלעך אז ער שטאמט פון אן אַנדער שטאָט, נאָר צו אונדז איז ער געקומען פון לאָדזש) און דער שפּעטערדיקער גרויסער ארטיסט און רעזשיסאָר יעקב מאנסדאָרף ז"ל. ער האָט אויפגעפירט פּיעסן פון גאָרדין, פּרץ הירשביין א.א. דער דראמקרייז האָט שפּעטער געארבעט אָן איבעררייס אונטער דער רעזשי פון ח' מאיר זאַנענבערג א.א., אויפפירנדיק שיינע קינסטלערישע פאָרשטעלונגען פון די בעסטע דראמאטורגן, ווי „די שחיטה", „דער דאָרפס־יונג", „אוריאל אקאָסטא", „כאסיע די יתומה", „גאָט פון נקמה", „שווער צו זיין א ייד", „הירש לעקערט", „דער ווילנער בעל־הביתל" און אנדערע. די אמאטאָרן ארטיסטן זיינען געווען די „בונדיסטן" און „צוקונפטיסטן". פרויען: שעווע גראָסקאָפּ, ייסקע גראָסקאָפּ, רחל און פרימעט שיינהאָלץ, פייגע שפּיציק, מלכה'לע מארקאָוויטש, הינדע שימקעוויטש (אלע אומגעקומען), און אנדערע. מענער: מאיר זאַנענבערג, הערשל איזרא־

עלעוויטש (דער שווארצער הערשל) (אומגעקומען), ישראל העכט (אויסטראַליע), יחיאל מאיר שפיציק, איטשע שיינהאַלץ (אומגעקומען) און אנדערע.

די טעאטער פאַרשטעלונגען זיינען פאַרגעקומען, דער גרעסטער טייל אין בונדישן לאָקאַל, פארזשעצטשעווסקא 31, אָדער אין די שטאָטישע זאלן ווי „פּאַליהימיה" און אנדערע. די יידישע באפעלקערונג האָט מיט גרויס אינטערעס באזוכט די טעאטער־פאַרשטעלונגען. דער דראמאטישער קרייז איז נישט בלויז אין אלעקסאנדער געווען באוווסט מיט זיינע שיינע און גוטע פאַרשטעלונגען, נאָר אויך אין די ארומיקע שטעטלעך, ווו ער איז איינגעלאדן געוואָרן דורך די בונדישע אָרגאניזאציעס פון זגערזש, אזארקאָוו, קאָנסטאנטין, און אנדערע שטעט.

אין דער קולטור־ארבעט, וואָס דער „בונד" אין אלעקסאנדער האָט געפירט, האָבן א ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צוגעצויגן, פון דער ברייטער געזעל־שאפטלעכקייט, די שטענדיקע ליטערארישע פארלעזונגען פון ליטעראטור־קענער און שיינע רעדנער ווי ח' ב. וויראווסקי (אומגעקומען), ס. נוטקעוויטש (אמעריקע) א.א פון לאָדזש, און ח' ברוך זאַנענבערג (אומגעקומען) פון אלעקסאנדער.

עס האָט עקזיסטירט א ביבליאָטעק, פריער א.נ. פון גראָסער און שפעטער א.נ. פון בייניש מיכאלעוויטש מיט עטלעכע הונדערט ביכער: בעלעטריסטישע און וויסנשאפטלעכע; דער גרעסטער טייל לייענער זיינען געווען מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע. אָנגעפירט מיט דער ביבליאָטעק האָט דער ח' שימקע־וויטש (אומגעקומען אין רוסלאנד), און די לעצטע יאָרן דער ח' ציאָשניאק, היינט אין ישראל.

דער יוגנט „בונד" „צוקונפט"

די בונדישע יוגנט האָט געפירט א ברייט פארצווייגטע טעטיקייט צווישן דער יידישער ארבעטנדיקער יוגנט. עס זיינען פאַרגעקומען סיסטעמאטישע פּאָליטישע לעקציעס דורך די ח"ח ברוך זאַנענבערג, שמחה קאָפּעל, אפרים קליין (היינט אין פוילן) א.א. די שטענדיקע פרייטאָג־צונאכטיקע קעסטל־שמועסן אויף פארשיידענע אקטועלע טעמעס, האָבן צוגעצויגן א ברייטן קרייז, וואָס האָט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט זיך צוגעהערט צו אלע גע־שטעלטע פראגן און ענטפערס וואָס זיינען געגעבן געוואָרן דורך די ח"ח וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם „קעסטל־אָוונט".

די יוגנט האָט אָנטיילגענומען אין פאַרשיידענע יוגנט־צוזאַמענפליען, איינגעאָרדנט דורך די „צוקונפט"־ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס, און אָרגאַניזירט אַליין אויספלוגן אין די שכנותדיקע שטעט. באַזונדערס האָט דער „צוקונפט"־קאָמיטעט געמאַכט אַרטיקע אויספלוגן אַרום דעם שטאָט ווי אויף די „זיבן בערג", צום טייך ביי נאַזדראַוויטשן, און די אַרומיקע וועלדער אויסער דער שטאָט. די אויספלוגן זיינען אויסגעפילט געוואָרן מיט אַקטועלע שמועסן, ספּעציעלע שמועסן וועגן יוגנט־פּראָבלעמען און מיט פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע יוגנט־שפּילערייען.



ועד ה„צוקונפט" — דער קאָמיטעט פון „ציקונפט"

די „צוקונפט" האָט איינגעאָרדנט ספּעציעלע יוגנט־פאָרלעזונגען. אַלס רעפערענטן זיינען געקומען די ח"ח גאָטאיינער, שטיבעל און נירענבערג פון לאָדזש, און ח' ברוך זאָנענבערג פון אַלעקסאַנדער. עס איז געוואָרן פאַר־

שפרייט דער „יוגנט־וועקער", דער ספעציעלער אָרגאַן פון יוגנטלעכע ארבעטער ארויסגעגעבן דורכן צ.ק. פון יוגנט „בונד" „צוקונפט" אין ווארשע. אָנגעפירט מיט דער „צוקונפט"־ארבעט האָבן די ח"ח ב. זאַנענבערג, אפרים קליין, א. ציאַשניאַק, שיע זעליקאָוויטש (אומגעקומען), פינטשע איזראעלעוויטש (א זון פון הערשל איזראעלעוויטש, אומגעקומען). די „צוקונפט"־אָרגאַניזאציע איז געווען דער רעזערוואַר פאר דער פארטיי־אָרגאַניזאציע „בונד".

ביי דער בונדישער אָרגאַניזאציע אין אלעקסאנדער האָט אויך עקזיסטירט די יידישע קינדער־אָרגאַניזאציע — יידישער סאָציאַליסטישער קינדער פאַר־באַנד „סקיף". די פּאָליטישע אויפקלערונגס־ארבעט איז געוואָרן געפירט פון די קינדער־יאָרן אין דער פאָרם פון זייער לייכטע פּאָליטישע און נאַטור־וויסנשאפטלעכע שמועסן. פון די שול־קלאסן איז מען גלייך געקומען אין פארטיי לאָקאַל, ווו מען האָט געהאָלפן מאכן די שול־אויפגאבן און פארבראכט מיט ספּאָרט און געזעלשאפטלעכע קינדער־שפּילערייען אין א חברישער גוטער איינגענעמער אַטמאָספער. געלונגען אָנגעפירט מיט דער סקיף־ארבעט האָבן דער ח' שיע זעלקאָוויטש, געוועזענער שילער פון דער לאָדזשער „מעדעם־שול", און דער ח' פינטשע איזראעלעוויטש.

אזוי גוט ווי אין אלע שטעט און שטעטלעך פון פוילן, האָט ביי אונדז אויך עקזיסטירט די יידישע ארבעטנדיקע פרויען אָרגאַניזאציע „יאפ". איר אויפגאבע איז געווען צו פירן א טעטיקייט צווישן די יידישע ארבעטנדיקע פרויען, אויפקלערן און העלפן זיי ארייננציען אין פּאָליטישן געזעלשאפטלעכן לעבן. די „יאפ" אָרגאַניזאציע האָט געפירט איר ספּעציפישע ארבעט, ווי קאמף פאר גלייכבארעכטיקונג פון דער פרוי. זיי פלעגן איינאָרדנען ספּעציעלע פארלעזונגען געווידמעט דער ארבעטנדיקער פרוי, איינאָרדנען דעם ספעציעלן טאָג 8־טער מערץ, געווידמעט דער ארבעטנדיקער פרוי.

צו די עפנטלעכע ארויסטרעטן פלעגן קומען די באוווסטע „יאפ"־טוער פון לאָדזש די ח"ח ראָזא אייכנער, גאָלדע יאקובאָוויטש, און אנדערע. אָנגעפירט מיט דער „יאפ"־ארבעט האָבן די ח"ח ייסקע גראָסקאָפּ־העכט, שעווע גראָסקאָפּ־ציצינאָוויטש, רבקה רחל זאַנענבערג־גימפּראָוויטש, שיינדל אוונער־גראָסקאָפּ (אלע אומגעקומען). א זייער וויכטיקער און אקטיווער צווייג איז געווען דער בונדישער גימנאסטישער ספּאָרט קלוב פאר פיזישער דערציונג „מאָרגנשטערן". אין דער געזעלשאפט פאר פיזישער דערציונג האָבן די יידישע ארבעטער יוגנטלעכע נאָך א שווערן ארבעטס־טאָג געקומען אין אָוונט אויף א גימנאס־

טישע ספאָרט־לעקציע, ווו ער האָט געקענט אויסגלייכן זיינע מידע און שווער פאַרמאַטערטע גלידער.

די צום גליק לעבנגעבליבענע אלעקסאנדערער יידן געדענקען נאָך די יאָר־יערלעכע טורן־פעסטן און שיינע ספאָרט־דעפילאַדעס, איבער די אלעקסאנדערער גאסן: פאַרזשעניטשעווסקא, מילן־גאס, יידישע גאס, מארק, אגראַדאווא ביז צום „פאליהימיא" זאל. די אויסגעמוסקולירטע ייִנגלעך און מיידלעך און קינדער האָבן אין ריטמישן מארש אונטער די קלאַנגען פון בלאָז־אָרקעסטער פון דער לאָדזשער „קולטור־ליגע" אדורכמארשירט איבער די גאסן פון שטאָט אין באַגלייטונג פון שטאַרקע און הארציקע אפּלאָדיסמענטן פון דער באַפעלקערונג. אין א פול געפאקטן זאל זיינען אויף דער שיינער דעקאָרירטער בינע אויסגעפירט געוואָרן אונטער די קלאַנגען פון בלאָז־אָרקעסטער דורך די ספּאָרטלער און ספאָרטלערינס אין פאַרשיידענע פארביקע ספאָרט־קאָסטיומען, און אויף ספּעציעלע ספאָרט־מכשירים ווי הילצערנע פלעשער, רייפן, פענדלעך, שפרונג־מכשירים און שטורם פענער, די פראַכטפולע ספאָרט־נומערן, ריטמישע טענץ און שיינע גרויסע פּיראַמידן־איבונגען. א באַזונדערן איינדרוק אויף די באַזוכער האָט געמאכט יעדעס מאָל דער ארויסטריט פון די קינדער פון 8 ביז 11 יאָר. מיט זייערע ווייכע עלאַסטישע קערפּערלעך האָבן זיי אויסגעפירט שיינע גימנאַסטישע ספאָרט־נומערן און קינדער־טענץ.

אָנגעפירט מיט דער ספאָרט־ארבעט און טורן־פעסטן האָבן די אינסטרוקטאָרן פון לאָדזשער אינסטרוקטאָרן־קאָלעגיום ביים „מאָרגנשטערן" די ח"ח לייבל פרידמאַן, יאקובאָוויטש, הילער, נאָרמאַנאָוויטש, גרונדמאַן, קושמיערסקי א.א. ביי דער מיטהילף פון די אלעקסאנדערער ספאָרט אינסטרוקטאָרן ח"ח אפרים קליין (פוילן), אברהם ציאַשניאַק (ישראל) און די חברטע אלטע אוונער (ראַטנפאַרבאַנד). די לעצטע פאַרוואַלטונג פון „מאָרגנשטערן" איז געווען: שמחה קאַפּעל, אפרים קליין, אברהם ציאַשניאַק, יונה פלוים און מענדל דעמבאָווסקי.

כבוד זייער אלעמענס אָנדענק!

מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

יעקב פרלמוטר, יצחק צנדורף /

„פועלי־ציון" צ"ס

בשנות מלחמת העולם הראשונה — 1916—17 — היו תושבי אלכסנדר תחת שלטון הגרמנים. רוב רובם של פועלי העיר בכלל והפועלים היהודים בפרט, הסתובבו בלי עבודה ובלי לחם. קמו אז בעיר כמה עסקנים וייסדו ארגון לעזרת היהודים. לקבוצת המבוגרים הצטרפו גם צעירים, בחורים ובחורות, אספו כסף והקימו מטבח ציבורי, בו חילקו לכל יהודי רעב ארוחה חמה ופת לחם. בפגישותיהם ראו המארגנים במו עיניהם את מצב היהודים בכלל והפועל היהודי בפרט והתחילו לחשוב איך לתקן את המצב כדי שגם היהודי יהיה שווה לכל בני העמים האחרים ושגם לעם היהודי יהיה מקום־ריכוז משלו. הם התעניינו במפלגות הקיימות כבר בעיר ולא מצאו בהן את מקומם.



תמונת פרידה של „פועלי־ציון" צ"ס, עם עלייתו של הח' א. הרשקוביץ ארצה.

א געזעגענונגס־בילד פון א גרופע „פועלי־ציון" חברים פארן אפפאר פון א. הערשקאוויטש קיין ישראל

אז החליט חלק מן המשתתפים להקים באלכסנדר תנועה פוליטית חדשה: „צעירי ציון".

התנועה חרתה על דגלה, בין יתר הדרישות לטובת הפועל, גם את הדרישה להקים לעם היהודי מדינה יהודית סוציאליסטית בארץ־ישראל. באין מועדון למפלגה, העמידה לרשותם החברה חיה צפורה זלמן את דירתה הקטנה. פה התאספו המארגנים כל ערב. עם איחודם של „צעירי־ציון" עם „פועלי־ציון" בפולין, הוקם גם באלכסנדר סניף המפלגה בשם „פועלי־ציון צ"ס". בתחילת פעולתם הצטרפו אליהם הרבה חברים וחברות מכל שכבות האוכלוסיה ובעיקר מקרב הדתיים — משפחות שלמות, אשר עד אז ישבו על ספסל הגמרא בבית המדרש.

הודות לחברה שרה מירל זלמן, אשר התמסרה לפעולה, השיגה המפלגה מועדון במרכז העיר. המועדון היה תמיד מלא חברים אשר הצטרפו לפעולה. מפלגת „פועלי־ציון צ"ס" הכריזה, שביחד עם יתר המפלגות הסוציאליסטיות תעמוד במאבק לטובת הפועל במקום מגוריו וביחד עם כל המפלגות הציוניות תעמוד במאבק להקמת מדינה יהודית חפשית סוציאליסטית בארץ־ישראל.

המפלגה עשתה מהפכה שלמה בעיר: היא אירגנה שעורי ערב בהדרכת המורים פנחס גולדקרנץ (לאידיש) ואברהמ'ל כהן (לעברית). המועדון נהפך לבית־ספר ערב ועשרות צעירים אשר השתתפו בשעורים הצטרפו במשך הזמן כחברים פעילים למפלגה.



כנס חברי תנועת הנוער „פרייהייט" („דרור") מחוז לודז'

א צוזאמענפאַר פון „פרייהייט" חברים פון לאָדזשער קרייז

בשנת 1926 החליטו חברי מזכירות המפלגה להקים סניף נוער בשם „פרייהייט", אשר גם חבריו באו מבתים דתיים. היו ביניהם נערים בלבוש דתי וגם גומרי בית־ספר. היו מקרים שחברי „הפועל המזרחי" עזבו את מפלגתם והצטרפו ל„פרייהייט". חברי „פרייהייט" השתתפו ביחד עם הנוער הפולני והגרמני בוועד־נוער משותף לשלושת הלאומים בעיר, שיושב הראש שלו היה ראש העיר הסוציאליסטי מר אנדזשעיאק. ביחד הקימו חוג לדרמה והציגו בכל ליל שבת.

בשנת 1928 הוקמה על ידי המפלגה ספריה על שם בר בורוכוב. כל חבר תרם שבוע ממשכורתו כדי לקנות ספרים. בין התורמים היתה החברה בילה שניאטובסקי, אשר חתמה צ'ק על 50 ספרים בשביל הספריה. כך הצליחה המפלגה לפתוח ספריה גדולה שהכילה אלפי ספרים. עם פתיחת הספריה נרשמו הרבה בנים ובנות ואמהות אשר עד אז פחדו להיכנס למועדון המפלגה. בספריה נפגשו עם הרבה ממכריהם ונשארו שם כדי לשמוע הרצאה או שיעור. במשך הזמן הצטרפו למפלגה חלק מהבנות הדתיות, — ביניהן החברות ברכה שראדזקה, פיגה מאירפלד ושבע יעקובוביץ', והחברות שראדזקה ויעקובוביץ' נבחרו כספרניות ועמדו בראש הספריה עד ההשמדה.

בשנת 1926 הוכרז באלכסנדר בפעם הראשונה על בחירות לעיריה. למפלגות היהודיות בעיר לא היתה שום אפשרות ללכת לבחירות כל אחת בנפרד ולהצליח. אז הוקם בעזרת ראש הסניף של המפלגה הקומוניסטית, החבר מוניק, בלוק של שלוש מפלגות: הקומוניסטים, „בונד", ו„פועלי־ציון צ"ס". כמפלגה הגדולה ביותר בעיר קיבלה „פועלי־ציון צ"ס" את המקום הראשון ברשימה. הבלוק ניהל אסיפות הסברה בעזרתו של חברנו המנהיג האהוב החבר לייזר לווין, אשר במשך כל ימי הבחירות ישב אתנו ועזר לנו בנצחון. בשם הבלוק נבחר חברנו יחיאל פליטמן כנציג ציבור הפועלים היהודים בעיר. אחרי הנצחון בבחירות רכשה המפלגה שלנו עשרות חברים ואוהדים.

עם בחירת החבר יחיאל פליטמן כחבר מועצת העיריה הועמד בראש הסניף החבר יעקב פרלמוטר. שלחנו נציגים שלנו לכל המוסדות הציבוריים היהודיים, כגון: קרן קיימת, קרן היסוד, הליגה למען ארץ־ישראל העובדת, לינת החולים, „החלוץ", האגוד המקצועי.

בשנת 1929 הוקם על ידי תנועת „פרייהייט" תנועת ילדים בגיל 10—14, בשם „הסקאוט האדום". הילדים למדו, רקדו ושרו. הם התחנכו לאהבת ציון

ולאהבת מעמד הפועלים, למדו וידעו שרק הפועל היהודי אשר ביד אחת מחזיק את האֵת וביד השניה את הרובה, הוא הוא אשר יבנה מדינה יהודית בארץ־ישראל. כשגדלו — הם היו בין הפעילים הראשונים בתנועת „פרייהייט".

נציגי המפלגה התחילו לרכוש אהדת הציבור היהודי הבלתי־מפלגתי. בכל המוסדות נבחרו חברינו כראשי המוסדות, אשר בהשתתפותם הפעילה היו הם מביאים הצלחה לכל פעולה. למשל — בארגון ה„קולטור־הויז", בחוג לדרמה וכו'. יחיאל פליטמן, הלל ריוואן, גרשון יונה זוננברג ושמואל חלמר עמדו בראש הארגון. החברים הלל ריוואן, לייזר אופטובסקי ושמואל חלמר עמדו בראש הבנק. בראש הוועד של „הליגה למען ארץ־ישראל העובדת" עמדו החברים יעקב פרלמוטר ומשה חיים צנדורף. בלינת החולים — החברים אברהם ווילינסקי ויצחק צנדורף. שום ישיבה בקהילה או בעיריה לא התקיימה בלי נציג „פועלי־ציון צ"ס".

הכשרה

במשך הזמן גדלה הדרישה של הנוער היהודי לעלות ארצה והרבה חברים נרשמו להכשרה. בסניף המפלגה הוחלט לדרוש ממרכז „החלוץ" להקים סניף הכשרה בעירנו, ובשנת 1932 הגיעו ראשוני החלוצים העירה. הם נתקבלו על ידי חברי המפלגה „פרייהייט" ו„החלוץ", אשר עזרו להם להסתדר בעבודה, וגם חברי הקיבוץ השתתפו בכל פעולה מפלגתית. בכל שבת השכם בבוקר היו חברי „פרייהייט", „החלוץ" וחברי הקיבוץ בורוכוב יוצאים ליער הסמוך והיו מבלים שם את יום השבת בשיחות ובמשחקים.

„הפועל"

בשנת 1930 הוחלט להקים על יד המפלגה סניף „הפועל". עם היווסדו — הצטרפה ל„הפועל" קבוצת הכדורגל שהיתה קיימת כבר זמן רב קודם לכן ול„הפועל" הגיע נוער מכל השכבות. התחילו גם לשחק פינג־פונג. בכל יום ראשון עזבו מאות מתושבי אלכסנדר את עבודתם ויצאו למגרש (שיצן־פלץ) לחזות וליהנות מהנוער החלוצי. חברי „הפועל" במשחקם היפה הביאו כבוד ליהודים בכלל ולחברי המפלגה בפרט. הם לא הסתפקו אך ורק בספורט, אלא עזרו הרבה בכל פעולות המפלגה וחלק לא קטן מהם הצטרף למפלגה. ראש



קבוצת הכדורגל „הפועל"　　　　　פוטבאַל מאַנשאַפט „הפועל"

„הפועל" החבר ישראל פיטרוקובסקי, נבחר גם כיו"ר תנועת „פרייהייט". חברי „הפועל" שמרו על רכוש המפלגה, שמרו על נציגי המרכז שהגיעו העירה, על דגל המפלגה ובכל ההרצאות והנשפים שמרו על הסדר במקום.

בשנת 1932, אחרי שנים של פעילות כחבר שעמד בראש הסניף החליט החבר יעקב פרלמוטר לעלות ארצה והוא לקח אתו את אשתו שרה מירל, ובתם, מראשונות החברות במפלגה בעיר.

באותה שנה נבחר כיושב ראש הסניף החבר משה חיים צנדורף, אשר הקים מזכירות מצומצמת מהחברים אברהם הרשקוביץ, נחה זלמן, שמעון חלמר, יונתן ניסקר, ברכה שראדזקה ויצחק צנדורף. הם ארגנו את העבודה מחדש, הפעילו את כל המוסדות במפלגה. ראשית פעולתו של החבר צנדורף היתה להחליף את המועדון, מאחר שהמועדון הקיים לא יכול היה להכיל את כל המוסדות וכל החברים. בעזרתו האישית ובעזרת המזכירות נרכשה דירה

בת ארבעה חדרים במרכז העיר. בדירה הזאת עשו אולם גדול עם חדר למזכירות, חדר ל„פרייהייט", חדר ל„הפועל"; מי שנכנס למועדון הסניף החדש ראה בכל החדרים יושבים ולומדים. בספריה עומדות החברות ומחליפות ספרים, בנים ובנות יושבים וקוראים עתונים.

בליל שבת היו מארגנים „עונג שבת" בהשתתפות כל החברים. בשבת בבוקר — אסיפת חברים או שיחת חברים. מוצאי שבת — הרצאה פומבית בהשתתפות חברינו לייזר לווין, אנשל רייס, אברהם ביאלופולסקי, לייבל שפיזמן, יוחנן מורגנשטרן, יצחק גולדין, נייגולדברגר, ד"ר שווייג, ד"ר טרטקובר, הרש לייב קרוי, פנחס לווין, פישל הרצברג, סט. לנדאו, יוסף חלודנוביץ׳, יחזקאל רבינוביץ׳, יוסף רוזין ואחרים.

בהרצאות השתתפו החברים: ישעיהו שפיגל, חיים לייב פוקס, יעקב לשצ׳ינסקי ויאן פראבדה.

באמנות — קיפניס, זליגפלד, אברהם ברייזבלט ואחרים.

בכל שנה, בהתקרב האחד במאי, התקיימו אסיפות חברים כדי לארגן את התהלוכה. במשך השבועות האחרונים הכינו החברים את הכרזות, קישטו את הדגלים. חברי „הפועל" הכינו את האופניים. ביום האחד במאי, השכם בבוקר, עברו חברי „הפועל" על אופניהם בין בתי החברים והזכירו להם להתייצב לתהלוכה. ב־8 בבוקר התייצבו כל חברי המפלגה בבגדי חג — חברי „פרייהייט" בחולצות כחולות עם עניבות אדומות, חברי „החלוץ", חברי „גורדוניה" — כולם כאחד התייצבו. אחרי שחבר המזכירות נתן את ההוראות האחרונות, התחילה התזמורת לנגן את ה„אינטרנציונל" ו„התקוה". חברי המזכירות ליד הדגל ובשורה אחריהם כל החברים, ולבסוף — חברי „הפועל" בתלבושותיהם על האופניים סגרו את התהלוכה. כמה שנים השתתפנו בתהלוכה המשותפת עם כל המפלגות הפועליות, אבל בשנים 35—1934, תחת לחץ של מתנגדי ארץ־ישראל, אסרו עלינו פפ"ס ללכת עם כרזות ארץ־ישראליות. החלטנו, על כן, ללכת בתהלוכה נפרדת. יהודים ולא־יהודים קיבלו אותנו באהדה ובמחיאות כפיים בראותם את גודל התהלוכה שלנו ואת הסדר המופתי.

בשנת 1930 פנו למזכירות המפלגה כמה חברים אשר במשך שנים עבדו במכונות יד של גרביים ודרשו מהמפלגה ללחום שחברינו יעברו לעבוד בבתי חרושת ממוכני חשמל, בהם העבודה יותר קלה, מרוויחים יותר ומקבלים את כל הזכויות הסוציאליות. המזכירות קיבלה את הדרישה והחליטה להקים

ועדת פעולה. כאן יש להזכיר שבעלי בתי החרושת (היהודים) לא נתנו לפועלים יהודים דריסת רגל בבתי החרושת שלהם בגלל השבת, מאחר שהם היו דתיים ולא התירו לפועל היהודי לעבוד בשבת. ואם לא יעבוד בשבת, הרי בעל בית החרושת יפסיד!

הוועד שלח מכתב לסוחרים ולבעלי בתי החרושת בדרישה לחתום על ההסכם החדש. אבל בעלי בתי החרושת לא ענו ולא באו לישיבה שזומנה. חברי הוועד החליטו להופיע בקהילה היהודית ולדרוש את עזרתה. קבוצה גדולה של חברינו בלוויית קבוצה גדולה של בני נוער וטובי חברי „הפועל" הופיעה בקהילה. בראותם אותנו הבינו חברי הקהילה שאנו לא נחזור בנו בלי החלטה חיובית. ובאמת, ראש הסיעה של חסידי גור, מר חנוך אלתר, הצטרף לדרישתנו והזמין את בעלי בתי החרושת, אשר הופיעו מיד והודיעו שהם חותמים על ההסכם. בין ראשוני החותמים היו ה"ה גרשון הימן, בונם הימן, יחיאל משה וּבר, זליג גוטרמן, חנוך שמידט, יצחק משה גוטשינסקי. במשך שנת 1931 עברו 150 פועלים יהודים מעבודה במכונות ידיים לבתי החרושת מונעי החשמל. עובדים אלה הצטרפו לאיגוד המקצועי, ובבחירות הצביעו כולם בעד נציגי המפלגה באיגוד. מבין שלושה יהודים אשר נבחרו לוועד היו שנים מחברינו — שמעון מרקוביץ' ויצחק צנדורף, שניהם עבדו בבית החרושת הגדול ביותר בעיר — של גרשון הימן.

בחירות לקהילה היהודית

בשנת 1938, שנת הבחירות האחרונות לקהילה היהודית בעיר, החליטה מפלגת „פועלי־ציון צ"ס" להקים בלוק עם בעלי המלאכה ובעלי הבתים, ובראש הרשימה העמידו את חבר „פועלי־ציון צ"ס", החבר הלל ריוואן. נציגי החסידים ראו בבלוק זה ובמועמד זה כוח אשר היה מסוגל להפוך את השלטון בקהילה. הם חיפשו עצה איך לפסול את הרשימה, חיפשו ומצאו: לחבר הלל היה אח, מיכאל, חבר „המזרחי". החסידים הבטיחו למפלגת „המזרחי" משהו והאחרונים העמידו בראש רשימתם את מיכאל ריוואן. לפי החוק לא יכלו שני אחים להיבחר, ואם ישנם שני מועמדים אחים, הצעיר נפסל. וככה פסלו את חברנו הלל ריוואן מהרשימה והחלישו את כוח הבלוק. בעזרת „המזרחי" נשאר השלטון בקהילה בידי החסידים.

עיריית אלכסנדר

ממשלת פולין השתדלה מאד להקטין את מספר נציגי המיעוטים הלאומיים ואת כוח הפועלים בעיריות. באלכסנדר הם חילקו את העיר לארבעה איזורים ולפי החלוקה אי־אפשר היה לבחור בנציג המפלגה ובנציג יהודי. ראש הקהילה אירגן פגישה של כל המפלגות והציע לטכס עצה. הוחלט שאי־אפשר לעשות בלוק של כל המפלגות, אבל מכיוון שישנם סיכויים לששה מנדטים, צריכות שש המפלגות להופיע כל אחת באיזור אחד ועל כל היהודים באיזור להצביע בשביל יהודי האיזור. הוחלט שמתוך שש המפלגות, אשר זכותן להופיע בבחירות, יהיו 3 נציגי החסידים, 1 „מזרחי", 1 בעלי מלאכה, 1 „פועלי־ציון צ"ס". החברים שלנו: משה חיים צנדורף, שמעון חלמר ויצחק צנדורף, פנו לחברים בן־ציון חילביץ' וליביש גרשונוביץ' מ„פועלי־ציון" שמאל וביקשום להקים בלוק של שתי המפלגות. הבלוק הוקם וזכה בבחירות. החבר יחיאל פליטמן מ„פועלי־ציון צ"ס" וטוביה קוטשינסקי מ„פועלי־ציון" שמאל — נבחרו. ובמקום חמישה יהודים נבחרו שבעה יהודים. להנהלת העיריה נבחר הד"ר גוטליב, וביחד היו 8 חברי העיריה מטעם היהודים.

בשנת 1939, כשבעיר כבר הורגשה אווירת המלחמה המתקרבת, הקימו הפולנים באלכסנדר משטרת אזרחים לזמן המלחמה. אבל במקום לשמור על רכוש תושבי העיר, ניצלו המגוייסים את ההזדמנות כדי להתנקם בתושבים היהודים בעיר. לא נתנו ליהודי לעזוב את הבית ולהסתובב בעיר. חבר מועצת העיריה יחיאל פליטמן, יחד עם נציג בעלי המלאכה אברהם יעקובוביץ', פנו לקהילה היהודית ובעזרת רב העיר, ר' איטשה מאיר זינגר, נסעו למושל המחוז בלודז' וקיבלו רשיון להקים במשטרה האזרחית סניף יהודי. ב־3.9.39 בבוקר נפתח במשרד של „לינת החולים" סניף של המשטרה היהודית. בראש הסניף עמד החבר אברהם יעקובוביץ', חבר מועצת העיריה, וכסגנים נבחרו החברים יצחק צנדורף, שמעון מרקוביץ', איטשה מאיר צלק ואברהם צולע. הם אירגנו את הנוער מ„פרייהייט", „הנוער הציוני" ו„גורדוניה". ראשוני השוטרים יצאו לשערי העיר לקבל את פני הפליטים היהודים אשר באו מן הגבול הגרמני. קיבלנו אותם וסידרנו אותם בדירות. בזה עבדנו עד ה־5 בספטמבר 1939 ב־12 בלילה, כשכל תושבי העיר היהודים עזבו את העיר בבהלה ובמשך כל הלילה הלכו כולם ברגל ללודז'. ראינו בדרך את ראשי הקהילה, חברי הנהלת העיריה, הרבי עם משפחתו, רב העיר, ראשי המפלגות.

כולם הלכו. חברי המשטרה האזרחית ליוו אותם עד לודז׳. בלודז׳, על־ידי הרדיו, קיבלנו פקודה שעל כל הגברים להמשיך בדרך לווארשה ולהתייצב לחזית. נפרדנו מההורים ומהילדים והמשכנו דרך בז׳ז׳ין לווארשה. באמצע הדרך נפלנו בשבי הנאצים, שהחזירו אותנו לבז׳ז׳ין. אחרי שלודז׳ נכבשה על ידי הגרמנים, חזרו הביתה רבים מתושבי אלכסנדר היהודים. הראשונים שחזרו העירה נורו למוות על ידי הפולקס־דויטשה. במשך כמה חדשים עבדו היהודים בעיר עבודת פרך, לקחו מהם את כל כספם ומזמן לזמן גם הרגו בהם. הגרמנים גם שרפו את בית הכנסת הגדול. מצב זה נמשך עד 27 בדצמבר 1939. ביום מר זה באה פקודת הגירוש. בבוקר קר זה הוציאו את כל היהודים מבתיהם, העמידו אותם בככר השוק, לקחו מהם את מפתחות בתיהם, וכל הקהל נאלץ ללכת תחת משמר ולצאת את העיר. אף אחד לא בכה, בשקט ובתפילה עזבו יהודי אלכסנדר בפעם האחרונה את העיר...

שמואל פערלמוטער / „פועלי־ציון" לינקע

ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914——1918 איז דאָס יידישע לעבן געווען מאָנאָליטיש, פאַטריאַרכאַליש. אויפן אויסערלעכן לעבן האָט א שיין געוואָרפן די חסידיש־רביאישע דינאַסטיע פון היגן „הויף", וועמענס חסידים אין די ימים־טובים־טעג, האָבן מיט זייער זיידן־שימער געגלאַנצט איבער די גראָע גאַסן און זייער התלהבותדיקער געזאַנג און טאַנץ האָבן אויפגעלעבט דאָס האַלב דרעמלדיקע שטעטל.

כמעט אַלע האָבן זיך דערצויגן פרום, לויט די טראַדיציעס פון זייערע עלטערן. א טייל שטאַלצירט מיט זייער מיוחסדיקער פאַמיליע־אָפּשטאַמקייט.

נאָך דריי חדשים, ווי ס׳איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, האָבן דייטשע מיליטער־שטיוול שוין געטראָטן אויף אונדזער באָדן, האָבן ביי אונדז, ווי אין אנדערע שטעט, אויסגערויבט דורות־אָנגעזאַמלטע פאַר־מעגנס און עס אריבערגעפירט אין דייטשלאַנד: מאַשינען, שטאָפן — פּאַרטיקע און רויע, — אפילו קלאַמקעס פון טירן אראָפּגענומען. נישט דערלויבט קיין מסחר, קיין פּראָדוקציע. די יידישע באַפעלקערונג, אין גרעסטן טייל, האָט בוכשטעבלעך געהונגערט. די קליינע צוטיילונג פון ברויט איז געווען א חוזק

פון די הונגעריקע, אויסגעדארטע קינדערלעך. דאָס ביסל, אין שווערקייט איינגעשאפענע, קאָרן און ווייץ, צעמאָלן אין געהיים אויף די אומלעגאלע האנט־מאשינדלעך, איז דורך די אָפטע בייטאָגיקע און ביינאכטיקע אבלאוועס, צוגענומען געוואָרן, דורך די פלוצים אָנפאלנדיקע דייטשע אגענטן. אין די שווער דורכגעלעבטע 3־4 יאָר פון דייטשער אינוואזיע האָט דער ייד דאָ געמאכט העראָאישע אָנשטרענגונגען פארן פשוטן ביסן ברויט. אלטע לייט, יוגנט און קינדער נאָך, האָבן פון ווייטע וועלדער, געקאָלערט אָדער אויף די שוואכע אקסלען געטראָגן האָלץ, בכדי דערווארעמען אין ווינטער די אזוי קאלטע אָרעמע היימען.



קבוצת חברי „פועלי־ציון" שמאל   א גרופע לינקע „פועלי־ציון" חברים

א צווייטער טייל פון דער יוגנט, האָט זיך געלאָזט אויף די וועגן — אומוועגן נאָך זגיערזש, אָזערקאָוו, פאדעמביץ און לענטשיץ, פון דאָרט אויף

אן אומלעגאלן אופן געבראכט רוי־שטאָפן פאר דער היגער, דאן קליינער זאָקן־און האנט־וועבער אינדוסטרי. דער גרעסטער טייל פון דעם רוי־מאטעריאל איז געגאנגען פאר די דייטשע פאבריקאנטן.

סוף מלחמה

ס'איז ערב פרילינג אויפן פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכן האָריזאָנט. די פויערים האָבן זיך געריסן פון מיליטער אהיים, אויפאקערן זייער פארלאָזט פעלד. די ארבעטער האָבן רעוואָלטירט, געוואָלט ארבעטן און פירן זייער באשיידן, אָרנטלעך לעבן אין זייערע היימען, פון וועלכע זיי זיינען צוליב דער מלחמה געווען דערווייטערט.

עס איז געווען א וווּנדערלעכער צייט פון געראנגל, אויפשטייג, פארמעסט אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט. דער יידישער אויפגעוואכטער מאסן־מענטש איז ארויס מיט פאָדערונגען צו דער דרויסנדיקער וועלט און מיט טענות צו דער אייגענער סביבה.

די יידישע פאָרשטייער האָבן געהערט צו פארשיידענע קולטור־געזעל־שאפטלעכע און פּאָליטישע קרייזן און ריכטונגען, וואָס זיינען איינגעגאנגען אין דער יידישער וועלט.

אינעם שטעטל רייסן זיך אריין וועלטלעכע השפעות: עס עפנען זיך טיר און טויער פוּן דער יידישער גאס. עס קומט דער צעפאל פון דער פאטריאַר־כאלישקייט. מיר הויבן זיך אָן דיפערענצירן, סיי סאָציאל, סיי גייסטיק. עס קומען אויף נייע מענטשן און נישט געאנטע פראָבלעמען. אָט די אלע מענטשן האָבן זיך באוווּסטזיניק אָפּגעטיילט פון פארעווער געזעלשאפטלעכער טעטי־קייט און סתם פראגרעסיווע לאָזונגען און זיך פארנומען מיט רעאלע, אקטועלע קולטור־געזעלשאפטלעכע פראָבלעמען. די אויפגייענדיקע יוגנט האָט זיך מאסנווייז פּראָלעטאריזירט און אריינגעדרונגען אין דער ראשיק־אנטוויקלטער טעקסטיל־פּראָדוקציע.

אונטער דער השפעה פון די גרויסע פּאָליטישע ענדערונגען איז פּאָר־געקומען אויך ביי אונדז אין שטעטל אן איבערשאַך פון ביז דאן איינגעשטעלטע ווערטן. דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז ארום אונדז האָט מיטגעריסן די יוגנט, וועלכע האָט גענומען בויען די פּאָליטיש־פארטייאישע אָרגאניזאציעס

אין פראָפעסיאָנעלע פאריינען. מיר האָבן געלעבט אין א מערקווירדיקן שעפערישן עקסטאז.

***

אין יאָר 1917 האָבן אָנגעהויבן זייער טעטיקייט די ערשטע פּיאָניערן־גרופן פון „פועלי־ציון“, „בונד“ און „צעירי־ציון“, וועלכע האָבן זיך אָרגאניזירט אין דער „יוגנט אונטערשטיצונג־פאריין“ — „טיי האלע“. צו די איניציאטאָרן האָבן געהערט: נתן און הערשל גאָלדבערג, יחיאל משה וועבער, אלטע גריימאן, עליע קראוז, אברהם הערשקאָוויטש פון „פועלי־ציון“; מלך און פייגע רובינשטיין, שמחה קאָפּעל, גאָלדע מלכה וועבער, שימקעוויטש פון „בונד“. אביסל שפּעטער איז אנטשטאנען „צעירי־ציון“ אין דער אָנפירונג פון לייזער אָפּאָטאָווסקי, יעקב פערלמוטער, חנה פויזנער, גוטע שליאם און הלל ריוואן. יעדע פון די פארטייען האָט געפירט א קולטור און פארטיי־אויפקלערישע ארבעט צווישן אירע מיטגלידער, און זיך באמיט צו געווינען אָנהענגער פאר זייער אידעע. אין דער זעלבער צייט האָט דאָ געווירקט א קלענערע פארטיי פון „התאחדות“, וועלכע האָט זיך פאריייניקט מיט „צעירי־ציון“ און נאָך שפּעטער — אין יאָר 1925 — מיט „פועלי־ציון“ (רעכטע).

פון סאמע אָנהויב האָט די „פועלי־ציון“ אָרגאניזאציע געלייגט אכט אויף דער אגיטאציע צווישן דער אָרעמער און ארבעטנדיקער באפעלקערונג, פארן ציוניסטישן געדאנק, פאר וועלטלעכקייט, און געפירט אן אינטענסיווע קולטור־דערציערישע ארבעט. אין די פרייטיק צונאכטן, שבתים און יום־טובים זיינען סטאביל פאָרגעקומען פארלעזונגען אויף סאָציאלע־נאציאָנאלע פּראָבלעמען, פּאָליטיש־געזעלשאפטלעכע פראגן, וועגן קונסט, ליטעראטור, ציוניזם און אנדערע. אויך די אָוונטן פון א גאנצער וואָך זיינען אויסגעפילט געוואָרן מיט קרייזן פאר פּאָליטישע־עקאָנאָמישע־סאָציאלישע וויסנשאפטן, באַראָכאָוויזם און חברישע שמועסן איבער פארשיידענע אקטועלע פראגן. דורך דער פארצווייגטער דערציערישער און בילדונגס־ארבעט זיינען דערצויגן געוואָרן יונגע קאדערן פארן פּראָלעטארישן ציוניזם, באַוווסטזיניקע „פועלי־ציון“ חברים.

ווי פרעלעגענטן האָבן זיך באטייליקט די אָרטיקע חברים: עליע קראוז, הערשל און מענדל גאָלדבערג און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות; און פון צענטער די אראָפּגעבראכטע חברים: בוקסבוים, זאגאן, פעטערזייל, קענער (ווארשע), שווארצבארד, מאניעלאק, זילבערבערג, חיים בראנד (מיעטעק), טורנער (לאָדזש), א.א. פון שרייבערס — יואל מאסטבוים, סעגאלאָוויטש,

ח. ל. פוקס, מישא העלמאן, לייב מאלעך א.א. מיר האָבן געהאט די זכיה דאָ צו הערן צוויי מאָל דעם באליבטן חבר זרובבל ז״ל, וועמענס ארויסטריטן זיינען געווען א גרויס געזעלשאפטלעך געשעעניש. אים האָט דאָ אָפּגעוואָרט און מיט באגייסטערונג אויפגענומען די יידישע ארבעטערשאפט. הונדערטער, הונדערטער האָבן אים באגלייט צום גרויסן שטאָט־זאל וואָס איז געווען פול געפּאקט. זיינע קלאָרע רייד האָבן באגייסטערט און מיטגעריסן דעם געשפּאנטן צוהערער. מיר האבן אין זרובבלען געזען דעם נייעם ייד — סאָציאליסט־קעמפער, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שווערן עול פון קאמף פארן יידישן ארבעטער־פאָלק אין פוילן און אַלט־נייעם ארץ־ישראל.

אין די פיס־טריט פון דער פארטיי איז געגאנגען די יוגנט. אגב, א טייל פון זיי האָט זיך אין דער אָרגאניזאציע אויסגעלערנט לייענען און שרייבן, און די פארטיי־ביבליאָטעק איז געווען זייערע אוניווערסיטעט. די יוגנט האָט זיך ערנסט געלערנט און באקענט מיט די פארשיידענע פּאָליטישע און אקטועלע ארבעטער־פּראָבלעמען און גענומען שטעלונג צו זיי. מיר זיינען געווען די ערשטע און געבליבן די טעטיקסטע ביים אויפשטעלן א יוגנט־סעקציע ביים אלגעמיינעם היגן פּראָפעסיאָנעלן פאריין, וואָס האָט געקעמפט און אויסגע־קעמפט גלייכע רעכטלעכע באדינגונגען אין די ארבעטער ווארשטאטן פאר די יוגנטלעכע. די פּ.צ. יוגנט אָרגאניזאציע אין אלעקסאנדער האָט מיט איר אנטשטיין און מיט איר טעטיקייט ארויסגערופן דרך־ארץ צו זיך. די יוגנט האָט דאָ געפונען א ווארעמע סביבה.

מיר האָבן דורכגעפירט געמיינזאמע אָדער באזונדערע ערשטע מאי־דערמאָנסטראציעס, לעגאַלע און אומלעגאַלע, אויף וועלכע מיר האָבן ארויסגע־טראָטן, אין יאָר 1928, מיט ספּעציפיש יידישע לאָזונגען. דאָס באשטימען אלס בירגערמייסטער דעם פּ. פּ. ס. טוער אנדזשעיאק, האָט אונדז לייכטער געמאכט צו גיין צו די שטאָט־ראט וואלן מיט אן אייגענער ליסטע מיט אלטע גריימאן בראש.

צו די לעצטע קהילה־וואלן, אין יאָר 1938, זיינען מיר געגאנגען צוזאמען מיטן ,,בונד״. בראש פון דער רשימה זיינען געווען: יחיאל משה וועבער — פּ. צ.; קאָפּעל — ,,בונד״.

באזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אונדזער טעטיקייט אויפן ספּאָרט געביט. מיר זיינען געווען די ערשטע און אקטיווסטע אין איינאָרדנען טורן־פעסטן, אונטער דער אָנפירונג פון חבר אבא (לאַדזש), אין וועלכע ס׳האָבן

זיך אויסגעשולט א סך צענדליקער יוגנטלעכע. א שיין־צעבליטער צווייג פון „פועלי־ציון" שטאם איז געווען דער גרעסטענער יונגיטשקער נאַכוווקס, וואָס האָט געהייסן: יונג־באָר (יונגע באָראָכאָווצעס). די ייִנגסטע אין דער אָרגאַ־ניזאַציע זיינען געקומען פון פארשיידענע שיכטן, און האָבן מיט זיך געבראכט פרייד, מונטערע שטימונג אין אונדזער פאַרזאַרגטקייט. זיי האָבן אויך פון דאנען אהיימגעטראָגן די נייע געזאנג־מאָטיוון פון יידישע דיכטער, וואָס האָבן אויסגעזונגען די פרייד און זאָרגן פון זייערע היימען.

זייער ליכטיקער אָנדענק קאָן נישט און טאָר נישט פארגעסן ווערן.

די טעטיקייט אונדזערע, פועלי־ציוניסטיש, איז געווען אַן אלזייטיקע. מיר האָבן, אחוץ די פריער דערמאָנטע ארבעטן, אָרגאַניזירט אויספלוגן, גימ־נאסטישע איבונגען, א גוט פונקציאָנירנדן פוטבאָל־קלוב, זיך באטייליקט אין אַלע אקציעס, וואָס די פארטיי האָט פּראָקלאמירט. אָפּגעהיטן און געהאָלפן אנטוויקלען די גרעסטע און רייכסטע ביבליאָטעק אין שטאָט, זיך באטייליקט אין די זאמלונגען פארן פּאַלעסטינער ארבעטער־פאנד. מיט דער צייט אויס־געבילדעט אייגענע יוגנט־רעפערענטן, אויף פארטייאישע, פּראָפעסיאָנעלע, קולטורעלע טעמען.

אין דער שפּיץ פון די ראשונים זיינען געשטאנען: הירשל, יחיאל און מענדל גאָלדבערג, יחיאל אשר ליס, זכריה וואָלף ליס, יחיאל טענענבוים, עזריאל צודקעוויטש, גאָלדע ריוואן, בונים גליצנשטיין, שיינדל איזראעלעוויטש און שמואל פערלמוטער א.א. די חברים־פּיאָניערן האָבן זיך גייסטיק אנטוויקלט צוזאמען מיט דער אָרגאַניזאַציע, און נישט קוקנדיק אויף די שווערע עקאָנאָ־מישע באַדינגונגען זיך כסדר געלערנט און געלערנט אנדערע, שלא על מנת לקבל פרס. מענטשן געקומענע פון פארשיידענע סביבות לעבן דאָ אין ענגסטער חברישקייט. מיר האָבן פרייוויליק אוועקגעגעבן די שענסטע יאָרן פון אונדזער לעבן פאַר געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט בכלל און באַזונדערס פאַר דער קולטור־דערציערישער ארבעט צווישן די ברייטסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אלעקסאנדער. אין דער ערשטער צייט האָבן מיר געווידמעט א סך צייט, ענערגיע און איניציאַטיוו, די אָוונט־קורסן. געפירט די ארבעט ביי שווערע באַדינגונגען, מיט אייגענע, באַשיידענע כוחות. אָן פאַך־אויסגעביל־דעטע מענטשן, אָן א בודזשעט, האָבן מיר באַוויזן געבן א סך צענדליקער חברים און נאָענט־שטייענדיקע עלעמענטארע בילדונג און אזוי ארום געשאַפן פיל לייענער פון גוטן יידישן בוך. הונדערטער לייענערס האָבן זיך אין אונדזער

ביבליאָטעק פארפולקאמט. מיר האָבן אנטוויקלט דעם ספּאָרט־קלוב נישט לשם ספּאָרט — נייערט אז אין מאָמענטן פון סכנה זאָלן זיין גרייט קאדערן צו שטעלן א געהעריקן ווידערשטאנד. די דאָזיקע טעטיקייטן זיינען געווען בלויז א טייל פון דעם אלגעמיינעם קאמף, וואָס די ארבעטערשאפט האָט געפירט פאר איר באפרייונג.

מיר האָבן געשטעלט אלע אונדזערע פעאיקייטן, וויסן, ענערגיע, אינעם דינסט פון יידישן ארבעטער־קלאס, אינעם רשות פון דער באוועגונג — „פועלי־ציון״.

***

נאָך עטלעכע יאָר, ווי די דייטשן האָבן רעגירט אין פוילן, און געמוזט דאן אָפּטרעטן, איז אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן דער צוריק אויפגעלעבטער פוילישער מדינה און ראטן־פארבאנד. אונדזער פארטיי און „יוגנט״־ארבעט איז דורך דער מאכט דערקלערט געוואָרן פאר אומלעגאל; אָבער מיר האָבן אונדזער ארבעט נישט איבערגעריסן. ביי א חלב־ליכטל הינטער־פאָרהאנגענע פענסטער, האָבן מיר אָפּגעהאלטן אונדזערע קאָמיטעט־זיצונגען. אויף וויפיל מיר האָבן ערנסט גענומען די דעמלטדיקע געשעענישן, וועט באווייזן דער פאָלגנדיקער עפּיזאָד: אויף א קאָמיטעט־זיצונג פון דער פארטיי, צו וועלכער איך בין געווען צוקאָאָפּטירט אלס פאָרשטייער פון יוגנט־קאָמיטעט, איז צווישן אנדערע ארומגערעדט געוואָרן די פּאָליטישע און מיליטערישע לאגע אין לאנד. חברים האָבן געמאכט אויספירן. א חבר האָט לגבי מיר געמאכט פאָלגנדן פאָרשלאג, דהיינו: איך דארף אין א געוויסן מאָמענט שטיין אין פארהויז פון דער אָרטיקער פּאָליציי־קאָמאנדאנטור, מיט אויפרייס־מאטעריאל, און זיין גרייט אין פאל, ווען ס׳וועט קומען א באפעל צו פארנעמען מיט כוח די פּאָליציייאישע־סטאנציע און די מאכט־האָבער וועלן פּראָבירן ארויסגיין פון זייער לאָקאָל . . .

ביז היינט איז פאר מיר פארבאָרגן דער מיין פון דעם פאָרשלאג: צי האָט מען דערמיט געמיינט די באמת ערנסטע פּאָליטישע סיטואציע דאן (1920) אָדער: ס׳איז בלויז געווען א פרווו פון מיין פסיכישער שטאנד־האפטיקייט.

ווען די מלחמה־אָפּעראציעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָט די „פועלי־ציון״ פארטיי אויפסניי אָנגעהויבן פירן א ברייט־פארצווייגטע ארבעט צווישן דער יוגנט, וועלכע האָט מאסנווייז געשטראָמט אין אירע רייען.

דער צופאל האָט געוואָלט, אז דער דעמלט שוין פאָפולערער און אינטעלי־גענטער דרוקער־ארבעטער פון לאָדזש — חבר טורנער, חיים דער געלער, ווי מ׳האָט אים גערופן, —— איז געקומען אין אלעקסאנדער ארבעטן ביי זיין פאך. אלס דערפארענער יוגנט־טוער האָט ער זיך איבערגעגעבן מיט התלהבות צו דער דערציערישער ארבעט, א 2־3 יאָר, ביז זיין אָפּפאָר אין אויסלאנד.

ס׳איז געווען די רוישיקסטע צייט פון צווישנפארטייאישן קאמף, פון אָר־גאניזירן פראָפעסיאָנעלע פאריינען, עפנען ווירטשאפטלעכע אינסטיטוציעס, פון וואלן צום סיים, צום שטאָט־ראט און צו דער קהילה.

געוואלדיקע טרוימען זיינען וואר געווען. אויסגעבענקטע שטרעבונגען — ווירקלעכקייט.

ס׳קומען אויף אידעאַליסטישע קולטור־טרעגער, א ברויזנדיק געזעלשאפט־לעך לעבן פון א באגייסטערער יוגנט, ממשותדיקע ארבעט פארן אויפבוי פון ארץ־ישראל, ווי די קרנות, הכשרה, חלוציזם און עליה.

די פארטיי „פועלי־ציון" און איר שפרודלדיקע „יוגנט" נעמט שטעלונג און רעאגירט אויף אלע צייט־דערשיינונגען. פון זייערע לאָקאלן הערן זיך פריידיקע געזאנגען, קולות פון הייסע דיסקוסיעס, איבער וועלט און מענטש, גוי און ייד, איבער קלאסן און שיכטן אין דער געזעלשאפט.

א סך מי און צייט פאר דער אנטוויקלונג פון דער ביבליאָטעק און אריינ־ציען לייענער, האָבן געווידמעט די חברים: הערשל און מענדל גאָלדבערג, אלטע גריימאן, יחיאל אשר ליס, הלל קוטשינסקי, שמואל פערלמוטער, בן־ציון כילעוויטש, ישראל קוטשינסקי, לייביש גערשאָנאָוויטש, איטע ראָזענצווייג, ירחמיאל כילעוויטש, ליפע צודקעוויטש, ברכה צענדאָרף, לאה בראנד, משה פארבער, הענדל קראוז. די לעצטע יאָרן איז ביי דער ביבליאָטעק געעפנט געוואָרן אויך א פוילישע אָפּטיילונג. געקומען פלעגן אין לייען־זאל פון דער ביבליאָטעק מערסטנס יונגע מיידלעך און יינגלעך, ווער — טוישן א בוך, ווער — פירן א פרייען שמועס מיט אייגענע און ניי באגעגנטע יוגנטלעכע פון כמעט אלע שיכטן און קרייזן. אָט קומט די טאָכטער פון א בעל־עגלה אויף אונדזערע אָוונט־קורסן, זיך געלערנט לייענען־שרייבן. אָט קומט א יינגל נאָך דער ארבעט, וואָס ביי דעם ארבעט־טיש, שטייט ער נאָך אויף א פלאטע פון אונטערגעלייגטע ציגל. ער זוכט אין דער ביבליאָטעק א יידישע כרעסטא־מאטיע, ער וויל אליין זיך לערנען שרייבן. אָט קומט מיט דרייסטקייט א יונג־באָראָכאָוויעץ און פארלאנגט „די קלאסן־מאָמענטן אין דער נאַציאָנאַלער פראגע"

פון בער באַראַכאָוו. אָט שלייכט זיך שעמעוודיק אריין די טאָכטער פון א חסיד, שטרענגן פאָטער — — — בעט שטיל א ראָמאַן, נעמט מיט ציטערדיקע הענט און שטעלט זיך אויף א מינוט אין ווינקל ארײַנקוקן אינעם בוך, לייגט אים אונטערן מאַנטל און ווערט גיך פארשוואונדן. ס'טרעפט, אז א חסידישער בחור פון בית מדרש — נאָכן דורכלייענען א בוך — קערט זיך מער נישט צוריק אין בית המדרש. אויך א פרומע טאָכטער ווערט נאָכן לייענען אן אנדערע־ווערט און ארבעטאַרין און דערנאָך אן אקטיווע חברטע אין דער „יוגנט"־אַרגאַניזאַציע. נאָענט צו דער לעצטער מלחמה — האָט דער לאָדזשער סטאַ־ראָסטווע קאָנפיסקירט די מיט אזוי פיל מי אויפגעשטעלטע, רייכע ביבליאָטעק.

א קלײנער שיפוע פון דער הויפט־גאַס האָט געפירט צום גרויסן הויף, מיט א שיין פארפלאַנצטן גאָרטן, צום אריינגאַנג אין פארטיי לאָקאַל. פון דער צווייטער זייט, זיינען שטענדיק געווען אויסגעשטעלט א סך פולע און ליידיקע בלעכענע פעסער פון פארב, פאר דער פארבערייַ פון די האַנדעלסמאַנס.

א הויז פון פינף חדרים, האָט געהערט צו דער פ. צ. פארטיי און „יוגנט". דער אונטערשטן עטאַזש, פון צוויי צימערן, האָט פארנומען די „יוגנט". אויפן צווייטן שטאָק האָט די פארטיי און די „יוגנט" פארנומען 3 צימערן דאָס מיטלדיקע צימער האָט געדינט פאר זיצונגען, פרייע־שמועסן. דאָ זיינען ארום די ווענט און טישן געווען אויסגעשטעלט קורצע און לאַנגע בענק. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער פון יידישע און אלגעמיינע ארבעטער־פירער, אין מיטן — דאָס בילד פון באַראָכאָוו.

דאָס דריטע, גרויסע צימער, האָט אָפט געדינט פאר פארלעזונגען, פאַר־זאַמלונגען און טעאַטער־פאָרשטעלונגען. פאר דער ביבליאָטעק איז געווען א באַזונדער חדר, ביים אריינגאַנג אין הויז. דאָ זיינען געשטעלט געוואָרן אין א דלת די ביכער־שאַפעס. די לעצטע צען יאָר האָט זיך דער פארטיי־לאָקאַל געפונען אויף דער „פארבער"־גאַס, אין א באַקוועמען זאַל, וואָס האָט אריינ־גענומען א פאַר הונדערט מענטשן, אין צענטער פון דער יידישער אַרעמקייט.

ביי דער פארטיי האָט עקזיסטירט א דראַמאַטישער־קרייז, פון יינגלעך און מיידלעך, ליבהאָבער פון טעאַטער; מיט אייגענע כוחות האָט מען אויפגעפירט שאַפונגען פון א סך יידישע און נישט־יידישע אויטאָרן. דער דראַם־קרייז האָט אויך געשפילט אין די ארומיקע שטעטלעך. פון צייט צו צייט האָט די פ. צ. יוגנט" קאָאָפערירט מיט דער בונדישער יוגנט אַרגאַניזאַציע „צוקונפט" אויפן

קולטור־וויסנשאפטלעכן געביט. אין יאָר 1919 זיינען אזעלכע געמיינזאמע לעקציעס פאָרגעקומען מיט פרעלעגענטן: שווארצבארד, מאניעלאק, פון דער „יוגנט", און יאָסני, גוטמאן — „צוקונפט" (לאָדזש). אויך האָט אונדזער אמאטאָרן־קרייז מיטגעארבעט מיטן אומפארטייאישן „קולטור־הויז" און אויפֿ־געפירט אויף דער סצענע: „כאסיע די יתומה" — גאָרדין, „דער דאָרפס־יונג" — קאברין, „ווילנער באלעבעסל" — מיימאן, „גנבים" — בימקא, „קעניג ליר" — גאָרדין, „ישיבה־בחור". אין דעם אנסאמבל האָבן זיך באטייליקט: אלטע גריימאן, הלל קוטשינסקי, גאָלדע און פערל ריוואן א.א.

ווען אין יאָר 1918 איז אין ווארשע פאָרגעקומען דער ערשטער לעגאלער פארטיי־צוזאמענפאר, איז אין אלעקסאנדער שוין געווען א גוט אָרגאניזירטע פארטיי. די ערשטע באָראָכאָוו־יאָרצייט־אקאדעמיע אין דעצעמבער 1918 אין זאל לוטניע איז געווען איבערפולט, ממש א ריזיקע דעמאָנסטראציע פאר „פועלי־ציון". אגב, איז דאָס די דאטע, ווען איך בין ארײַן אין דער „פועלי־ציון" „יוגנט". באלד ווי ס'איז אנטשטאנען דער „יוגנט"־פארבאנד אין פוילן אין יאָר 1918, איז שוין ביי אונדז געווען א „יוגנט"־אָרגאניזאציע מיט א סך צענדליקער חברים, וועלכע האָבן זיך גלייך איינגעשלאָסן אינעם פארבאנד און פון דאָרט באקומען אינסטרוקציעס פאר ווייטערדיקער ארבעט.

מיר האָבן נישט געלעבט סתם. מיר האָבן פארמאָגט אידעאלן, וויזיע, שיינקייט. מיר האָבן טיילמאָל אין בלאָטע זיך איינגעטונקט, בכדי אנדערע פון דאָרט ארויסהייבן — ריינער און געלויטערט.

די פירער פון דער פארטיי האָבן געוועקט די בענקשאפטן נאָך ארץ־ישראל, דעם געדאנק פון עליה. אין די יאָרן 1938—1939 האָט די פארטיי אין אלעקסאנדער, אין איינקלאנג מיט די באשלוסן פון דער צענטער וועלט־קאָנפערענץ אין תל־אביב, אָנגעהויבן זיך צובאטייליקן אין די זאמלונגען פארן קרן־קיימת, קרן־היסוד און קרן כופר־הישוב, באטייליקט זיך אין די וואלן צום 21־סטן ציוניסטישן קאָנגרעס און פארשפרייט שקלים.

ביי די לעצטע שטאָט־ראט וואלן, אין יאָר 1939, האָט די פארטיי אָפּ־געהאלטן א נצחון און דורכגעפירט דעם יונגן רירעווודיקן חבר טוביה קוטשינסקי (איצט אין ישראל).

די טעטיקייט פון לינקע „פועלי־ציון" אין אלעקסאנדער — אין די יאָרן 1917—1939, איז איינס פון די פארבנרייכסטע און שענסטע קאפיטלעך אינעם ידישן לעבן פון אלעקסאנדער ביז דער היטלער־מלחמה.

מנחם ווינטער / בית"ר אין אלעקסנדער

כמעט סוף ווארשאווסקא־גאס, אָדער ווי מען פלעגט זי רופן ידישע־גאס — ווייל דאָרט האָבן געוווינט אויסשליסלעך ידן — האָט דער בית"ר געדונגען א גרויסן לאָקאל אין א שטילן גרויסן פארפלאנצטן הויף.

דרך אגב, נישט ווייט פון דאָרט איז געווען א הכשרה פון בית"ר, וואָס אירע חברים האָבן אויסגעפירט אלע ארבעטן: — נאַכט־וועכטערס, האָלץ־האקערס, וואסער־טרעגערס — אפילו אין קאלטן ווינטער — ביז געבן לעקציעס קינדער און דערוואקסענע.

דער בית"ר האָט פארמאָגט א ביבליאָטעק, וואָס איז געווען אָפן טאָג־טעגלעך, און ס'זיינען דאָרט פאָרגעקומען רעפעראטן, ארטיסטישע פאָרשטע־לונגען, מיליטערישע איבונגען, לויטן (ענגלישן) ארץ־ישראלדיקן סיסטעם, וואָס פלעגט זיך פארענדיקן מיט טאנצן הורה.

דער גרעסטער טייל מיטגלידער, יינגלעך ווי מיידלעך, האָבן געטראָגן ברוינע מונדירן, און אין די גלאנצנדיקע קנעפּ איז געווען אויסגעפרעסט די מנורה.

ערשט שפּעט ביי נאכט איז דער לאָקאל געשלאָסן געוואָרן מיטן זינגען „בשוב השם", הימנון בית"ר און „התקוה".

די אָנפירער (מפקדים) זיינען געווען: ישראליק קאָפּלאָוויטש (דוד מוהלס זון) און יחזקאל פּשעדבאָרסקי (מתתיהו'ס זון).

פון בית"ר זיינען א טייל יוגנטלעכע געשיקט געוואָרן זיך לערנען אויף די מיליטערישע (פּוילישע) צוגרייטונגען. לכל הפחות צוויי פון זיי — מרדכי מאָשקאָוויטש און יעקב האנדעלסמאן — געפינען זיך איצט אין ישראל. זיי האָבן אקטיוו אָנטייל גענומען אין מלחמת השחרור. דער ערשטער איז שווער פארוואונדעט געוואָרן. נאָך איינער — יעקב העניך יעקובאָוויטש הי"ד — איז געפאלן אין באפרייונגס־קריג.

אין יאָר 1939 זיינען אומלעגאל, כמעט אָן מיטלען, אוועק דריי בחורים פון בית"ר — יעקב האנדעלסמאן, יעקב העניך יעקובאָוויטש ז"ל און פייוול גומפּריך — קיין ארץ־ישראל, נישט קענענדיק די באדינגונגען און שטרויכ־לונגען וואָס עס דערווארט זיי ביז צום דערגרייכן דעם ציל.

זיי האָבן נאָכגעטאָן דעם ביישפּיל פון בית״ריסט משה לעווין (יוסל לעווינס זון, היינט אין ישראל), וועלכער איז נאָך פריער אוועק, און מיט גרויס מי גליקלעך אָנגעקומען צום אויסגעבענקטן לאַנד.

יעקב האַנדעלסמאַן און יעקב הניך יעקובאָוויטש האָבן אַזוי אַרום אויסגעמיטן דעם דייטשן גהינום און סוף סוף אָנגעקומען נאָך ארץ־ישראל. דער דריטער, פּייוול גומפּריך, איז אומבאַקאַנט פאַרשוווּנדן.

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין שטאָט, איז די פאָן — וועלכע איז מיט גרויס פייערלעכקייט אַנטהילט געוואָרן — באַהאַלטן געוואָרן אין אַ געהיימען פּלאַץ.

פיל ווערטפולע חפצים, ווי אויך דאָקומענטן, סטעמפּלען, בילדער, א.ד.ג. זיינען גוט פאַרפּאַקט, באַגראָבן געוואָרן אין אַ ספּעציעל אָרט פון דעם זעלבן הויף.

מאיר אלעק / דער קבוץ בית״ר

דער קבוץ בית״ר איז אַנטשטאַנען אָנהויב 1932. די ערשטע חברים פון קבוץ בית״ר זיינען געקומען פון העלענוּווּעק (אַ יתומים־הויז, 5 ק״מ בערך פון לאָדזש), ווו זיי האָבן געאַרבעט ביי לאַנד־ווירטשאַפט און ביי פאַרשיידענע אַנדערע אַרבעטן. זיי האָבן נישט געקענט אויסקומען מיטן לייטער פון יתומים־הויז, מרדכי חיים רומקאָווסקי, דער שפּעטערדיקן „עלטסטן״ פון די יידן אין לאָדזש בימי היטלער.

דער ערשטער וואָס איז געקומען נאָך אַלעקסאַנדער איז געווען דער מפקד פון דער גרופּע — בראַון, פון לאָדזש.

מ׳האָט באַשלאָסן צו שאַפן דעם קבוץ בית״ר אין אַלעקסאַנדער. די ערשטע גרופּע איז באַשטאַנען פון 8 מאַן — 7 בחורים און 1 בחורה. קיין לאָקאַל פאַר זיי האָבן מיר נישט געהאַט, האָבן מיר זיך איינגעטיילט אַזוי אַז ביי מיר זיינען געווען צוויי בחורים מיט דער בחורה, און די איבריקע — ביי אַנדערע חברים. מיר האָבן זיך באַמיט צו שאַפן אַרבעט פאַר דער גרופּע און כמעט פאַר אַלע האָבן מיר באַקומען אַרבעט: ווער ביי שמירה און ווער אַלס פאַכמאַן

(איינער איז געווען א בוכהאלטער), און עס זיינען אויך געווען אזעלכע וואָס האָבן געגעבן עברית־לעקציעס ווי צ.ב.ש. יצחק המאירי (שוועצקי), פון בריסק א.א.וו.

קעגנערס פון בית״ר האָבן דעם קבוץ בית״ר נישט געוואָלט אָנערקענען אין מרכז. א נישט־אנערקענטער קבוץ דורכן סוכנות האָט נישט געהאט קיין אויסזיכט צו באקומען סערטיפיקאטן.

דער בית״רישער קבוץ האָט זיך מיט דער צייט פארשטארקט, האָט געפירט אסיפות, געהאט א דראמאטישן קרייז, וואָס האָט אויסגעפירט פאָרשטעלונגען פון ארץ־ישראל לעבן א.א.וו.

די ערשטע צייט האָט יעקב בראנד (דער ערשטער ייד וואָס די היט־לעריסטן האָבן אומגעבראכט) באשאנקען אונדזער קבוץ מיט אייניקע זעק קארטאָפל און א חבר פון זגיערזש האָט געגעבן א זאַק מעל. אנדערע חברים האָבן געגעבן אנדערע זאכן כדי די חברים זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן.

שפעטער איז דער קבוץ מאטעריעל גוט געשטאנען, האָט דער מפקד פון קבוץ, אפרים ראַגאָווין (וועלכער איז היינט אין לאנד א קבלן בנין) אפילו פאָרגעלייגט צו בויען אן אייגן הויז פארן קבוץ. ס׳האָט זיך איינגעשטעלט א שלום: דער קבוץ בית״ר איז געוואָרן אנערקענט דורך דער סוכנות און די חברים פון קבוץ בית״ר און פון קבוץ באָראָכאָוו זיינען געוואָרן באַ־פריינדעט.

דער קבוץ בית״ר האָט עקזיסטירט בערך 5 יאָר און דאן האָט ער זיך ליקווידירט, ווייל סערטיפיקאטן האָבן זיי סיי ווי נישט באקומען און א סך חברים זיינען געפאָרן מיט עליה ב׳.

פיל פון די חברים פון קבוץ בית״ר פון אלעקסאנדער געפינען זיך אין ישראל און האָבן געהאָלפן צום באפרייען אונדזער לאנד. מרדכי ניסנבוים איז געווען ארעסטירט פאר בלאָזן שופרביים כותל המערבי, וואָס איז געווען פארבאָטן פון די ענגלענדער. יחיאל זאלץ, היינט מזכיר אין הסתדרות אין נמל חיפה, איז געווען שעף־פאָליציי אין לאנד און פיל געלייסטעט ביי מלחמת השחרור.

כבוד די לעבעדיקע און אן אייביק אָנדענק די געפאלענע!

מאיר אלעק /

די רעוויזיאניסטישע ארגאניזאציע

אַנהויב יאָר 1928 האָב איך געקויפט א בראָשור פון זאב זשאבאָטינסקי וועגן „דאָס זיכערהייטסוועזן אין ארץ־ישראל". אויף מיר האָט די בראָשור געהאט א גרויסע ווירקונג, בפרט ווען שפּעטער, אין יאָר 1929, זיינען אויסגעבראָכן די ארץ־ישראל געשעענישן.

די בראָשור איז געגאנגען פון האנט צו האנט און עס האָבן זיך געשאפן אַנהענגער פון רעוויזיאָניסטישן געדאנק.

בעת די וואלן צו 17־טן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן זיך געפונען פיל וועלכע האָבן אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאר דער רעוויזיאָניסטישער באוועגונג.

אין יאָר 1931 האָבן מיר געשאפן די רעוויזיאָניסטישע באוועגונג און דעם בית"ר. פון לאָדזש איז געקומען דער חבר אשר וויינבערגער — וועלכער איז געוואָרן באשטימט אלס מפקד פון בית"ר — און עס איז געשאפן געוואָרן א הנהלה אין פאָלגנדן צוזאמענשטעל: יושב ראש — מאיר אָלעק, מזכיר — צבי מאָשקאָוויטש, גזבר — לייביש לעווין, מפקד בית"ר — אשר וויינבערגער, סגן מפקד — ישראל קאָפּלאָוויטש, חבר מפקדה — אברהם זאמלונג. שפּעטער איז מפקד געוואָרן לייביש לעווין און איך בין געוואָרן חבר המפקדה.

נאָך שפּעטער האָב איך זיך צוריקגעצויגן פון אקטיווער טעטיקייט צוליב פאָלגנדע סיבות: איך האָב באשלאָסן אין יאָר 1932 עולה צו זיין און מיינע עלטערן האָבן זיך נישט אנטקעגן געשטעלט, נאָר פארקערט: זיי האָבן געוואָלט אז מיר אלע זאָלן צוזאמען פאָרן נאָך ארץ־ישראל. אין לעצטן מאָמענט האָט דער הויך־קאָמיסאר פון ארץ־ישראל אונדז די דרישה אָפּגעוואָרפן. מיר האָבן זיך געוואנדן אין סוכנות. דערווייל אָבער אין יאָר 1933 איז געוואָרן באפאר־צוגט דאָס דייטשע יידנטום. מיר זיינען געבליבן אָן א הויז און אָן א וווינונג. אין 22.10.1933 האָבן מיר געקויפט א הויז אויף ליסטאָפּאדא 13.

איך האָב דאן געוואָלט אליין פאָרן אומלעגאל, בין איך און נאָך מיינע באקאנטע יעקב פראנקענטאל און יחיאל ווונטש, געוואָרן קרבנות פון א שווינדלער: מיר האָבן אָנגעווירן געלט און געבליבן ווי אויפן וואסער.

טראָצדעם האָב איך גענומען אָנטייל אין דער רעוויזיאָניסטישער ארבעט, אָבער נישט מיט דער אקטיוויטעט וואָס פריער.

די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַנזאַציע האָט זיך צעוואקסן און האָט ארומגע־נומען פארשיידענע קרייזן פון דער אלעקסאנדערער יידישער באפעלקערונג.

עס האָבן זיך געשאפן אָפטיילונגען און קרייזן, אזוי ווי ברית הצה״ר, בית״ר, ברית החייל, ברית חהשמונאים. עס איז אויך געשאפן געוואָרן א דראמאטישער קרייז וועלכער האָט מענכעס מאָל צוזאמען מיטן דראמאטישן קרייז פון „מכבי״ אויפגעפירט פארשיידענע זאכן.

עס זיינען געפאָרן פון אונדז חברים אומלעגאל נאָך ארץ־ישראל ווי יוסף מעלניק, משה לעווין, אפרים אָלעק, אהרן האָכמאן ז״ל, יעקב העניך יעקובאָוויטש הי״ד און אנדערע חברים וואָס איך געדענק נישט.

נישט ווייניק האָט בייגעשטייערט צו דער אנטוויקלונג פון דער רעוויזיאָניס־טישער אָרגאַניזאציע די אנטעסימיטישע כוואליע, ווי די „אָוושעם־פּאָליטיק״ ד.ה. דאָס שטערן דעם יידישן האנדל און באַיקאָטירן יידישע געשעפטן און אויך דער פשיטיקער פּאָגראָם.

עס זיינען צו אונדז געקומען אזעלכע חברים ווי דער סעקרעטאר פון דער יידישער קהילה ראָזענבלום און אברהם ביעלאס און דר. גלאט, דער רעליגיעזער עברית־לערער און משכיל מרדכי ווידאווסקי.

עס זיינען געווען יידישע הייזער אין אלעקסאנדער וואָס דער רעוויזיאָ־ניסטישער געדאנק האָט אין זיי געלעבט; צ.ב.ש. ביי יצחק לעווין זיינען 4 בחורים — לייביש, יעקב, יוסף און יהושע — געווען אקטיוו. ביי יוסף לעווין זיינען געווען אקטיוו 3 בחורים. זייערע נעמען: יששכר, ראובן, משה.

זייער אקטיוו זיינען געווען ישראל קאָפּלאָוויטש און יחזקאל פשעדבאָר־סקי — ממש א ביישפיל און מוסטער פאר אלע. אקטיוו זיינען אויך געווען מאקס גוזא און אברהם שאול יעקובאָוויטש, אברהם קריזמן, חנה און דבורה זשאַרנאָווסקי. אין ברית החייל: אשר בוזין און עקיבא געטשינסקי.

העניך יעקובאָוויטש האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן און געקעמפט אין דער יידישער בריגאדע און דאן געפאלן אלס העלד פאר דער באפרייונג פון אונדזער לאנד.

אהרן יצחק פליישמן /

הסתדרות „המזרחי"

לאחר גמר מלחמת העולם הראשונה היו החיים הכלכליים משותקים מחמת חורבן התעשיה והמלאכה. אבל רצון החיים חזק מהכל, ולאט־לאט התחיל הכל לחזור למסלול הרגיל. היהודים, בעלי התעשיה בעירנו, פיתחו שוב את מפעליהם, וכן גם בעלי המלאכה והמסחר והתחילה שוב ההתעוררות של החיים הצבוריים בכל גווניהם וצורותיהם.

רק חלק מהבנות השתלב בבתי הספר העממיים הממשלתיים. הנערים לעומת זאת למדו חלקם ב„חדרים", אצל המלמדים, וחלקם ב„ישיבות". רק חלק קטן מאד למד בקבוצות אצל מלמד זה או אחר למודי קודש ומעט מאד פולנית ויידיש או עברית. באותו זמן הוקמה הסתדרות „המזרחי" — וכן „צעירי־המזרחי".

האחים הנדלסמן, האחים שמידט, יעקב שלם, ל. לנדאו, הרשל וינברג, הרשל פרנקנטל ואחרים ראו צורך לייסד את בית הספר „המזרחי" — כי הם רצו לחנך את בניהם ברוחם, ברוח ציונית. הם שכרו לשם זה בנין מיוחד שהיה בקצה העיר — על הקצנדורף — אשר בחצרו של הרשל פרנקנטל, חתנו של מרדכי גריימן. היו שם 5—6 חדרים לא מרווחים ביותר וחצר גדולה. בבית ספר זה למדו עברית, תנ"ך, דקדוק, אגדה, חשבון, גיאוגרפיה, התעמלות, והמשיכו גם ללמוד את לימודי הקודש — חומש, רש"י, גמרא, משניות. לשם כך גויסו מורים מיוחדים, מקומיים ומלודז'. גם כותב שורות אלה היה אחד מאלה שהצטרפו לבית ספר זה. נוסף ללימודים קיבלו התלמידים גם חנוך לאומי והרבה ידיעות על הארץ ועל בעיותיה.

בבית ספר זה היתה המשמעת חזקה והקפידו על הכנת השעורים ונקיון הספרים, המחברות והבגדים. מזמן לזמן היו מזמינים מרצים לספרות, לפרוזה ולשירה והיו עורכים ערבי הרצאות מעניני דיומא.

שירה בציבור: השירים הראשונים שלמדונו היו „על־חלון", „אל הצפור" ועוד כיוצא באלה.

במשך הזמן נרשמו עוד הרבה עשרות תלמידים חדשים, והמבנה הישן של בית הספר היה צר מהכיל את כל מאות התלמידים. עברנו, על כן, למבנה

חדש, ברחוב וויאטראצ׳נה, שהיה יותר קרוב למרכז העיר, לביתו המרווח של נחום פולקובסקי, שהוא עצמו היה חבר „המזרחי" ותמך כל הזמן בבית הספר.

הפעילים העיקריים מבין הכוחות הצעירים שבתנועת „המזרחי" היו משה הנדלסמן, יחיאל פרנקל, האחים פרלמוטר, האחים יהושע, ומשה חיים צנדורף ובן־ציון גולדוסר. רובם של התלמידים מהכיתות הגבוהות השתתפו עם החברים הנ"ל בכל מיני פעולות — תרבותיות, תנועתיות וגם בקרנות הלאומיות: קרן היסוד, קרן הישוב, בחלוקתן של קופסאות הקרן הקיימת לישראל ובהרקתן בכל חודש וחודש. כמו כן היו מתרימים בכל מיני כנוסים ומסיבות שסודרו ע"י המוסדות הנ"ל. היינו פעילים גם בוועדי הקרנות האלה. ייסדנו גם תנועת „פרחי המזרחי" שהיתה כעין פרוזדור לפני היותנו חברים ב„צעירי המזרחי". היינו פעילים במשך הזמן גם בתוך „החלוץ המזרחי", שנוצר באותו זמן שנוצרו שאר תנועות „החלוץ": הכללי, „גורדוניה", „פרייהייט" והיו לנו פעולות משותפות עם התנועות הללו. בין הפעולות השונות היתה העיקר ארגון קבוצות חברים שהתכוננו להכשרה ולעליה מבין חברי „המזרחי".

ואמנם במשך הזמן נסעו כמה חברים וחברות להכשרה. הראשונים שבהם היו בן־ציון פלום, שרה פרנקנטל ואחותה פרימט, בנותיו של המורה ליטווין המנוח, ונתן פוזנר שנסעו לקבוץ הכשרה בסקוצ׳קובה ומקומות אחרים. מחברי „המזרחי" עלו ארצה הראשונים הח"ח ל. לנדאו, אליהו פיין ומשה הנדלסמן.

במשך הזמן התהווה פילוג בתוך שורות „החלוץ המזרחי" וחלק גדול מהחברים השתלב בתוך „החלוץ הכללי", שניהל פעולות ענפות ורחבות בכל השטחים — הרצאות, כנוסים, מושבות קיץ. ההשתתפות היתה ערה בכל פעולות הקרנות, וכן בפעולת ההסברה — שהיתה קשורה בעניני הכשרה ועליה. בתחילת שנת 1929, לפני מאורעות תרפ"ט, נסעו הראשונים לקבוצי הכשרה של „החלוץ" ו„גורדוניה". הנחשונים הראשונים היו הח"ח יצחק ווונטש, שלמה קולסקי וכותב שורות אלה, ולהכשרה בקבוצת „גורדוניה" יצאו שמחה ושרה שרמן. הראשונים שיצאו לקבוץ הכשרה בסוכדניוב שע"י קילצה יסדו את הקבוץ ע"ש בורוכוב — שהיה מקיבוצי ההכשרה הגדולים בפולין והכשיר הרבה מאות ואלפים חלוצים לעליה. ואמנם הראשונים להכשרה היו גם הראשונים לעליה ואם כי עלייתם התעכבה קצת לרגלי גזירות פספילד בזמנן — עלו בשנת 1930 ארצה, נקלטו בקבוצה בארץ והכו שורשים, הקימו משפחות והשתלבו בחיי הארץ.

נתן פוזנר / „החלוץ המזרחי"

אחרי שפולין קיבלה את עצמאותה, בתום מלחמת העולם הראשונה ב־1918, עדיין היתה נטושה מערכה כבדה בגבולותיה המזרחיים של המדינה. דם יהודי רב נשפך על ידי כנופיות באוקראינה והרבה יהודים הצליחו להתחמק בעוד מועד ולהציל את עצמם רק על ידי מנוסתם ובריחתם אל מערב־פולין, לאיזורים שלווים ושקטים באופן יחסי, לגליל לודז׳ על עיירותיו הקטנות. כאן עזרו להם היהודים־התושבים להשתקע במקום.



חברי ועד „החלוץ המזרחי" — דער פארוואלטונג פון „החלוץ המזרחי"

בין הפליטים האלה היו צעירים חסוני גוף ונפש, חלוצים, שהתחנכו על ברכי התרבות העברית והשפה העברית היתה שגורה בפיהם בשימוש בחיי יום־יום; חלוצים אלה היו עמוסי כמיהה לציון ועליה. גם לעיירתנו הם באו ונאחזו בצפורניהם בקרקע. העיירה אירחה ואיכסנה אותם ושירשתם בעבודה עד עלייתם ארצה.

דאגת קליטתם נפתרה מיד במקומות עבודה שונים. כ־20 איש נקלטו במצבעת ב. ש. הנדלסמן, ברחוב אוגרודובה, בחצר. 22 איש — במצבעת גולדברג. היתר הועסקו במקומות עבודה שונים. המעבידים היו שבעי רצון ממסירותם ונאמנותם לעבודה. חלוצים אלה לא הסתפקו בעבודה, התערו היטב בתוך הישוב בעיירה, בעיקר בסקטור הציוני; הפעילו והתסיסו נוער על ידי הסברה תרבותית, עיונית וחלוצית. משכו אליהם דרך ארץ והערכה רבה בהתנהגותם המופלאה. גם בחגיגות, במצעדים שונים ברחובות, במדי הירוק החלוציים, בשירה ובזמר השאירו רושם כביר על הנוער בכלל ועל הנוער הציוני בפרט. כאשר נערכה לכבודם מסיבת פרידה גדולה, בשנת 1920, לרגל עלייתם, בהשתתפות מאות אורחים, דיברו כולם בשבחם תוך הבעת אהדתם וחיבתם לחלוצים.

בהשפעת החלוצים הוקמה הסתדרות „החלוץ המזרחי". אחד מחדרי בית הספר „המזרחי", שהוקם בשנת 1921 בבית פולקובסקי ברחוב וויאַטרצ'נה, שימש משכן ל„החלוץ המזרחי". הסניף מנה 100 איש. בשנת 1923 נבחר ועד בן חמישה חברים פעילים: מ. הנדלסמן, בן־ציון גולדוסר, בן־ציון פומרנץ, שרה ליטווין ושמחה שרמן. בכל שבת בבוקר — תפילה בצוותא. בערבי שבתות — עיתונות דתית תנועתית והרצאות על נושאים תורניים ויישוב הארץ. באופן מיוחד הושם הדגש על הקניית השפה העברית לחברים בזמני הכינוסים והאספות. ביחוד התמסר לפעולה תרבותית — לפני עלייתו ארצה בשנת 1923, — י. מ. הנדלסמן, שהשקיע בעבודה זו את כל מרצו ותנופתו. עם עלייתו נערכה לכבודו מסיבת פרידה המונית. עם עזיבתו נערך הסניף מחדש לקראת פעולה מכופלת ומשולשת. בן־ציון גולדוסר נטל על עצמו את הטיפול במשימות ארגון וייצוג. בקרנות טיפל שמחה שרמן אשר שימש גם מזכיר הסניף וביצע פעולות שונות. הוא היה, למעשה, לב הסניף.

בשנת 1924 נוספו חברים חדשים. תודעת „החלוץ המזרחי" חדרה־פשטה בכל שכבות העם וכבשה לבבות. הוכנו עתודות לקראת עליה והכשרה; ואמנם הצלחנו לקצור יבול רב כפי שזרענו. אחד מטובי חברינו, שהגשים בנפשו

ובגופו את רעיון העליה, היה הח' מיעלניק. אחרי נדודים ורוב סבל במשך ירחים רוויי עינויים בדרכו ארצה, הגיע לבסוף לחוף מבטחים חולה ורצוץ. אך אחרי כן החלים והוא בארץ מושרש בעבודה יצירתית.

בשנת 1925 מנה הסניף 120 חבר. הח' שפירא מווארשה, ממרכז „החלוץ", אישר ארבעה חברים להכשרה חקלאית בסקוצ'קובה ע"י שרפץ: בן־ציון פלאום, נתן פוזנר והאחיות שרה ופרימט ליטווין, בנות המורה ליטווין של בית הספר „המזרחי". בגמר ההכשרה, בשנת 1925, עלה בן־ציון פלאום לארץ. נתן פוזנר לא עלה בגלל סירוב שלטונות פולין לתת לו היתר יציאה בשל הצורך לשרת בצבא. הוא עלה בשנת 1935. האחיות ליטווין לא עלו בגלל סיבות שונות ורק אחרי השואה הגדולה, ב־1947, באו ארצה, נשואות שתיהן: שרה ליעקב פרנקנטל ופרימט לגולדשמידט. בנותיהן נשואות ומושרשות בקרקע המולדת, במדינת ישראל.

ב. צ. פוזורנץ / „החלוץ" הכללי

העיירה אלכסנדר הצטיינה בכך, שרוב בני הנוער בה היו חדורים ברעיון הציוני. רחובות העיירה היו הומים תמיד בני נוער, אשר באו מכל שכבות הציבור, החל בימין הקיצוני — תנועת בית"ר, וכלה בשמאל הקיצוני — „פועלי־ציון" שמאל. איש איש מצא לו מסגרת נאותה בהתאם להשקפותיו, והיה מוצא את סיפוקו בתנועה משלו, תחת דגל וסיסמה משלו. הצד השוה שבכל תנועות הנוער הללו היה הרעיון הציוני.

בסוף שנות העשרים של המאה הנוכחית, ימי מאבקה של יהדות פולין בשטח הכלכלי, נגד מדיניות המסים של הממשלה שהיתה מכוונת בעיקר נגד הסוחר ובעל־המלאכה היהודי, נגד תנועת החרם הכלכלי, האנטישמיות וחסימת ענפי המשק העיקריים בפני הנוער היהודי — נוצר הלך־רוח של חוסר מוצא וסיכוי לעתיד. לא יפלא איפוא שהנוער, על כל חוגיו, חיפש לו דרך להימלט מן הספינה המיטרפת בלב ים סוער ולמצוא לו חוף מבטחים, שם יוכל להשתחרר מעול הדיכוי הנפשי והחומרי, להפיח רוח חדשה בחייו המסתאבים, ולמצוא קרקע מוצקה לרגליו.

בשנת 1928 הגיעה לעיירתנו משלחת בת שני חברים, ברוק ופבריקנט, חברי „פועלי־ציון" צ"ס מלודז', ואחרי התייעצות עם הוועד המקומי של המפלגה סוכם להקים ליד המפלגה תנועת נוער בשם „החלוץ הכללי", אשר מטרתה — להכשיר צעירים לעליה ארצה.



קבוצת חברי „החלוץ" הכללי

א גרופע חברים פון „החלוץ" הכללי

מניחי היסוד של תנועה זו היו בוגרי וחניכי בית־הספר „המזרחי". בני נוער אלה, אשר בשנות לימודיהם רכשו את השפה העברית, ושירים עבריים — שירי געגועים לארץ הנכספת, — היו שגורים בפיהם, היוו את הגרעין הראשון שנשתל, צמח וגדל, ולאחר שנים היו בין הפעילים בכל סניפי התנועה הציונית וקיימו הלכה למעשה את הרעיון הנשגב של שיבת ציון ובנין הארץ.

סניף „החלוץ" התארגן עד מהרה. הצטרפו אליו חברי „פרייהייט" ו„גור־דוניה" והתנהלה פעולה משותפת נרחבת. מדי ערב ישבו נערים ונערות ושקדו על לימודיהם, רכשו את השפה העברית וקראו ספרות עברית. שליחים ממרכז „החלוץ" ומארץ־ישראל ביקרו בסניפנו והביאו דרישת שלום חיה מהארץ

הנבנית ועודדו את חברי „החלוץ" להתכונן ולחזק את שורות הבונים. מיום ליום ניכרה התקדמות לקראת המטרה: קם „חיל חלוץ" חדש, חי ותוסס, השואף לחיי דרור, ומגשים חלום של דורות.

כינוסים ומושבות-קיץ נערכו בחיק הטבע; נתקיימו ויכוחים על הציונות, על מהותה של ההסתדרות הכללית, על משמעותם ותוכנם של חיי הקיבוץ והקבוצה, ובסיום יצאו כל המשתתפים בריקודי הורה, שלובי זרוע, בליווי השיר הידוע (יחי ביסטריצקי עם ההורה שלו). שעות ארוכות נמשכו הריקודים הנלהבים. המעגל הלך והתרחב והקולות הלכו וגבהו. עוברים ושבים, שהסתכלו ברוקדים משתאים ותמהים, הצטרפו לבסוף גם הם אל המעגל...

סניף „החלוץ" התרחב והסתפחו אליו חברים חדשים, אפילו מחברי „בונד" ו„פועלי ציון" שמאל. התנהלה פעולת הסברה נרחבת ונאספו כספים למען „הקרן הקיימת לישראל", „קרן היסוד", וקפא"י.

עתה החלו החברים להתכונן לצאת להכשרה. ראשונים יצאו החברים א. פליישמן וי. ווונטש. שנים אלה, שעברו ראשונים לפני המחנה, נפרדו מן החברים במסיבת פרידה מיוחדת שנערכה להם ליד שולחנות ערוכים. הושמעו נאומים נלהבים. כל החבר'ה הצטלמו יחד, ולבסוף יצאו הכל בריקודי הורה עד אור הבוקר.


ברכת אחים ליוותה את היוצאים לדרך החדשה. הם תקעו יתד בעיר סוכדניוב, שליד קילצה. יסדו שם את הקיבוץ על שם ב. בורוכוב, וכעבור זמן קצר נוסדו קבוצים גם בקילצה ובסקרזיסקה.

המכתבים שהגיעו מהם היו מלאי עידוד ותקוה. הם עבדו בכל מיני עבודות, ועד מהרה הסתגלו לתנאי החיים החדשים בשטח הכלכלי והחברתי.

אחריהם יצאו להכשרה קבוצות קטנות נוספות. הראשונים עלו ארצה והבאים אחריהם מילאו את מקומם.

בינתיים פרצו מאורעות־הדמים בארץ. הימים ימי גזירות פספילד. שערי הארץ היו נעולים. הרבה חברים שאושרו לעליה מטעם מרכז „החלוץ" נשארו תקועים על מזוודותיהם הארוזות, באין ישע ובאין מוצא. קשה מאד היתה מצוקתם הנפשית והחומרית של החברים, אשר שרפו את כל הגשרים שלהם עם חיי הגלות, עזבו את מקום עבודתם, את פרנסתם, ומנת חלקם היתה סבל ויאוש. ממרכז „החלוץ" נתקבלו מכתבים וחוזרים המבקשים להתאזר בסבלנות

ולעשות הכל כדי להגביר ולחשל את התנועה החלוצית, להקים נקודות־הכשרה חדשות. ,,מחובתנו להתמודד עם ההתנכלות האנגלית לישוב העברי ולהילחם בנעילת שערי העליה ולא להכנע", נאמר במכתבים.



תמונת פרידה לחברים וונטש ופליישמן, לפני עלייתם ארצה

א געזעגענונגס־בילד מיט די חברים וונטש און פליישמאן פאר זייער פארן קיין ישראל

איתנים ברוחם ומסורים לרעיון הנשגב, נרתמו החברים מחדש לפעולה נרחבת ומילאו את צו השעה. הם עזרו להקים נקודת־הכשרה חדשה במקומנו, ואחר־כך גם בעיר לודז'. שוב יצאו חברים למרחקים והגיעו עד סביבות וילנה, לקבוץ ,,שחריה". שם התקיימה פעילות נרחבת והוקמו נקודות ההכשרה בלידה, נימן, אושמינה ועוד. כך, תוך שקידה על תפקידם בלי ליאות ובלי רפיון, המתינו החברים באורך רוח ובציפיה ליום בו ייפתחו שוב שערי הארץ.

יש לציין כי הודות לאורך רוחם, שאיפתם האיתנה ומאמציהם הכבירים של החברים בתנועת ,,החלוץ" שבעיירתנו, לעלות בכל מחיר ובכל הדרכים — הצליחו הרבה חברים לעלות ארצה, להכות כאן שורש ועד היום הם פעילים בהרבה שטחים חברתיים וארגוניים.

שרה כרמי (שרמן) / „גורדוניה"

אחרי מלחמת העולם הראשונה התעוררה יהדות פולין לאהבת ציון, וכמו ברוב הערים והעיירות החל אף בעיירתנו הנוער להתארגן ולזרום למפלגות: מי לימין ומי לשמאל. באותה תקופה קם גם בית־ספר עברי־דתי „המזרחי", שרוב התלמידים אשר למדו בו עלו ארצה. בין בוגרי בית הספר הזה היה שמחה שרמן.



קבוצת חברי „גורדוניה"

א גרופּע חברים פון „גורדוניה"

באחת השבתות הזמין אותי שמחה שרמן להרצאה, שהתקיימה בהסתדרות „התאחדות" ובה הרצה פנחס לוביאניקר (לבון). באותה שבת, בשנת 1927, נוסדה הסתדרות הנוער הציוני „גורדוניה". היתה זו הסתדרות נוער חלוצי שנתארגנה על יסודות עבודה, כפי שבאו לידי ביטוי בקבוצת „דגניה" ע"י

אהרון דוד גורדון. בין מייסדי סניף התנועה בעיירתנו היו דוד בורנשטיין, פייביש שלם, חיים דוד צודקוביץ׳, שמחה שרמן ואחרים.

הנוער התחיל לזרום לתנועתנו: בחורים ובחורות מכל הגילים, החל בגיל 8; אולם היו לנו מדריכים מעטים מאד. לכן אירגנה ההנהגה הראשית של תנועתנו מושבת מדריכים. לשם נשלחתי גם אני. בשובי חילקנו את החברים לקבוצות, ולכל קבוצה נקבע מדריך משלה.

מטרתנו היתה ללמד את החברים את תורת הציונות ואת השפה העברית. המורה היה אברהם כהן. התקיימו הרצאות על נושאים שונים, בעיקר על בעיות הספרות העברית, פוליטיקה. הקימונו גם ספריה.

כדי לקרב את הנוער לטבע התקיימו פעולות מחוץ לכותלי הסניף. התקשרנו עם „החלוץ", וניהלנו פעולות משותפות. היינו מארגנים, למשל, „יום פרח" למען הקרן־הקיימת; רוב תושבי העיר תרמו בעין יפה.

בשנת 1929 נסע חלק מן החברים להכשרה. ב־1930 הם עלו ארצה.

בשנת 1932—33 הגיע סניף תנועתנו לשיא גדולתו.

ב־1933 נסעתי להכשרה ואחרי ניהלו את העבודה משה ואהרון צודקביץ׳, ודבורה וגדליהו פרנקנטל.

כשפרצה מלחמת העולם השניה היו חברינו פעילים בגיטו לודז׳. אחת מהם, חוה הנדלסמן, בלונדית ויפה, היתה בצד ה„ארי". פעם, בעת שהעבירה נשק לתוך הגיטו, בווארשה, תפסו אותה עם עוד חברים והעלו אותם לגרדום.

אליעזר כהן / פועלי אגודת ישראל

בין יתר המפלגות והארגונים שהיו פעילים בעיירתנו בשטחים פוליטיים, סוציא־ליים וחברתיים, נמנתה גם מפלגת „פועלי אגודת ישראל", אשר תרמה תרומה נכבדה בשטחים שונים ואשר פעלה הן בקרב הנוער הדתי והן בקרב האוכלוסיה היהודית כולה.

ראוי על כן לעמוד על כמה מפרטי פעולתה.

כידוע היתה עיירתנו מפורסמת בתעשיית הגרביים שלה. רוב בתי־החרושת לגרביים היו בידי יהודים, ואילו הפועלים היו נוצריים. לפועלים יהודים לא ניתנה דריסת רגל במפעלים הללו, והתעשיינים היהודים הצדיקו את נוהגם זה בטענה,

שהמפעל צריך לעבוד גם בשבתות (בשטר מכר כמובן), ואם יקבלו פועלים יהודים, אשר לא יוכלו להתיר להם לעבוד בשבתות, יפסידו יום עבודה. אבל מאחר שהיה מדובר כאן בשאלת קיומן של מאות משפחות יהודיות, מצאנו לנכון לעמוד על זכות הפועלים היהודים ולהתארגן בין כתלי בית־התפילה, שכן חלק ניכר מן המתפללים היו בין תעשייני הגרביים. ניהלנו משא־ומתן ממושך שלא הביא כל תוצאות. לבסוף החלטנו להפגין את מחאתנו נגד נותני העבודה בתוך כתלי בית־התפילה. בשבת השבתנו את קריאת התורה, כדי להביע את מחאתנו. התחוללה סערה גדולה וניטש מאבק בין שני הצדדים. לבסוף היתה ידנו על העליונה ונותני־העבודה היהודים הסכימו להעסיק במפעליהם גם פועלים יהודים. כותב השורות הללו עמד בראש הקבוצה המנצחת. קראו לי אז מהפכן. לאחר פעולה מוצלחת זו קבלתי מכתבי עידוד מכל ארגוני הפועלים היהודיים שבעירנו.



תלמידות בית הספר „בית יעקב"

די קינדער פון „בית יעקב" שולע

היינו פעילים גם בשטח הסוציאלי: יסדנו קופת גמ"ח, במטרה לתת לנצרכים הלוואות בלי ריבית. כמו כן יסדנו קופת סעד, שמטרתה היתה לתמוך בנזקקים על־ידי מתן בסתר. הרבה יהודים נהנו מתמיכה זו גם מבלי שהשתייכו לתנועתנו.

פעלנו גם בשטחי החינוך והתרבות: קיימנו שיעורי קודש ושיעורי חול, בהם השתתפו רבים מבני הנוער הדתי, אשר לא היו להם האמצעים להשתלם בבתי־ספר, וכך עזרנו להם להתקדם ולהשתלם בלימודיהם.

קיימנו גם מסיבות חגיגיות בשבתות ובחגים, בהן הושמעו הרצאות על נושאים שונים, במגמה להחדיר בקרב הנוער הדתי ערכים יהודיים רוחניים.

גם בחיים הפוליטיים והחברתיים לקחנו חלק פעיל והיינו עירנים לכל הנעשה בחיים הציבוריים היומיומיים. היה לנו נציג בעיריה — משה פשטיצקי ז״ל; וכן נציג בקהילה — חנוך אלתר ז״ל. שניהם לחמו בעוז למען צביון התנועה, ויחד עם זאת שקדו על טובת הציבור כולו.

ראוי לציין שבשנים האחרונות היינו פעילים למען ישוב ארץ־ישראל. יסדנו נקודות הכשרה, וכותב שורות אלה היה בין מייסדיו ומנהליו של קיבוץ פא״י בלודז׳, ואחר־כך של קיבוץ ב„סטאַרצ׳ייב״. קבלנו סרטיפיקט אחד לעליה ארצה ובעזרת השם זכיתי בו אני.

קולטור און ספאָרט

שבתי פראנקענטאל / ספאָרט־קלובן

די מאסן־ספאָרט־באַוועגונג ביים יידישן פאָלק, באַזונדערס ביי אונדז אין שטאָט, האָט זיך אָנגעהויבן מיט א גרויסער פארשפעטיקונג. אונדזערע עלטערן האָבן געהאלטן, אז אזא באַוועגונג דערפירט צום אראָפּגיין פון דרך הישר וכדומה. נישט קוקנדיק אויף די שטערונגען און שוועריקייטן איז אין יאָר 1915 אנטשטאַנען די ערשטע יידישע ספאָרט־אָרגאניזאציע, דער „טורן־פאריין״. די פיאָניערן און גרינדער זיינען געווען: אליהו גריימאַן, יחיאל מענקאַלסקי, פנחס זשאַרנאָווסקי, הערש גאָלדבערג, ש. פליטמאַן א.א.

די צאַל חברים איז דערגאנגען ביז 40. איבונגען האָט מען געמאכט אין זאל פון דייטשן „שיצן־צוג”, ביים דייטש פרוכאווסקי אויף לענטשיצקא גאס. מ'האָט אָרגאניזירט אויספלוגן און איינגעאָרדנט פאַרשטעלונגען, אָבער צוליב טעכנישע און פינאנסיעלע שוועריקייטן האָט זיך דער „טורן־פאריין” טיילווייז אויפגעלעזט. אָבער דער רוף צו דער יוגנט „אין געזונטן גוף א געזונטער גייסט” האָט זיך אָפגערופן ביי דער יוגנט און עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1923, איז געשאפן געוואָרן א פוטבאָל־מאנשאפט, „הכח”.

די ערשטע חברים און גרינדער: חיים דוד צודקאָוויטש, אברהם וואלד־מאן, יעקב אהרון לעווקאָוויטש, יהיאל פלאָם, אליהו לאמסקי, ברידער גאָלד־וואסער — ברוך און מרדכי, משה פליטמאן, לייב איזראעלעוויטש, בן־ציון בלאנקעט, באָלעק פוקס און אנדערע.

די אויבן דערמאנטע חברים זיינען געווען די שפּילער אין דער פוטבאָל־מאנשאפט, וועלכע האָט זיך צום ערשטן מאָל פארמאסטן מיט א פוילישער מאנשאפט „סאָקול” און אויך מיט דער דייטשער פוטבאָל־מאנשאפט פון „יוגנט־פאריין”.



חברי הסתדרות „המכבי”

ספּאָרט קלוב „מכבי”

היות ווי ביי אונדז איז דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט געווען באשעפטיקט אין דער זאָקן־אינדוסטרי, וועלכע איז אין דער ערשטער העלפט פון 20־סטן יאָרהונדערט נישט געווען שטארק מעכאניזירט — געארבעט די זאָקן אויף האנט־מאשינען — איז נאָך א טאָג ארבעט, וועלכער האָט געדויערט מער ווי 8 שעה, האָט זיך די יוגנט געניטיקט אין א ביסל גימנאסטיק, כדי זיך אויסצוגלייכן די ביינער נאָך א טאָג זיצן איינגעבויגן ביי דער מאשין. צו הילף זיינען געקומען די פּאָליטישע אָרגאניזאציעס וועלכע האָבן געשאפן ביי זיך אָפּטיילונגען פון ספּאָרט־פאריינען פון זייער באוועגונג.

אזוי האָט:

„התאחדות" און „גורדוניה" געשאפן דעם „מכבי";

„פועלי־ציון" צ. ס. — דעם „הפועל";

„פועלי־ציון" לינקע — דעם „שטערן";

„בונד" — דעם „מאָרגנשטערן".

ס'איז כדאי אויך צו באמערקן אז דער אלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער פאריין אין שטאָט האָט געשאפן א ספּאָרט־אָפּטיילונג, אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען אויך יידישע ספּאָרטלער.

די אלע אויבנדערמאָנטע ספּאָרט־קלובן האָבן אָרגאניזירט אין דער ערשטער ריי גימנאסטיק־מאנשאפטן. די איבונגען זיינען פאָרגעקומען אין שבת; ווינטער האָט מען געאיבט אין פארטיי־זאל, זומער — אין דער אומגעגנט אויף פרייער לופט. צו דעם צוועק האָט יעדער קלוב איינגעלאַדן אינסטרוקטאָרן פון זייערע צענטראלע קלובן אין לאָדזש. די אינסטרוקטאָרן האָבן רעגולער באזוכט די קלובן, צוגעגרייט טורנפעסטן, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט געוואָרן אין די שטאָטישע קינאָס און טעאַטער־זאלן. א סך פון זיי זיינען אויסגעפאלן זייער אימפּאָזאנט.

עס האָבן אויך עקזיסטירט פוטבאָל־מאנשאפטן ביי די אלע קלובן, אָבער נישט האָבנדיק קיין אייגענעם פוטבאָל־פּלאץ זיינען זיי אָנגעוויזן געווען אויפן יושר פון די צוויי קלובן, „שטשעלעץ" און „סאָקול". זיי זיינען צו קיין הויכער מדרגה נישט דערגאנגען, אָבער זיי האָבן דורכגעפירט פאר־מעסטונגען מיט די אָרטיקע מאנשאפטן, צווישן אייגענע יידישע מאנשאפטן און טיילמאָל פארבעטן מאנשאפטן פון לאָדזש און ארומיקע שטעטלעך, ווי אויך רעוואנזשירט זיך אין יענע שטעטלעך.

צו די בעסערע פוטבאָליסטן האָבן געהערט: ברוך גאָלדוואַסער, משה מיניעקס זון, מיין ברודער און משה קאזא (היינט אין אמעריקע) א. אַ.

אזוי האָבן די קלובן זיך אנטוויקלט ביז עס איז געקומען דער 1 סעפּטעמבער 1939, און די אלע אָנפירער, אקטיווע ספּאָרטלער, האָבן געטיילט זייער גורל מיט אלע אומגעקומענע פון אונדזער פאָלק.
זאָל זייער אָנדענק בלייבן אויף אייביק.

נתן פוזנר / ספורט בעיירה: כדורגל

בשנות העשרים נתגלה לראשונה הכדורגל בעיירה, אך לא בין קבוצות רשמיות, או בנוכחות צופים. התחרויות נערכו בין תלמידים בשעות הפנאי. בככרות הריקות התלכדו נערים בני 9—12; כל אחד מהם השתתף בקניית הכדור, שהיה משותף לכולם. קיסמו היה חזק ואדיר. הלהיטות הרבה אחר המשחק גרמה לא מעט לפיגור בהכנת השיעורים. אולם הכדורגל חדר ללבות התלמידים שלא שמעו ולא שעו לאזהרות ולנזיפות מידי המלמדים. הנה עקיבא געטשינסקי, תלמיד בית הספר „המזרחי", ואתו פליישמן אהרן וגולדברג מנחם, בנו של בעל המצבעה. אגלי זיעה ניגרים מפניהם והם רצים אחרי הכדור עד כלות רוחם.

שנים עוברות והכדורגל נהפך לנחלת הציבור. בכל חברה ומפלגה מתארגנת קבוצת משחק. נערכו אף תחרויות בין-עירוניות ובין הלאומים השונים שחיו בעיר. הקבוצה היהודית הראשונה של הנוער הציוני נקראה „שומריה". מדיה היו כחולים-לבנים בפסים מאוזנים. מכנסים קצרים ונעלי קרפ. היא עוררה פליאה ותמיהה גם יחד. זאטוטים היו מסתכלים עליהם בקנאה ובגאווה. העיירה היתה כמרקחה: קבוצה ספורטיבית לאומית ראשונה, המופיעה בפרהסיה בתחרות עם קבוצה נוצרית פולנית או גרמנית מקומית, בככר שוץ-פלאץ! מקום זה היה בדרך ללוטומירסק, שלושה קילומטרים מהעיר, בין שיחים, עצים ודשא. היה זה מקום רחב, מגודר ובו שתי „ערים", זו מול זו. שיחקו גם בככר גדולה יותר, בדרך לפודמביץ, בין חורשות וניר.

הכדורגל חדר עמוק בין המוני הפועלים בבתי החרושת לגרביים. בהגיע השעה המדויקת הקיף שבתון את הכל והוקדמה הפסקת העבודה (קוצר יום העבודה). צפופים ומצוחצחים למשעי, הפנים קורנות, יוצאות עגלות בזו אחרי זו, בשיר ובזמר, בדרך המשובשת אבנים לפודמביץ או ללוטומירסק. הקהל צוהל ומוחא כפיים, מתמוגג משמחה — „גול!״

הכדורגל גרם לא מעט דאגה ועצבנות. בקרב החסידים והדתיים עורר הדבר מורת רוח רבה, בשל קיום משחקים בשבתות.



קבוצת הכדורגל „הכח״, הראשונה באלכסנדר

דער ערשטער פוטבאָל מאַנשאַפט אין אַלעקסאַנדער, „הכח״

אברהם לערנער ז״ל /

דער דראמאטישער קרייז

כאָטש איך ווייס, אז פון מיין שטעטל זיינען אפילו קיין פארשניטענע קברים נישט פארבליבן, ווייל די דייטשע מערדערישע הענט, צוזאמען מיט אונדזערע פוילישע שכנים, האָבן מיין שטעטל אויסגעריסן מיטן וואָרצל, קען איך דיך, מיין שטעטל, נישט פארגעסן.

***

געלעגן איז אלעקסאנדער ווי א קינד אין דער מאמעס שויס, אין דעם שויס פון דער גרויסער שטאָט לאָדזש; און ווי א בריליאנט, ארייננעפאסט אין א רינג פון פעלדער און וועלדער. געהאט האָט דאָס שטעטל טייערע יידן און א גאָלדענע יוגנט. וואָלט איך וועלן שטעלן א מצבה לזכרון נצח דער אלעקסאנדערער יוגנט, אן אבר פון דעם אומברחמנותדיקן פארטיליקטן גוף פון מיין שטעטל.

***

דער אידעאל פון א טייל יוגנט איז געווען צו ברענגען פרייד אין די הערצער פון די יידן פון זייער אייגענער שטאָט ווי אויך פון די שטעטלעך ארום אלעקסאנדער, און זיי האָבן געגרינדעט אן אמאטאָרן-טעאַטער.

דאָס טעאַטער איז אנטשטאנען נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה. יעדע פארטיי האָט געהאט איר אייגענעם דראמאטישן קרייז. זיי פלעגן שפילן מיט אייגענע כוחות אָדער מיט דער הילף פון לאָדזשער ארטיסטן אָדער אמאטאָרן. א סך פאָרשטעלונגען זיינען רעזשיסירט געוואָרן פון גרשון יונה זאַנענבערג. אליין א ייד וואָס איז טאָג און נאכט געווען פארהאָרעוועט אין דאגות פרנסה פאר ווייב און קינדערלעך, א גאנצן טאָג קלאפנדיק די בלעכענע רערן אָדער זומער־צייט אויף די ברענענדיקע דעכער שמירנדיק דעם שווארצן פעך, פארחושכט, פארדאגהט; האָט איר דאָך געדארפט זען דעם זעלבן גרשון יונה אויף דער נאכט ביי א פראָבע, ווי זיינע אויגן האָבן קינדעריש געשיינט. ווי פיל הארץ און נשמה האָט ער ארייינגעלייגט שפילנדיק די ראָל פון ר׳ צלאל ראפאָפאָרט אין „דער שחיטה״, ר׳ זלמן אין דער „סדר־נאכט״, ר׳ סענדער בריניצער אין „דבוק״, ר׳ הירש בער אין „דאָרפס־יונג״. וואָס פאר א קרבן

האָט דער ייד געמוזט ברענגען פאר זיין שפּילן... ווייל נאָך יעדער רעפּע־טיציע, ווען מיר יונגוואַרג פלעגן אהיים גיין צוויי אָדער דריי ביינאכט — האָבן מיר געהערט גרשון יונהן קלאפּן די בלעך כדי אָפּצואַרבעטן די פּאָר שעה, וואָס עס האָט אים פאַרנומען די פּראָבע.



חברי „בית התרבות" | א גרופּע חב״ים פון „קולטור הויז"

געהערט האָט גרשון יונה צו דער אַלטער גוואַרדיע, ווי יחיאל לערנער, אַלטע גריימאַן, הילל ריוואַן זיי אַלע האָבן געהערט צו פאַרשיידענע פּאַר־טייען; איז טאַקע דאָס טעאַטער געלעגן אין די ד' אמות פון יעדער פּאַרטיי.

אין די פריע צוואַנציקער יאָרן איז אונטערגעוואַקסן א יוגנט, וואָס דער גרעסטער טייל פון זיי איז אויפגעוואַקסן אין דעם מזרחיסטישן „חדר" איז געוואַקסן די אַמביציע צו פאַראייניקן די אַלע טאַלאַנטן אין א אומפּאַרטיי־אישן דראַמאַטישן קרייז. איינמאָל ווען מיר זיינען געזעסן אין לוסט־גאַרטן, רופט זיך אָן הלל ריוואַן: „לאָמיר גרינדן אן אומפּאַרטייאישן דראַמאַטישן

קרייז!״ און באלד איז באשטימט געוואָרן, אז הלל ריוואן וועט באזאָרגן ווו זיך צו טרעפן; אלטע גריימאן זאָל אויסשרייבן איינלאדונגען און מיר די יוגנטלעכע זאָלן זיי צעטיילן. אין נעקסטן אויפדערנאכט האָבן מיר זיך געטראָפן אין הויז פון נחום פולקאָווסקי (באקאנט ווי נוחים שווייגער) אויפן ערשטן שטאָק אין א צימער פון דער „מזרחי״־שול.

איך געדענק נישט גענוי אלע נעמען פון די אנוועזנדיקע. עס זיינען אָבער געווען אומגעפער ביי 20—25 פערזאָן; צווישן זיי: הלל ריוואן, אלטע גריימאן, יחיאל פליטמאן, גרשון יונה זאָנענבערג, הערשל זיסמאן און זיינע צוויי זין משה און אליעזר, רחל שערקאָווסקי, רבקה לעווקאָוויטש, שרה פערל ריוואן (די שפעטערדיקע צודקאָוויטש), אסתר מלכה ריוואן, רייזל שיכור און דער שרייבער פון די שורות.

זומער 1926 האָבן מיר געגרינדעט דעם אלעקסאנדערן „הזמיר״.

דאָ טאָרן מיר נישט אויסלאָזן נאָך א נאָמען פון איינעם, וואָס האָט מיט טעאַטער קיין שייכות נישט געהאט און דאָך איז ער געווען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין פאר דעם „הזמיר״. זיין נאָמען איז געווען שימעלע גאָלדשטיין (באקאנט ווי שימעלע בעקער).

פון אָנפאנג האָבן די פארטייען געדראט אויסצושליסן זייערע מיטגלידער. אָבער נאָך דעם ווי מיר האָבן אויפגעפירט די ערשטע פאָרשטעלונג מיט דעם גאנצן פראכט, רעזשיסירט פון דעם באוווסטן אקטיאָר פון לאָדזשער פילהאר־מאָניע־טעאַטער דוד האמבורגער, גרימירט דורך לאָלעק יעלין, דער בעסטער כאראקטעריזאטאָר פון יידישן טעאַטער אין פוילן און אין קאָסטיומען פון דעם באוווסטן גארדעראָביסט ציפל, — האָבן די פארטייען נישט געקענט אָפהאלטן זייערע מיטגלידער און אראָפגענומען דעם באַיקאָט. מיט די פילע מיטגלידער וואָס „הזמיר״ האָט ארייגבאקומען איז עס געוואָרן איינע פון די שענסטע אינסטיטוציעס אין אלעקסאנדער. באשטעטיקן קען דאָס דער פאקט, וואָס אזא בעל־הבית ווי ברוך שלמה האנדעלסמאן האָט אונטערגעשריבן די סטאטוטן. און ווען עס איז געוואָרן אין מארק אויפגעבויט דאָס ראדאמינסקי טעאַטער (פון נישט קיין יידן), איז ביי דער דערעפנונג דער „הזמיר״ געווען פאר־טראָטן צוזאמען מיט די פוילישע און דייטשע אמאטאָרן, און מיט זייער כאָר און פאָרשטעלונג געברענגט כבוד די אלעקסאנדערער יידן.

דער „הזמיר״ האָט געדונגען אן אייגענעם לאָקאל אויף דער אגראדאווא גאס און אויפגעפירט די שענסטע פיעסן, ווי דעם „דבוק״ פון ש. אנסקי,

„די סדר נאכט", „לייבקע קוילן־ברענער אָדער יזכור", „יעקל דער שמיד", „כאסיע די יתומה", „חורבן ירושלים", „אשה רעה", „פארברעכן און שטראָף" פון דאָסטאָיעווסקי, רעזשיסירט דורך גרינבערגן, וועלכער האָט דעם ראָמאַן סצעניזירט און נאָר ער אליין האָט געהאט די רעכט אויף דער פיעסע אין יידיש. שטענדיק א בייזער, א שטרענגער, האָט ער אָבער נאָך דער פאָרשטע־לונג מיט זיין טיפער שטימע און א קוים באמערקבארן שמייכל אויף די ליפן ענטוזיאסטיש אויסגערופן „אָט דאָס הייסט געשפּילט טעאַטער", און יעדן אויפגעפרעסט א קוש.

דער „הזמיר" האָט אויך געהאט א מוזיקאלישע סעקציע: א גרופּע האָט זיך געלערנט שפילן פידל, אונטער דער לייטונג פון גראָסמאנען, וואָס האָט געארבעט אין דער יידישער גמינע.

דער „הזמיר" האָט אויך געגרינדעט אן אייגענע ביבליאָטעק און אָרגאַ־ניזירט ליטערארישע פאָרלעזונגען, ווי אויך קעסטל־אָוונטן.

א סך פאָרשטעלונגען האָבן מיר געגעבן אויף וווילטעטיקע צוועקן: „לינת־הצדק", „הכנסת־כלה" א.א.וו.

עס איז אויך געגרינדעט געוואָרן דער ספּאָרט קלוב „הפועל", וועלכער איז שפּעטער איבערגעגאנגען צו די רעכטע „פועלי־ציון" צוזאמען מיט דעם פּינג־פּאָנג־קלוב.

***

מיט אמאָל האָט א מערדערישע האנט אזוי לייכט אָפּגעמעקט אלעס — און עס איז נאָר פארבליבן א שווארצער טרויער אין אונדזערע הערצער.

אלעקסאנדער, איך האָב דיך געזען אין דיין גרויסקייט און הארציקייט. דאָס איז געווען אין דער נאכט בעפאָר די דייטשע האָרדעס זיינען אריין נאָך אלעקסאנדער און אלע יידן זיינען אנטלאָפן נאָך לאָדזש — האָב איך געזען זוי דער שטארקערער האָט אונטערגעשטעלט זיין פּלייצע כדי צו העלפן דעם שוואכערן...

און אָט זע איך, ווי ר' שמחה שוחט מיט זיין הדרתדיקער געשטאַלט מיט די הענט צום הימל, — ווי ביים עמוד, ביי וועלכן ער האָט יאָרן־לאַנג אויס־געגאָסן זיין ביטער הארץ אויף אויסצובעטן א גוט יאָר פאַר דער עדה יידן, — גיט א געשריי ווי א רעוואָלט: רבונו של עולם עד מתי, עד מתי? און דער גאנצער עולם האָט אויסגעבראָכן מיט א געוויין.

שפּעטער אין ביאַליסטאָק, ווו די אלעקסאנדערער האָבן זיך אין די שולן

געטוליעט איינער צום אנדערן; און אין די געטאָס, אין די לאַגערן ווי זייערע יונגע לעבנס זיינען פארשניטן געוואָרן...

ווען איך מיט מיין ברודער מרדכי האָבן — אין 1945 — געראַטעוועט געוואָרן פון א שיף, וועלכע די דייטשן האָבן פארזונקען, און 1000 העפט־לינגען האָבן געפונען זייער קבר אין דער טיפעניש פונעם ים, האָב איך געטראָפן נאָך אַן אַפּגעראַטעוועטן פון אלעקסאנדער. דאָס איז געווען יעקו־באָוויטש (שמעיה יעקובאָוויטשעס זון) און ער האָט מיר געזאָגט, אז אויף דער זעלבער שיף זיינען צוויי אלעקסאנדערער לעבנס אויסגעלאָשן געוואָרן: דאָס זיינען געווען שימשעלע יוזעפאָווסקי און אידל האָכמאַן.

תהיינה נפשותיהם צרורות בצרור החיים.

די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג

שמואל פערלמוטער / דער ארבעטער סעקטאר

כדאי אָנצוווייזן אויפן פאקט, אז די יידישע האנטווערקער און די יידישע לוין־ארבעטער זיינען געווען באשעפטיקט, כמעט אויסשליסלעך, אין קליינע ווארשטאטן אָדער אין קליינע פאבריקלעך, און מען האָט זיי כמעט נישט געטראָפן אין די מעכאנישע, גרויסע טעקסטיל־פאבריקן, פונקט ווי מען האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו די מלוכהשע און קאָמונאלע אמטן.

אָבער נישט געקוקט דערויף זיינען די יידן געווען א דורכאויס פראָדוק־טיווער עלעמענט. אפילו די יעניקע וואָס האָבן געצויגן זייער חיונה פון מסחר און האנדל, האָבן אויך, בלי־שום־ספק, דערפילט א פאָזיטיווע פונקציע אינעם ווירטשאפטלעכן אָרגאניזם. די יידישע סוחרים און זייערע האנדלס־אגענטן האָבן פארזאָרגט די באפעלקערונג מיט אלעמען, אין וואָס זי האָט זיך געניטיקט. זיי האָבן פארזאָרגט די ארומיקע דערפער מיט לאנדווירט־

שאפטלעכע ארבעטס־מכשירים און מיט פארזיי־פראָדוקטן, מיט שיך און קליידער, מיט בוי־מאטעריאל א. א. וו.

אויב אלעקסאנדער האָט זיך אין אינדוסטריעלן זינען אזוי גיך אנט־וויקלט, — אז ס'איז אין דער זאָקן־פראָדוקציע געווען אויפן צווייטן אָרט, נאָך לאָדזש, וואָס האָט געשם'ט אלץ דער „פוילישער מאַנטשעסטער", — איז דאָס, אין דער ערשטער ריי, געשען א דאנק דער אומדערמידלעכער מי, פלייס און ענערגיע פון דער ידישער באפעלקערונג וואָס האָט געשפילט א פיאָניערן־ראָל, ווען די ערשטע דייטשן, מיט 80—90 יאָר צוריק, זיינען געקומען אין שטאָט און מיט דער פינאנסיעלער און ראט־געבערישער הילף פון די שטעטלשע יידן, האָבן זיי דאָ אויסגעארבעט זאָקן, וועלכע זיינען עקספּאָרטירט געוואָרן איבער די רוסישע גרענעצן.

מיט דער צייט זיינען די דייטשן דאָ דערגאנגען ביז 40 פראָצענט פון דער באפעלקערונג. די גרעסטע זאָקן־ און טעקסטיל־פאבריקן זיינען געווען אין זייערע הענט. נישט קיין פוילישע און נישט קיין יידישע ארבעטער האָט מען אריינגעלאָזט אין זייערע פאבריקן. זיי האָבן באשעפטיקט ביי זיך, אויס־שליסלעך, „פאָלקס־דייטשן", זיי זיינען אלע יאָרן פינאנסיעל געשטיצט געוואָרן פון דייטשלאנדס מלוכה־קאסע. און ווי ס'האָט זיך שפעטער ארויסגעוויזן, זיינען כמעט אלע אין געהיים געווען דייטשע אגענטן. ווען די היטלער־דייטשן זיינען אריין אין אלעקסאנדער זיינען דורך די אָרטיקע פאָלקס־דייטשן שוין געווען צוגעגרייט גענויע אינפאָרמאציעס וועגן די יידן און זייער פאר־מעגן. די גאנצע לאָדזשער געגנט, צוזאמען מיט אלעקסאנדער, איז גלייך צוקאָאָפטירט געוואָרן צום דייטשן רייך.

**
*

ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז דער צאָל יידישע ארבעטער אין אלעקסאנדער געווען פארהעלטענישמעסיק א קליינע. א חוץ די לערנערס אין די בתי־מדרשים און „שטיבלעך", איז די ווייט גרעסטע מערהייט פון די יידן דאָ געווען סאדאווניקעס, דאָרפס־גייער, דאָרפס־ארענדארן, שענקערס, הענד־לער, מעקלער און קליינע קרעמער. תחילה זיינען געווען בלויז יידישע בעלי־מלאכהס, — ווי שניידערס, שוסטערס, סטאָליארעס, בלעכערס, פארבערס, בענדל־מאכערס, שערערס אויף ראמען, וועבערס אויף האנט־שטולן און דער עיקר — האנט־זאָקן־ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט אין שטוב ביי זיך, אהיימגענומען ארבעט, ווי כאלופניקעס, אלס לוין־ארבעטער. דאָס האָט באדייט

טאָפּלט עקספּלאָאַטירט ווערן. דאָ האָט מען געאַרבעט פון א שפּראָץ אויף באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט. זאָקן־אַרבעטער זיינען שוין דאַן געווען אין די הונדערטער. אויסגעאַרבעט גראָבע, איינפאַכע ביליקע זאָקן, וואָס דער פויער איז געווען זייער הויפּט־אָפּנעמער.

ביי אַלע פאַכן זיינען לרוב געווען באַשעפטיקט אַלטע לייט, פרומע, גאָטס־פאַרכטיקע יידן פון דער אַלטער־וועלט. פונדעסטוועגן האָבן זיי, נאָך מיט א סך יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאַרשטאַנען די נויטווענ־דיקייט פון אָרגאַניזירן זיך, לויט זייערע דעמלטדיקע באַגריפן — אויף א פּרימיטיוון אופן. פאַרן גיין צו דער אַרבעט, געקומען דאַווענען בציבור און ביי דער געלעגנהייט האָבן זיי אויך אַרומגערעדט זייערע פאַך־ענינים. ביי דעם אָפענעם ארון־קודש געגעבן זיך תקיעת־כף, דאָס קיינער וועט נישט אַהיים נעמען קיין אַרבעט פון מייסטער, דעם אַרבעטס־געבער. אָבער די זעלבע נויט וואָס האָט זיי געטריבן צו א געוואַגטן שריט, די זעלבע נויט האָט געצווונגען איינצוגיין אויף די אַלטע באַדינגונגען, נישט האָבנדיק קיין מאָדער־נעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, וואָס זאָל פעאיק זיין פאַרטיידיקן זייערע עקאָ־נאָמישע אינטערעסן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס׳איז געוואָרן א גרויסע נאָכ־פראַגע אויף דער זאָקן־פּראָדוקציע און ס׳האָבן זיך געשאַפן גינסטיקע באַדינגונגען און א גוטע קאָניונקטור, האָט זיך דאָס אַלגעמיינע בילד אָנגעהויבן ענדערן. ס׳האָט זיך אַנטוויקלט א ברייט־פאַרצווייגטע טעקסטיל־אינדוסטרי. פון די קליינע, היימישע זאָקן־וואַרשטאַטן איז אין א קורצער צייט אויסגעוואַקסן א מעכאַנישע זאָקן־אינדוסטרי, וועלכע האָט אַריינגעצויגן טויזנטער אַרבעטער. אָבער דער ווייט־גרעסטער טייל פון די יידישע אַרבעטער איז ווייטער פאַר־בליבן אין די קלענערע פאַבריקלעך פון האַנט־זאָקן־אַרבעט. שוין דאַן האָבן געבלאָזן געוואַלדיקע שטאַרקע ווינטן פון עקאָנאָמישן אַנטיסעמיטיזם. אויך די יידישע פאַבריקאַנטן, פון מעכאַנישע פאַבריקן, האָבן נישט גערן צוגעלאָזן א יידישן אַרבעטאָר. ס׳איז אָנגעגאַנגען א פאַרביטערטער קאַמף צוצולאָזן א יידישן אַרבעטאָר אין די מעכאַנישע זאָקן־פאַבריקן, אָבער מיט ווייניק דער־פאָלג. אין רעזולטאַט זיינען הונדערטער יידישע אַרבעטער און בעלי־מלאכה געוואָרן אַרבעטסלאָז. דאָ איז נאָך צוגעקומען די דיסקרימינאַציע פון די שטייער־אַמטן און מלוכה־אַדמיניסטראַציע, פון וועלכע ס׳האָבן שווער געליטן דער יידישער מיטל־ און קליין־שיכט, די גרויסע מערהייט פון די שטעטלשע

יידן וואָס האָט ממש פאַרצווייפלט געקעמפט פאַר זייער באַשיידענער עקאָנאָ־מישער עקזיסטענץ.

אַלס פּועל־יוצא האָבן אַרבעטס־מענטשן, נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין פּערספּעקטיוו אויף קענען בלייבן אויפן אָרט, עמיגרירט קיין אויסלאַנד, אין די גרויסע שטעט און אַ קליינער טייל קיין ארץ־ישראל, אויף וויפיל די יידישע אַגענץ האָט געקענט אַנטקעגנקומען מיט איינוואַנדערונגס־סערטיפי־קאַטן. דער גרעסטער טייל יידן איז אָבער געבליבן אין אַלעקסאַנדער.

ביי די־אָ שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען און נישט סטאַבילע עקאָנאָ־מישע פאַרהעלטנישן האָט מען געלעבט מיט דער פּערספּעקטיוו אויף אַ ניי שיין לעבן, וואָס וועט דאָך קומען.

מ׳דאַרף אונטערשטרייכן, דאָס ביי אַזעלכע עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן, האָט גלייכצייטיק דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער געפירט שטרייקן פאַר לוין־העכערונג און פאַרבעסערטע סאָציאַלע באַדינגונגען, וועלכע זיינען אין אַ היבשער מאָס דערגרייכט געוואָרן.

אַקטועל און בולט איז געוואָרן דאָס שאַרפע פּראָבלעם פון אָרגאַניזירן פּראָפעסיאָנעלע פאַך־פאַריינען אין די יאָרן 1918—1920.

דער פּראָפעסיאָנעלער יידישער אַרבעטער פאַריין אין אַלעקסאַנדער איז אויפגעקומען כמעט צוגלייך מיטן אַנטשטיין פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען, געבויט לויט אַ פּאַרטייאישער ליניע. צווישן די טוער זיינען געווען באַקאַנט די זעלבע מענטשן וואָס זיינען געווען טעטיק פּאַרטייאיש. גוט אָרגאַניזירט איז געווען דאָס זאָקן־פאַך. די אַנדערע צווייגן פון שערערס, בענדל־מאַכערס, קעטלערס און פאַרבערס, ביים טעקסטיל־פאַריין, האָבן אומ־דירעקט געוווּנען פיל בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען: העכערע לוינען, אַ קורצערער אַרבעטס־טאָג, קראַנקן־פאַרזיכערונג א.א.וו. יאָרן שפּעטער, האָט זיך אָרגאַניזירט דאָס שאַכטל־מאַכערס־פאַך. שפּעטער־צו זיך איינגעשלאָסן אין דעם אַלגעמיינעם פּראָפעסיאָנעלן קלאַסן פאַריין, צו וועלכער דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער טעקסטיל־פאַריין האָט יאָרן־לאַנג געהערט. אין די אַלע אויסגערעכנטע פאַכן, האָבן געהאַט אַן השפּעה בלויז „פּועלי־ציון״ לינקע און „בונד״; אין די שפּעטערע יאָרן — אויך „פּועלי־ציון״ צ.ס.

עס זיינען געווען יאָרן פון גרויסע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען און צייטן פון גרויסער אַרבעטס־לאָזיקייט. קאָנפליקטן, שטרייקן, וואָס מיר האָבן געוווּנען. געווען אויך דורכפאַלן. די בעסטע צייטן פאַר דעם עקאָנאָמישן אויפשטייג

און פרוכטבארער אנטוויקלונג פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, זיינען געווען די יאָרן 1921—1925, בעת א סך יוגנטלעכע ארבעטער, וואָס זיינען אלט געוואָרן 18 יאָר, האָבן אָנגעהויבן מאסנהאפט אריינצושטראָמען אין די עקזיסטירנדיקע פאכן. הונדערטער יוגנטלעכע פּועלי־ציוניסטן און סימפּאטיקער, זיינען געוואָרן אקטיוו ביים שאפן די יוגנט־סעקציעס ביים פּראָפעסיאָנעלן פאריין. דאָ זיינען געווען אקטיוו די טרייע חברים פון דער „יוגנט" „פּועלי־ציון", ווי: יחיאל אשר ליס, יחיאל טענענבוים, בונעם גליצנשטיין, עזריאל צודקעוויטש, שיינדל איזראעלעוויטש, הענדל קראוז, ליפּא פּלודווינסקי און דער שרייבער פון די שורות. מיר האָבן א לאנגע צייט קאאפערירט מיט דער בונדישער יוגנט אָרגאניזאציע „צוקונפט", כאָטש די פּ.צ. „יוגנט" האָט דאָ געבילדעט א מערהייט.

דאָ האָט מען ערנסט פארטיידיקט די ספּעציפישע אינטערעסן פונעם יוגנט־ארבעטער און „לערן־יינגל", נישט דערלאָזט דאָס די קינדער פון אָרעמע היימען און קליינבירגערלעכע שיכטן זאָלן אויסגענוצט ווערן דורך די ארבעטס־געבער ווי אויך דורכן עלטערן ארבעטער, וואָס האָט אים געדארפט לערנען און אריינפירן אין דער ארבעט.

ס׳פארגעדענקט זיך די מערקווירקדיקע צייט פון די יאָרן 1924—1925, ווען פּוילן האָט געליטן פון אינפלאציע און קריזיס אין דער אינדוסטרי, ס׳איז לויטן עקאָנאָמישן סטאטיסטישן מלוכה־אַמט פעסטגעשטעלט געוואָרן די פּרייזן שטייגערונג, נאָך יעדע צוויי וואָכן. דער היגער פּראָפעסיאָנעלער פאריין איז, נאטירלעך, אריינגעצויגן געוואָרן אין א פּערמאנענטער פּאר־אינטערעסירונג און זאָרג פון דעם ארבעטער־סעקטאָר. אויך די יידישע ארבעטער־פּאָרשטייער האָבן געפאָדערט פון די יידישע פאבריקאנטן א לוין־העכערונג, לויט די אָנגאבן פון סטאטיסטישן־אמט, פארלאנגט פעסטגעשטעלטע נייע לוינען, וואָס איז טיילמאָל דערגאנגען ביז 200 פּראָצענט... געהעכערטע שטייגערונג. אויף א זיצונג וועגן דעם ענין איז פּלוצים אויפגעשפּרונגען א פאבריקאנטן־פּאָרשטייער און אין כעס צעריסן עטלעכע פּאָר אין באנדראָל־פּארפאקטע זאָקן, אויסרופנדיק אין פארצווייפלונג: „די דאָזיקע ביליקע זאָקן זאָלן קענען געבן צוויי הונדערט פּראָצענט העכערונג?!" און די פאבריקאנטן האָבן מיט א קלאפּ אין טיר פארלאָזט די אונטערהאנדלונגען מיט די פּאָרשטייער פון די ארבעטער, לייבל וואלד, הערשל איזראעלעוויטש און שמואל פּערל־מוטער. א צווייט מאָל, ווען מיר זיינען געווען צודרינגלעך מיט אונדזערע

גערעכטע פאָדערונגען און געדראָט מיט א שטרייק, האָט א פאבריקאַנטן־פאַרשטייער א קלאַפּ געטאָן אין טיש, ארויס פון חדר, אויסרופנדיק: איר זיינט באָלשעוויקעס — איך גיי רופן פּאָליציי... אָבער דאָס כסדרדיקער שטייגן פון לעבנס־מיטלען־פרייז איז דערמיט נישט קלענער געוואָרן. ס'זיינען דערביי געווען נישט ווייניק, כמעט פיינלעכע, עפּיזאָדן, דהיינו: דער זעלבער יידישער קליין־פאבריקאַנט, וואָס איז געצוווּנגען געווען נאָכצוקומען דעם סטאַטיסטישן־אמט, האָט אָפט נישט געהאַט קיין פּרוטה אין קעשענע אויף צרכי שבת פאַר זיין משפּחה. ווי שווער און נישט־באַקוועם איז געווען אונדזערע פּראָפעסיאָנעלע ארבעט ביי אזא ספּעציפישער קלאַסן־צעטיילונג, ווו אָפט איז אויסגעקומען ארויסצוטרעטן מיט עקאָנאָמישע פאָדערונגען קעגן א פעטער, א שוואָגער אָדער אפילו קעגן אן אייגענעם ברודער.

דער פּראָפעסיאָנעלער טעקסטיל־פאַריין איז געווען א באַשטאַנד־טייל פון דער אַלגעמיינעם ארבעטער־קאָנפעדעראַציע אין דער פּוילישער רעפּובליק, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דער אַזוי־גערופענער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. יאָרן שפּעטער האָבן מיר געהערט צו דעם אַלגעמיינעם קלאַסן־פאַריין, ווי אן אָפּטיילונג פון דער לאָדזשער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.

דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין, ביי אַלע שוועריקייטן, האָט א דאַנק די ערשטע יאָרן פון אינטענסיווער טעטיקייט געהאַט צו פאַרצייכענען פיל דערגרייכטע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס.

די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, ווען די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַרהעלטנישן האָבן זיך שטאַרק דיפערענצירט און ס'זיינען געקומען שאַרפע אַנטיסעמיטישע ארויסטריטן קעגן דער אָרטיקער יידישער באַפעלקערונג וואָס באַדראָט די פיזישע עקזיסטענץ פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז אויך דער יידישער ארבעטער און בעל־מלאכה געשטאַנען פאַר א מוראַדיקער קאַטאַסטראָפע — פאַרן תהום פון אַבסאָלוטער ארבעטסלאָזיקייט; די יידישע ארבעטער האָבן זיך געקלאַמערט אין אַלערליי מעגלעכע־נישט־מעגלעכע מיטלען, פון נישט לאָזן זיך ארויסשטויסן פון זייערע פאַרנומענע ארבעטס־פּאָזיציעס.

מאיר זאנענבערג /

די אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון די פראפעסיאנעלע באוועגונג

די פראָפעסיאָנעלע באוועגונג ביי אונדז אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אויספיקן אין די יאָרן 1903—1904. אין יענער צייט זיינען די ארבעטס־באַדינגונגען פון די ארבעטער אין אלעקסאנדער, ווי אין גאַנץ פוילן און רוסלאנד, געווען זייער שווערע. די איינציקע ארבעטס־פלאצוווקעס (שטעלן) אין אלעקסאנדער זיינען געווען אין די זאָקן־פּראָדוקציע, וואָס איז געלעגן ס׳רוב אין יידישע הענט.

די ארבעטער האָבן געארבעט 14, 15, 16 שעה א טאָג, פון 6 אין דער פרי ביז 9—10 אין אָוונט. דער איינציקער רו־טאָג — שבת. דער לוין איז געווען א נישטיקער, די עקספּלאָאטאציע — גרויס. געארבעט האָט מען אויסשליסלעך ביי ליכט (קיין עלעקטרישע באלויכטונג איז נאָך דאַן נישט געווען). אין פּראָצעס פון דער ארבעט פלעגן זיך ברעכן די נאָדלען, זיינען די ארבעטער געווען געצוווּנגען צו קויפן די נאָדלען פאר זייער אייגן געלט.

אין יענע יאָרן האָבן זיך אָנגעהויבן שאפן חברות. מען האָט אָרגאניזירט פארשיידענע ליי־קאסעס, נדבה־קאסעס (מתן בסתר). ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן א וועכנטלעכער לוין, ד.ה. יעדער ארבעטער האָט געמוזט געבן א געוויסן סכום געלט יעדע וואָך צו די ליי־קאסעס. יעדן פרייטיק פלעגן צוויי ארבעטער ארויסגיין אויפמאָנען דעם בייטראָג. ס׳זיינען אויך אָנגענומען געוואָרן פארשיידענע צוואנגס־מיטלען, צ.ב.ש. אויב א מאַן האָט נישט געוואָלט געבן דאָס צוגעזאָגטע געלט און אין דער צייט האָט זיין ווייב געבענטשט ליכט — האָט מען אויסגעלאָשן די ליכט.

אין יאָר 1904 האָט זיך קיין אלעקסאנדער אריבערגעצויגן א ייד פון גראדזיסק, ר׳ ברוך בן־ציון רובינשטיין. א פרומער ייד, א חסיד, יעדן טאָג איז ער געגאנגען אין מקווה. זיין פרוי האָט געהייסן טויבע („די טיקערין״). רובינשטיין האָט זיך אריבערגעצויגן קיין אלעקסאנדער, כדי צו זיין נאָענט

צום רבין. ער האָט געהאט פינף זין און דריי טעכטער. די ייִנגסטע טאָכטער איז שוין געבוירן אין אלעקסאנדער. די זין זיינען געווען הויכע, פעסטע יונגען. אָט די משפחה האָט געענדערט דעם גאנצן לעבנס־שטייגער אין שטעטל.

דער עלטסטער זון האָט געהייסן „דער ווייסער משה". אלע זין זיינען געווען געבענטשט מיט א רעדנער־טאלאנט. משה האָט פארלאָזט די „ישיבה" און איז געוואָרן א זאַקן־ארבעטער, ווייל אין שטוב איז נישט געווען קיין פרנסה.

אין 1906 האָט משה זיך פארבונדן מיט לאָדזש. און אין שיינעם א שבת נאָך מיטאָג האָט ער אראָפּגעבראכט פון לאָדזש א גוטן רעדנער — אפרים־לאזער זאלמאנאָוויטש, א פירער פון „בונד" — און מען האָט גערופן די ערשטע פארזאמלונג הינטערן בית־עולם. פאר א פיל־פארזאמלטן עולם האָט דער רעדנער דערקלערט: „כדי אויסצובעסערן די עקאָנאָמישע לאגע פון די אונטערגעדריקטע ארבעטער, דארף מען אומווארפן דעם פּאָליטישן גדר".

איינער פון די פארזאמלטע איז געלאָפן צום רב זיך באקלאָגן, אז דער רעדנער הייסט איינלייגן דעם גדר פון בית־עולם.

זונטיק פרי, ווען דער רעדנער האָט געוואָלט אויף א וואגן אוועקפאָרן פון אלעקסאנדער (א טראמוויי קיין לאָדזש איז נאָך נישט געגאנגען), איז ער פארהאלטן געוואָרן פון א רוסישן סטראזשניק און איז אָפּגעפירט געוואָרן אין פּאָליצייאישן אוטשאסטאק. פאר כוליגאניזם איז ער באשטראפט געוואָרן מיט א...רובל. דער מאָטיוו: דער רעדנער האָט גערופן דעם עולם איינצו־לייגן דעם גדר פון בית-עולם.

אין 14 טעג שפּעטער איז אויסגעבראָכן א שטרייק פון אלע זאָקן־ארבעטער. די אָנפירער פון שטרייק זיינען געווען די ברידער: „משה דער ווייסער", מאיר־יחיאל, ישעיהלע, משה פאדעמביצערס און דער הויכער נה (זיין פאמיליע נאָמען געדענק איך נישט).

ווען דער שטרייק איז אויסגעבראָכן, זיינען אָנגענומען געוואָרן סאנקציעס קעגן די בעלי־בתים: כדי די גבירים זאָלן שבת נישט עסן קיין פיש, זיינען די שטרייקנדע ארבעטער אוועק אין מארק און מען האָט די פיש באגאָסן מיט נאפט; ביי די בעקערס האָט מען מיט וואסער אויסגעלאָשן די אויוונס, כדי מען זאָל נישט באקן קיין חלות; אין בית־המדרש האָט מען אוועקגע־שטעלט „פיקעטן", כדי נישט דערלאָזן די גבירים צו דאווענען. דער רעזולטאט:

די ארבעטער האָבן געוווינט. דער ארבעטס־טאָג איז באשטימט געוואָרן פון 16 שעה אויף 12. צו יעדע טוץ זאָקן וואָס דער זאָקן־מאכער האָט פּראָדוצירט, האָט דער פאבריקאנט געמוזט צוגעבן א נאָדל. (די דורכשניטלעכע פּראָדוקציע פון א זאָקן־ארבעטער — דריי טוץ זאָקן א טאָג). ס׳הייסט אויב דער ארבעטער האָט ביים פּראָדוצירן דריי טוץ זאָקן צעבראָכן דריי נאָדלען — איז עס געגאנגען אויפן חשבון פון פאבריקאנט און דער ארבעטער האָט נישט געהאט קיין היזק. אויב דער ארבעטער האָט צעבראָכן פינף נאָדלען, האָט ער געמוזט בלויז אָפּקויפן פאר זיין אייגן געלט צוויי.

פאר אָט די „רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונגען" האָבן די ארבעטער טייער באצאָלט: מען האָט געמסרט פאר דער צארישער מאכט, אז „דער ווייסער משה" בונטעוועט דעם עולם און משה איז געווען געצוואונגען צו אנטלויפן קיין אמעריקע. אין לעצטן מאָמענט, ווען די „סישטשיקעס" זיינען געקומען אים ארעסטירן, איז ער ארויסגעשפרונגען דורכן פענצטער און איז אנטלאָפן. די ארבעטער האָבן פארלוירן זייער פירער, און די פאבריקאנטן האָבן פאר־מסרט פאר דער צארישער מאכט, אז אלע ארבעטער זיינען בונטאָוושטשיקעס און די צארישע אָכראנע האָט זיי געהאלטן „אויפן אויג".

נאָך דעם פאל איז אריינגעקומען א געוויסער שטילשטאנד אין דער פּראָפעסיאָנעלער באוועגונג, צוזאמען מיטן פּאָליטישן שטילשטאנד, וואָס איז געקומען ווי א פועל יוצא נאָך דער דורכגעפאלענער רעוואָלוציע פון 1905.

אין די יאָרן 1907—1908 האָט זיך אָנגעהויבן א כוואליע פון פּאָגראָמען, וועלכע האָבן אויך דערגרייכט קיין אלעקסאנדער. אין 1909 האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו אָרגאניזירן א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. קיין אלעקסאנדער איז אראָפּגעקומען א „ליטוואק" — א ביאליסטאָקער. אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אז ער גייט זיך שמדן, ווייל ער איז געוואָרן אן אריינ־גייער צום דייטשן פאסטער. דער אמת איז, אז ער איז געגאנגען צום פאסטער, כדי צו נעמען ביי אים ביכער צום לייענען, ווייל קיין ביבליאָטעקן זיינען דאָך דאן אין אלעקסאנדער נישט געווען און קיין צווייטן מקור פון ביכער, ביי וועמען מען האָט געקענט נעמען צום לייענען, איז נישט געווען. אין שטעטל איז געוואָרן א בהלה, מ׳האָט אויף דעם ליטוואק געקוקט קרום.

דער דאָזיקער שלמהלע ביאליסטאָקער האָט אין 1909 געוואָלט אָרגאניזירן אן עפנטלעכע גאסן־דעמאָנסטראציע פון די זאָקן־ארבעטער. דאָ דאַרף מען צוגעבן, אז די זאָקן־ארבעטער זיינען געווען דער באוווסטזיניקער עלעמענט

פון דעם דעמלטדיקן פּראָלעטאַריאַט. די איבריקע פאַכן: שניידערס, שוסטערס א.א. זיינען נישט געווען אָרגאַניזירט.

דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען ביי „חנה קאַטשקעס", די שפּעטער־דיקע פרוי פון אייזיק גאָלדבערג. אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט. מען האָט זיך געקליבן אַרויסצוגיין מיט א רויטער פאָן אין גאַס דעמאָנסטרירן.

ווען דער רב האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער צונויפגערופן אַלע דאָזערס און כלי־קודש. מען האָט אויך מאָביליזירט צום קאַמף קעגן די דעמאָנסטראַנטן „די שטאַרקע": באַלעגאָלעס, קצבים. זיי האָבן זיך אַריינגע־ריסן צו חנה „קאַטשקעס" אין שטוב. די פאָן צעריסן און די פאַרזאַמלטע געשלאָגן מכות רצח.

איין מאָל א שבת איז מיין פאָטער געזעסן ביים טיש אין א זיידענער זשופּיצע, האָט ער געזען, אַז פאַרן פענצטער איז פאַרביי־געגאַנגען שלמהלע דער ביאַליסטאָקער. מיין פאָטער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער און האָט אים פאַרבעטן אין שטוב. די כוונה פון מיין פאָטער איז געווען: א ייד גייט זיך שמדן, דאַרף מען אים ראַטעווען. ווען שלמהלע האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן אים מוסר זאָגן:

ווען א ייד גייט אין א מאַרינאַרקע, נישט אין א קאַפּאָטע, איז נאָך נישט קיין גרויסע עבירה. אַז מען וויל דאַווענען — טוט מען אָן א גאַרטל. האָט אים שלמהלע געענטפערט, אַז פריער באַדאַרף מען אַראָפּוואַרפן דעם רוסישן קיסר. מער האָט מיין פאָטער מיט אים נישט געוואָלט רעדן. ווען שלמהלע האָט פאַרלאָזט אונדזער שטוב, האָט מיין פאָטער אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן שטערן. ס'הייסט: דער האָט זיך געררירט פון זינען. אין א קורצער צייט נאָך דעם, איז שלמהלע פאַרשוווּנדן.

אין דער שפּעטערדיקער תקופה ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זיינען קיין וועזנטלעכע ענדערונגען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג נישט פאָרגעקומען. א טייל אַרבעטער זיינען מאָביליזירט געוואָרן ביים דייטש אויף אַרבעט; א טייל יידן האָבן זיך אוועקגעלאָזט אין דער וועלט.

***

אין 1917 האָט זיך אין אַלעקסאַנדער אָרגאַניזירט א יוגנט־אונטער־שטיצונג פאַריין. די טעטיקייט האָט זיך אָנגעהויבן מיט א טיי־האַלע: יעדן

פאַרנאַכט האָבן אָרעמע קינדער באַקומען אַ שטיקל ברויט מיט אַ גלאָז טיי (אַליין בין איך אויך געגאַנגען אין דער טיי־האַלע).

אויף פסח האָט מען געטיילט אַנצוגן, שיך און זאָקן. דער שניידער וואָס האָט געניייט די אַנצוגלעך פאַר די קינדער איז געווען נאָטע גאָלדבערג, דער פאָטער פון הערשל גאָלדבערג, איינער פון די גרינדער פון די לינקע „פועלי־ציון" אין אַלעקסאַנדער. נאָטע גאָלדבערג איז געווען אַ מאָדערנער שניידער און האָט געניייט קורצע הייזלעך ביז די קני. דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון די פרומע יידן. זיי האָבן פּראָטעסטירט: סטייטש! יידישע קינדער זאָלן טראָגן אַ „גויאישן אָנטועכטס"?

דער איניציאַטאָר פון דער אַקציע איז געווען דער פאַבריקאַנט טענצער. ער איז אויך געווען דער ערשטער פּרעזעס פון דעם יוגנט אונטערשטיצונג־פאַריין. אים צו הילף זיינען געקומען: יחיאל פּליטמאַן, יחיאל ריוואַן, גרשון־יונה זאָנענבערג (מיין טאַטנס אַ ברודער), דער פעלדשער אברהם יוזעפאָוויטש און אַנדערע.

די אָנפירער פון דעם יוגנט־אונטערשטיצונגס פאַריין האָבן מאָביליזירט געלט פון די שטאָטישע גבירים: ביי יידן און ביי דייטשן. אויך די דייטשע אַרטיקע מאַכט האָט פינאַנסירט די אַקציע צו העלפן אָרעמע קינדער.

***

אין יענער צייט איז אַנטשטאַנען אַ געדאַנק צו אָרגאַניזירן אַ דראַמאַטישן קרייז. צו דעם צוועק האָט מען אַראָפּגעבראַכט פון לאָדזש אַ רעזשיסאָר, חיים ניסנצווייג (לעבט איצט אין ישראל). ער איז געווען פול מיט ענערגיע און לעבן. ער האָט געשטעלט די פּיעסע „דער תלמיד־חכם", וואָס איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג (ער אַליין האָט געשפּילט די ראָל פון אלתרל). נאָך ניסנ־צווייגן איז געקומען דער רעזשיסאָר רייכענבערג.

צוגלייך מיט דער קולטור־טעטיקייט האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ביי דעם אונטערשטיצונגס פאַריין פּאָליטישע ריכטונגען: אַלגעמיינע ציוניסטן; „פועלי־ציון", „בונד". בעת דער אָפּשטימונג, ווער ס'זאָל פאַרנעמען דעם לאָקאַל, האָבן די אַלגעמיינע ציוניסטן באַקומען אַ מערהייט. די ציוניסטן זיינען פאַרבליבן. „בונד" און „פועלי־ציון" זיינען אַוועק.

דער „בונד" האָט אָרגאַניזירט דעם טעקסטיל־פאַריין אויף דער מיל־גאַס. די „פועלי־ציון" האָט אָרגאַניזירט אַן אַרבעטער־היים אויף דער אַגראָ־דאָווע גאַס.

טעקסטיל-פאריין

דער טעקסטיל פאריין איז אָרגאניזירט געוואָרן אין יאָר 1918. די גרינדער זיינען געוועזן: מלך רובינשטיין (דער יינגסטער ברודער), רפאל שימקעוויטש, שמחה קאַפעל, פנחס גאָלדקראנץ, הערשל איזראעלעוויטש (דער שווארצער הערשל), גאָלדע־מלכה וועבער (שפעטערדיקער מיטגליד פון צ.ק. פון דער אוקראינישער קאָמוניסטישער פארטיי; לעבט נאָך היינט אין ראטנפארבאנד).

אויף דער ערשטער גרינדונגס־פארזאמלונג, באלד נאָכן אנטשטיין פון דער פוילישער מלוכה, איז אויסגעוויילט געוואָרן א פארוואלטונג פון זיבן מאן:

מלך רובינשטיין; שמחה קאַפעל (סעקרעטאַר); רפאל שימקעוויטש (פאַר־זיצער); גאָלדע־מלכה וועבער, פנחס גאָלדקראנץ, אליהו קראוז, אלטע גריימאן (די לעצטע צוויי —ביידע פון די לינקע פ.צ.).

צוליב דער פויליש־באָלשעוויסטישער מלחמה איז די טעטיקייט פון דעם טעקסטיל־פאריין איבערגעריסן געוואָרן ביז 1921. נאָך דעם יאָר איז די ארבעט פונעם טעקסטיל־פאריין באנייט געוואָרן.

אין די יאָרן 24—1921 זיינען פאָרגעקומען פארשיידענע שטרייקן, כדי צו פארבעסערן די ארבעטס־באדינגונגען, העכערן דעם לוין א.א.וו. אחוץ דעם זיינען אָרגאניזירט געוואָרן פארשיידענע אקציעס. ביים באקן מצות צ.ב.ש., האָט דער פאריין געשיקט זיינע מענטשן צו דער ארבעט. מען האָט געוועלגערט, געזועצט אין אויוון א.א.וו.

דער יידישער פראָפעסיאָנעלער פאריין האָט עקזיסטירט ביז 1929. היות ווי די צאָל האנט־זאָקן־מאכערס האָט זיך פארקלענערט, זיינען אריין די איבריקע אלס יידישע סעקציע אין קלאסן־פאריין פון דער פוילישער פראָ־פעסיאָנעלער באוועגונג. אין דעם אלגעמיינעם קלאסן־פאריין זיינען געווען פארשיידענע אָפּצווייגן ווי: בוי־ארבעטער, קראַפּט־זאָקן־ארבעטער, שאכטל־מאכערס.

א באזונדער קאפיטל אין דער געשיכטע פון דער פראָפעסיאָנעלער באַ־וועגונג האָבן ארייַנגעשריבן די שאכטל־ארבעטער. זיי זיינען געווען זייער גוט אָרגאניזירט. זיי האָבן גענומען א פאך, ווו מען האָט פריער פארדינט גראָשנס און עס דערהויבן צו א פאך פון גוט סיטואירטע.

דער סעקרעטאר פון פראַפעסיאָנעלן פאריין איז געווען וולאדארטשיק, א פוילישער קאָמוניסט. דער פאָרזיצער — לאבודזינסקי. אין דער פארוואל־טונג פון דעם פאריין איז אויך געווען א ייד, פייוול האנדעלסמאן (לעבט אין בת־ים). דער פאָרזיצער פון דער יידישער סעקציע איז געווען אברהם שווענד־זשעיעוויטש.

טעטיק אין דער פראַפעסיאָנעלער באוועגונג אין פארשיידענע צייטן זיינען געווען די פאָלגנדע חברים:

„בונד"

שלמה־מענדל זאָנענבערג (לעבט אין ראטנפארבאנד), הערשל איזרא־עלעוויטש (אומגעקומען), הערשל גראָסקאָפ (אומגעקומען), הערשל גראָסקאָפס שוועסטער (אומגעקומען), ברוך זאָנענבערג (אומגעקומען), מאיר זאָנענבערג (בת־ים), שעווע קריסקי (אומגעקומען), ראובן־וואָלף גילעף (אומגעקומען), און אנדערע.

לינקע „פועלי־ציון"

אליהו קראוז, אלטע גריימאן, שמואל פערלמוטער, בן־ציון כילעוויטש, סימא אוונער, איטע ראָזענצווייג, יחיאל־משה וועבער, און אנדערע.

רעכטע „פועלי־ציון"

שמעון מארקאָוויטש, יצחק צענדאָרף.

די אויבן אויסגערעכנטע זיינען געווען די פערמאנענטע אקטיווע טוער אין דער פראַפעסיאָנעלער באוועגונג אין אלעקסאנדער.

קולטור־טעטיקייט

די קולטור־טעטיקייט פון דעם פראַפעסיאָנעלער פאריין האָט זיך געפירט אויף פארשיידענע געביטן. די אימפרעזעס זיינען געווען צוגעגרייט דורך פארשיידענע גרופן פון יעדער פארטיי באזונדער.

יעדע פארטיי האָט געהאט א קערן פון אקטיווע, איבערגעגעבענע קולטור־טוער, וועלכע האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין מי און ענערגיע, כדי דאָס קולטורעלע לעבן זאָל פולסירן.

צו די וויכטיקסטע קולטור־פאָזיציעס אין שטאָט זיינען בלי ספק געווען די ביבליאָטעקן. יעדע פארטיי האָט געהאט איר ביבליאָטעק ארום וועלכער ס'האָבן זיך גרופירט פארשיידענע קולטור־קרייזן. די גרעסטע יידישע ביב־ליאָטעק איז געווען ביי דער ארבעטער־היים פון די לינקע „פועלי־ציון".

די צווייטע ביבליאָטעק, לויט איר גרויס, איז געווען ביים גראָסער־קלוב (א.נ. פון בראָניסלאוו גראָסער) — „בונד". דער גרעסטער דראמאטישער קרייז האָט אויך געהערט צום גראָסער־קלוב.

די ליטעראַרישע אָוונטן פלעגן אדורכגיין מיט גרויס דערפאלג און די פרעקווענץ איז תמיד געווען א הויכע. יעדער ליטעראַרישער אָוונט איז געווען צוגעגרייט מיט געשמאק און געהאט א רייכן אינהאלט. באזונדערס האָבן נושא חן געווען די רעציטאציעס פון יעקב קאלמאנאָוויטש און ארטיסט מאנסדאָרף.

די ערשטע פאָרשטעלונג איז געשטעלט געוואָרן פרץ הירשביינס „דער אינטעליגענט". שפעטער זיינען געקומען די פאָרשטעלונגען: „קאָנספיראטיווע דירה", „די שחיטה" א.א.

דער דאָזיקער דראמאטישער קרייז ביים גראָסער קלוב האָט געפירט זיין טעטיקייט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. א פאָר יאָר האָט דער דראמאטישער קרייז געשטעלט פאָרשטעלונגען צוזאמען מיט דעם דראַ־מאטישער קרייז פון די לינקע „פועלי־ציון". דער פאראייניקטער קרייז, — אָנגעפירט פון מאיר זאָנענבערג און אלטע גריימאן, — האָט אויפגעפירט די פאָלגנדע פאָרשטעלונגען:

„שווער צו זיין א ייד", „אוריאל אקאָסטא", „דער בלינדער מאלער", „גאָט פון נקמה", „די ברידער לוריע" א.א.

מען דאַרף צוגעבן, אז אין שטאָט האָט עקזיסטירט און איז געווען טעטיק נאָך א דראמאטישער קרייז א.נ קולטור־הויז.* מיט דעם קרייז האָט אָנגעפירט און די פיעסן האָט רעזשיסירט דער ארטיסט פון לאָדזש דוד האמבורגער. דער דאָזיקער קרייז האָט אויפגעפירט די פיעסן:

„דער דבוק", „טאָג און נאכט", „חורבן ירושלים", „אשה רעה", „פאר־ברעכן און שטראָף".

אָט דער דראמאטישער קרייז האָט זיך נוהג געווען, אז פאר יעדער פאָרשטעלונג פלעגט פאָרקומען א רעפעראט אויף דער טעמע פון דער פיעסע, וואָס האָט געדארפט געשפילט ווערן. זיי האָבן אויך אראָפּגעבראכט אויף א רעפעראט דעם דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, דעם רעזשיסער דר. מיכאל וויכערט און אנדערע.

---

* זע די זכרונות פון אברהם לערנער.

דער פאראייניקטער דראמאטישער קרייז פון „בונד" און „פועלי־ציון" (לינקע) האָט צום לעצטן מאָל אויפגעפירט די פיעסע „שווער צו זיין א ייד". די הכנסה פון דער פאָרשטעלונג איז געגאנגען לטובת די פליטים פון זבאנשין, מיט וועלכע ס'האָט זיך פארנומען א שטאָטישער קאָמיטעט, אין וועלכן ס'זיינען געווען פארטראָטן אלע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

דערציונג און הילפס־אינסטיטוציעס

בן־ציון פומרנץ / בית־הספר „המזרחי" ומחנכיו

שנת 1918. רעם התותחים נפסק, נגמרה מלחמת העולם הראשונה. יהודי אלכסנדר התחילו לשוב ולהקים מחדש את הריסותיה של העיר שנחרבה כמעט לחלוטין בחזית לודז'—קאליש.

דאגת פרנסי העיר היתה להקים מוסדות סוציאליים ורוחניים, לדאוג למעוטי יכולת שנשארו בלא גג ובלא פרנסה — לעזור להם בסדור ראשון.

בבית ימילה פליטמן הוקם בית־תה (טיי־האלע) בשביל ילדים עניים, בהנהלתם של הח"ח חיה דרוקר, פנחס ז'רנובסקי, פייביש שלם, שמחה קופל, חיה בוטצ'ן ואליהו גריימן. כל ערב היו מתאספים בבית זה ילדים עניים רעבים והיו מקבלים כוס תה חם ממותק עם כמה פרוסות לחם.

הוקמו מוסדות עזרה נוספים: לינת הצדק, קופת גמילות חסדים, ובקור חולים, וכן מוסדות חינוך — „חדרים" ובתי־ספר, — כדי לא לבטל חס וחלילה שעה אחת מלימוד התורה.

כעבור כמה שנים הגיעו לעיירה שני אברכים — צימברקנופ ואָס — כדי לארגן ולהקים בעיר בית־ספר „המזרחי", והתקשרו עם האחים הנדלסמן,

הרשל ויינברג ועוד כמה יהודים אוהדי הרעיון הציוני. הם יסדו את בית־הספר „המזרחי" הראשון והמודרני לילדי אלכסנדר. הלימודים ומגמת החינוך היו לחנך דור צעיר שישאף לחיים חדשים, לחיי חופש ודרור. מטרת המייסדים היתה להפיח בילדים האלה רוח התעוררות, להחיות את שפת עבר ולעודד את הנוער לשיבת ציון.

שיטת החינוך ולימוד שירת הגעגועים לארץ הנכספת עוררו הד בלבות התלמידים, ובמשך הזמן קם דור צעיר שהיה מן המבשרים הראשונים לגאולת הארץ. מבית־ספר זה יצאו, אמנם, החלוצים הראשונים, שהכשירו עצמם להגשמת הרעיון הציוני, נסעו להכשרה ואחר כך עלו ארצה.

מורי בית־הספר „המזרחי":

הראשון במעלה המורה ליטווין ז"ל, יהודי מקושט, מבריק ומטופח בחליפה יפה, שחורה, מודרנית ונקיה; תמיד מגוהץ (קצת מוזר לפי מנהגי הימים ההם), שעון עם שרשרת זהב היה בולט בחזיה של חליפתו, כובע מודרני, קשה ושחור לראשו. נעליים יפות ומצוחצחות, זקנו השחור עם קצת שערות השיבה שהתבלטו בתוכו היה תמיד גזוז ומטופח יפה. עם מקלו בידו היה צועד



ילדי ביה"ס העממי עם המורה קורפין ז"ל (נפטר בארץ)

קינדער פון די יידישע פאלקס שולע מיטן לערער קורפין ז"ל (געשטארבן אין ישראל)

צעדים מדודים לעבר בית־הספר. הופעתו עוררה רגש של כבוד והערצה. דיקן וקפדן היה, ובשעת הלימודים היה שורר בכיתתו שקט מוחלט. דרש נקיון הכתב, דיוק בדקדוק וביטוי נכון בהברה הספרדית. השתדל להחדיר ללבות תלמידיו את האהבה לשפה העברית, ואת הצורך בשיבת ציון, ובחיים עצמאיים, חיי עבודה ויצירה בארץ־ישראל. הוא לא רק שידל את האחרים אלא אף שלח את בנותיו להכשרה: את פרומה בתו לקבוץ הכשרה בביאליסטוק ואת שרה בתו לסקוצ׳קובה, כדי שתתכוננה לעליה ארצה.

בכל שבת לפני שקיעת החמה היינו מתאספים בביתו ומקיימים תכנית עונג שבת: קריאה בתנ״ך, שיחה חפשית, שירה בציבור. טעמנו מהדברים הטובים שאשתו מרת רחל לאה היתה מגישה, והיינו נהנים מזיוו ומחכמתו בשיחת הרעים עמו ומרעיונותיו הפקחיים.

מאוחר יותר פקד אותו אסון: בנו יחידו מת אחרי מחלה קשה שפקדה אותו בעקבות מכת רעם. קדרות עטתה את פניו וגבו השתוחח והוא לא יכול היה להתאושש.

המורה וולמן היה יהודי חביב ונעים, עדין נפש, מחונן בכשרון מוסיקלי ובכשרון תיאטרלי. הוא התייחס לתלמידיו כמו לחברים. זוכרני שהיה מזמין אותנו לביקורים בשבתות ובחגים, למרות משכנו המצומצם: עם משפחתו הוא גר בדירה קטנה. בשמחה היה מקבל אותנו, בחיבה אבהית, והיה משמיע לפנינו קטעי נגינה וזמרה, ומי אינו זוכר את ההצגות שהיה עורך ומשתף בהן אך ורק את תלמידי בית־הספר „המזרחי״?! ובאיזו הצלחה אמנותית החדיר בנפש הילד המשתתף בהצגה כזו את תפקידו, עד שהמבקרים היו מוקסמים מכושרו וידיעתו בשטח זה.

המורה שפירא, שהיה גם המנהל של בית־הספר, יהודי צעיר היה ורציני מאד. הנהיג סדר בכיתות וסדר בלימודים, דאג לסגל מורים מוכשרים. עמד בקשר שוטף עם ההורים ומסר להם דו״חות מתמידים על מצבם של הילדים בשטחי הלימודים וההתנהגות. הצטיין במיוחד בהוראת דקדוק ושירים.

המורה משה פנחס, שנחשב בעיר כמלמד ממדרגה יותר גבוהה, לא היה מלמד דרדקי אלא מלמד גמרא. הוא הצטרף לסגל המורים בבית־הספר „המזרחי״ לא לשם הוראה בלבד, אלא היתה לו משיכה לארץ הקודש: אביו מת בארץ־ישראל במסיבות לא ברורות. תמיד דיבר בחיבה ובהתענינות על ארץ־ישראל וחיפש כל דרך כדי לקבל אינפורמציה על סיבת מותו של אביו. מורה טוב

היה ונוסף לזה הנהיג שעורי התעמלות. זאת היתה חוויה בזמן ההוא: יהודי דתי, במעיל ארוך (קפוטה) שידע את תורת ההתעמלות בשיטה מודרנית. הרעיון לעבור משיטת הלימודים המיושנת לשיטת לימודים מודרנית — היה רעיונו של משה פנחס. הוא חולל ממש מהפכה בשטח זה.

יפה וראויה לציון מיוחד היתה ההופעה בחגיגת ל״ג בעומר: תלמידי בית-הספר „המזרחי״ צעדו לאורך רחובות העיר עם דגלי תכלת-לבן מונפים ברמה. שירי ציון שפרצו מפיותיהם הדהדו למרחקים. משני צידי הדרך עמדו אנשים ומחו כפיים לתהלוכה מרהיבת עין זו. משה פנחס, ה„מלמד״, היה „מפקד״ התהלוכה, נותן פקודות, ו„חיל הרגלים״ צועד לפי הקצב: שמאל-ימין, שמאל-ימין. התהלוכה פונה לכיוון הגשר שמאחורי העיר לחיק הטבע. שם בילינו יום שלם בתכנית מגוונת.

אפרים (פישל) אולק / בית-הספר „המזרחי״

בית-הספר „המזרחי״ שברחוב ויאטרצ׳נה (מילן גאס) היה בבית בן שתי קומות, בקומה השניה. לבית הספר היו ארבעה חדרים מפוארים, וחדר חמישי, קטן, בו היתה המזכירות של המוסד. לכל כיתה היה חדר לחוד, ובחדר, בכל כיתה וכיתה, היו כתובות על הקיר, ממול לכניסה, באותיות קידוש לבנה, המלים: „מורא רבך כמורא שמים״. ואמנם — התלמידים ישבו והקשיבו בדרך ארץ רב לשיעור של המורה.

בל״ג בעומר שנת תר״פ (1920), הלכנו כל בית-הספר כאחד, בתהלוכה המסורתית, וכל הילדים היו לבושים בגדי-חג ונשאו דגלי לאום כחולים-לבנים. הלכנו בתהלוכה עד לפרברי העיר, בילינו שם על דשא ענק והצטלמנו.

ברוך שלמה הנדלסמן ז״ל, אחד מנציגי הקהילה וגם נציג בית-הספר „המזרחי״, שאל את הילדים: מי מכם יכול לתת הסבר לשם מה אנו חוגגים את החג הלאומי ל״ג בעומר? אחרי דומיה הרים אחד הילדים — התלמיד בן-ציון גריימן — את ידו, התרגש קצת, אבל ענה תשובה נכונה, וקיבל שי — חפיסת שוקולד.

מן המורים בזמני ראוי לציון מיוחד המורה ליטווין ז"ל, שהיה מסור לכל תלמידיו. הוא היה רואה בחוש את כשרונותיו של כל ילד וילד. היה דואג גם לבריאותו של הילד והיה חביב ביחסים שבין אדם למקום ובין אדם לחברו.

יהיה זכרו ברוך.

בן־ציון בילעוויטש /

די גמילות־חסדים קאסע

אין יאָר 1935 איז געגרינדעט געוואָרן אין שטאָט די אָנפּראָצענטיקע ליי־קאסע, וועלכע האָט זיך איינגעשלאָסן אין דער צענטראַלע — „צעקאבע".

די איניציאַטאָרן און די ערשטע פאַרוואַלטונג פון דער ליי־קאסע זיינען געווען: הלל ריווּאַן, לייזער אַפּאַטאָווסקי, גבריאל גריימאַן, הערשל זיסמאַן, שלמה ראחמילעוויטש, בערל קליין, גראַסמאַן, און דער שרייבער פון די שורות.

מיט דעם גרינדן די גמילות־חסדים־קאסע האָבן מיר זיך געשטעלט צוויי אויפגאַבן: א) געבן אָנפּראָצענטיקע הלוואות בעל־מלאכהס און קליינהענדלער; ב) אָרגאַניזירן א קאָאָפּעראַטיווע מעכאַנישע פאַבריק פון וועבעריי און זאָקן.

גלייך אין ערשטן יאָר פון אונדזער טעטיקייט האָבן מיר באַוויזן צו שאַפן פאַר דער ליי־קאסע באַדייטנדיקע סומעס געלט, א דאַנק דעם וואַרעמען אָפּרוף פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט. די „צעקאבע" האָט אונדז געהאָלפן דערמיט, וואָס זי האָט פאַרטאָפּלט די סומע, וואָס איז געשטאַנען צו אונדזער דיספּאָזיציע מיט אירע פאָנדן. אַזוי אַרום איז דערמעגלעכט געוואָרן אונדזער פאַרצווייגטע הילף־אַרבעט פאַר די נויטבאַדערפטיקע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין שטאָט, געהאָלפן זיי אין זייער גערանגל פאַרן קיום. אין א קורצער צייט איז די גמילות־חסדים־קאסע געוואָרן איינע פון די וויכטיקסטע הילף־אינסטיטוציעס אין שטאָט; מיט איר טעטיקייט האָט זי געהויבן נישט בלויז דעם מאַטעריעלן, נאָר אויך דעם מאָראַלישן מצב פון פיל־פיל מענטשן.

אונדזער הויפּט־הילף איז באַשטאַנען אין קורצטערמיניקע, בלויז אויף עטלעכע טעג, הלוואות, וואָס זיינען געווען ממש אַ נויטווענדיקייט פאַר די קליינהענדלער און האַנטווערקער. די דאָזיקע מענטשן האָבן זיך גענויטיקט אין געלט אויפן פּרייטיקדיקן מאַרק־טאָג, כדי צו קענען איינקויפן סחורה און פאַרדינען אויף חיונה. פריער פלעגן זיי זיין געצוווּנגען אַרומצולויפן דאָנער־שטיק צו די שטאָטישע גבירים און בעטן פּריוואַטע גמילות־חסדים; דאָס איז זייער אָפט געווען פאַרבונדן מיט דערנידעריקונגען, דערביי האָבן די גבירים, די בעלי־טובות, אויסגעאיבט אַ געוויסן דרוק אויף די הלוואה־נעמערס. איצט האָבן זיי די הלוואות אָן שוועריקייטן יעדן דאָנערשטיק באַקומען אין דער ליי־קאַסע, און מיט דאַנק זיי זונטיק צוריקגעצאָלט. דערביי האָבן מיר אויך געגעבן לאַנג־טערמיניקע הלוואות פון 200—500 זלאָטעס, אויסצוצאָלן אויף באַקוועמע ראַטעס, אָן פּראָצענט. דאָס האָט געהאָלפן פיל קליינהענדלער און האַנטווערקער צו פאַרפעסטיקן זייערע קראָמען אָדער וואַרשטאַטן.

אונדזער צווייטע אויפגאַבע איז געווען: אָרגאַניזירן אַ קאָאָפּעראַטיווע פאַבריק. דאָס איז געווען אַ ברייט־פאַרמאַסטענער פּלאַן צו דערמעגלעכן די איבערשיכטונג פון גרויסע טיילן יידישע אַרבעטער און האַנטווערקער, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע אַרבעט־צווייגן, פאַרלוירן זייערע אַרבעטס־פּלעצער און פּרנסות.

דאָס פאַך פון האַנטוועבעריי איז אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה כמעט ווי אונטערגעגאַנגען. די מעכאַנישע וועבשטולן האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון די האַנט־וועבשטולן און עס זיינען געגרינדעט געוואָרן גרויסע מעכאַנישע פאַבריקן. די יידישע אַרבעטער זיינען נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אַרבעט אין די דאָזיקע פאַבריקן און צוליב דעם זיינען צענדליקער יידישע משפּחות געבליבן אָן פּרנסה.

דער זעלבער פּראָצעס איז פאָרגעקומען ביים זאַקן־פאַך. די ווערקשטעלן פון האַנט־זאָקן זיינען אין די לעצטע יאָרן כמעט ווי גענצלעך אונטערגע־גאַנגען. אַ טייל פון די יידישע אַרבעטער אין דאָזיקן פאַך אין אַלעקסאַנדער האָט זיך טאַקע איבערגעשיכטעט און אַריבער אין די מעכאַנישע פאַבריקן (קראַפּט־פאַבריקן), אָבער דער גרעסטער טייל פון די יידישע זאָקן־אַרבעטער אין שטאָט האָט זיך נישט געקענט איבערשיכטן און איז געווען געצוווּנגען צו נעמען די אַרבעט צו זיך אהיים, ווו זיי האָבן פאָרטגעזעצט די אַלטע האַנט־אַרבעט; דער דאָזיקער סאָרט אַרבעט האָט באַפרייט דעם אַרבעטס־

געבער פון יעדער סאָציאַלער פאַרפּליכטונג לגבי די היים־אַרבעטער און אויך די לוינען און פאַרדינסטן זיינען געווען זייער קליינע.

אין שטאָט האָט עקזיסטירט דאָס שווערע פּראָבלעם פון דער אונטער־וואַקסנדיקער יוגנט, וועלכע האָט געדאַרפט אָנהויבן אַרבעטן און מ׳האָט געדאַרפט זאָרגן פאַר איר פאַך־אויסבילדונג און עקזיסטענץ אין דער צוקונפט.

דיביידע פּראָבלעמען, דאָס אויסבילדן פּראָפעסיאָנעל די יוגנט און באַזאָרגן מיט אַרבעט די דערוואַקסענע, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע נאָרמאַלע אַרבעט־פּלעצער צוליב דער מעכאַניזאַציע, האָבן געבוירן דעם פּלאַן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע מעכאַנישע וועבעריי־פאַבריק. די צענטראַלע „אָרט"־געזעלשאַפט האָט אונדז צוגעזאָגט איר הילף און פאַרזיכערט אונדז צו געבן 5 מעכאַנישע וועבשטולן. מיר אין שטאָט האָבן זיך אינטענסיוו געגרייט צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן און אָנגעגאַנגען מיטן שאַפן אַלע נויטיקע מיטלען צו אָרגאַניזירן און עפענען די פאַבריק.

לײדער האָבן מיר נישט זוכה געווען צו פאַרווירקלעכן אונדזער פּלאַן. דער בלוטיקער איבערפאַל פון דער דייטשער אַרמיי אין 1939 האָט צעשטערט אַלע אונדזערע פּלענער. די מערדערישע נאַצישע האַנט האָט אומגעבראַכט די איניציאַטאָרן, צוזאַמען מיט די, וועלכע די איניציאַטיוו האָט געדאַרפט דינען. אויסער דעם שרייבער פון די דאָזיקע שורות, וועלכער האָט זיך על פּי נס געראַטעוועט, איז קיינער פון די אויבנדערמאַנטע איניציאַטאָרן, בויער און פאַרוואַלטונג־מיטגלידער פון דער גמילות־חסדים קאַסע נישט געבליבן לעבן.

זאָלן די שורות וועגן זייער איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט זיין אַ מצבה פאַר זייער אָנדענק.

יעקב פערלמוטער / „הכנסת כלה״

זי איז אפשר נישט געווען אזוי פּאָפּולער פאַר אונדז יוגנט, אָבער פאַר די נויטבאַדערפטיקע איז עס געווען ביז גאָר א נוצלעכע אינסטיטוציע. טיילמאָל איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען בייצווווינען א זיצונג (אלס זייטיקער צושויער), פון דער פאַרוואַלטונג פון „הכנסת כלה״. ווי ערשטווינט בין איך געווען, זעענדיק, ווי מענטשן ווענדן זיך נאָך הילף, ווי דאָס לעצטע מיטל אויף צו קענען אדורכפירן די חתונה: צי דאָס זאָל זיין אויף א חופּה־קלייד פאַר דער כלה אָדער אויף דעם מאַלצייט. עס פלעגן זיך ווענדן צום קאָמיטעט אַזעלכע, וואָס פלעגן אָנגיין אין שטאָט ווי מענטשן וואָס האָבן פּרנסה. אָבער אין אמתן האָט קיינער נישט געוווסט, ווי די לאַגע ביי זיי זעט אויס, בפרט ווען מען דאַרף חתונה מאַכן א קינד.

כ'וויל אויך פון צווישן די אַלע צענדליקער און אפשר הונדערטער וואָס האָבן זיך געווענדן נאָך הילף, פאַרצייכנען אייניקע נישט איינגענעמע קוריאָזן:

אָט קומט א פרוי און ווענדט זיך צום קאָמיטעט, מען זאָל איר ביי־הילפיק זיין מיט דריי הונדערט זלאָטעס אויסצופירן די חתונה. דער קאָמיטעט פּרוּווט זיך דינגען. מען זאָגט איר, אז זי קען באַקומען בלויז 200 זלאָטעס. די פרוי זאָגט אָבער, אז אויך מיט דריי הונדערט קומט זי נישט דורך, און ווי זי זעט אז מען גיט איר נישט, ברעכט זי אויס מיט א ביטער געוויין. דאָס האַרץ איז שוין זיכער געווען איבערפולט פון דעם אַליין, וואָס זי דאַרף זיך ווענדן נאָך הילף, און זי גיט א געשריי: וואָס ווילט איר, עס זאָל זיין פריער דער ברית ווי די חופּה!...

דער פאָרזיצער, דער גרויסער למדן און פרומער ייִד, לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און גיט א זאָג: נו, נו, נו, גייט אהיים און קומט מאָרגן און זאָל זיין מיט גאָטס הילף א פריילעכע חתונה.

זי האָט די דריי־הונדערט זלאָטעס באַקומען...

***

א צווייטער פאַל.

א פרוי קומט און פאַרלאַנגט אזוי פיל און אזוי פיל. דער קאָמיטעט ווייסט, אז אין דער ווינונג וווּ דאָס יונגע פאָר דאַרף אריינגיין, איז שוין אלץ פאַרהאַן. אָבער די מאַמע זאָגט, אז זי דאַרף נאָך פיל פיל זאַכן אויף אויסצוריכטן די חתונה. דער קאָמיטעט וויל נישט געבן; ער זאָגט, אז עס זיינען פאַרהאַנען פיל מער נויטבאַדערפטיקע. די מאַמע בויגט זיך צו צום טיש און זאָגט גאַנץ שטיל צום קאָמיטעט, וואָס מיין אויער קען נישט אויפֿכאַפּן. זי האָט דאָס געלט באַקומען.

ווי מיר איז באַקאַנט, איז נישט געווען קיין איין פאַל פון אָפּזאָגן איינעם, וואָס האָט זיך געוואָנדן: איינער האָט באַקומען מער, דער צווייטער — אביסל ווייניקער.

ס'איז אויך ווערט צו באַצייכנען, אז פיל מאָל, ווען ס'איז אין דער קאַסע קיין געלט נישט געווען האָט דער קאָמיטעט פון זיין טאַש דערווייל אויסגעבאָרגט. אויך איז געווען איינגעפירט און פון קאָמיטעט אליין זיינען יעדע צוויי וואָכן אנדערע צוויי געגאַנגען איינמאָנען דעם אָפּצאָל ביי די שטאָטישע בעלי־בתים.


אברהם וויעלינסקי / „לינת החולים"

אין יאָר 1926 זיינען זיך צונויפגעקומען די פאָלגנדע פערזאָנען ביי נטע קאַמינער אין ווינונג: יחיאל־משה האנדעלסמאַן, יחיאל ווונטש, מענדל מאַרקאָוויטש, פייוול יוזעפאָווסקי, שמחה שערמאַן.

דער ציל פון דער ישיבה איז געווען צו שאַפן א פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע אין שטעטל, וואָס זאָל העלפן די אָרעמע שיכט יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן די פאָר זלאָטעס פאַר א דאָקטאָר אָדער קויפן די רפואה אין אַפּטייק.

איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן עפענען א „לינת החולים", וואָס זאָל באַדינען די אָרעמע יידישע באַפעלקערונג אין אלעקסאַנדער.

אלס יושב־ראש איז געוויילט געוואָרן נטע קאמינער; אלס מזכיר — שמחה שערמאן; גזבר — פייוול יוזעפאָווסקי. נאָך דעם ערשטן רוף צו דער יידישער באפעלקערונג האָבן זיך איינגעשלאָסן 20 יוגנטלעכע, ווי אויך ברוך־שלמה האנדעלסמאן. ער איז גלייך געוואָרן ערן־פּאָרזיצער. מיט דער דער־לויבעניש פון סטאראסטווע האָט דער קאָמיטעט פון „לינת החולים" אדורכ־געפירט א בלימל־טאָג און דאָס אין א זונטיק, און א סך פוילישע איינוווינער פון שטעטל האָבן געשפענדעט געלט פאר דעם צוועק.



ועד „לינת החוליב"

דער קאָמיטעט פון „לינת החוליב"

גלייך זיינען געקויפט געוואָרן די נויטיקסטע מעדיצינישע כלים. דר. גלאט האָט זיך אויך געשטעלט גרייט צו ערטיילן וויזיטן אומזיסט אין א סך פאלן.

אין יאָר 1929 האָבן זיך איינגעשלאָסן מענטשן פון „אגודת ישראל", און זיי האָבן גלייך פארכאפט און באהערשט די אינסטיטוציע. עס זיינען

אנטשטאַנען חילוקי־דעות. א גרויסער טייל האָט פארלאָזט דעם קאָמיטעט. געגאסן האָבן נישט אלע, וואָס האָבן זיך געגויטיקט אין הילף.

אין יאָר 1936 האָבן אלע פארטייען פון אלעקסאנדער — האנטווערקער, גערער־שטיבל, אלעקסאנדערער חסידים, רעכטע „פועלי־ציון", לינקע „פועלי־ציון", „בונד" און ציוניסטן, געשיקט צו 2 פאָרשטייער, און דער קאָמיטעט האָט שוין רעפּרעזענטירט די גאנצע יידישע באפעלקערונג. דער „לינת החולים" האָט געדונגען א לאָקאל אין צענטער־שטאָט און צו יענער צייט האָט זי שוין באדינט 900 ראשי־משפחות. די בעלי־בתים האָבן געצאָלט פאר דער „לינת החולים" א וואָכנטלעכן אָפּצאָל דעם גובה, וואָס האָט באזוכט יעדע וואָך אין די וווינונגען.

צו דער צייט איז שוין „לינת החולים" געוואָרן אן עפנטלעכע אינסטיטוציע וווּהין עס האָבן זיך געקענט ווענדן בייטאָג און ביינאכט אלע נויטבאדערפטיקע. דער בודזשעט האָט זיך פון חודש צו חודש פארגרעסערט. אויסער העלפן אָרעמע קראנקע מיט אן אומזיסטן דאָקטאָר און אן אומזיסטער רפואה, האָט דער נייער קאָמיטעט דורך דער איניציאטיוו פון דעם יושב־ראש יעקובאָוויטש אָרגאניזירט א קינדער־קאָלאָניע אין א דאָרף, ווו אָרעמע קינדער האָבן פארבראכט אויף ריינער לופט.

עס זיינען פאָרגעזען געווען נאָך פיל אנדערע ארבעטן־געביטן פון דער אינסטיטוציע.

**
*

אין יאָר 1939 איז מיטן ארייננקומען פון די דייטשן אלץ חורב געוואָרן.

פאַרשיידנס

שין־פּע /

א געזעגלשאַפטלעכע דערשיינונג


פון גרויס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער חשיבות פאַר דער אַרטיקער אַלגעמיינער אַרבעטערשאַפט און יידישער באַפעלקערונג בכלל איז געווען דאָס אָפּגעבן כבוד דעם יידישן רעוואָלוציאָנערן קעמפער היימאַן, וועלכער איז אין יאָר 1905 געפאַלן אין קאַמף מיט די צאַרישע סאַטראַפּן אַרום אַלעקסאַנדער און געקומען צו קבר ישׂראל אויפן היגן בית הקברות.

דורך א באַשלוס פון די צענטראַלע אינסטאַנצן פון די לאָדזשער סאָצ־יאַליסטישע אַרבעטער פּאַרטייען איז אין יאָר 1930, 25־טן יאָר־טאָג פון די געפאַלענע רעוואָלוציאָנערע קעמפער אין דער לאָדזשער סביבה, באַשלאָסן געוואָרן איינאָרדנען א פייערלעכע צערעמאָניע. איז קיין וווּנדער נישט, וואָס צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, פאָלקס־מענטשן און פויערים פון דער אַרו־מיקער סביבה, האָבן זיך, מיט זייערע פאָרשטייער, קאָנצענטרירט אין אַלעק־סאַנדער צו דעפּילירן אונטער אַ ים אויפגעוויקלטע רויטע פרייהייטס־פענער, וועלכע האָבן הויך געפלאַטערט אין די אויפגעלעבטע גאַסן פון אַלעקסאַנדער און איבער די, מיט שטאָלץ געהויבענע קעפּ, פון פיל טויזנטער מענטשן, וועלכע האָבן מיט שטיל איינגעהאַלטענע טרויער־טריט, מאַרשירט מיט פּיעטעט צום בית־עולם, אָפּגעבן כבוד און אויסדריקן אָנערקענונג דעם פרייהייטס־קעמפער היימאַן.

דער דאָזיקער ערנסטער און פייערלעכער אַקט האָט צוגעגעבן אָנזען דעם שטעטל און געהויבן דעם פּרעסטיזש און ווערדע פון די יידן אין אַלעקסאַנדער אין די אויגן פון דער אַלגעמיינער אַרטיקער באַפעלקערונג.

ב. צ. פומרנץ / קאלמוס החזן

פני המתפללים שיצאו היום מבית־הכנסת הגדול הפיקו קורת־רוח מרובה. הם מילאו את רחוב בית־הכנסת ואת הסימטאות הסמוכות בהמוניהם. היתה זו שבת־מברכין, בה ברכו על חודש תמוז, והחזן קאלמוס עם להקת משורריו השמיעו „יהי רצון" נאה, שהקסים את שומעיו ושבה את הלבבות בנעימותו. הכל שוחחו על התפילה הנאה שזמן רב לא נשמעה כמותה. רבים מבין



הגן הציבורי אשר בו היו יהודים נפגשים
דער לוסט גאָרטן (אין צענטער — קאָשטשיושקאָס דענקמאָל)

המתפללים הביעו את הדעה, כי אין זה אלא בזכותו של האורח מאמריקה, שהתפלל היום בית־הכנסת. אחד מבעלי־הבתים אפילו ראה במו עיניו כיצד האורח האמריקני ממתיק סוד עם החזן.

האווירה היתה עליזה, חגיגית ומרוממת. שנים רבות לא יכלו גבאי הקהילה וה„מבינים" הרבים בחזנות, למצוא להם חזן מתאים לבית־הכנסת הגדול המפואר, אשר יניח את דעתם של המתפללים. עתה, בעזרת השם, הנה זכתה אלכסנדר לחזן נאות, בעל קול נעים, ומכל בתי־המדרש והקלויזים שבעיר נהרו המונים, מיד לאחר התפילה, בכיוון לבית הכנסת הגדול, כדי להספיק ליהנות מזימרתם הערבה של החזן ומשורריו, בניצוחו של המנגן והמנצח המוכשר פרנקל.

חום של סיון שורר בחוץ. זה ימים רבים לא ירדו גשמים. יהודי אלכסנדר נהנים משינה דשבת, אך האוויר הלוהט מכביד על הנשימה.

ברחוב נראים ראשוני היהודים היוצאים לשוח בגן העיר, מקום שם עצים גבוהים וענפים נותנים צל וריח נעים.

מתיישבים משני צדי השדרה ומגלגלים שיחה ערה בנושאים שונים, העומ־דים ברומו של עולם, כגון: המצב הכלכלי, עול המסים המכבידים על יהודי פולין, יבול השדה והגנים (סעדער בלע"ז), פוליטיקה ומלחמה, אנטישמיות ורדיפות יהודים בכל אתר ואתר.

לבסוף מתגלגלת השיחה לענייני ציבור במקום, ובמרכז שיחת היום — הנושא: „החזן קאלמוס, שליח הציבור המוצלח והמחונן". זכות גדולה היא לקהילתנו שזכינו בכך.

מרדכ'לה גריימן מ„כפר החתולים" (כך נקרא כפר מושבו: קאצנדורף) התאחר קמעה היום. בגן כבר היה הקהל ממתין לבואו בקוצר־רוח, כאשר קם פתאום פישל בורוכוביץ והודיע:

„רבותי! ר' מרדכ'לה הולך ובא!"

כדרכו לא תפס לו מרדכ'לה מקום ישיבה. אוהב היה מאז ומתמיד לעמוד עמידה מאוששת ולהשמיע בקול חזק את דעותיו ורעיונותיו, והקהל היה מקשיב לו קשב רב ובולע בצמא כל מלה היוצאת מפיו.

„רבותי!" פתח ואמר, „זה שנים על שנים שקהילת אלכסנדר היתה מחפשת אחרי חזן טוב לבית־הכנסת הגדול. והנה סוף־כל־סוף זכינו לכך. אבל לבי מנבא לי, כי לא לאורך ימים נזכה ליהנות ממנו".

שומעיו הסתכלו זה בזה בעיניים תמהות ושואלות: דברים אלה מה פשרם?

הוסיף מרדכ׳לה ואמר:

„ידוע בכל רחבי פולין, כי אלכסנדר נתברכה במבינים מובהקים בחזנות, והשמועה על קולו היפה של קאלמוס החזן הגיעה כבר למקומות הרחוקים ביותר, ואולי אפילו עד לאמריקה, שם החזנות משגשגת לעילא ולעילא. יש לשער איפוא, שכבר עכשיו ישנן קהילות מסויימות המקנאות בנו בשל החזן שעלה בחלקנו״.

קהל השומעים ניענע לו בראש לאות הסכמה ומרדכ׳לה המשיך:

„אני מציע, אם כן, כי עלינו לעמוד על המשמר ולעשות הכל כדי שחזן זה יישאר אצלנו. יש להוסיף לו תוספת לשכרו המוקצב. כי בלאו הכי הנהו גם מטופל באשה ושׁשה ילדים שיחיו. כמו כן יש להקפיד על כך שתמיד יעמדו לרשותו משוררים טובים ומוכשרים״.

דברי מרדכ׳לה נתקבלו על דעת כל השומעים.

חלפו שבועות אחדים, ואותה שיחה שבתית בגן העיר כמעט כבר נשתכחה מלב הכל. עד שפנו כה וכה כבר ברכו על חודש אב, וגם הפעם הצטיין החזן קאלמוס בתפילתו המקסימה.

הכל היו מרוצים ולא היה ספק בלב איש, כי ל„ימים הנוראים״ הממשמשים ובאים כבר מובטח להם החזן האהוב עליהם.

יום־רביעי אחד, כאשר מרדכי־יוסף הבלן קם לפנות בוקר להסיק את הדוד בבית המרחץ — ראה ברחוב דמות אדם הולכת ומתרחקת בצעדים מהירים בכיוון לדרך זגירש. באפלולית הדמדומים של טרם־בוקר נדמה היה לו, שזהו החזן קאלמוס, ולבו ניתר בקרבו. אימץ את כוח ראייתו והסתכל היטב, והנה: אוי לעיניים שכך רואות! אכן, קאלמוס החזן הוא...

חיש־מהר נפוצה השמועה על־פני כל העיר, כי קאלמוס החזן נטש את אלכסנדר. העיר כולה היתה כמרקחה. פרנסי הקהילה התרוצצו הנה והנה מבולבלים ונסערים. התקיימו התייעצויות קדחתניות על האמצעים שיש לנקוט.

בני הנעורים נשאו רגליים ורצו בעקבותיו, אולי עוד יצליחו להדביק את החזן הבורח. ואכן, שיחק להם מזלם ובעוד מועד השיגו את קאלמוס. הלה

היה נבוך מאד, וניסה להתחמק מפניהם, אך לא הועיל לו עוד מאומה. הצעירים תפסוהו והחזירוהו העירה בכבוד גדול.

ואולם, גזר־הדין כבר נחרץ!

החזן קאלמוס נטש את אלכסנדר ונסע לאמריקה...

נסתבר אחר־כך, כי אכן היה זה אותו אורח מאמריקה ש„הדיחו" לנסוע אחריו...

קהילת אלכסנדר נותרה ל„ימים הנוראים" בלי חזן...

מנחם ווינטער / העלדישע רחמנות

נאָכן טויט פון רבקה סענדיק (1928) האָבן די פיר יונגע יתומים, אונטער דער אפּוטרופּסות פון אהרון בירקע, געפירט דאָס געשעפט, א רעסטאָראַן מיט פארשיידענע געטראַנקען און צובייס און דערצו א „האָטעל" מיט אייניקע בעטן פאר חסידים וואָס קומען צום רבין און אנדערע דורכרייזנדיקע.

זייער שנעל איז דאָס געשעפט שטארק פאראָרעמט געוואָרן, און די הויפּט־לאסט פון אויסהאלטן די משפחה איז געפאלן אויף דער 16 יעריקער טאָכטער טובה. עס האָט זיך אָנגעזאמלט א גרויסער חוב פאר דער וויין־פירמע ליבערמאַן פון לאָדזש.

אין איינעם א נאָכמיטאג איז פארפארן צו דער קרעטשמע אויף דער ידישער גאס ביים רינעק א לאסט־אויטאָ. אין דער קרעטשמע זיינען אריין אן עקזעקוטאָר („קאָמאָרניק") מיט א רעגירונגס־באאמטן, ווי אויך א פארטרע־טער מצד ליבערמאַנען, און אָנגעהויבן פארשרייבן דעם גאנצן אינווענטאר. איך האָב דאָס אלס געזען און אנשטאט גיין צוריק אין „חדר" (עס איז געווען פאר פיר אזייגער) — שנעל געלאָפן דאָס דערציילן אין שטוב. מיין ברודער שמחה הי"ד איז שנעל אוועק צו ליבערמאַנס פארטרעטער און אָנגעהויבן אים בעטן רחמנות האָבן פאר די קליינטשיקע יתומים, און אויך געוואָלט עפּעס געבן געלט, און פארלאנגט פון אים אָפּלאָזן דאָס צושטערן דאָס אומגליקלעכע געשעפט.

דער עלעגאַנטער הער האָט דערקלערט, אז זיי האָבן שוין דעם אורטייל פון געריכט און אז דער עקזעקוטאָר איז אויך דאָ, און ער קען דעריבער נישט מסכים זיין. דערווייל האָט זיך פארזאמלט א גרויסער עולם און באשלאָסן צונישט מאכן די שלעכטע גזירה.

מיין ברודער ירחמיאל הי״ד מיט נאָך אנדערע האָבן שנעל אויסגעזוכט דעם בארימטן אלעקסאנדערער גיבור יעקב שלמה האַלצמאַן. אין דער שענק האָבן די אומגעוווּנטשענע געסט פארמאכט די טירן און פענצטער, און אָנגע־הויבן פאקן אין ספּעציעלע קאסטנס די פלעשער, בכדי זיי צו לאָדן אויף דעם לאסט־אויטאָ.

מיין ברודער שמחה הי״ד איז דורכן הויף אריין אין געשעפט און ארויס־גענארט דעם פארשטייער פון ליבערמאַנען, כדי אונטערצוהאנדלען. דער לעצ־טער איז ארויס אין הויף. צו אים האָט זיך דערנענטערט האָלצמאַן און אָנגעהויבן רעדן צום געוויסן.

דער ענטפער איז געווען: „עס קומט נישט אין באטראכט". דעמלט האָט אונדזער גיבור מיטן שטעקן געגעבן א שטארקן קלאַפּ דעם מאנער אין די פיס־ביינער. די פארזאמלטע יינגעלייט האָבן צוגעהאָלפן קלאפן ווי אין א שמוציקן שטרויזאק, בעת יעקב שלמה האָט אים פעסט געהאַלטן, ער זאָל נישט עוקר ווערן. זיינע קליידער זיינען געוואָרן טיילווייז צעריסן און פאר־בלוטיקט. דערווייל זיינען די גומי־רעדער פון וואגן געוואָרן צעשניטן מיט א שוסטער־מעסער. ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען, האָט זי נישט מיט גרויס חשק געזוכט די שולדיקע. צום גליק האָבן די אָרדנונגסהיטער געטראָפן בלויז קינדער און פריש צונויפגעזאמלטע, וואָס קיינער פון זיי האָט גאָרנישט געוווּסט פון דער אוואנטורע.

אזוי זיינען אָפּגעראטעוועט געוואָרן קיילעכדיקע יתומים פון הונגער און נויט, און די עקזעקוטאָרן, צוזאמען מיטן חוב, זיינען נעלם געוואָרן.

בן־ציון פומרנץ / בפרוע פרעות בישראל התנדבו ראשי העם!

שנת 1929. מארץ ישראל הגיעו ידיעות המבשרות על פרעות ביהודים. ביפו, בירושלים ובחיפה התנפל אספסוף ערבי עם סכינים, בוזז ורוצח נפשות. בחברון התנפלו ערבים על בחורי ה„ישיבה" ושחטו אותם בלי רחמים. המצב הבטחוני והכלכלי בישוב נעשה משעה לשעה מסוכן יותר, והממונים על החוק והסדר הם אדישים ובלתי יעילים: לעיני האנגלים נרצחים ונשחטים מאות גברים, נשים וטף ואין מושיע.

טלגרמות נשלחות לכל חלקי העולם, בדרישה לעזרה דחופה. בכל מדינה, עיר ועיירה, שבהם חי קיבוץ יהודי, קמה סערה גדולה והתעורר רגש אהדה לישוב היהודי בארץ־ישראל, המתגונן בכל כוחותיו נגד המון המתפרעים.

טלגרמה דחופה כזו, הגיעה גם לעיירתנו אלכסנדר, וכהרף עין התפשטה השמועה בין יהודי העיירה. ביחוד הזדעזעו והתעוררו תנועות הנוער הציוני. מהרחובות, ומהסימטאות ומהבתים החלו לזרום בני נוער יהודי לאסיפות מחאה שהתקיימו בכל ההסתדרויות הציוניות.

באולם „גורדוניה" ברחוב אוגרדובה התאספו כמה ארגונים: „פועלי־ציון" ימין, „החלוץ" ו„גורדוניה". הנואם הראשי, שמעון חלמר ז"ל, פתח את האסיפה במלים נרגשות ואמר: „חברים! יהדות ארץ־ישראל עומדת בחרוף נפש נגד הרוצחים הערבים. יום יום נהרגים ונשחטים מאות יהודים, ודם יהודי נשפך בחוצות ירושלים, חיפה, יפו וחברון. הבה נרים צעקה גדולה וחזקה לכל העולם התרבותי, העומדים מרחוק בחוסר מעש ואין מושיע!"

סיסמתו של הח' חלמר ז"ל באותו ערב היתה — תכריכים למתים ולחם לחיים. ז"א תנו לקבור את מתינו בכבוד ולאלה שנשארו בחיים — אפשרו להם להמשיך בבנין הארץ. ולנוער פנה: התאזרו בכוח והתארגנו למען עליה ארצה לעמוד שכם אחד עם אחיכם במלחמתם הנועזה למען כבוד ישראל.

למחרת התקיימה אסיפת עם גדולה בבית־הכנסת הגדול. התאספה כמעט כל יהדות אלכסנדר: יהודים מכל השכבות, ציונים ולא־ציונים, חסידים, אנשים ממפלגות שונות וארגונים שונים, עשירים ועניים, גברים, נשים ונוער — דרוכים ומלאי חרדה. בפיות פעורים שמעו את הנאומים והתאורים הנוראים

ואת הרעה העוברת על קומץ היהודים בארץ־ישראל, העומדים על נפשם נגד עם רב ופראי, ועל דם ישראל הנשפך כמים. שיא ההתרגשות הגיע כאשר באה הקריאה מעל במת בית־הכנסת: יהודים!... תנו כסף כדי לתמוך בקהילה היהודית בארץ־ישראל. כדי לבנות מחדש את הריסות ארצנו!

יהודים התחילו להתפרק ממצלצלים, מטבעות כסף וזהב, תכשיטים, טבעות קידושין, עגילים ושטרות כסף שונים, למען הצלת הישוב.

שבח ותהילה לזכר הקהילה היהודית הזו, על כל שכבותיה, שידעה לעמוד איתן ובמאוחד לימין אחיה בפרוע פרעות בישראל.

השואה

דער אומקום


בן־ציון פאמעראנץ /

א טרער איבער מיין שטעטעלע...

וױ אזוי זאָל איך דעם לעצטן כבוד
אונדזערע קדושים אָפּגעבן ?!
וױ אזוי זאָל איך פאַרהייליקן זייער אָנדענק,
ווען פון זייערע קערפּערס איז אַש געוואָרן
און א מצבה אויף זייערע קברים איז נישט געשטעלט ?!

אין דער מארטיראָלאָגיע פון פוילישן יידנטום וועט מיט בלוט און טרערן אויך פארשריבן ווערן יענער פראָסטיקער פוילישער ווינטער־טאָג פון ט״ו בטבת ת״ש — 27־סטער דעצעמבער 1939. דאָס איז די טרויעריקע דאַטע פון יענעם ווייטן און דאָך אזוי נאָענטן גורלדיקן טאָג, ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס טראַגישע אומקום־קאפיטל פון דער יידישער קהילה אין אלעקסאנדער.

לאָמיר צוריקגיין אין זכרון צו יענעם מוראדיקן טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אזוי אכזריותדיק פארשניטן ווערן א שיין און רייך קאפיטל פון יידישקייט — א קאפיטל, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן————



מקום שעמד בית הכנסת הגדול
דער פלאַץ ווו ס׳איז געשטאַנען דער גרויסער שול

ס'איז נאָך גאָר פרי אין דרויסן. דורך די פאַרפרוירענע און מיט פראָסט־בלומען באַדעקטע פענצטער־שויבן הויבט שוין אָן ביסלעכווייז אריינצודרינגען די ערשטע פרימאָרגן־גראָקייט. צי האָט אין יענע שעהן עמעצער פאָרויסגעפילט אז דאָס וועט זיין דער האַרבסטער גזר־דין פאַר אונדזער שטעטל?

אין דרויסן הערן זיך שווערע, אייליקע טריט. דאָס זיינען די קהילה־עסקנים, וואָס האָבן באַקומען דעם באַפעל פון דער דייטשער מאַכט מודיע צו זיין דער יידישער באַפעלקערונג די גרויזאַמע בשורה: ביז 8 פרי מוזן אַלע יידן פאַרלאָזן דאָס שטעטל.

בליציק־גיך האָט זיך געטראָגן פון הויז צו הויז די דאָזיקע איוב־בשורה. זי האָט אין אַלעמענס הערצער אַרויסגערופן שווערע און פאַרצווייפלטע געפילן. אַלע יידישע איינוווינער זיינען פּלוצים איינגעהילט געוואָרן אין גרענעצלאָזן און הילפלאָזן טרויער. אַן איינאונאיינציקע מחשבה האָט אַלעמען געפּייניקט: וואוהין ווערן מיר אַרויסגעשיקט? וואָס אַזוינס דערוואַרט די אַלעקסאַנדערער יידן אויפן אומבאַקאַנטן וואָגל־וועג? וואָס האָט דער גורל פאַר זיי אָנגעגרייט?

פאַרציטערטע שטייען נאָך די יידישע מאַמעס איבער די וואַרעמע בעטלעך פון זייערע קינדער. אויף זייערע פּנימער ליגן די סימנים פון אוממעכטיקייט און פאַרצווייפלונג, נישט ווייסנדיק וואָס אַזוינס צו טאָן: צי זאָל מען די קינדערלעך איבערוועקן פון זייער ריינעם, אומשולדיקן שלאָף? צי זאָל מען איבעררייסן זייערע נאָך זיסע קינדער־חלומות?

דאָס לעצטע מאָל דאַווענען יידן ביחידות אין דער אַלטער היים. איילנדיק פּאַקט מען די פּעקלעך. מען גרייט זיך אין אַ לאַנגן וועג... און אפשר, ווער ווייסט, צי וועט נישט דער וועג זיין גאָר אַ קורצער?!...

עס לויפן פרויען, יונגע מאַמעס, כדי צו באַזאָרגן אַ וואַרעם־פלאַש: צוצוגרייטן פאַר די קליינע, נאָרוואָס געבוירענע עופעלעך אַ ביסל וואַרעם וואַסער, כדי זייערע נשמות צו דערהאַלטן אויפן אומבאַקאַנטן, פּראָסטיקן וועג... אין קיך קאָכט זיך דאָס לעצטע ביסל וואַרעמס. מען עסט איילנדיק די סעודה המפסקת...

דערוויי̇ל פאַרזאַמלען זיך די פאַרצווייגטע משפּחות אין די הייזער פון די עלטערן. פון אומעטום הערן זיך ספּאַזמירנדיקע האַרץ־געשרייען. מען פאַלט זיך מיט א געכליפּ אויף די העלדזער. א ים פון יידישע טרערן ווערט פאַר־גאָסן אין די געציילטע מינוטן...

דער זייגער גייט דערוויי̇ל אכזריותדיק. מיט יעדער מינוט פאַרשטאַרקט זיך די פּאַניק. מען ווייסט נישט אז אַט ווערן אויף אייביק אָפּגעריסן דורות פון א שפּרודלדיק יידיש לעבן. משפּחות ווערן צעפּערטלט און צעשפּליטערט און גרייטן זיך אויפן אומבאַקאַנטן גורל...

די געפּאַקטע פּעקלעך לאָדנט מען אויף קליינע שליטעלעך, וואָס ווערן גיך צונויפגעקלאַפּט אין בהלה. די קליינע קינדער ווערן פאַרוויקלט אין וואַרעמע פאַטשיילעס און מלבושים, כדי זיי צו שיצן פון שאַרפן אייזיקן פראָסט...

אין גאַס זעען זיך שוין די ערשטע יידן מיט די פּלעצאַקעס אויף זייערע געבויגענע פּלייצעס און אין די הענט טראָגן זיי שטעקנס. פרויען און קינדער שלעפּן זיך נאָך זיי מיט פאַרציטערטע הערצער, מיט אויגן פולע מיט בהלה און שרעק...

אַלע ציען זיך אין דער ריכטונג פון זאַמלפּונקט...
און אָט איז מען שוין אויפן פּלאַץ.

דער זייגער האָט שוין אויסגעשלאָגן 8 פרי. אַלץ איז גרייט. אַן עדה פון בערך דריי טויזנט נפשות האָט זיך פאַרזאַמלט אונטערן פרייען הימל אין יענעם קאַלטן ווינטער־טאָג. נאָך זיך האָט מען איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע האָב און גוטס. די שליסלעך פון די פאַרשלאָסענע שטובן מיט די נעמען פון יעדן איינוווינער ווערן איבערגעגעבן אין די הענט פון די היטלער־תליינים, לויט זייער באַפעל.

אויפן זאַמלפּלאַץ הערשט א שטילקייט ווי פאַר א שטורעם. אַלע טויזנטער יידן האָבן איינגעהאַלטן אין זיך דעם אָטעם. אַלץ שווייגט און אין ערגעץ איז נישטא צו זען קיין סימן פון היסטעריע. די ביטערע נסיונות און שווער־געפּרוּווטע תקופות פון יידישן פאָלק שטייען אַלעמען פאַר די אויגן. טיף אין

הארצן טליעט נאָך ביי יעדן פארבאָרגן א פונק פון גלויבן. אפשר וועט דאָך געשען א נס ? אפשר וועט אין דער לעצטער רגע דער גזר־דין בטל־ווערן ? !

קיין שום נס איז אָבער אין יענעם ווינטער־טאָג נישט געשען. די הימלען זיינען פארקאָוועט מיט שווערע וואָלקנס.

פלוצים הערט זיך א שארפער פייף־סיגנאל. פון שרעק האָט די גאנצע מחנה אויפגעציטערט. א פארקראמפטער, טיפער זיפץ האָט זיך קוים, קוים ארויסגעריסן פון די צעבראָכענע יידישע הערצער. עס פאלן פון די מחבלימס באפעלן ווי דאָס ווילד געשריי פון א סטאדע וועלף. פאוואָליע הייבט זיך אָן רירן פון אָרט דער טרויער־צוג. שווער ווי אונטערגעבראָכן שלעפן זיך די מידע פיס אין דער ריכטונג צום שאָסיי. פון דאנען פירט דער וועג קיין גלאָוונע, דאָס גלאָוונער געטאָ דארף אויפנעמען ביי זיך די פארטריבענע יידן פון אלעקסאנדער...

אָבער איידער די מחנה ווערט פארשווונדן אויפן שאָסיי, ווייטער פון שטעטל — ווארפט מען נאָך די לעצטע געזעגענונג־בליקן צו דער אַלטער היים, צום באליבטן שטעטל, ווו דורות יידן, פרומע און וועלטלעכע, זיינען געוווען פארוואָרצלט, געארבעט און געשאפן. פאריתומט בלייבט דאָס יידישע געסל. די הילצערנע הייזלעך, איינגעבויגענע — גיבן־אָפּ די פארבייגיינדיקע יידן דעם לעצטן כבוד, צו די אלע, וואָס האָבן לאנגע יאָרן אין זייערע ד׳ אמות געשפינט זייער לעבן, א לעבן פול מיט יידישע חלומות און אידעאלן.

אָט איז דעם רבינס „הויף״, דער צענטראל־פונקט פונעם אמאָל אזוי רעשנדיקן און פולסירנדיקן לעבן. עס דוכט זיך, אז מען הערט נאָך דאָס לערנען פון די „ישיבה״־בחורים, אויסגעזונגען מיט אזוי פיל דבקות און מתיקות. צוזאמען מיט זייער לערנען מישן זיך אויס די ווארעמע תפילות פון שבת און יום־טוב פון רבינס בית מדרש, פון יידן־חסידים, וואָס פלעגן אהער שטראָמען פון די ווייטסטע מקומות, כדי צו באקומען א ברכה, אָדער איבער־געבן א קוויטל. איצטער הערשט ארום א טויטע שטילקייט. פארשווונדן איז דער הייסער תפילה־געמורמל, פארזונקן זיינען די פריילעכע זמירות פון די „ישיבה״־בחורים, וואָס שלעפן זיך איצט אויפן לעצטן וועג... דער רבי מיט

זיין פארצווייגטער משפחה האָט שוין געהאט פריער פארלאָזט דעם „הויף".
דאָס גרויסע בית־מדרש איז פונאנדערגענומען, די ספרים און ספרי־תורות —
באגראָבן, אָדער טיילווייז פארברענט.

און אָט זעט מען:

די פארברענטע שול — אונטערגעצונדן דורך די טמאדיקע הענט פון די היטלער־רוצחים; צעטראָטענע און פארשעמטע ליגן די הייליקע רעשטלעך פונעם כתר, וואָס האָט אזוי פארביק און רייך באפוצט דעם ארון־קודש. אומעטום ליגן צעווארפן גלאָז־ברעקלעך פון די קאָלירירקע שול־שייבלעך, באצירטע מיט א יידיש געמעל פון די צוועלף שבטים. אמאָל האָבן זיי אראָפגעלויכטן מיט אזא פראכט און גלאנץ אין די פרימאָרגן־שעהן, בעת די זון איז נאָרוואָס אויפגעגאנגען, צעשפרייטנדיק איר ליכט איבער די תפילות פון די השכמה־דאווענער. און אָט זיינען די רעשטלעך פון די קיילעכדיקע און פעסט־געבויטע פיליארן, וואָס האָבן אונטערגעהאלטן די עזרת־נשים, פון וואנען עס פלעגן זיך הערן די אָפטע וויינענדיקע קרעכצן פון באָבעס, מאמעס און טעכטער, בעת דער חזן פלעגט אויסוויינען זיין „אב הרחמים", אָדער א ראש־חודש בענטשן. אָט קלינגען נאָך אין די אויערן די ווערטער: „חיים שאין בהם בושה וכלימה, חיים של עושר וכבוד..."

א ביטערער שפּאָט פון גורל!

דער מענטשן־צוג באוועגט זיך פאָרויס אינעם פראָסטיקן ווינטער־פרי־מאָרגן. אָט דערגרייכן זיי שוין דעם סוף פון שטאָט. מען זעט שוין די פעלדער, און די לעצטע בליקן פאלן אויף ביבלס טייך... אָט קומט אויף דעם געדאנק דאָס טייכל, ווו יידן פלעגן זיך ארום רינגלען ראש השנה ביי „תשליך", און ביי אָפענע „מחזורים" געבעטן רחמים... וויפיל תחנונים און הארציקע תפילות, פאר געזונט, א ביסל פרנסה, נחת פון קינדער און פאר א באשיידענעם רואיקן לעבן! וויפיל פערלדיקע טרערן פלעגן זיך אראָפקייקלען, בשעת די תפילות! וויפיל הארץ־ און מוראדיקע געפילן פאר דעם „יום הדין", פאר דעם גזר־דין טאָג?!

ליידער איז דער גזר־דין דאָס מאָל געווען א פאטאלער...

אזוי שפאנט זיך אוועק די פארטריבענע יידישע קהילה פון איר איינ־געוואָרצלטער היים. די מענטשן־רייען ציען זיך ווי א קייט, צונויפגעגלידערט ווי איין גרויסע, אומגליקלעכע משפחה. עס גייען קראנקע און שוואכע, מענער

מיט פארשעמטע בליקן מחמת זייערע אַפּגעהאַקטע פּיצלעך בערד, וואָס די רוצחישע הענט האָבן געשענדט. עס שפּאַנען די עסקנים פון „לינת החולים", און „הכנסת כלה", יידן פשוטע און תמימים, יידן לערנערס און גאונים, וואָס אויף זייערע ליפּן האָט תמיד געשוועבט: שמע ישראל!... עס גייען צוזאַמען די גרופּעס פון פאַרשיידענע פּאַרטייען — די רעשטלעך פון די ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אָט די אַלע, וועלכע האָבן געזאָרגט פאַרן רוחניותדיקן לעבן אין אונדזער שטעטל: די גרינדער פון די ביבליאָטעקן, די אָפּהיטער פונעם העברעאישן און יידישן ספר, די קולטור־טרעגער און פרייהייט־קעמפער, וואָס האָבן אין די לעצטע מינוטן נאָך באַוויזן אויסצו־באַהאַלטן די נאַציאָנאַלע און אויך רויטע פענער; די, וואָס האָבן פאַרגראָבן די ווערטפולע ביכער מיט דער מחשבה, אז מען וועט זיי נאָך אין גיכן ווידער ברענגען אין דער עפנטלעכקייט...

דער גורל האָט אַלעמען פאַרוואַנדלט אין איין גרויסער אומגליקלעכער משפּחה. עס גייען אַלמנות, יתומים, קינדער אָפּגעשוואַכטע און קראַנקע. נישט איין קינד פרעגט ביי דער מאַמען, „ווי לאַנג ס'וועט זיך נאָך ציען דער דאָזיקער וועג..." „צי איז נאָך, מאַמע, ווייט דער וועג?" און נישט איין מאַמע פאַרבייסט דעמלט די ליפּן און פאַרבאַהאַלט די טרערן: „נישט לאַנג שוין, מיין קינד, אָט אָט — און מיר וועלן אָנקומען..."

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן אויך דער נאָמען פון ר' הנוך אלתר, וועלכער האָט באַגלייט די מחנה מיט איבערגעגעבנקייט און מיט ממש פאָטערלעכער ליבע. ער העלפט די קראַנקע און שוואַכע און טרייסט יעדן מיט א גוט וואָרט. פון זיינע רייד גליט־אויף אין יעדנס הארץ א פונק פון האָפענונג, אז די מפּלה פון די רוצחים וועט קומען פריער צי שפּעטער, אז נצח ישראל לא ישקר!...

מידע און צעבראָכענע פון וועג, מיט הערצער פאַרגאָסענע מיט טרערן, זיינען די געפירטע אַלעקסאַנדערער יידן אָנגעקומען דורך זגיערזש קיין גלאָוונע. עס האָט זיך געוואָלט גלויבן, אז אָט איז דער סוף פונעם גלות־וועג און דער סוף פון די יסורים. אָבער ניין — דאָס איז געווען בלויז דער אָנהויב, דער ערשטער שטאַפּל צום גיהנום, וואָס דער היטלער־משחית האָט געהאַט צו־געגרייט מיט אזוי פיל פערפידיע און אכזריות פאַר די יידן פון אונדזער שטעטעלע אַלעקסאַנדער ווי אויך פאַרן גאַנצן פּוילישן יידנטום...

(פרטים פון די לעצטע שעהן איבערגעגעבן פון א. וויעלינסקי)

בן־ציון פומרנץ / דמעת יגון על עיירתי

איכה אוכל תת כבוד אחרון לקדושינו ? !
קדש זכרם איך אוכל ואפרם פוזר לכל רוח
ומצבה על קברם לא הושמה? !

בתולדותיה רוויות הסבל והעינויים של יהדות פולין יצויין בדם ודמעות אותו יום סגריר קר — ט"ו בטבת ת"ש, 27 בדצמבר 1939. ביום מר זה, הרחוק כל כך ועם זאת כה קרוב, נחרץ גורלה של קהילת אלכסנדר לשבט.

נעלה־נא שוב בזכרוננו את מוראות היום ההוא, יום בו נסתיים בצורה כה אכזרית פרק עשיר ומפואר בחיי היהדות, אשר שוב לא יהיה כמוהו.

מוקדם מאד עדיין. דרך השמשות הקפואות, המכוסות פרחי כפור, חודרת אט־אט אפרוריות הבוקר. האם היתה אפרוריות זו סמל ? האם שיער מי, שאותו בוקר נגזר דינה של עיירתנו ?

מבחוץ נשמעים צעדים כבדים, חפוזים. אלה הם עסקני הקהילה שקיבלו מן הגרמנים את הצו המורה להם לפרסם באוכלוסיה היהודית את ההודעה המרה : עד שעה 8 בבוקר על כל היהודים לעזוב את העיירה.

כברק פשתה־עברה בין בתי העיר בשורת איוב זו, ועוררה בלבבות כל ספקות כבדים וקשים ביחס לעתיד. נטולי כל עזרה או יכולת להגיב — נתמלאו לפתע לבבותיהם של תושבי העיירה היהודים חרדה עמוקה ללא גבול. מחשבה אחת בלבד הציקה לכולם : להיכן עומדים אנו להיות משולחים ? מה מצפה ליהודי אלכסנדר באותה דרך נדודים ארוכה ובלתי ידועה ? מה עוד הכין להם הגורל כדי למלא את כוס המרורים ?

נפחדות עומדות עדיין האמהות ליד מיטות בניהן החמות ; על פניהן — אותות חוסר אונים וחרדה. מה יעשו ? האם יעוררו את ילדיהן משנתם השלווה והתמימה ? הינתקו באמצע את חוט חלומותיהם — חלומות הילדות המתוקים ?

בפעם האחרונה מתפללים יהודים ביחידות בביתם מדורות. נחפזים לארוז את החבילות. יהודים מתכוננים לדרך ארוכה ארוכה... ואולי — מי ידע — אולי תהא הדרך דווקא קצרה מאד מאד?!

נשים, אמהות צעירות, מתרוצצות להכין משקה חם; להכין לפעוטות שאך זה נולדו קצת מים חמים, כדי להחיות נפשם בדרך־הקור־והרוח הארוכה והבלתי ידועה... במטבח רותחת כוס החמין האחרונה. בהחפז אוכלים את הסעודה המפסקת...

בינתיים מתכנסות בבתי הזקנים המשפחות הענפות. מכל עבר נשמעות זעקות קורעות לב. נופלים איש על צוואר רעהו ונפרדים... אוקיינוס של דמעות צער ויסורים נשפך באותם רגעים ספורים.

השעון, אכזר עד אימה, אינו עומד מלכת. כל דקה עוברת אך מגבירה את הפאניקה. עדיין אין יודעים — או, אולי, אין רוצים לחשוב על כך — שהנה הנה עומדים דורות בפני ניתוק וקרע מחיים יהודיים פורחים.

המשפחות מתפזרות שוב לכל פנה. מתכוננים לקראת הבלתי ידוע.

את החבילות מעמיסים על מגררות קטנות שאך זה הוכנו בחופזה רבה. את הפעוטות עוטפים בגדים חמים ובשמיכות, כדי לגונן עליהם מפני הקור החד והחריף.

ברחוב כבר נראים ראשוני היהודים: צרורותיהם על הגב השחוח ובידיהם — מקל הנדודים. נשים וילדים משתרכים אחריהם בלב רועד, ומעיניהם נשקפים הפחד והחרדה.

כולם צועדים אל נקודת האיסוף.

הנה הנם במקום.

השעה 8...

הכל מוכן. עדה בת כ־3000 נפש לערך נאספה כאן תחת השמים הגלויים באותו בוקר־כפור של חורף. מאחוריהם השאירו את כל שהיה להם. המפתחות מן הבתים הנעולים, עם שמות הדיירים אחד לאחד, נמסרים לידיהם של התליינים, לפי פקודתם המפורשת.

בככר — שקט שלפני הסערה. כל אלפי היהודים שנאספו כאן עוצרים את נשימתם. עתה שורר שקט מסביב ואין אף סימן כלשהו להיסטריה. דממה בכל. הנסיונות המרים והקשים ותקופות השחור והצער בתולדות העם היהודי עולות ומתייצבות לפני העיניים... בכל זאת, עמוק עמוק בלב פנימה, מקננת עדיין התקוה: שמא בכל זאת יקרה נס?! אפשר יבוטל ברגע האחרון גזר הדין המר והנמהר?!

אך לא... שום נס לא אירע. השמים נתכסו עננים כבדים.

לפתע החרידה את כולם שריקה חדה. רעד עבר בקהל; ולאחריו, בקושי בקושי, מעומק הלבבות השבורים — אנחה־גניחה כבדה. פקודה רודפת פקודה מפי הרוצחים, ואט־אט מתחילה לנוע שיירת הצער והכאב. כבדות, שבורות־כאילו, נגררות הרגליים העייפות בכיוון לדרך. הדרך המוליכה מכאן לגלובנה. גיטו גלובנה נועד לאכלס את היהודים המגורשים מאלכסנדר.

לפני שהשיירה נעלמת בדרך, הרחק מן העיר, מעיפים מבטי פרידה אחרונים מן הבית, מן העיר האהובה. דורות של יהודים חיו כאן, מושרשים, עבדו ויצרו. עתה נשאר הרחוב היהודי יתום. בתי העץ הנמוכים והכפופים־כמו, מרכינים ראשיהם בחלקם כבוד אחרון לעוברים־חולפים על פניהם לבלי שוב. לאלה אשר שנים ארוכות חיו חייהם ורקמו חלומותיהם בין ד' אמותיהם.

הנה־הנה „חצר" הרבי. מרכז־של־פעם שהיה תמיד הומה חיים רעשניים ועליזים. דומה שעדיין מתנגנים קולותיהם של בחורי ה„ישיבה" השרים את שעורם בדביקות כה רבה. עוד אלה נשמעים־כאילו והנה מתערבות־חודרות תפילות שבת ויום־טוב מבית מדרשו של הרבי; תפילותיהם של חסידים שנקהלו הנה ממקומות מרוחקים כדי לזכות בברכה או לבקש בקשה.

דממת מות שורה עתה מסביב.

נעלם רחש־התפילה החם. דממו הזמירות העליזות של בחורי ה„ישיבה". הם נגררים עתה עם כולם בדרכם האחרונה...

הרבי ומשפחתו הענפה עזבו את ה„חצר" כבר קודם לכן. בית המדרש הגדול התפרק מכל וכל: הספרים וספרי התורה — נקברו ובחלקם נשרפו...

והנה — בית הכנסת הגדול השרוף, שידיהם הטמאות של הרוצחים הציתוהו. מבויישות פזורות סביב שאריותיו המקודשות של הכתר אשר קישט את ארון־הקודש בעושר כה רב... בכל אשר תפנה העין מושלכים שברי זכוכית

צבעוניים אשר יצרו פעם בשמשות בית הכנסת את סמלי שנים עשר השבטים. פעם היו שמשות אלה מנצנצות בעושר־גוונים רב בשעות השחר, בעת הזריחה. נצנוצי אורה היו מפזזים אז על תפילותיהם של משכימי קום. הנה שאריותיהם של העמודים העגולים שבאונם תמכו והחזיקו את עזרת הנשים. כשהיה החזן זועק מעומק־לב את „אב הרחמים" או בעת ברכת ראש חודש היו נשמעים מעזרה זו אנקות בכי של דורות נשים — בנות, אמהות וסבתות. ועדיין מהדהדות באזניים המלים: „חיים שאין בהם בושה וכלימה, חיים של עושר וכבוד..."

הו, גורל מר ואכזר!

טור האדם נע ומתקדם בבוקר־חורף קר. הנה מתקרבים לקצה העיר. כבר רואים את השדות ומבטים אחרונים נזרקים לעבר ה„ביבלס טייך"... צפה ועולה בזכרון תמונת האגם בראש־השנה: איך היו יהודים מקיפים אותו ב„תשליך", ואיך, ב„מחזורים" פתוחים, היו מתפללים לרחמי שמים... כמה תחנונים ותפילות מעומקא דליבא לבריאות, למעט פרנסה, לנחת מן הילדים ולשנה שקטה ומכובדת! כמה דמעות־פנינים היו ניגרות עם תחנונים אלה! וכמה יראת־לב לקראת יום־הדין, וגזר־הדין?!

ואכן, היה הפעם גזר־הדין נורא וגורלי!

וכך הולכת וניתקת קהילה יהודית מכור מחצבתה. שורות האנשים נגררות כשרשרת, כמשפחה אומללה אחת. צועדים חולים וחלשים, גברים מבויישי מבט בשל הזקנים שקוצצו בידי הטמאים. הנה העסקנים מ„לינת הצדק" ומ„הכנסת כלה" ולצדם אחרים — יהודים פשוטים ותמימים, למדנים וגאונים. על שפתי כולם נישאה תמיד התפילה: שמע ישראל... צועדים כתף אל כתף יהודים ממפלגות שונות, קבוצות קטנות מן הציונים והסוציאליסטים... כאן גם כל אלה שתמיד דאגו לצד הרוחני של חיי הקהילה: מייסדי הספריה, נוטרי השפה והספר העברי; נושאי התרבות ולוחמי החופש אשר לא שכחו ברגעי אימה אחרונים להטמין במקום בטוח את דגלי הלאום והמעמד, ואת ספרי ההגות — במחשבה שעוד יוציאום מחושך לאור...

הגורל איחד את כולם למשפחה אומללה גדולה אחת. צועדות אלמנות ויתומים, ילדים חלשים וחולים, ולא ילד אחד שואל מאמו: „האם עוד רבה הדרך, אמא?" ולא אם אחת נושכת שפתיה אז ובולעת דמעותיה, בענותה: „לא, בני, לא. הנה הנה מגיעים אנו..."

ייזכר נא כאן ולעד לא יישכח שמו של ר׳ הנוך אלתר שליווה את המחנה הצועד במסירות אין קץ ובאהבה אבהית. עזר לחולים ולחלשים ועודד כל אחד במלה טובה. מדבריו שאבו כולם תקוה שבוא תבוא מפלת הרוצחים, במוקדם או במאוחר, וכי נצח ישראל לא ישקר...

עייפים ושבורים מן הדרך, לבבותיהם יבשים מדמעות, הגיעו יהודי אלכסנדר המגורשים, דרך זגירש, לגלובנה. עדיין רצה הלב להאמין שאכן כאן מסתיימת דרך הנדודים והיסורים. אך לא! היתה זו רק ההתחלה, צעד ראשון בדרך לגיהנום אשר המשחית ההיטלריסטי תכנן באכזריות כה רבה ליהודי אלכסנדר עיירתנו, כמו גם לכל יהדות פולין.

(פרטים על שעותיה האחרונות של הקהילה, לפי עדות א. ויילינסקי)

די געשעענישן אין אלעקסאנדער

דעם 16־טן אויגוסט 1939 זיינען אין דער שטאָט פאַרגעקומען מאסן־ארעסטן צווישן אָנגעזעענע בירגער פון דער דייטשער באפעלקערונג. עס שאפט זיך א געדריקטע שטימונג ביי דער דייטשער באפעלקערונג, אָבער נישט קיין פעסימיסטישע, ווייל מיט פיבער האָבן זיי דערוואַרט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, זייענדיק פולקאָם זיכער, אז די דייטשע ארמיי וועט שנעל פארנעמען די פוילישע טעריטאָריע און פאר זיי וועט זיך שאפן א גינסטיקע געלעגנהייט נקמה צו נעמען פאר דעם אלעם.

דעם 1־טן סעפטעמבער האָט זיך די דייטשע באפעלקערונג, וועלכע האָט געבילדעט א מערהייט אין שטאָט, אויפגעהערט צו ווייזן אין גאס, ווייל דער דייטשער ראדיאָ האָט כסדר געמאָלדן וועגן מאסן־דערמאָרדונגען פון דייטשן דורך פאָליאקן.

דעם 3.9.1939 האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מאסן מענטשן פון די ישובים, וואָס אויף דער פויליש־דייטשער גרענעץ ווי פויזן, פאָמאָרזשע און אנדערע. די מאסן זיינען געגאנגען ווי א לאווינע אין א בהלה־שטימונג. די יידישע פליטים אזויווי די נישט יידישע האָבן געטראָגן פעקלעך און ס׳האָט געמאכט

דעם איינדרוק פון אנטלאָפּענע, וואָס ראַטעווען זיך פון א שׂרפה; איינער באַרוועס אין א פעלץ, דער צווייטער מיט א בלומענטאָפּ אין האַנט, אַן עלעגאַנטע דאַמע לויפט אין שרעק, מיט א הינטל אויף דער האַנט. די בילדלעך האָבן אַרויסגערופן זייער א געדריקטער שטימונג ביי דער יידישער באַפעל־קערונג פון אונדזער שטאָט. און ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט פון די אָנגעקומענע, וואָס ס׳איז געשען, איז דער שרעק נאָך מער געוואַקסן. באַזונדערס האָבן געשראָקן די דראָאונגען פון דער אָרטיקער דייטשער באַפעלקערונג.

דעם 4־טן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן איינצעלנע און קלענערע גרופן פון זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, זיינען דאָס געווען רעשטלעך פון דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט ביי דער וואַרטע. דאָס האָט געשטאַרקט די האָפענונג פון דער דייטשער באַפעלקערונג אויף א שנעלן אַריינקום פון דער דייטשער אַרמיי.

דעם 5.9, אַרום עלף אַווענט, האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון דער פּאָסט און פּאָליציי. ספּאָנטאַן האָט די יידישע באַפעלקערונג מאַסנווייז אָנגעהויבן פאַרלאָזן דאָס שטעטל און דער וועג קיין לאָדזש איז געוואָרן פאַרפלייצט פון מאַסן מענטשן מיט געפּעק אויף די פּלייצעס און קליינע קינדער אויף וועגעלעך און אויף די הענט.

דעם 7־טן, 10 פרי, האָבן אַריינמאַרשירט די ערשטע פאַרפּאָסטנס פון דער דייטשער אַרמיי. אין דער צווישנצייט האָט מען אויסראַבירט יידישע געוועלבער, מאַגאַזינען און אויך פּריוואַט וווינונגען. דער דייטשער פאַרפּאָסטן איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער אָרטיקער דייטשער באַפעלקערונג מיט קוישן בלומען, קוכן און קאַווע און מיט אויסגעשרייען: „אונדזערע רעטער זינד דאַ!" — — — עס איז געפאַלן דער ערשטער קרבן, א זדונסקע־וואָלער פּאַר אונדז אַן אומבאַקאַנטער ייד. די שטאָט איז געוואָרן פאַרפלייצט פון א ים מיליטער.

דעם 8.9 האָבן די דייטשן פאַרבראַנט די יידישע שול.

דעם 11.9 זיינען דערשאָסן געוואָרן דריי יידן, צווישן זיי — איינער אַן אָרטיקער, און צוויי לאָדזשער, וואָס זיינען געקומען קויפן א ביסל פּרוכטן. דער ערשטער האָט פאַריתומט א פרוי מיט צוויי קליינע קינדער.

מיט א 14 טעג שפּעטער האָט מען אַרעסטירט א גרופּע יידן און פּאָליאַקן (36 מענטשן), צווישן זיי איין ייד פון אַלעקסאַנדער, אייניקע פון קאַליש, בלאַשקי און שעראַדז.

צוויי טעג שפעטער זיינען דערשאָסן געוואָרן צוויי ברידער, די זין פון אָרטיקן שוחט, איינער פון 23 יאָר און דער צווייטער פון 20 יאָר.

אויף צומאָרגנס איז דערשאָסן געוואָרן א ייד פון 24 יאָר, וועלכער האָט געהאט מאטורע און היתר הוראה, און א פּאָטער פון 4 קינדער.

נאָך א געוויסער צייט האָט זיך אביסל די לאגע באַרואיקט און די באפעלקערונג האָט אָנגעהויבן צוריקקומען אין שטאָט. יעדער האָט אָנגעהויבן זוכן מיטלען צום לעבן. אָבער עס איז ארויס א געזעץ, אז יידן איז נישט דערלויבט גאַרנישט צו פארקויפן. אומעטום האָבן זיך באוויזן אויפשריפטן „איינגאנג פאר יודען פערבאָטן". עס איז איינגעשטעלט געוואָרן א פּאָליציי־שעה פאר יידן: פון 8 ביז 5 אָוונט. מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן אויף ארבעט דערביי מערדערלעך געשלאָגן.

דעם 10־טן אָקטאָבער האָט מען גערופן אלע יידישע זאָקן־פאבריקאנטן און זיי פאראָרדנט צו לאָזן אין גאנג די פאבריקן. סחורה איז געשטיגן, ווייל מען האָט אָנגעהויבן אנטליפן פון דעם פוילישן זלאָטי און איינגעפירט די מארק־וואלוטע. אין א קורצער צייט ארום זיינען איבער אלע פאבריקן באַשטימט געוואָרן קאָמיסארן, און ווען די פאבריקן זיינען פול געוואָרן מיט פארטיקע סחורות און רוי־שטאָפן, האָט מען די יידישע אונטערנעמער אינגאנצן באזייטיקט און די פאבריקן אינגאנצן אָפּגעשטעלט.

דעם יודן־ראט האָט מען געצוואונגען דורכן ארויפלייגן קאָנטריבוציעס, איינצוקאסירן יעדע פּאָר טעג גרעסערע סומעס. עס זיינען רעקוויזירט געוואָרן וווינונגען, מעבל, בעטגעוואנט.

צו גיין אין גאס איז געוואָרן פאר א ייד אוממעגלעך. מען האָט געהרגט און געשלאָגן.

דעם 11־טן חודש האָט מען ארעסטירט אייניקע יידן און פּאָליאקן, וועלכע זיינען איינגעזעצט געוואָרן אין אָרטיקן ארעסט און דאָרט באקומען בעסטיאַליש געשלאָגן. צומאָרגנס זיינען זיי עסקאָרטירט געוואָרן קיין ראַדאָגאָשטש ביי לאָדזש. דער ארעסט האָט געמאכט א דערשיטערלעכן איינדרוק אויף דער יידישער און פּוילישער באפעלקערונג.

דעם 11.11 זיינען ווידער פּאָרגעקומען ארעסטן צווישן דער פּוילישער באפעלקערונג. איינער פון די ארעסטירטע איז צומאָרגנס איבערגעשיקט געוואָרן צו דער פאמיליע אין א פארמאכטער טרונע מיט דער מעלדונג

וועגן זעלבסטמאָרד. דאָס ארויספּרעסן פאַרשיידענע געלטער ביי דער יידי־שער באפעלקערונג איז כסדר געוואַקסן. מען האָט אויך ארויפגעלייגט א קאָנ־טריבוציע אויף דער פוילישער באפעלקערונג.

דעם 11־טן דעצעמבער האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן דער יידישער באפעלקערונג קלאַנגען, אז מען וועט טרייבן פון שטאָט. די אָפיציעלע אמטן האָבן עס אָפּגעלייקנט.

דעם 24.12 האָט מען ווידער ארייַנגעטראָגן א סומע פון פיר טויזנט מאַרק, צוליב וואָס מען האָט פאַרזיכערט, אז מען וועט די יידן פון שטאָט נישט טרייבן. און ווען די קלאַנגען האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט, האָט דער יודן־ראַט זיך משתדל געווען, מען זאָל שאַפן א יידן־געטאָ, וואָס איז אָפּגע־זאָגט געוואָרן.

דעם 27־טן דעצעמבער 7.50 פרי האָט מען געמאָלדן דעם יודן־ראַט, אז 8 א זייגער מוזן אלע יידן פאַרלאָזן די שטאָט. די מיטגלידער פון יודן־ראַט זיינען געלאָפן איבער דער שטאָט צווויסן געבן דער יידישער באפעלקערונג. און פּונקט 8 א זייגער נאָכן פאַרזאַמלען זיך פון אלע יידן, אלט און יונג, פרויען און קליינע קינדער, ביי א פראָסט פון 27 גראַד, זיינען אלע יידן אין א צאָל פון 3 טויזנט ארויסגעפירט געוואָרן אונטער א שטאַרקער עסקאָרט נישט וויסנדיק, וואוהין זיי ווערן געטריבן.

אויסגעמאַטערטע, פאַרפרייניקטע, בארויבטע פון אלעם, זיינען אלע 10 ביינאַכט אָנגעקומען קיין גלאָוונע. אזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן דער יידישער קיבוץ אין אלעקסאַנדער ביי לאָדזש.

אין שטעטל זיינען פאַרבליבן דריי יידן, וועלכע זיינען פאַר די רוצחים געווען נויטיק.

וואַרשע, 25 אַפּריל 1941

(פון אונטערערדישן געטאָ־ארכיוו, גערופן : רינגעלבלום־ארכיוו, ארכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, נר. 1/788).

הרב שמעון הובערבאנד הי״ד /

אלעקסאנדער (ביי לאדזש)

דאַס ערשטע בית המדרש אין אלעקסאנדער איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן רבין ר׳ העניך, דער גייסטיקער יורש פון „חידושי הרי״מ״.

נאָך דער פטירה פון „חידושי הרי״מ״ האָט אָנגעהויבן פירן און פראַווען רבישקייט ר׳ העניך זיין תלמיד מובהק. אין יאָר תרכ״ז האָט ער זיך באַזעצט אין אלעקסאנדער. אין דעם זעלבן יאָר האָט ער אויפגעשטעלט א גרויס הילצערן בית המדרש, וואָס איז פאַראייניקט געוואָרן מיט זיין וווינונג.

נאָך דער פטירה פון רבי העניך האָט דאָרט אָנגעהויבן פראַווען רבישקייט דער תלמיד פון ביאַלער רבין — רבי יחיאל דאנציגער, דער באַגרינדער פון דער באַרימטער אלעקסאנדערער דינאַסטיע. נאָך דער פטירה פון רבי יחיאל, גערופן דורך די חסידים מיטן נאָמען „דער אלטער רבי״, האָט אויף זיין אָרט גענומען פראַווען חסידות זיין זון רבי ישראל יצחק, באַקאַנט מיטן נאָמען פון זיין ספר „ישמח ישראל״. נאָך זיין פטירה האָט איבערגענומען די פירערשאַפט פון זיינע חסידים דער ברודער פון דערמאָנטן רבין, רבי שמואל צבי, באַקאַנט מיטן נאָמען „תפארת שמואל״. אים האָט ממלא מקום געווען זיין זון רבי יצחק מענדל. יעדער פון די רבי״ים האָט צוגעבויט א פליגל פון נייע וווינונגען צום פריערדיקן בנין, אזוי אַז במשך דער צייט האָבן זיך די געביידעס צעוואַקסן אין א גאַנצן לאַבירינט פון הייזער און סוכות, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם מיטל־פונקט — דעם בית המדרש.

אין יאָר תרס״ט, ווען דאָס אלעקסאנדער חסידות האָט זיך געפונען אויף דער העכסטער מדרגה פון אויפשטייג, ווען בעת א יום־טוב זיינען זיך צונויפגעפאָרן טויזנטער חסידים און דערצו האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל אָרטיקע יידישע איינוואוינער, אזוי אַז דאָס בית המדרש פונעם רבין איז נישט געווען בכח אלעמען אַריינצונעמען, און פילע הונדערטער מענטשן זיינען געווען געצוווּנגען צו דאַווענען אויפן הויף — דעמלט האָט דער רבי ר׳ ישראל

---

* א פראַגמענט פון הרב ש. הובערבאנדס אַרבעט: „דער חורבן פון שולן, בתי־מדרשים און בית־החיימס״, געשריבן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרן רינגעלבלום־אַרכיוו.

יצחק אויפגעמויערט אין צענטער שטאָט א גרויס געמויערטע שול מיט א ווייבער־שול צוזאמען.

זונטיק, 1־טע סליחות פון יאָר תרצ״ט, אין מיטן טאָג, האָט אַן אפטיילונג מיליטער צוזאמען מיט אָרטיקע פאָלקס־דייטשן אונטערגעצונדן די שול, וואָס איז פארברענט געוואָרן צוזאמען מיט די ספרי־תורות. בעת דער שרפה פון דער שול זיינען מיליטער־לייט צוזאמען מיט אָרטיקע פאָלקס־דייטשן, וואָס קענען גוט די אלעקסאנדרער יידן, ארומגעגאנגען צו אלע יידן, וואָס האָבן געהאט ספרי תורות, און זיי געצוווּנגען, אז זיי זאָלן ברענגען די ספרי תורות און זיי פארברענען נעבן דער שול.

איין ייד, מאָטל האָכמאן, האָט זיך קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט פון צוגעבן זיין ספר־תורה צום פארברענען. די מיליטער־לייט האָבן דעריבער באשלאָסן דעם ייד צו דערשיסן פאר סאבאָטאזש. מען האָט דעם ייד ארויסגעפירט אין גאס צו דערשיסן אים. האָכמאן האָט געבעטן דערלויבן אים פארן שיסן צו זאָגן ווידוי. במשך דער צייט איז גראָד נעבן דעם אָרט אדורכגעגאנגען אַן אָרטיקער דייטש, אגב א גרויסער שונא ישראל, מיטן נאָמען קאָך; דערוויסנ־דיק זיך אין וואָס עס האנדלט זיך, האָט ער געבעטן די מיליטער־לייט דעם ייד צו באפרייען. זיין אינטערווענץ האָט געהאט די געהעריקע ווירקונג און דער ייד איז באפרייט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

א צווייטער ייד, מיטן נאָמען אברהם לייביש לעווין, האָט געוואָלט מציל זיין פון פייער א ספר תורה, האָבן אים די דייטשן גוט צעשלאָגן, נאָך עטלעכע וואָכן איז ער געשטאָרבן.

די ספרי תורות פון רבינס בית המדרש האָט מען באהאלטן נאָך בעת דער באָמבארדירונג אין א טיפן קעלער. בעת זייער אָנקומען אין שטאָט האָבן זיי באלד פארנומען דעם בית המדרש מיט אלע דירות און וווינונגען פונעם רבין און קינדער. מיט א פאָר וואָכן שפּעטער איז דורך דער פארמיטלונג פון די יידן, וואָס האָבן געארבעט אין בית המדרש און אין רבינס הויף — געלונגען פאר 500 זלאָטעס ארויסצונעמען די ספרי תורות פונעם קעלער; עטלעכע ספרי תורות זיינען געווען געשענדעט.

אין דריי חדשים נאָך זייער אריינקומען, ד.ה. פאר ניי יאָר 1940, האָט מען דעם רבינס בית המדרש צענומען צוזאמען מיט די הילצערנע דירות, סוכות און „ישיבה״. דאָס האָלץ האָבן זיי פארקויפט אלס ברען־מאטעריאל.

די גרעסטע צאָל קריסטן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קויפן דאָס האָלץ פון בית־המדרש, ווייל עס שטאמט פון הייליקטום, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיך אָפּגעזוכט קריסטלעכע קונים, וואָס האָבן דעם גאנצן מאטעריאל אָפּגעקויפט. די ציגל פון די פונדאמענטן, אויף וועלכע עס זיינען געשטאנען די הילצערנע בנינים זיינען צענומען געוואָרן, די גאנצע ערד איז דאן צעאַקערט געוואָרן, אזוי ארום אָפּצווישן יעדן זכר פון רבינס "הויף". די אָרטיקע פאָלקס־דייטשן האָבן דערקלערט, אז דעריבער איז דעם רבינס בית המדרש נישט געוואָרן אונטערגעצונדן ווי די שול — נאָר איז צענומען געוואָרן, ווייל אונטערצינדן וואָלט געווען א גרויסע סכנה פאר די נעבן שטייענדיקע קריסטלעכע הייזער.

די ספרי תורות, וואָס מען האָט מציל געווען פון קעלער אויפן רבינס „הויף", האָט מען ב' שמות ת"ש באהאלטן אין אוהל פון רבי העניך אויפן דאָרטיקן בית־החיים.

אין רבישן „הויף" איז געווען א ריזיקע ביבליאָטעק מיט פארשיידענע ספרים, דערונטער א גרויסע צאָל יקרי המציאות און כתב־ידן, דערונטער דער 1־טער געדרוקטער תנ"ך אין ווענעציע אין דער דרוקעריי פון דניאל באמבערגער פון יאָר רע"ח, א כתב־יד פון רבי שלום שרעבי, דער „ספר הגילגולים לר"י", און אנדערע. אלע שיין און גוטגעבונדענע ספרים האָבן זיי אוועקגעשיקט קיין דייטשלאנד. די איבריקע ספרים האָבן זיי פארברענט.

לבסוף זיינען אלע יידן ווינטער 1939 ארויסגעטריבן געוואָרן פונעם שטעטל. ווי עס זיינען געווען קלאנגען, איז דער אָרטיקער בית־החיים צעאַקערט געוואָרן און פארוואנדלט געוואָרן אין א שטאָטישן גאָרטן. אויפן בית־החיים האָבן געהאט געפונען זייער אייביקע רו: רבי יעקב אהרן, דער מחבר פון ספר „בית יעקב", געווען רב אין אלעקסאנדער; רבי העניך, רבי יחיאל דאנציגער, רבי ישראל יצחק, דער מחבר פונעם ספר „ישמח ישראל". רבי שמואל צבי דער מחבר פון ספר „תפארת שמואל". א פנים, אז אפילו נאָכן טויט איז זיי אויך נישט באשערט געווען צו האָבן זייער אייביקע רו.

אָנהייב יאנואר 1940 איז דערשינען א ספעציעלער נומער „שטירמער" געווידמעט דעם היינטיקן אלעקסאנדער רבין דאנציגער. עס איז געווען דאָרט זיין בילד, די בילדער פון בית־המדרש, ווױנונג און מקווה און א גאנצע ריי פאנטאסטישע אנטיסעמיטישע מעשיות.

הרב שמעון הובערבאנד הי"ד /

דער אלעקסאנדערער רבי רבי יצחק מנחם דאנציגער

אינעם יאָר תרפ"ד (1924) האָט דער לעצטער אלעקסאנדערער רבי, רבי יצחק מנחם דאנציגער, איבערגענומען די רבישאפט איבערן עולם פון אלעק-סאנדערער חסידים נאָך זיין פאָטער רבי שמואל צבי, מחבר פון ספר „תפארת שמואל".



דער לעצטער בילד פון אלעקסאנדערער רבי, רבי יצחק מנחם מנדל דאנציגער

תצלומו האחרון של הרבי מאלכסנדר

א גרויסער אנטאגאָניזם הערשט פון אייביק אָן צווישן די רביאישע „הויפן" פון גער מיט אלעקסאנדער, דער אנטאגאָניזם שטאמט פון די צייטן קאָצק־ווורקע.

דער אלעקסאנדערער „הויף" באשטייט פון א גרויסער צאָל בנינים. קודם כל דער גרויסער הילצערנער בית המדרש, וואָס שטאמט נאָך פון אלטן אלעקסאנדערער רבי ר' העניך; דער בנין פון האָלץ אין וועלכן ס'האָט

* פון רינגעלבלום־ארכיוו.

געווינט דער ערשטער אלעקסאנדערער רבי ר׳ יחיאל; דער הילצערנער בנין, אין וועלכן ס׳האָט געוווינט דער „ישמח ישראל״; ווידער א בנין, אין וועלכן ס׳האָט געוווינט דער „תפארת שמואל״; די גרויסע הילצערנע סוכות.

אויפן „הויף״, אינעם שיינעם פראכטפולן גאָרטן, האָט זיך געפונען דער פרעכטיקער און אולטרא־מאָדערנער בנין, וואָס די חסידים האָבן אויפ־געשטעלט נישט לאנג פאר דער מלחמה פארן היינטיקן אלעקסאנדערער רבי ר׳ יצחק מנחם.

דער בנין איז געווען א דריי־שטאָקיקער, מיט אלע באקוועמלעכקייטן מיט באלקאָנען און טעראסן, שיינע וואַרענדעס זיינען געווען ארום דעם בנין. אינעם בנין זיינען אויך געווען א מקווהלע פארן רבין און א הערלעך איינ־געאָרדנט סוכהלע.

בעת די קריגס־אָפעראציעס איז דער רבי אנטלאָפן פון אלעקסאנדער קיין לאָדזש.

ווען לאָדזש איז אָקופירט געוואָרן דורך די דייטשן, האָט דער רבי זיך אָנגעהויבן אויסצובאהאלטן. ער האָט אָנגעטון א פוילישע היטל, זיך ארומ־געבונדן די באָרד מיט א פאטשיילע און זיך אויסבאהאלטן אויף א בוידעם־שטיבל, ביי איינעם א חסיד אויף פיעטריקאָווער גאס.

צוליב א מסירה פון אלעקסאנדערער פאָלקס־דייטשן האָט מען דעם רבין אָנגעהויבן זוכן אין לאָדזש. די לאגע פון יידן אין לאָדזש איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. עס איז באשלאָסן געוואָרן, אז דער רבי מוז פארלאָזן לאָדזש. פאר א ריזיקע סומע געלט האָט מען דעם רבין אריבערגעפירט פון לאָדזש קיין ווארשע אונטער דער שמירה פון צוויי געסטאַפּאָווצעס, וואָס האָבן באקומען מתן שכרו בצדו.

א גאנצן ווינטער 1939—40 האָט דער רבי זיך אויסבאהאלטן אין ווארשע. ער האָט נישט געפראוועט קיין חסידות, נישט געפירט קיין טישן, נישט געזאָגט קיין תורות. עס האָט אפילו קיינער נישט געוווסט, ווו דער רבי וווינט. דער רבי האָט געדאווענט מיט מנין פון בלויז קינדער און אייניקלעך. קיין שום זייטיקן מענטש — אויסער געציילטע מקורבים — האָט מען צום רבין נישט צוגעלאָזן.

זומער 1940 האָט דער רבי זיך באזעצט אין אָטוואָצק. די אָטמאָספערע איז נישט געווען קיין זייער אָנגעצויגענע. דער רבי האָט אָנגעהויבן „פירן

טיש״, זאָגן תורות, פּראַווען חסידות, און אָנגעהויבן צוריק נעמען קוויטלעך מיט פּדיונות.

אין א געוויסן טאָג זיינען צום רבין אין וווינונג געקומען דריי געסטאַ־פּאָווצעס. זיי האָבן זיך געפרעגט, צי דאָ וווינט דער גרויסער רבי דאנציגער פון אלעקסאנדער. ווען מען האָט זיי געענטפערט, אז יאָ, האָבן זיי דאן אדורכ־געפירט א שטארקע רעוויזיע. זיי האָבן ביי דער רעוויזיע גאָרנישט געפונען. ביים רבין האָבן זיי געפונען א גאָלדן זייגערל, דער רבי האָט זיי דערקלערט, אז דאָס איז זיין לעצט פארמעגן און געבעטן ביי אים איבערלאָזן דאָס זייגערל. זיי האָבן צוליב געטאָן דעם רבין, דערפולט זיין ביטע און ביי אים איבער־געלאָזט דאָס זייגערל.

נאָכן פארענדיקן די רעוויזיע זיינען זיי אוועק.

ידיעות וועגן חורבן אלעקסאנדער

30 דעצעמבער 1939

...די „דייטשע לאָדזשער צייטונג״ איז מודיע, אז א וויטערדיקע שטאָט איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון יידן, נעמלעך אלעקסאנדער (דער נאָמען געענדערט אויף „אלעקסאנדערהאָף״) ביי לאָדזש; דעם 27־טן דעצעמבער האָבן יידן געדארפט פארלאָזן די שטאָט.

די שטאָט ווערט באצייכנט ווי א „פעסטונג פון יידישקייט״, צוליב דעם בארימטן „וווּנדער־רבי״, וועלכער איז, לויט דער זעלבער צייטונג, נאָך מיט אייניקע וואָכן פריער אנטלאָפן. די ירושה נאָך אים איז איבערגעשיקט געוואָרן צום „שטירמער״, אויף אויספּאָרשן זי.

5 פעברואר, 1940

אין פארשטענדיקונג מיט די לייטער פון די פּאָוויאַטן לאָדזש און לאסק איז **אויסגעבר**ייטערט געוואָרן אויף דאָפּלט דער שטח פון לאָדזשער **פּאָוויאַט**, אזוי אז די גרענעץ פון לאָדזש דערגרייכט ביז פאביאניץ, **קאָנסטאנטין**, **אלעקסאנדער און** זגיערזש.

די דאָזיקע ענדערונג איז אריין אין קראפט דעם 1־טן יאנואר 1940.

13 אפריל, 1940

די סטאטיסטישע דאטן וועגן אלעקסאנדער ווייזן, אז די שטאָט האָט פאַרן קריג געציילט 13 טויזנט איינוווינער. אין צוזאמענהאנג מיט דער „יידנריייני־קונג" איז די צאָל פון דער באפעלקערונג געפאלן אויף 8,500 איינוווינער, דערפון 4,740 דייטשן און 3,744 פּאָליאקן; פון דער צייט האָט זיך די דייטשע באפעלקערונג פארמערט צוליב דעם „צוריקקער" פון „רעעמיגראנטן" (געמיינט זיכער, באלטישע דייטשן).

8 אוגוסט, 1940

לויט די געגעבענע פון סטאטיסטישן אָפּטייל ביי דער יידישער קהילה אין ווארשע, זיינען אין די חדשים יאנואר, פעברואר 1940 אָנגעקומען קיין ווארשע 200 פליטים פון אלעקסאנדער.

(פון לודוויק לאנדאוס טאָג־בוך, דערשינען אונטערן נאָמען „כראָניק פון די מלחמה־ און אָקופּאציע־יאָרן", באנד 1, ווארשע, 1961)

גדליה פ. / אלכסנדר

גדליה פ., תושב העיירה, מעיד:

אחרי כיבוש העיר הציתו הגרמנים את בית הכנסת. כמו כן הרסו את בית התפילה של הרבי מאלכסנדר ואת העצים מכרו לצרכי הסקה.

עם כניסתם לעיר אסרו הגרמנים 60 יהודים וסגרו אותם בבית מעצר. ב־14 בספטמבר נלקחו משם 25 יהודים והובלו לחצר בית העיריה. שם נקשרו יחדיו והוכו מכות אכזריות. אחר כך נלקחו לבית הקברות ושם הומתו ביריות. שאר העצורים נלקחו מבית המעצר הזמני והוכרחו לקבור את ההרוגים. לאחר שגמרו את מלאכת הקבורה הוכו אף הם.

בין ההרוגים היה יהושע ז'ארנובסקי בן ה־70, ושני בניו של השוחט המקומי, ויינברג. הגרמנים דרשו מוויינברג שיחתום על הצהרה, לפיה מתו בניו מיתה טבעית, ואם לאו יומת אף הוא. ויינברג סירב, באמרו, כי אחרי מות בניו אין הוא מפחד מפני המוות.

ב־16 בספטמבר הוציאו הגרמנים מבית המעצר אל מחוץ לעיר עוד 16 איש והרגו אותם ביריות. בין אלה היו ישראל יהושע וסרמן, סאַוויצקי ולייב שמואלביץ.

אלה שנשארו במחנה עונו בכל מיני עינויים. הכריחו אותם לעשות צרכיהם בבית פנימה, עד שעלתה צחנה ללא נשוא. בגזזם את זקני העצורים היו הגרמנים גורמים חבלות קשות בפנים וכדי להתעלל עוד יותר בקרבנותיהם ולעשותם מגוחכים היו נוהגים לגזוז רק מחצית זקן.



שני בניו של ברוך בר השוחט

ביידע זין פון ברוך בער דער שוחט

הגרמנים שדדו מהיהודים את כל סחורותיהם, את כספם ותכשיטיהם ולבסוף אף גירשו את היהודים מהעיר לגמרי.

(„ספר הזוועות", ירושלים, תש"ה, ע' 80)

גדליה פרנקנטל ז"ל / מהווי ראשית הכיבוש

כבר חלפו כ־25 שנה מאז הוכרחו בני עירנו לנטוש את מקום מגוריהם, מבלי שתינתן להם הרשות לקחת עמהם מרכושם אפילו את המינימום, כגון: ריהוט, כלי־בית, כלי־עבודה ומזון. במקרה לא נמניתי אנוכי עמהם משום שעזבתי את אלכסנדר כחודש ימים לפני הגירוש. אך הורי, אחי ואחותי — כיתר התושבים היהודיים — נאלצו לנדוד מבלי שידעו לאן.

עוד לפני כן התהלכו כל מיני שמועות על הגירוש. אך דבר אחד ידענו אל נכון: איזורנו סופח אל הרייך השלישי, ודבר זה התחיל לתת את אותותיו מיד.

בשעות הלילה, משעה 5.00 אחר־הצהרים עד למחרת בשעה 9.00 בבוקר, אסור היה ליהודי להימצא מחוץ לביתו. את הטלאי הצהוב נתחייבו לשאת אפילו פעוטות. הנגישות מטעם שלטונות הכיבוש יצרו מצוקה כלכלית גדולה (כידוע הכניסו הגרמנים קומיסארים משלהם, מאנשי המקום, לבתי חרושת יהודיים והם הם שניהלו אותם). שלטונות הכיבוש העבירו את האוכלוסיה היהודית בעבודות־אונס שונות, באמצעות עסקנים יהודיים מקו־מיים, אך לא נמנעו גם מתפיסת יהודים סתם בחוצות העיר, לשם ביצוע כל מיני עבודות כפיה.

למרות שנתמזל לי מזלי לחיות תחת עול הנאצים רק כ־3 חדשים, הספקתי, בתקופה קצרה זו, להרגיש את אכזריות ידם ולבלוע אף אני כמה טיפות מרורים. כיון שהייתי צפוי למוות, נאלצתי לחמוק מתחת ידיהם, וכך ניצלתי, היחידי ממשפחתי הגדולה שמנתה 9 נפשות.

ב־3 בספטמבר 1939 התחילו להגיע לעירנו פליטים יהודיים מהאיזורים המערביים של פולין. ב־5 בחודש זה נפוצה השמועה שמפקד המשטרה ציוה על כל יוצאי צבא לעזוב את העיר בעקבות הצבא הפולני. אותו ערב לקחנו אני ואחי הצעיר את מטלטלינו ויצאנו לדרך באופניים. הפרידה מבית ההורים קשתה עלי מאד. אבי ז"ל, שהיה ידוע כגברתן, פרץ בבכי. הדבר עשה עלי רושם חזק שכן תמיד היה בעיני אדם חזק.

ביום שהגענו לעיר ז'אֶררדוב שבסביבות וארשה, נכנס אליה הצבא הגרמני. כמו כן נודע לנו שממזרח לווארשה נמצאים כבר הגרמנים. על כן העדפנו לחזור הביתה. כשזכינו להגיע למבואות העיר בז'זין נתקלנו במשמר מיליציה

עם קצין צבא בראש. הם שדדו מאתנו את הכל: המטען והבגדים שלבשנו. בחוסר כל הגענו לעיר לודז׳. הפעם השתדלנו לעקוף את המשמר הגרמני. אחרי מנוחה קצרה ניסיתי ללכת לעיר אלכסנדר ברגל. בלכתי ברחוב לימנובסקה, שפעם נקרא אלכסנדרובסקה, חשבתי שלבי עומד להתפלץ בקרבי למראה הדגלים הענקיים עם צלבי הקרס השחורים שהתנוססו מעל לקומות העליונות וירדו עד לקומות התחתונות של הבתים. ברחובות סובבו משמרות צבא, ברכב וברגל. למרות כל זאת שמחתי לחזור. עייף מהנדידה שנמשכה שבוע ימים, קיוויתי להגיע מהר אל חיק משפחתי לחג. היה זה בערב ראש השנה.

בדרך נזדמנה לי עגלה עם יהודים, והצטרפתי אליהם. הואיל והייתי למוד נסיון בכל הנוגע למארבי המשמרות הגרמניים, ירדתי מהעגלה כשקרבנו אל מבואות העיר, במגמה להגיע הביתה דרך השדרה שבשדה. והנה שומע אנוכי: „האלט, יודע!" שני צעירים גרמניים מתושבי המקום הובילוני לאיש מיליציה גרמני מקומי שסייר ברחובות העיר. הלה העבירני אל קצין צבא גרמני וזה שאל כמה שאלות, בדק את תעודת הזיהוי שלי ואחר פנה אלי: „חפשי!" הכל שמחו לבואי הביתה. אחרי סעודה קלה ומנוחה קצרה באה רעיתי היקרה לבקרני. יצאנו אם אמא ז"ל לשאוף קצת אוויר צח בגינת החצר, כשלפתע ניצבו לפנינו אנשי המיליציה הגרמנית ושאלו מי זה ג.פ. לאחר שעניתי להם שאני הוא זה, שלף אחד מהם אקדוחו, כיוונו מול פני ואמר: אתה בא אתנו, אבל מיד! הם הובילו אותי למשרד העיריה, שם חקרוני קצת ומיד הושלכתי אל בית הסוהר, שבו נמצאו הרבה אסירים. פולנים לחוד, — ואלה היו משתחררים יום יום, אחרי חקירה קצרה; ויהודים לחוד — שלא היו משתחררים כמעט בכלל. ירד ערב והצפיפות היתה גדולה. במשך כל הלילה עלה בידי בקושי למצוא לעצמי מקום ישיבה. היה זה ליל ראש השנה והרהורי נסבו על דבר יום הדיז הצפוי לנו: מי לשבט ומי לחסד. וכן היה למחרת. בשעות הבוקר נקראו האסירים למסדר. קצין ס"ס אחד הוציא אחדים מן המסדר לשורה נפרדת. רבים מאתנו חשבו שהמוצאים עומדים להשתחרר ומשום כך ניסו לשדל את אנשי המיליציה — ששימשו עזר כנגד לאנשי הצבא והס"ס — שיעשו משהו למען שחרורנו. אולם הם ענו שאין ביכולתם לפעול בענין זה. בין היתר הוצא נער אחד, צעיר כבן 15, נכדו של יאמעלע פריזיער (הספר) והקצין שאלו לגילו. כשקיבל את התשובה צעק אליו: צעיר מדי, חזור למקומך! מרוב פחד נפגע כושר דיבורו של הנער עד בלי יכולת להוציא מלה מן הפה. לאחר המיון הוחזר חלק מן האסירים למאסרם והנבדלים הועברו לחצר שניה של העיריה.

כעבור כמה דקות שמענו צעקות איומות של המעונים. אנו לא ראינו דבר אך מפי עדי ראיה נודע לי לאחר מעשה שקשרו את הנידונים איש אל רעהו ובמכות אילצום לעלות על מכונית גדולה שהובילתם לבית הקברות היהודי ושם הוציאו אותם להורג. מספרם היה כ־30. ביניהם היו י. ז'רנובסקי, שני בניו של השוחט ויינברג, לייבל שמולביץ ז"ל ורבים אחרים, שלא מאנשי המקום.

אחרי הרצח באו הגרמנים למקום מאסרנו כדי לבחור מבינינו קברנים להעסיקם בקבורת ההרוגים. הרוצחים רצו לחסל אף אותם, את הקברנים, אך ברגע האחרון נמנעו מכך. באחד הלילות, בשוכבנו על הארץ, נכנסו שני קציני ס"ס, הקימו אותנו והחלו להתעלל בנו. האירו בפניו של כל אחד בפנס כיס, הגישו בפנינו פגיונות וציוו להראות איך הורגים גרמנים. מובן שכל אחד היה חייב להגיד משהו. אני עניתי שמימי לא החזקתי דבר כזה בידי. הקצין רטן: מפחד הוא!

אחרי ה„משחק" אמרו לילה טוב ויצאו. אחד האסירים ענה להם באדיבות לילה טוב. חזר אחד הקצינים ושאל: מי זה ענה לברכתי? ה„חוטא" התייצב בפניו וספג סטירת לחי מצלצלת.

ביושבנו ככה — אחים לצרה — ניסיתי לעודד מעט את חברי. עדיין זוכר אני את הדברים שאמרתי להם: חבר'ה, ברצוני להגיד לכם שהפחד מן המוות גרוע כמה מונים מן המוות עצמו.

ביקשתי מרעייתי שתביא לי ספר תנ"ך והפרקים הנפלאים שבספר זכריה רוממו את רוחי.

רעייתי הצליחה להכניס מוט ברזל למקום מעצרנו, וזה שימש לנו כמכשיר לחפירה מתחת לחומה, כדי שנוכל להתחמק. אחדים מאתנו אמנם הצליחו בכך, ביניהם היה אחיו של מאיר אולק. אבל כעבור זמן קצר גילה שכן אחד את החור והלשין בפני השלטונות. בכך נסתתמה האפשרות בפני האחרים.

יום יום היו מוציאים אותנו לכל מיני עבודות וכך נתאפשר לנו להתאוורר מעט ולשוחח עם עוברים ושבים. היה בינינו יהודי אחד בשם רביצקי, איש משכיל וחכם. הוא הציע שאם נצא בשלום מהמאסר נקבע שני ימי צום: יום ב' ויום ה'. הוריו רצו לתרום לצלב האדום הגרמני 30—50 אלף זלוטי למען שחרורו, אך הנאצים סירבו. פעם אחת, בשבת, אחרי שקיעת החמה, נשמעה פקודה צעקנית שנחוצים ששה יהודים לעבודה עם מטאטאים ואתים. גרמני אחד צעק אלי: „היי, יודע!" לא היה לי חשק לצאת החוצה בחשכה

והתעלמתי מקריאתו. אך הצצתי החוצה מבעד לחלון. ראיתי איך הכניסו את הששה עם כלי עבודתם למכונית קטנה, והובילום עד לקרבת ה„שוצן־פלאץ" שם ירו בהם. ביניהם היה גם אותו רביצקי.

למחרת אחרי הצהרים הוציאו את יתר האסירים ובחיפוי משמר מזוין הובילו אותם ברחוב וארשאווסקה. פחד מוות נפל עלינו, שכן הדרך הובילה אל בית הקברות היהודי. צילמו אותנו מעל גג גבוה. כשעברנו את צומת רחוב ויאטרטשנה והמשכנו דרכנו ישר — נמוג הפחד. מכוניות גדולות הביאו חומרים לסלילת כבישים וכלי עבודה ואותנו העסיקו בעבודה זו שעות אחדות, עד שקיעת החמה.

פעם, בשוכבי על הארץ, שמעתי לפתע מישהו קורא בשמי. היה זה מנהל־עבודה (מייסטער) גרמני מקומי, שלפנים עבד אתי בבית חרושת אחד ועתה שירת במיליציה. הוא אמר לי: עתה חזור למקומך, אך כשאקרא לך, התייצב פה, לפני השולחן הזה, שעל ידו יושב החוקר „מטעם" ומטפל רק בפולנים. כמעט את כולם הוא משחרר.

כשהגיע תורי נקראתי והתייצבתי. נשאלתי שאלות אחדות, הגוי הידיד המליץ עלי ובו ברגע באה ההחלטה לשחררני. אך את תעודת הזהות לא החזירו לי.

א. ויילינסקי / פרעות באלכסנדר

באחד הימים, בתמוז תרצ"ד (1934), הורגשה בעיר תנועה בלתי רגילה של נוער גרמני לא־מקומי. הם נקראו לבוא על־ידי הגרמנים המקומיים והוצע להם „להשתעשע" קצת עם היהודים...

הם התאספו במסעדה הגרמנית של בנקה, הנמצאת מול הגן הציבורי, ולאחר ששבעו דיים והשתכרו — באו אל תוך הגן והתחילו להכות כל יהודי שנזדמן להם בדרכם.

צעירים אחדים מאחינו בני ישראל החליטו שלא לסבול עוד את המצב ולא לשתוק. יעקב הולצמן, שלמה בוזין, אברהם ויילינסקי ועוד כמה צעירים קראו לאסיפה במסעדה של הרשל יוזפובסקי, ברחוב וארשאווסקה. בשעה

שלוש אחר הצהרים באותו יום התכנסו כל פעילי הנוער והחליטו לגייס לשעה חמש באותו יום כל צעיר יהודי ולהשיב מכה ניצחת למתנפלים. כמקום המפגש הועידו את חצרו של יהושע ז׳רנובסקי. חצר זו נקבעה משום שהיתה מול הגן הציבורי ושימשה על כן עמדה אסטרטגית מצוינת. בשעה שש בערך נמצאו בחצר זו כ־400 צעירי ישראל, איש איש ודבר מה בידו למלחמה העתידה. יעקב שלמה הולצמן נתן לנו שיעור איך להכות בשונאי ישראל אם יהיה צורך בכך, ולהיות מוכנים לזינוק עם הינתן האות.

כאשר היינו כבר דרוכים ומוכנים — שלחנו צעירים אחדים למסעדת בנקה עם אולטימטום לנוער הגרמני בזו הלשון: אם רוצים אתם לצאת חיים מאלכסנדר, עליכם לעזוב את העיר עד שעה שבע. אחרי שעה זו כל זר שישאר באלכסנדר דמו בראשו... הגיבורים שהשתוללו קודם לכן נדהמו מתקיפות היהודים וכולם כאחד עלו בבהלה על עגלותיהם וברחו לכיוון לודז׳. כדי שנהיה בטוחים שבאמת יוצאים המה, ליווינו אותם עד קצה העיר. בזה נסתיימה הפעילות ההיטלריסטית באלכסנדר עד פרוץ המלחמה.

באחד בספטמבר 1939, ביום בו פרצה המלחמה, כבר הסתובבו הגרמנים המקומיים בראש מורם והזהירו אותנו שינקמו בנו.

ביום השלישי, 5 בספטמבר, הגיעו לעירנו פליטים יהודים מן השטחים שנכבשו על ידי הגרמנים. באותו יום, בתשע בערב, עזבו את אלכסנדר, בבהלה, המשטרה הפולנית וחברי העיריה. בשעה עשר עזבו בעקבותיהם רוב האוכלוסים היהודים, אנשים, נשים וטף — עזבו את העיר אפילו בלי לנעול את בתיהם — כה גדול היה הפחד והחרדה.

ביום החמישי, 7 בספטמבר, בשעה 10 לפני הצהרים, כבשו הגרמנים את העיר בלי יריה אחת אפילו.

למחרת, בדיוק אחרי 24 שעות של כיבוש, הציתו הגרמנים את בית הכנסת הגדול. זקנים אחדים שנשארו בעיר, בשמעם את ההתפוצציות החזקות שליוו את השריפה, השקיפו דרך החלונות ובראותם כי להבות אש עולות מבית הכנסת, יצאו מבתיהם לשם. אחד מביניהם, ברל וייס, פרץ לתוך בית הכנסת הבוער בנסותו להציל את ספרי־התורה. הוא הצליח אמנם להציל כמה ספרים, אבל צעירים גרמנים באו, תפסו את הספרים והשליכום על הארץ ועוד הכריחו — בזילזולים ובמכות — את ברל וייס, שחירף נפשו להציל את הספרים הקדושים, לדרוס ולרמוס אותם.

בשבת הראשונה לישיבתם בעיר הוציאו הגרמנים לרחובות את כל היהודים הגברים ותוך זילזולים ויריקות בפנים — גזזו את זקניהם.

אחרי כיבוש לודז׳ ע״י הגרמנים התחילו היהודים, שיצאו לשם בליל שלישי המבוהל, לחזור לאלכסנדר. הרוצחים הציבו במבואות העיר את הנוער הגרמני המקומי, שכבר למד את תורת הרדיפות, ואלה, אשר הכירו כל יהודי בעיר, אסרו כל אחד שחזר כמרגל והושיבוהו בבנין הגדול שהיתה בו פעם תחנת החשמל.

ביום הראשון של ראש השנה הוציאו לבית הקברות היהודי קבוצה בת למעלה מעשרים איש ורצחום שם. ביניהם היה יהושע ז׳רנובסקי ושני האחים ויינברג, בניו של השוחט ויינברג. למחרתו, ביום השני של החג, שוב הוציאו קבוצת יהודים והרגום. ביניהם יהושע וסרמן.

אחרי הרציחות התפרצו אל הבתים — בתואנה שהסתרנו נשק... — ובזזו ושדדו מכל הבא ביד: בגדים, שמיכות, כרים — עד שלא נשאר כלום. הם טענו, שאת כל זה גנבנו אנו מהם.

בהתנדבות, ותוך חירוף נפש, קיבל על עצמו חנוך אלטר להיות ראש הקהילה היהודית (יודנראט).

כל כמה ימים באו הגרמנים בתאונה חדשה ודרשו כסף, החרימו בתי חרושת וחנויות. לבסוף דרש הנוער היטלריסטי לגרש את היהודים מן העיר. ה„יודנראט" הציע סכום כסף גדול כדי לדחות לזמן מה את רוע־הגזירה, לכל הפחות עד לאביב, עת יהיה מזג האוויר יותר נוח, ושירשו עד אז ליהודים לשבת בגיטו קטן, — רק שני רחובות. אבל ה„היטלר־יוגנד" לא הסכים — הם עמדו בתוקף על כך שעד חג הסילווסטר תהיה אלכסנדר „יודן־ריין".

ביום הרביעי, חמישה־עשר בטבת, בשעה שבע בבוקר, נשמעה הקריאה הגורלית, שעל כל היהודים הנמצאים בעיר, אנשים, נשים וטף, להתייצב בככר העיר ולהביא אתם את מפתחות הבתים. בככר כבר עמדו הגרמנים וקיבלו את המפתחות. הדהדה שריקה חזקה וחדה שחתכה את האוויר החורפי, הספוג שלג דק, ובגוש חי אחד התחילו כל היהודים לנוע בצעדים אטיים לכיוון העיר זגירש.

היה שקט. נשמעו רק אנחות כבדות, קורעות לב, שליוו אותנו בדרך. עברנו את רחוב וארשאווסקה, הגענו ל„ביבלס וואסער", לזגיערזשער בריק (גשר). כל אחד מפנה את ראשו אחורה לראות עוד פעם — אולי בפעם

האחרונה — את העיר בה היה קשור מדורות. חנוך אלטר מתרוצץ ממקום למקום — משקיט ומעודד את הרוחות: בעזרת השם נחזור בקרוב הביתה...

הגרמנים השתוממו. אין שומעים צעקות ואף לא בכיות. על מנת לקרוע את הדממה התחילו הם לירות, סתם ככה באוויר, כדי להפחיד אותנו ואולי לזרז את הליכתנו.

עברנו את זגירש, בכיוון לעיר גלובנה. בא הלילה והשחיר את השמים וגם את דרכנו. הכפור שלא נראה כל החורף מצא לו דווקא עתה שעת כושר באותה להופיע והשתרר עלינו בכל עוזו, ועת הגענו לעיר גלובנה, אחרי חצות הלילה, כבר שמענו על שני תינוקות שקפאו למות.

בגלובנה לא היה לנו אל מי לפנות וכל אחד ואחד דפק על איזו דלת שהיא בתקוה למצוא לו קורת־גג למשך הלילה. אני ועוד עשרים איש מצאנו, תמורת תשלום הגון, מקום על הרצפה אצל נוצרים, עד הבוקר.

יעקב הירש, אשר כפי הנראה לא מצא לו מקום בשום בית, נשאר בחוץ ונרדם מרוב עייפות. בבוקר מצאנוהו קפוא ומת.

א. וויילינסקי / חורבן אלעקסאנדער

פרייטיק, עשרה בטבת (דעם 22.12.39), איז געווען באשטימט ארויסצוטרײַבן די ייִדישע קהילה פון אלעקסאנדער, אָבער צוליב די ווייַנאכטן האָבן די דייטשע רוצחים איבערגערוקט דעם טערמין אויף מיטוואָך, ט״ו בטבת ת״ש.

זונטיק האָבן די ייִדישע ראשי־העיר ריזיקירט מיטן לעבן און געפרווט בעטן די דייטשע רייכע אָנגעזעענע פני־העיר, זיי זאָלן משפיע זיין אויף דעם ראש העיר (ענגעל) אָפּצולייגן דעם גירוש ביז איבער פסח. די דעלעגאציע איז באשטאַנען פון ר׳ העניך אלטער ז״ל (בראש), משה פשעטיצקי, מנשה פריימאן ז״ל. זיי האָבן אינטערוועניִרט ביי די ציווילע דייטשן קנאפע און שולץ. די האָבן געענטפערט, אז זיי געהערן נישט צו דער היטלער־פּארטיי און האָבן נישט קיין רעכט זיך אריינצומישן אין ענין גירוש און אז עס איז נשטאָ קיין שום האָפנונג אויף רחמים ביי דער היטלער־יוגנט.

מיר האָבן געהאט פאַרגעלייגט א גרויסע סומע געלט, כדי ארײַנצוגיין אין צוויי גאסן, — דאָס הייסט זיך צוזאמענפאקן אין א קליין געטאָ, — מחמת דאָס בילד וואָס מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אין אזעלכע גרויסע פרעסט צו ווערן ארויסגעיאָגט מיט פיצלעך קינדער אין פעלד, ווו קיין ביסל וואַרעמקייט וועט נישט זיין צו געבן, איז געווען צו שרעקלעך.



בדרכם האחרונה... דער לעצטער וועג...

דינסטיק, איין טאָג פארן גירוש, האָבן מיר אלע ספרי־תורה פון דער שטאָט ארויסגעפירט אין געהיים אויפן בית־הקברות און זיי קובר געווען. יעדער ייד האָט באַזונדער ביי זיך אויפן הויף איינגעגראָבן אלע ספרי־קודש, אז די בלוטיקע רוצחישע הענט זאָלן זיי נישט מטמא מאכן.

א פּאָר טעג פארן גירוש האָבן שוין די אלעקסאנדערער דייטשן קיין יידן נישט ארויסגעלאָזט פון דער שטאָט. זיי האָבן ארומגערינגלט אלע זייטן, עס זאָל קיין ייד נישט קענען ארויספירן פון די ווינונגען זאכן, כדי אלץ זאָל בלייבן פאר די רוצחים.

מיטוואָך, ט״ו בטבת (27.12.39), 7 אזייגער פרי, הערט מען שוין רופן אין אלע גאסן, אז די יידן זאָלן זיך גרייטן צו פארלאָזן די הייזער. 8 פרי דארפן זיך אלע געפינען אין מארק. ווער עס וועט בלייבן אין דער וווינונג נאָך 8, וועלן די דייטשן שיסן.

די שוידערלעכסטע טראגעדיעס שפילן זיך אָפּ אין די יידישע וווינונגען, ווו ס׳זיינען פאראן קליינע קינדער.

אין דרויסן איז נאָך כמעט נאכט, פינצטער, קאלט און א שניי. די יונגע מאמעס מיט די צעווייטיקטע הערצער גייען וועקן די קינדער אין די בעטלעך, דאָס לעצטע מאָל אין די ווארעמע שטובן.

מען האָט זיך געזעגנט מיט די אלטע באָבעס און זיידעס און ארויס אין מארק אריין, שטיל אָן געשרייען.

נאָך א סיגנאל האָט יעדער מיט א שטילן זיפץ אָנגעהויבן גיין צום זגערזשער וועג. מיר גייען אדורך דער יידישער גאס און ווארפן די לעצטע בליקן אויף דער רעכטער זייט, ווו עס שטייט די פארברענטע שול.

מיר גייען פארביי די לעצטע יידישע הייזער, — ס׳איז שוין דאָס לעצטע יידישע הויז פון אליהו שטוסעלס, מיר דרייען זיך אריין רעכטס קיין זגערזש.

פון דער בריק קענען מיר נאָך זען די שטאָט וואָס איז געבליבן הינטער אונדז. די שטילע קאלטע שטיינערנע מצבות אויף דעם בית־הקברות קענען זיין די איינציקע עדות, אז דאָ האָט געלעבט אמאָל א יידישע קהילה.

פון דער אנדערער זייט בריק (מזרח־זייט) האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון גסיסה פאר די יידן פון אלעקסאנדער. דער לעצטער ייד וואָס האָט איבער־געטראָטן די בריק, ר׳ הנוך אלטער ז״ל, איז געווען יושב־ראש פון יודנראט. ער איז געווען דער ערשטער דאָרט ווו מען האָט נאָר עפעס געקענט אויסבעטן ביי די דייטשע רוצחים לטובת די יידן. ער איז אויך געווען דער לעצטער פון דער מחנה און געוואָלט באשיצן יעדן ייד, ווייל עס איז נאָך געווען פארבאָרגן א פונק פון האָפנונג, אפשר וועט נאָך זיין א וועג אויף צוריק אין דער שטאָט.

מיר זיינען געגאנגען פארטראכט, יעדער פארזונקען אין זיינע מחשבות, ווו די ערשטע נאכט אוועקצולייגן די ביינער, כדי אויף דעם פרייען פעלד חלילה נישט געפרוירן צו ווערן. פארנאכט האָט זיך אָנגעהויבן אראָפּלאָזן א נאסער געפרוירענער שניי, וואָס האָט געשניטן אין די פנימער.

איך האָב געזען דעם געשטאַלט פון ר׳ הנוך אלטער ז״ל, ער האָט גאָרנישט געפילט קיין מידקייט. ער האָט זיך באוויזן ביי יעדן איינעם און געטרייסט יעדעס קינד, געמוטיקט יעדע פרוי און ארויסגעוויזן גבורה. די דייטשן האָבן געשאָסן אין דער לופטן, געוואָלט איבערשרעקן. דערווייל הערט מען, אז 3 קינדער זיינען געפרוירן געוואָרן צום טויט. צוויי קינדער, א צווילינג פון דער משפחה בראנד, און איין קינד פון גיטל יענקעלעוויטש.

אריינגעקומען קיין גלאָוונע, איז נישט געווען קיין שט:ב אריינצוגיין. מיד פון א גאנצן טאָג גיין און אדורכגעפרוירן, האָט זיך אוועקגעזעצט יעקב הערש און איז געפרוירן געוואָרן צום טויט.

א טייל יידן זיינען אריין קיין לאָדזש, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומדערטראָגלעכע לעבן. חיים סלוטקעוויטש (חיים קצב) האָט געמוזט שלעפן א וועגעלע מיט צואה, וואס ער מיט זיין ברודער זלמן האָבן ארויסגעשעפט פון די אוביקאציעס. ווען מ׳האָט דאָרט באדארפט צושטעלן יידן פאר די דייטשע רוצחים אויף טראנספּאָרטן קיין כלעמנאָ, האָט מען גענומען צוערשט די פּליטים.

צעזייט און צעשפּרייט זיינען די קברים פון די אלעקסאנדערער יידן. דער ערשטער קרבן פון א דייטשער קויל איז געווען אברהם שמואל צאלעק ז״ל (הענעך כהן׳ס א זון).

די לעצטע צוויי קרבנות, וואס זיינען געפאלן גייענדיק מיט דער פוילישער ארמיי פון רוסלאנד מיט די ביקסן אין די הענט, זיינען געווען לייביש גערשאָ־נאָוויטש און יהושע לעווין.

אין צווייטן האלבן יאָר 1944 און אָנהויב 1945 האָט זיך נאָך געראנגלט א קליינער טייל נפשות פון דער פארטיליקטער אלעקסאנדערער קהילה איז לאָדזשער געטאָ.

יעדן טאָג זיינען געפאלן קרבנות אין די געטאָס, ארבעטס־לאגערן, קאָנ־צענטראציע־לאגערן, טויטן־לאגערן און אויף דער ארישער זייט. מיטן אָנהייב פון דער ליקווידאציע פון לאָדזשער געטאָ זיינען ארויסגעשיקט געוואָרן טראנ־ספּאָרטן קיין אוישוויץ; און צווישן די לאָדזשער זיינען אויך געווען אלעק־סאנדערער יידן.

יעדן טאָג האָט מען אריינגעוואָרפן די יידישע קערפּערס אין די ברענענ־דיקע אויוונס אריין.

אין איינעם פון די באראקן האָבן זיך געפינען צביה, מיט איר שוועסטער צפורה מאָרגענשטערן, און איר קוזינע פערל גרינשפּאַן מיט איר טעכטערל חנה׳לע. זיי זיינען געווען די לעצטע רעשטלעך פון דער פאַרצווייגטער גרויסער משפחה. 11 אזייגער פארמיטאג קומט אריין אין באראק א קאפּאָ און כאפּט צביהן מיט נאָך עטלעכע פרויען צו ברענגען די קעסלען זופּ פאר די 1000 פרויען וואָס זיינען אין באראק. עס האָט געדויערט בערך 1 שעה ביז צביה קומט צוריק מיט די קעסלען זופּ. טרעפט זי א ליידיקן באראק. זי לויפט זוכן, פרעגן ווו די פרויען זיינען, עס איז נישט געבליבן קיין איינע, וואָס זאָל אויף דעם ענטפערן. אין דעם טאָג זיינען דערמאָרדעט געוואָרן די 20 טויזנט פרויען וואָס האָבן זיך געפונען אין 20 באראקן. יעדע לעבן־געבליבענער ייד האָט געוווסט, דאָס די רייע ווארט אויף אים, מאָרגן אָדער איבערמאָרגן.

די, אין לעבן געבליבענע האָבן זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקל און געזאָגט קדיש. די זאָרג איז געווען, אז דער לעצטער ייד וועט פארניכטעט ווערן, וועט שוין נישט זיין קיין קדיש־זאָגער.

ביז דעם לעצטן טאָג פון דער מלחמה האָב איך געטראָפן אין א סך שטעט און לאגערן אין דייטשלאנד איינציקע יידן פון דער אלעקסאנדערער קהילה. דער סך־הכל פון די אין לעבן געבליבענע אלעקסאנדערער נפשות נאָך דעם גרויסן חורבן איז א טרויעריקער. אין גאנצן 2—3 פראָצענט פון די 5000 נפשות, וואָס זיינען געווען אין שטאָט אין יאָר 1939, ווען די דייטשע מערדער זיינען אריין.

ישראל פארבער /

אלעקסאנדערער דייטשן בעתן קריג

ווי עס איז יעדן באוווסט, האָט אלעקסאנדער געציילט 60 פראָצענט דייטשן ; די גרעסערע פאבריקן זיינען איינגעשטאנען אין דייטשע הענט. די דייטשן זיינען געווען גרויסע אנטיסעמיטן, אָבער זייער אנטיסעמיטישקייט האָבן זיי קיינמאָל נישט ארויסגעוויזן, ווייל זיי האָבן שטענדיק געמוזט אָנקומען צו יידן. די אָפּנעמערס פון זייער פּראָדוקציע זיינען געווען יידן. יעדער דייטש האָט ביי זיך געהאלטן א ייד ; אָן אים וואָלט די פאבריק נישט עקזיסטירט.

אָבער זייער אנטיסעמיטישקייט האָבן זיי ארויסגעוויזן פון דעם ערשטן טאָג אָן ווי די נאציס האָבן פארנומען אלעקסאנדער.

אָט זיינען פאקטן:

דער דייטש בישאָף האָט גערעדט יידיש ווי א ייד, זאָגאר געקענט אביסל לערנען, און זיינע געשעפטן געפירט נאָר מיט דער הילף פון יידן. דעם ערשטן טאָג פון פארנעמען אלעקסאנדער האָט ער געפאָדערט פון זעליק גוטערמאַן א גרויסע סומע געלט, ווען נישט — האָט ער אים געסטראשעט מיט שיסן. זעליק האָט געמוזט צושטעלן די סומע.

דער רב האָט איינמאָל געוואנדן זיך צו בישאָפן, ער זאָל עפעס טאָן פאר די יידן און זיי העלפן, האָט ער דעם רב געענטפערט: איך וועל גאָרנישט טאָן; און מיט ליצנות צוגעגעבן: זאָגט אייערע יידן זיי זאָלן זאָגן תהילים.

ווען די דייטשן זיינען ארײן קיין לאָדזש, האָט מען דאָרט ארעסטירט מיין זון; בין איך געלאָפן נאָך אלעקסאנדער צו מיינע דייטשן, מיט וועלכע איך האָב געהאנדלט בערך 20 יאָר, זיי זאָלן מיר עפעס העלפן. האָבן זיי זיך אויסגעלאכט פון מיר. דער דייטש גוסטאוו הירש, מיט אים האָב איך געמאכט גרויסע געשעפטן פאר צוויי צענדליק יאָר, האָט מיר געזאָגט, ער קען זאָגן, אז ער קען מיין זון ביז איצט גוט, און אז ער איז געווען אן אָרנטלעכער מענטש, אָבער היינט ווייסט ער נישט, צי ער איז אן אָרנטלעכער מענטש. אזוי האָבן זיך אלע דייטשן פון אלעקסאנדער אויפגעפירט. דעם ערשטן טאָג האָבן זיי געכאפט מלך פיראנקע און דעם טויטן־גרעבער אברהם יאָסלס און זיי צוגעפירט צום רבי רב הענכס קבר, געהייסן זיי זיך שאָקלען און וויינען. אין דעם מעמד זיי אָפּפאָטאָגראפירט און דאָס בילד ארייגעשטעלט אין יוליוס שטרייכערס „שטירמער".

איין נומער פון „שטירמער" איז אינגאנצן געווען געווידמעט אלעקסאנדער. דעם נומער האָב איך געהאט אין ווארשעווער געטאָ. אויף דער ערשטער זייט איז געווען דעם רבינס בילד און אונטערגעשריבן „דאָס איז דער פארברעכער ראבינער דאנציגער". נאכער זיינען געווען אָפּפאָטאָגראפירט עטלעכע וועקסלען און צוגעשריבן: דאָס זיינען פאַלשע וועקסלען, וועלכער דער פארברעכער אברהם חיים דאנציגער האָט ארויסגעגעבן. אברהם חיים דאנ־ציגער איז געווען דעם אלעקסאנדערער רבינס ברודער.

נאכער איז געווען א בילד פון רבינס שטוב מיט א טיש, ווו עס שטייען עטלעכע צדקה־פושקעס און אונטער דעם בילד איז געווען א צושריפט: „פאר

דעם חסיד, וואָס לייגט אריין מער געלט, טוט דער פארברעכער דאנציגער מער בעטן צו גאָט. און פאר דעם וואָס לייגט אריין וויניקער געלט, בעט דער פארברעכער וויניקער".

נאכער איז געווען א בילד פון אהל פון רבי יחיאל, רב ישראל יצחק און ר' שמואל הערש און רב בצלאל יאיר מיט א צושריפט: „דאָ ליגן די גרויסע פארברעכער דאנציגער".

נאכער איז געווען א בילד ווי א דייטש מיידל זיצט ביי א קעטל־מאשין און א יידישער פאבריקאנט שטייט איבער איר מיט א נאגייקע און יאָגט זי ביי דער ארבעט. און נאָך אזעלכע בילדער, ווי די יידישע פאבריקאנטן נוצן אויס דייטשן, און אנדערע אנטיסעמיטישע בילדער און אַרטיקלען.

דעם ערשטן טאָג האָבן די דייטשן געזוכט מיין ברודער משה (שווארצער משה) און געוואָלט אים שיסן. זיין פארברעכן איז געווען: משה האָט מיט זיי געשפילט פוטבאָל און די יידן האָבן מערסטנס געוווּנען.

בן־ציון בילעוויטש /

יום כיפור ביי די דייטשן

אין די נאָך ראש השנה טעג, אין די „עשרת ימי תשובה" ביז יום כיפור, האָט די שטאָט אלעקסאנדער אויסגעזען ווי א יריד: מען האָט זיך געגרייט אויפצונעמען טויזנטער חסידים, וואָס דארפן קומען צום רבין אויף יום כיפור.

פולע וועגענער מיט איינגעפאקטע שטייגן עופות האָבן די עופות־הענדלער געבראכט אויף „כפרות". די בעלי אכסניות האָבן זיך געפּאָרעט ביים צוגרייטן שפייז און געלעגערס פאר די טויזנטער חסידים וואָס דארפן אָנקומען. און דער נאכט פון „שלוש עשרה מידות" איז מען אין שטעטל נישט געשלאָפן.

חסידים האָבן געזאָגט „סליחות" ·ביינאכט אין די שטיבלעך. אין דער שול און אין קהלס בית־המדרש האָט מען געזאָגט „סליחות" פארטאָג. יידן זיינען געווען פארנומען מיט „כפרה"־שלאָגן, גיין אין מקווה, אויף קבר אבות, און נישט פארגעסן אָנשרייבן א קוויטל און אריינוואַרפן עס אין אהל פון רבי ר' העניך זצ"ל.

דער טראַמווײַ קורסירט דעם דאָזיקן טאָג מיט טאָפּלטער שנעלקייט, מיט מער וואַגאָנעס ווי שטענדיק. די בעלי אכסניות וואַרטן אָפּ די חסידישע געסט ביים טראַמווײַ און פון דאָרט פירט מען זיי צו די אכסניות.

די יידישע גאַס, דעם רבינס „הויף", ווערן איבערפולט מיט טויזנטער חסידים. דער רעש, דער טומל, די חסידישע אויפגעהייטערטקייט פילט זיך אומעטום, יידן גרייטן זיך צו דער תפילה בציבור מיטן רבין.

אויך די שטאָטישע איינוווינער גרייטן זיך צו „כל נדרי": עס לויפן די בעלי־ביתטעס פאַרשמאַרטע און פאַרשוויצטע צום שוחט מיט די „כפרות"; זיי גרייטן די ערב יום כיפורדיקע סעודה. עס טראָגן זיך ריחות פון פיש און פון יום־טובדיקע מאכלים.

פאַרנאַכט פאַר זון־אונטערגאַנג גייען יידן צו „כל נדרי".

די יוגנט און א גרויסער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט וואָס זיינען נישט געגאַנגען דאַוונען האָבן זיך פאַרזאַמלט אין זייערע פּאַרטיי־קלובן און פאַרבראַכט דאָ דעם אָוונט.

ווי אַנדערש און אויסטערליש איז אָבער געווען דער יום כיפור פון יאָר 1939, נאָך דעם אַריינמאַרש פון די דייטשן:

דאָס יידישע לעבן — צעמאַלן, צעבראָכן. פאַרשוווּנדן די הענדלער פון „כפרות", חסידים קומען נישט צום רבין. עס פילט זיך אבלות פון די שטיבער. שטיל, פינצטער — א בית־הקברות רואיקייט. יידן גייען נישט צו „כל נדרי", די שול איז שוין פאַרברענט, און יידן האָבן מורא אַרויסצוגיין אין גאַס, ווייל יידן מעגן זיך באַוועגן אין דער גאַס נאָר פון 9 פרי ביז 5 פאַרנאַכט. אויב מ'טרעפט א יידן נאָך דער באַשטימטער „שפּער־שטונדע", ווערט ער געשאָסן אויפן אָרט. דאָך אָבער האָבן זיך געפונען יידן וואָס האָבן באַוויזן העלדיש־קייט, איינגעשטעלט זיך דאָס לעבן, בכדי צו זאָגן „כל נדרי" בציבור.

מיין פאָטער ז"ל האָט מיר דערציילט, אז ר' שמחה שוחט האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן גערדאַנק, אז ער וועט נישט דאַוונען „כל נדרי" בציבור ווי ער האָט זיך געפירט כל ימיו. אין זיין שטוב האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט א מנין יידן שכנים, און אין טונקעלקייט, ביי א קליין ליכטעלע, נישט אָנטועענדיק די טליתים, האָבן זיי שטיל מיט צעבראָכענע הערצער געזאָגט „כל נדרי". אין דער זעלבער צייט זיינען די פאָלקס־דייטשן נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט: זיי האָבן ספּעציעל פאַר דעם הייליקן טאָג צוגעגרייט

א „סיורפריז״: די אונטערנעמונג האָט געהייסן „די זויבער־האַלטונג פון דער שטאָט״. אכט אזייגער פרי יום כיפור האָבן זיך באוויזן דייטשע זעלנער אין דער באַגלייטונג פון די שטאָטישע פאָלקס־דייטשן, זיך א לאָז געטאָן איבער יידישע שטובן און ארויסגענומען די מענער צו דער ארבעט. די שטאָט איז געוואָרן פארטיילט אין דריי ראיאָנען: איין גרופע האָט געארבעט אויף דעם שוצן־פלאַץ ביים פארשיטן די פאַרטיפיקאַציע־גרובנס; די צווייטע גרופע — ביים קערן און רייניקן דעם מארק; די דריטע גרופע האָט געארבעט אין רבינס הויף, צוגעגרייט דעם הויף און דאָס הויז פאר דעם נאצישן אָפיצירן־קלוב. געוועז יידן, וואָס מ׳האָט זיי געטראָפן ביים דאווענען אין די טליתים, האָט מען זיי אזוי אוועקגעפירט אין גאס, און אזוי, געהילט אין די טליתים, האָט מען זיי געצוווּנגען קערן די גאסן און רייניקן דעם מארק. שפעטער האָבן די דייטשן באפוילן צוזאמענעמען דאָס מיסט מיט די הענט, ארייַנשיטן אין טלית און אוועקטראָגן ארייַנצוּווארפן עס אין מיסט־קאסטן צוזאמען מיט דעם טלית. די אלע שוידערלעכע בילדער זיינען געוואָרן דורך זיי פאָטאָגראפירט, פילמירט. די דייטשן, וואָס האָבן זיך געפונען די גאנצע צייט אין גאס, האָבן שטארק הנאה געהאט פון דעם „ספעקטאקל״. דאָס זיינען געווען די זעלבע פאָלקס־דייטשן וואָס האָבן ערשט נעכטן געארבעט, געהאנדלט, געווען גוטע שכנים, געוווינט ממש צוזאמען מיט די יידן.

דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות האָט זיך געפונען אין דער גרופע, וואָס האָט געארבעט אין רבינס הויף. מיר האָבן גערייניקט דעם הויף, ארויס־געטראָגן די טישן, די בענק פון בית־המדרש, צעהאקט דאָס אלץ אויף האָלץ פאר די פעלד־קוכן. פלוצים דערזען מיר ווי צוויי זעלנער ברענגען צופירן א יונגערמאן (אן איידעם פון יודל שעראצקי ווי מ׳האָט אים גערופן יידל טראנעס). קוים וואָס ער האָט זיך געהאלטן אויף זיינע פיס, בלייך ווי די וואנט, מער טויט ווי לעבעדיק, אָנגעטאָן אין א שיינעם געבלימלטן שבת׳דיקן שלאפראק און א קאפעלוש אויפן קאָפּ, די גאמבע פארבונדן מיט א טיכל; געווען א רחמנות אים אָנצוקוקן. איך בין צוגעגאנגען צו אים, געוואָלט אים ארייַנעמען צו דער ארבעט אין אונדזער גרופע, און אזוי ארום אים ארויס־רייסן פון זייערע לאַפּעס. פלוצים שפרינגט צו צו מיר א דייטשער אָפיציר און גיט מיך א שטויס צוריק צו דער ארבעט. באלד האָבן זיך באוויזן נאָך אזעלכע „איידעלע״ אָפיצירן מיט פילם־אפּאראטן און מען האָט אָנגעהויבן דעם יונגער־מאן פאָטאָגראפירן פון אלע זייטן. דערנאָך האָבן זיי אים געפרעגט, פארוואָס

די גאמבע איז ביי אים פארבונדן, צי האָט ער נישט אמאָל ציין־ווייטאָק. ווי נאָר דער יונגערמאן האָט באוויזן ארויסברענגען א וואָרט, האָט א דייטשער אָפיציר מיט דער גאנצער רציחה א ריס געטאָן דאָס טיכל. און עס האָט אנטפלעקט א שיינע, לאנגע באָרד, און פאות. ווי עקלהאפט איז דאן געווען זייער ווילד חייש געלעכטער. און ווידער האָבן זיי זיך גענומען פאר די אפאראטן, און ווידער פאָטאָגראפירט אים פון אלע זייטן. צום סוף האָט איינער פון זיי געבראכט א שער און מ׳האָט ביי דעם יונגערמאן אָפגעשניטן א האלבע באָרד און איין פאה, און דאָס נבזה׳דיקער געלעכטער האָט זיך ווידער געטראָגן פון זייערע געמיינע פיסקעס.

אזוי האָבן מיר אָפּגעארבעט א גאנצן טאָג. מיט שווערע טריט און צע־בראָכענע הערצער זיינען מיר אוועק אין אונדזערע היימען. פוסט און וויסט האָט אויסגעזען די שטאָט, וואָס האָט שטענדיק געקאָכט און געזידט מיט יידן און יידיש לעבן.

רבקה שטיין (שרגון) / פרק ניגוני השואה

כמה ימים לפני כניסת הגרמנים לאלכסנדר כבר הורגשה תנועת אווירונים שטסו מעל לעיר, והלב ניבא רעות. שרויים בפחד היינו צמודים לרדיו, והקשבנו להודעות שנמסרו מהחזית. החדשות בשרו רעות: החיילים הגרמנים עברו את הגבול בכוח מחץ חזק, והחזית הפולנית התמוטטה, נשברה.

מבוכה נשתררה בין היהודים והם התחילו לנוס בבהלה גדולה.

גרנו בשוק העיר, ומשם יכולתי להשקיף על המצעד העצום של פליטים, הצועדים צמודים, עייפים ורצוצים, מרי נפש ומלאי פחד. מסך אבק התרומם מעלה מעלה וכמעט קשה היה להבחין מי ומי ההולכים. מפעם לפעם היתה פורצת אשה עם תינוק לתוך בית יהודי ומבקשת מעט מים חמים להחיות את נפש הפעוט.

עד מהרה נרתמו יהודי העיירה לפעולה אינטנסיבית בהגשת עזרה לפליטים ובאיכסונם. כל הבתים נתמלאו פליטים, וכולנו ביחד חכינו בחרדת נפש לבאות.

בין הפליטים היו גם איכרים פולנים רבים, שברחו מכפריהם ולקחו עמם את מקנם וצאנם. בכיכר העיר, ע״י הגן הציבורי, הסתדרו עם עגלותיהם ובהמתם. ניגשתי אליהם ובקשתי קצת חלב בשביל ילדי הפליטים. ההיענות היתה לבבית וברצון נתנו את מלוא תנובתן של הפרות. נעשיתי פעילה בשטח זה והגשתי עזרה לכל הנזקקים. דליים מלאים חלב חילקתי מבית לבית. אבל לדאבוני הרב כמה ימים אחרי זה היינו אנו עצמנו באותו מצב ונהפכנו לפליטים.

שמועות הגיעו שהגרמנים הורגים באכזריות כל יהודי הנקרה בדרכם. מרוב פחד עזבו רוב יהודי אלכסנדר את העיר והשאירו מאחוריהם את כל רכושם ועמל של דורות.

באותו זמן התחילה האוכלוסיה הפולנית לשדוד את רכושם של היהודים ושל הגרמנים גם יחד: את חנותו של פייבל ויטנברג (חנות של פירות וממת־קים), את בית המרקחת של ביאלוס, ואת כל יתר החנויות בשוק העיר. שברו שמשות, חיטטו במרתפים, הריקו הכל, מבלי לשעות לתחנוניהם של בעלי העסק. בין השודדים בלטו במיוחד אנשי העולם התחתון שני האחים ממשפחת אולניצקי.

כשנכנסו הגרמנים העירה, ירו חיילי היטלר ביהודים, ביחידים ובקבוצות, ושרפו את בית הכנסת הגדול. כל יהודי חיפש מקלט כדי להימלט מצפרני־ הנאצים ולהיחבא במקום סתר. אך עד מהרה קמו מלשינים גרמנים ופולנים ומסרו את מקומות הימצאם של יהודים. אנשי ס״ס הוציאו את הנחבאים ע״י הבאר באמצע השוק. ביניהם היו יצחק משה גטשינסקי, הנוך קולושינסקי, פומרנץ, פריידנריך, ועוד. העמידו אותם בשורה וקבוצת חיילים גרמנים כיוונה אליהם את הרובים. אינני יכולה לשכוח את התמונה הזו. ראיתים לפני מתים ממש, עומדים על רגלים בלי כל תנועה. אבל ברגע האחרון המליץ עליהם גרמני מקומי אחד, והגרמנים הסתפקו הפעם במהלומות.

מקרה מזעזע שני שנחרת בזכרוני אירע ביום כיפור בבוקר:

שני יהודים — מנדל גולדברג ושלום ברוך פרידמן — הלכו להתפלל ותחת זרועם החזיקו את טליתותיהם. בעברם את כיכר העיר ניגשו אליהם שני קציני ס״ס ופקדו עליהם להוציא את טליטותיהם ולהתעטף בהן. אחרי כן ציוו עליהם למלא דליים מים מן הבאר, לצעוד מסביב לעיר ולצעוק: „אין אלוקים בשמים״. אחר כך ניתנו בידיהם מטאטאים והם צוו לטאטא את שוק העיר.

בחצר בה גרנו היה מקום ריכוז לכלואים יהודים שהגרמנים אספו. הללו היו מועמדים לחיסול. ביניהם היה גם גיסי היקר גדליהו פרנקנטל ז״ל. בסתר

התחלתי לפעול לשיחרורו. לקחתי דלי אשפה והלכתי אל מקום ריכוז האשפה הקרוב ביותר למקום הכליאה. בדרך זו מסרנו, אני ואחותי דבורה, ידיעות לאסירים וכן קיבלנו ידיעות מן הנעשה אצלם. לבסוף תפס אותי אחד משומרי המקום ומסר אותי לקציני ס"ס. הם הכניסו אותי לתוך בור עמוק בבית הסוהר וכבר חשבתי בלבי שבזה נגמרו חיי. אבל קרה נס, וגרמני אחד, שכן וידיד טוב של אבי, המליץ עלי — ושוחררתי. הפעם הסתפקו הגרמנים „רק" בכמה מהלומות חזקות שלא יכולתי להתאושש מהן כמה ימים.

כאשר מעלה אני בזכרוני היום, את הימים ההם עוברת צמרמורת בגופי. קשה הרגשתי שבעתיים כיום, אחרי תקופה ארוכה כל כך, אהרי כל כך הרבה סבל ועינויים שעברתי מאותו יום בו נפרדתי מביתנו, מעירנו ומהורינו. במשך זמן זה סבלתי סבל בל יתואר, סבל גופני ונפשי. סבלתי חרפת רעב וקור. נשארתי בחיים, אמנם, אבל לבי מלא פצעים שלעולם לא יגלידו.

אברהם ציאשניאק /

אין אלעקסאנדער ביי די דייטשן

אין דעם טרויעריקן 6־טן סעפטעמבער 1939 איז דער גרעסטער טייל פון די יידישע באפעלקערונג פון אלעקסאנדער אין פאניק — אלץ איבערלאָזנ־דיק אויף גאָטס באראט — אנטלאָפן אין דעם שטעטל סטריקאָוו. מען האָט געקלערט איבערצוווארטן דאָרט עטלעכע טעג, ביז עס וועט אדורכגיין דער שטורם, און מען וועט קענען צוריק אהיימפאָרן. מען האָט געמיינט, אז עס איז דער זעלבער דייטש פון 1915.

א טייל פון די אלעקסאנדערער יידן, דער עיקר יוגנטלעכע, זיינען געלאָפן קיין ווארשע העלפן פארטיידיקן די שטאָט. אויף דעם וועג קיין ווארשע האָט די היטלערישע אוויאציע געזייט טויט און פארניכטונג.

נאָך עטלעכע טעג זיין אין סטריקאָוו איז א טייל אהיימגעפאָרן און א טייל איז געגאנגען צופוס. צו דער צייט האָט שוין דער דייטש געהאט פארנומען אלעקסאנדער, און שוין באוויזן צו דערשיסן עטלעכע יידן. קיין אלעקסאנדער זיינען אָנגעקומען יידן ארויסגעטריבענע פון די שטעטלעך ביי דער דייטשער גרענעץ, ווי סילעוו, אוניעיוו, טורעק, און אנדערע. זיי האָבן זיך איינקוואר־

טירט אין יידישע הייזער. מיט דער צייט אָבער זיינען אויך צוריקגעקומען די יידן, וואָס זיינען אנטלאָפן עטלעכע טעג פריער קיין ווארשע און אנדערע ערטער. צווישן די צוריקגעקומענע בין איך אויך געווען מיט מיין יינגערן ברודער משה ראָזענצווייג ז״ל.

קיין יידישע אונטערנעמונגען זיינען שוין נישט געווען, ווייל די דייטשן האָבן זיי צוגענומען. די יידישע בעלי־בתים האָט מען ארויסגעטריבן פון זייערע וווינונגען און ארייגעזעצט אויף זייער אָרט פאָלקס־דייטשן. א גרויסער טייל יידישע וווינונגען איז פארחתמעט געוואָרן און דער יידישער בעל־הבית האָט שוין נישט געהאט קיין רעכט אהיימצוגיין אין זיין אייגענער וווינונג. דאָס איז שייך די יעניקע, וואָס האָבן געוווינט אין דער קריסטלעכער געגנט, ווי די קאָשטשעלנע גאס (לאָדזשער גאס) און די ארומיקע געסלעך. און דער אָרעמער יידישער געגנט, ווי די יידישע גאס (ווארשאווסקא), מילן גאס (וויאטראטש־נא), האָט מען דערווייל נישט געטשעפעט. דאָרט זיינען געווען בלויז איינגע־פאלענע הילצערנע הייזקעס. זיי זיינען אלע שפעטער פארברענט און פארניכ־טעט געוואָרן.

די יידישע באפעלקערונג האָט געזוכט א מקור פון ארבעט און פרנסה, ווייל לעבן מוז מען. און אז מען לעבט, דארף מען עסן. צו פארדינען איז געווען שווער, אייניקע האָבן זיך נאָך פארנומען מיט קליינהאנדל מיט באקאנטע קריסטן, אנדערע האָבן נאָך געהאט די קליינע האנט־זאָקן־מאשינדלעך. האָבן זיי זיך געשאפן אומלעגאל א ביסל גארן, דאָס אויסגעארבעט, און שפעטער פארקויפט אָדער פארטוישט אויף עסנווארג. עס זיינען געווען יידן וואָס האָבן זיך נאָך פארנומען מיט איינשאפן רוי־מאטעריאל, און שפעטער האָבן זיי אָפגעקויפט און פארקויפט די אויסגעארבעטע פראָדוקציע.

א שניידער האָט אויפגענייט א מלבוש פאר עסנווארג. א שוסטער האָט מיט זיין העמערל אויך זיך נאָך געקענט מפרנס זיין. איין ייד האָט געהאנדלט מיטן צווייטן יידן. ביי זיי איז נאָך פארבליבן א ביסל רוי־מאטעריאל צו פארשיידענע אויסארבעטונגען, אזוי אז דער טויש איז געגאנגען פון האנט צו האנט, אבי אדורכצוהאלטן די שווערע צייט.

עס איז שוין געווען איינגעפירט דער קאַרטן־סיסטעם. די באשפייזונג איז געווען א מינימאלע, און דער ייד האָט נישט געקענט קריגן אפילו דאָס, אויף וואָס ער האָט נאָך געהאט א רעכט צו באקומען. די יידישע געוועלבער זיינען שוין כמעט נישט געווען. אין דער יידישער בעקעריי פון שימעלע גאָלדשטיין,

אין דער יידישער גאס, האָט מען נאָך געאַרבעט ביי א קליינער מעל־צוטיילונג.

בכדי צו באַקומען א ברויט, פלעגט מיין ליבע מוטער בלימע ז״ל זיך אויפהייבן 4 אזייגער פארטאָג און גיין הינטן ארום דורך דעם אלעקסאנדער רבינס גאָרטן און ברענגען א ברויט אין שטוב אריין. עס איז געווען א גרויסע ריזיקע צו גיין אזוי פרי, ווייל א ייד האָט געמעגט זיין אויף דער גאס בלויז פון 9 פרי ביז 9 אָוונט. שפעטער האָט מען נאָך מער פארקירצט די צייט.

די קריסטלעכע געוועלבער האָבן שוין נישט געוואָלט פארקויפן קיין יידן, אפילו נישט די צוגעטיילטע שפייזן פון ערשטן געברויך. האָבן יידן געמוזט איינקויפן אלץ אויפן שווארצן מארק און באצאָלן געפעפערטע פרייזן. פויערים, וואָס זיינען פרייטאג געקומען אין שטאָט אריין, פארקויפן זייענער לאנדווירט־שאפטלעכע פראָדוקטן. עס זיינען געווען פאלן, ווען פאָליאקן האָבן געזען אין אזא פרייטאג מארק־טאָג צוגיין צו א פערד און וואגן א יידישע פרוי, האָבן זיי אויפמערקזאם געמאכט דעם פויער, אז ער זאָל איר נישט פארקויפן, ווייל זי איז א יידישע. און אויב ער וועט איר יאָ פארקויפן — האָבן זיי אים געסטראשעט — וועלן זיי גיין דאָס איבערגעבן ווו מען באדארף ד.ה. צו די דייטשן. פארשטייט זיך אז דאָס האָט זיך אָפגעשלאָגן אויף אונדז.

יעדן טאָג האָבן געמוזט הונדערט יידן גיין צו ארבעט: רייניקן די טראָטוארן, די שאָסייען. און אויב מען האָט געדארפט נאָך יידן, האָט מען אין מיטן טאָג געמאכט א לאפאנקע און פארהאלטן וועלכן יידן וואָס איז נאָר אונטערגעקומען. די יידן האָבן געדארפט צורוימען די ביוראָען, פריוואטע און געזעלשאפטלעכע, ווי די פאָסט, בענק א.א.וו. די יידישע ארבעטער זיינען מאָראליש און פיזיש באליידיקט געוואָרן ביי זייערע ארבעטן. ווען זיי זיינען שוין צוריקגעקומען פון דער ארבעט אין שטוב אריין, זיינען זיי אוועקגעפאלן אויף זייערע געלעגערס מידע און הונגעריקע. עס זיינען געווען פאלן, ווען דייטשן האָבן מיטגעגעבן דעם יידן נאָך דער ארבעט א ברויטל, ווורשט, נאפט, א ביסל האָלץ. פארשטייט זיך, אז אזעלכע פאלן זיינען געווען זעלטענע. און אויך נישט ביי די אלעקסאנדערער דייטשן, נאָר די צוגערייזטע. אויף וויפיל איך געדענק, איז געווען אן אקציע פון דער יידישער קהילה, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין יודנראט, זאָל צוגעבן דעם דייטשן שטאָטראט־קאָמיסאר אין אלעקסאנדער אן אויסקויף־סומע, אז מען זאָל נישט דארפן גיין צו געצוווּנגענער ארבעט. אָבער די דייטשן האָבן דאָס אָפגעוואָרפן עס האָבן

זיי געלוינט די יידישע בחינמדיקע ארבעטערהענט, אָבער שפעטער האָבן זיי יעדעס מאָל גענומען אויך קאָנטריבוציע־געלט.

די דייטשן האָבן געמאכט יעדן טאָג אין אן אנדערער יידישער גאס שטוב־רעוויזיעס, מיטן אויסרייד, אז מען זוכט געווער און ליטעראטור. דערווייל האָבן זיי ארויסגענומען אלץ, וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב.

אין דער צווייטער העלפט נאָוועמבער 1939 זיינען מיר שוין געגאנגען אין די געלע לאטעס אויף די רעכטע ארעמס פארן עלנבויגן. איך געדענק נאָך ווי היינט, ווי אין א טייל שטובן האָבן געהאָנגען אזעלכע געלע שוץ־פאָרהאנגען, אז די גארדינען זאָלן נישט פארברענט ווערן פון דער זון. האָט מען צעשניטן די געלע פאָרהאנגען און געמאכט דערפון געלע לאטעס. איינער דעם צווייטן האָט געגעבן אזעלכע שטיקלעך. די ברייט האָט געדארפט זיין, דאכט זיך מיר, 12 צ״מ. אלע יידן האָבן עס געטראָגן מיט שטאָלץ, אָבער ווייטיקלעך דאָס אָפּגעפילט.

אין איין טאָג זיינען די גאסן, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט די יידישע ארעמע באפעלקערונג אָפּגעשלאָסן געוואָרן דורך דער אלעקסאנדערער דייטשער היטלער־מיליציע, אונטער דער אָנפירונג פון אינסטרוקטאָר פון דייטשן ספּאָרט־פאריין גענדזשע. זיי האָבן ארויסגענומען פון די יידישע הייזער מעל, קארטאָפל, צוקער (עס איז געווען בלויז געלער צוקער) און אויסגעארבעטע זאכן, ווי פּאָדעמס, גארן, זאָקן, שקארפעטן, פארטיקע און נישט קיין אויסגעפארטיקטע. אלץ וואָס האָט נאָר געהאט עפּעס א ווערט האָבן זיי צוגענומען. בעת די רעוויזיעס האָט קיין איין ייד זיך נישט געטאָרט באווייזן אין גאס. פלוצים איז אדורכגעגאנגען די מילן־גאס איטע, שלמה׳לה מלמד׳ס פרוי; זי איז געגאנגען צו איר זון שימעלע טענצער, וואָס האָט דאָרט געוווינט. די דייטשן האָבן זי באמערקט, האָבן זיי גענומען זי שלאָגן און קאָפּן מיט די פיס. קוים מיט דעם לעבן אין זיך איז זי צוריקגעלאָפן א צעשלאָגענע און צעבלוטיקטע צו זיך אין הויז. דאָס אכזריותדיק בילד האָב איך געזען קוקנדיק דורך דעם פענסטער ווו מיר האָבן געוווינט.

צו אונדז זיינען אויך אריין די דייטשע צעווילדעטע יינגען און האָבן גענומען אלץ ארויסצווארפן. וואָס עס האָט זיי געפעלן, האָבן זיי צוגענומען. מיר פערזענלעך האָבן זיי גענומען דראען, ווייל צווישן זיי איז געווען א באקאנטער דייטשער ארבעטער, וואָס האָט געהערט צום אלגעמיינעם פראָ־פעסיאָנעלן פאריין, ווי איך בין אויך געווען א מיטגליד. ער האָט געזאָגט

צו מיר: „דו וואַרסט דאָך בונדיסט, קאָמוניסט. וואָ האָסטו דאָס קניקסל?"
(געמיינט האָט ער א רעוואָלווער, וואָס איך האָב עס קיינמאָל נישט געהאַט).
פאַרשטייט זיך, אַז ביי מיינע עלטערן ז"ל, שוועסטער און ברודער, וואָס אַלע
זיינען אומגעקומען שפּעטער אין וואַרשעווער געטאָ, האָט די דראָאונג אַרויס־
גערופן א סך שרעק.

גלייך אויף דעם צווייטן טאָג איז געקומען צו אונדז אין שטוב אַריין דער
בעל־הבית פון בונדישן פּאַרטיי־לאָקאַל, וואָס האָט זיך געפונען אויף פאַרזשעג־
טשעווסקאַ 31, דער דייטש זיגמונט, וואָס פּלעגט זאָגן, אַז ער וועט נישט
לאָזן שלאָגן זיינע חברים בונדיסטן (זיינס אַן עלטערער זון איז נאָך א יאָר
פריער געפאָרן קיין דייטשלאַנד זיך אויסלערנען די היטלערישע תורה, און
זיין יינגערער זון איז געווען א סטודענט) און געפאָדערט פון מיר, איך זאָל
אים באַצאָלן פאַר 3 מאָנאַטן דירה־געלט וואָס די בונדישע אָרגאַניזאַציע
איז אים שולדיק געבליבן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אַריינגערעכנט די
צייט, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט שוין נישט עקזיסטירט. איך האָב קיין
אַנדערע ברירה נישט געהאַט און זיך געמוזט שאַפן געלט. ביי אַזעלכע שווערע
באַדינגונגען איז עס נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אויף דעם אַנדערן
טאָג האָב איך אים די גאָפאָדערטע סומע אָפּגעטראָגן אין שטוב אַריין. דער
בעל־הבית פון לאָקאַל פון די לינקע „פּועלי־ציון" האָט אויך אַרומגעזוכט צו
דעם צוועק די חברים פון די לינקע „פּועלי־ציון" — בן־ציון כילעוויטש און
לייביש גערשאָנאָוויטש ז"ל.

דעם 27־טן דעצעמבער 1939 האָט מען די צום לעצט פאַרבליבענע, טויט־
דערשראָקענע יידן פון אַלעקסאַנדער, אַרויסגעטריבן.

ישראל פארבער /

די לעצטע רביישע דינאסטיע

ווען די דייטשן האָבן פארנומען אלעקסאנדער, איז דער רבי מיט דער גאנצער משפחה אנטלאָפן נאָך לאָדזש. אין לאָדזש איז דער רבי געווען באהאלטן. די דייטשן האָבן אים געזוכט און נישט געקענט געפינען. ווען די דייטשן זיינען אריין נאָך ווארשע, האָט מען דעם רבין אריבערגעשמוגלט נאָך ווארשע און דער רב איז אוועק נאָך טאָמאשאָוו מאזאָוויעצק. דער רבי איז געווען אין ווארשע מיט דער גאנצער משפחה. עס איז נישט געווען קיין קלייניקייט אויסצוהאלטן אזא גרויסע משפחה אין א צייט, ווען די חסידים זיינען געוואָרן פאראָרעמט. אין די ערשטע צייטן, ווען עס איז נאָך געווען פאָסט און מען האָט נאָך געקענט שיקן פעקלעך פון דער פראָווינץ, האָבן די חסידים געשיקט פעקלעך מיט לעבנסמיטל. ווען דער דייטש האָט אָפגעשטעלט די פעקלעך און אויך אויף דער פראָווינץ איז געוואָרן שלעכט, האָט דער רבי מיט דער משפחה געליטן הונגער און קעלט גלייך מיט אלע.


די ערשטע צייטן אין ווארשע האָט דער רבי געפירט א קליינע רביסטווע; אויך רב אברהם חיים און רב יעקב בונים האָבן באזונדער געפירט רביסטוועס. יעדער האָט געהאט באזונדער א בית מדרש צום דאווענען.

רבי יעקב בונים איז קראנק געוואָרן אין יאָר 1941 און געשטאָרבן.

פון דער רביסטווע האָבן זיי זיך אין אָנפאנג ערנערט, אָבער שפעטער איז געוואָרן גאָר שלעכט. דער רבי האָט געארבעט מיט מיר אין שאָפּ, א שוסטער־שאָפּ. די באָרד ראזירט, א ליציפּעט־היטל אָנגעטאָן; טעג און נעכט געווינט ביי דער ארבעט, און דאָס הארץ האָט געוויי טיקט צוזעענדיק דאָס. דער רבי האָט געקראָגן א סערטיפיקאט פון ארץ־ישראל און האָט געקענט פאָרן אזוי ווי דער גערער רבי איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן די משפחה און די עדה יידן.

דער לעצטער אלעקסאנדערער רבי האָט געהאט 7 איידעמס: ר׳ אלטער חיים בוימגארטן, א זון פון דעם גביר ר׳ שאולקע בוימגארטן פון לאָדזש; ר׳ אלימלך שפּירא, הויפּט־רב אין גלאָוונע; ר׳ יענקעלע, א זון פון קרימא־לאוואר רבין; דעם פּילצער רבינס זון (דער נאָמען איז מיר נישט באקאנט); ר׳ מענדעלע, א זון פון קאמארנער רבין (א שטיף־זון פון ראדזימינער רבין);

ר׳ חיים, א זון פון אסטראָווצער רבין; און דעם סלאָנימער רבין, וועלכער איז אומגעקומען אין סלאָנים. ר׳ מענדעלע, דעם קאמארנער רבינס זון, איז געשטאָרבן אויף טיפוס אין געטאָ ווארשע, און די איבעריקע פינף איידעמס מיט די פרויען און קינדער — צוזאמען מיטן אלעקסאנדערער רבין, —



ישראל פרבר בבגדי אסיר מחנה ריכוז

ישראל פארבער אין „פאס־יאק" פון לאגער

זיינען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע, ווו זיי זיינען אלע אומגעקומען אויף קידוש השם (כ״ג בחודש אלול תש״ג).*

* זע: אלה אזכרה, ניו־יורק, תשט״ז, כרך א׳, זייט 303.

דעם לעצטן פורים, 1943, זיינען מיר געווען באהאלטן אויף א בוידעם, עס איז דאָרט געווען דער קרימאלאווער רבי, זיין זון ר׳ אברהמעלע ראבינאָ־וויטש, ווי אויך דעם בעל ,,תפארת שמואל״ס איידעם, ביידע זין פון ר׳ אברהם חיים דאנציגער, דעם אלעקסאנדערער רבינס זון ר׳ יחיאל דאנציגער, וואָס איז געווען אן איידעם פון מאדזשיצער רבין און רב אין ראקאוו, און ר׳ יענקעלע דאנציגער.

מיר האָבן געפראווועט די סעודה. מיר האָבן זיך אפילו פארשאפט אביסל וויין און געזונגען און געטאנצט א גאנצע נאכט.

ווען די נאציס האָבן געכאפט דעם אלעקסאנדערער רבין, ר׳ יצחק מענדל דאנציגער, איז זיין זון, ר׳ ישראל מיט אים מיטגעגאנגען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט לאָזן דעם פאָטער אליין, און ביידע זיינען געשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע צוזאמען מיט אלע אנדערע איידעמס פון רבין, זייערע פרויען און קינדער.

איך וויל איבערגעבן נאָך אן עפיזאָד וועגן דעם אלעקסאנדערער רבין.

דאָס איז געווען אין יאָר 1942. די דייטשן האָבן דעמלט ארויסגעגעבן א באפעל אין ווארשע, אז יעדער מענטש מוז ארבעטן, ווען נישט, וועט ער ארויסגעשיקט ווערן. די וואָס האָבן געארבעט פאר די דייטשן זיינען נישט געווען אין סכנה ארויסגעשיקט צו ווערן אין די טויטן־לאגערן.

אין ווארשע איז געווען ר׳ אברהם הענדעל, וועלכער האָט געהאט א שיך־פאבריק אין לאָדזש. האָט ער געקראָגן די דערלויבעניש פון די נאציס צו עפענען א שיך־פאבריק, און ער האָט אריינגענומען אלע רביים, וואָס זיינען דעמלט געווען אין ווארשע און זיי געמאכט, כלומרשט, פאר שוס־טערס. איך האָב אויך געהאט פראָטעקציע, ווייל ר׳ אברהם הענדעל איז געווען אן אלעקסאנדערער חסיד, האָט ער מיך אויך אריינגענומען אין דער שיך־פאבריק. רופט מיך איינמאָל אריין דער אלעקסאנדערער רבי און זאָגט צו מיר: ישראל, איך האָב צו דיר א גרויסע בקשה. דו ווייסט, אז מיין ברודער, ר׳ יעקב בונים, איז נפטר געוואָרן אין געטאָ, בעט איך דיך, אז דו זאָלסט פארשרייבן זיין אלמנה, ווי זי וואָלט געווען דיין פרוי (מיין פרוי איז געווען אין לאָדזשער געטאָ), וועט מען זי באפרייען פון ארויסשיקן אין די טויטן לאגערן.

איך בין דעמלט געווען געשוואָלן פון הונגער און אויך מיין מיידעלע

איז געלעגן קראַנק פון הונגער. זאָג איך צום רבין, אַז נאָך פרויען האָבן מיך געבעטן דאָס זעלבע און זיי ווילן מיר פאַר דעם געבן אַסך געלט און איך וואָלט מיט דעם געלט געקענט קויפן שפּייז פאַר מיין 12 יעריק מיידעלע. האָט דער רבי מיר געזאָגט, אַז קיין געלט האָט ער נישט, נאָר ער האָט אַ גאָלדן טאַבאַק־פּושקעלע, וואָס זיין אייִדעם דער סלאָנימער רבי האָט ביי אים איבערגעלאָזט, ווען ער איז אוועק קיין סלאָנים. קען ער מיר דאָס פּושקעלע געבן און איך וועל עס קענען פאַרקויפן. איך האָב געזאָגט דעם רבין, אַז איך וועל פרעגן מיין מיידעלע און מאָרגן וועל איך אים געבן אַ תשובה. כ׳האָב איבערגערעדט מיט מיין קינד און זי האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי מיין פרוי האָט נישט געטאָן קיין שום זאַך, זי זאָל פריער נישט פרעגן דעם רבין, זאָל איך אויך דאָס גאָלדענע טאַבעק־פּושקעלע נישט נעמען, נאָר פאַרשרייבן דעם רבינס שוועגערין אַלס מיין פרוי, און זי ראַטעווען פון אַרויסגעשיקט צו ווערן פון געטאָ. איך האָב אַזוי געטאָן און די רביצין איז געראַטעוועט געוואָרן. אָבער לײַדער בלויז אויף עטלעכע וואָכן, ווייל דערנאָך האָט מען שוין מער נישט געקוקט, צי דער מאַן אַרבעט, צי נישט, און מען האָט די פרויען אַרויסגעשיקט צוזאַמען מיט אַנדערע יידן.

אויך דער פּיאַסעטשנער רבי האָט געאַרבעט אין דער שוסטער־פאַבריק און דאָס ביים אַרויסגעבן די זוילן צו די שוסטערס און אויך געקערט די פּאָדלאָגע פון מיין אָפּטיילונג. איינמאָל האָב איך געזען, ווי דער פּיאַסעטשנער רבי איז זייער מיד פון דער אַרבעט געוואָרן, בין איך צו אים צוגעלאָפן און ביי אים געוואָלט צונעמען דעם בעזים און אַליין קערן. איך האָב געזאָגט: איך וועל משמש זיין אַ רבין, אַזוי ווי מיין זיידע ר׳ אַברהם האָט משמש געווען דעם רבין ר׳ יצחק ווארקער און אַנדערע רביים און מיין טאַטע ר׳ מענדל איז געווען משמש ביים „תפארת שמואל״. האָט דער פּיאַסעטשנער רבי מיר געענטפערט: „דיין זיידע און דיין טאַטע האָבן משמש געווען רביים און דו ווילסט משמש זיין אַ פּראָסטן שוסטער...״

איך וויל אָבער דאָ צוגעבן, אַז איך בין באַלד אויפן צווייטן טאָג געהאָלפן געוואָרן. איך האָב באַגעגנט אין גאַס אַ באַקאַנטן, ישראל וויינבערג, פון אַלעקסאַנדער, און ער האָט מיר געגעבן 20 זלאָטעס. פאַר דעם געלט האָב איך געקויפט ברויט פאַר מיין טעכטערל. שפּעטער האָב איך באַגעגנט אַ קריסט פון וואָלאָצלאַוועק, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אַ בעקעריי, נישט ווייט פון „שאָפּ״, ווו איך האָב געאַרבעט און ער האָט מיר געהייסן

אריינקומען יעדן טאָג און האָט מיר צוגעזאָגט צו געבן יעדן טאָג א ברויט. ער האָט געהאלטן וואָרט.

אזוי ארום האָב איך אויפגעהערט צו ליידן הונגער, און איך מיט מיין מיידעלע האָבן זיך געראטעוועט.

מיר זיינען געווען צווישן די אויפשטענדלער אין ווארשעווער געטאָ. מיין פרוי איז דורך די נאציס דערטרונקען געוואָרן אין שטאָטהויף. מיין עלטסטער זון איז געשטאָרבן פון הונגער אין לאָדזשער געטאָ. און איך מיט מיין טאָכטער זיינען דורך א נס געבליבן לעבן. און דאָס איז געווען אין זכות פון אלעקסאנדערער רבין. אָבער דער רבי אליין האָט זיך נישט געוואָלט ראטעווען. ער האָט געוואָלט בלייבן מיט דער עדה יידן און איז אומגעקומען אויף קידוש השם.

ה י " ד.

ישראל פארבער / מיט אלעקסאנדערער יידן אין ווארשעווער געטא

איך בין געווען מיט אונדזערע אלעקסאנדערער לאַנדסלייט אין דעם ווארשעווער געטאָ און צוגעזען זייערע שוידערלעכע לאגע און אומקום.

אין יאָר 1939 בין איך אנטלאָפן פון לאָדזש קיין ווארשע, צוליב די אלעקסאנדערער דייטשע פאבריקאנטן. איך האָב געהאט אין לאָדזש א הורט־געשעפט פון זאָקן און צענדליקער יאָרן מיט זיי געהאנדלט, תמיד אין פריינט־לעכע באציאונגען. ווען די דייטשן האָבן פארנומען אלעקסאנדער, זיינען די „גוטע" דאָרטיקע דייטשע פאבריקאנטן געקומען צו מיר מיט פארשיידענע פרעטענסיעס און — אונטער דער דראָאונג פון דערמאָרדן — אויסגעפרעסט געלט, אזוי אז איך האָב געמוזט אנטלויפן.

ערשט אָנהויב 1940 האָב איך זיך דערוווסט אז די אלעקסאנדערער יידן זיינען געוואָרן פארטריבן פון אלעקסאנדער און א טייל פון זיי איז אָנגעקומען נאקעט און באָרוועס קיין ווארשע. איך בין גלייך געלאָפן זוכן אונדזערע יידן און האָב זיי אָנגעטראָפן אין א שרעקלעכער לאגע אין א הויז אויף מוראנאָווסקע גאַס. עטלעכע הונדערט יידן, — פרויען און קינדער —

אלע צוזאמענגעקוועטשט אין איין הויז. עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי העלפן. איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן דאָס שרעקלעכע בילד. איך האָב זיי געוואָלט העלפן מיט מיין גאנץ לעבן.

דאָס שרעקלעכסטע זיינען געווען די געשרייען פון ברוך בער שוחט נישט לאנג נאָכדעם ווי זיינע צוויי טייערע זין זיינען געוואָרן דערשאָסן אין אלעקסאנדער דורך די דייטשן. ברוך בער איז געלעגן אין א ווינקל אויף דער ערד און געווען אין גאנצן משוגע, זיך געריסן די האָר און געמאכט שרעקלעכע געוואלדן, געלאכט און געוויינט.

אזוי זיינען עטלעכע הונדערט פאמיליעס אָפגעלעגן עטלעכע טעג אין הויז אויף מוראנאווסקע. עס האָט זיך געשאפן א קאָמיטעט מיט העניך אלטערן בראש און אכציק פראָצענט פון זיי האָט מען פארטיילט אין דריי פונקטן.

צווישן די אלעקסאנדערער האָט אויך געלעבט איינער א לערער פון העברעאיש, נישט קיין אלעקסאנדערער געבוירענער, שטערנשוס. געקענט גוט תנ״ך און געגעבן א סך לעקציעס פאר דער יידישער יוגנט. ער האָט זיך דערוואָרבן פיל פריינט און אָנהענגער דורך זיין רייכער געדאנקען־וועלט און טיפזיניקייט. א טייל פון דער באפעלקערונג האָט אויסגעדריקט אומצופרידנהייט דערמיט, וואָס די יוגנט ווערט „פארסאמט״, אזוי אז מען האָט אים חושד געווען, אז ער איז א מיסיאָנער. א טייל האָט אפילו געזאָגט, אז ער גיט אויך לעקציעס אין עברית דעם דייטשן פאסטאָר (דעם גלח); דערצו איז ער געווען א גוטער פידל־שפילער.

איינמאָל, גייענדיק אין װארשעווער געטאָ, באמערק איך, ווי דער זעלבער לערער שטייט און שפילט אויף זיין פידעלע, און נעבן אים שטייט זיינס א מיידעלע און האלט א היטל אין האנט. איך קען נישט פארגעסן דעם מאָמענט, ווי דער ייד האָט געשפילט מיט אזוי פיל הארץ און זיינע סטרונעס האָבן זיך פונאנדערגעגאָסן מיט אזוי פיל ווייטיק. דער גאנצער יידישער חורבן האָט זיך אנטפלעקט אין זיינע ניגונים. עס האָט צעריסן הערצער. אלע ארומיקע האָבן מיטגעוויינט. קוואלן מיט טרערן האָבן זיך פונאנדערגעגאָסן. און ווען ער האָט געענדיקט שפילן, זיינען צו אים צוגעגאנגען אפאָר ס.ס. אָפיצירן, וואָס זיינען די גאנצע צייט געשטאנען און זיך איינגעהערט, ביי אים ארויסגענומען דאָס פידעלע; אויף א בעסטיאלישן אופן דאָס פידעלע צעבראָכן אויף שטיקלעך און די צעבראָכענע שטיקלעך אים צוריקגעוואָרפן. ער מיט זיין

מיידעלע האָבן זיך מוראדיק איינגעבויגן און די צעבראָכענע שטיקלעך אויפ־געקליבן און פארשעמט זיך אוועקגעשלעפט צוריק אין דעם געטאָ־ווינקל.

אָבער ווי ערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען אין א פּאָר וואָכן ארום, גייענדיק אין דער זעלבער ריכטונג, באמערק איך ווידער דעם זעלבן יידן מיט זיין מיידעלע שטייען מיט דעם היטל אין האנט און בעט א נדבה; אויף זיין צעבראָכן פידעלע, צוזאמענגעקלעבט פון שטיקלעך, שפילט ער ווייטער און איז ממשיך די זעלבע טענער פון חורבן און דערנידערונג.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט אז צוזאמען מיט אנדערע איז ער מיט זיין מיידעלע, וואָס האָט צו זיך געטוליעט דאָס פידעלע, אוועקגעשיקט געוואָרן נאָך טרעבלינקע, און צוזאמען האָט זיי דער גאז אויוון צוגענומען...

נאָך א שרעקלעכער פאקט שטייט מיר פאר די אויגן: דאָס איז געווען אין א שבת.

איך גיי ארויס פון מיין הויז, זע איך יענקעלע שלאָם ליגט אויסגעצויגן אין גאס אויף דער ערד. איך פרעג אים, וואָס איז? ער רעדט נישט, נאָר ער ווייזט מיר מיט א פינגער צום מויל. ער איז הונגעריק. איך לויף אין שטוב און ברענג א שטיקל ברויט; אָבער ליידער איז ער געשטאָרבן פון הונגער אין עטלעכע טעג שפּעטער.

אונדזערע לאנדסלייט האָבן אין ווארשע געבויט א צווייט אַלעקסאנדער; א זאָקן־אינדוסטריע. עס איז ווערט צו באצייכענען די פעאיקייטן פון אברהם יצחק שלאָסער און פון צווייטן שלאָסער אברהם הערשקאָוויטש (קרובעלע), ברוך לערערס זון. אברהם יצחק שלאָסער האָט אין ווארשע ערפינדן אזא סאָרט האנט־מאשין, וועלכע איז פריער נאָר געווען אויף קראפּט, פון 280 נאָדלען, מיט וועלכע מען האָט אויסגעארבעט פיינע זיידענע זאָקן. ער האָט ערפינדן א נייע דינע מאשין אויסצוארבעטן די פיינסטע פאטענט־זעקלעך פון 1 ביז 10. אָן 18 טיילונג האנט־מאשין און אברהם הערשקאָוויטש האָט אויסגעארבעט דאמען־מאשינען אויף 180 און 220 נאָדלען. די צילינדערס זיינען געוואָרן אריינגעשמוגלט פון גראָדזיסק. ביז א 50 אַלעקסאנדערער האָבן זיך איינגע־האנדלט אזעלכע מאשינען. אויף א מאשין האָט מען געווארט פון צוויי ביז דריי וואָכן. זיין פראַצאָווניע איז שטענדיק געווען פול מיט אַלעקסאנדערער. איך אליין האָב געהאט זעקס מאשינען. עס האָבן ביי מיר געארבעט זעקס

אלעקסאנדערער ארבעטער. בונים היימאן האָט זיך איינגעהאנדלט א מאשין ווי אויך איטשע רוזנשטראוך, הערשל וויינבערג, זלמן געטשינסקי א. אַ. די נאָדלען און דער גארן איז געוואָרן אריינגעשמוגלט פון אויסער דער געטאָ: די זאָקן זיינען געוואָרן ארויסגעשמוגלט אויף דער ארישער זייט. עס האָבן זיך אויך געשאפן עטלעכע פארבערייען און געפארבט האָט מען אין גרויסע אייזערנע טעפּ. פנחס היימאן האָט געהאט א פארבעריי, ברוך שלמה, לייבל האנדעלסמאן, יענקל גאָלדבערג, שלמה יחיאל מארקאָוויטש, און נאָך אנדערע.

נאָך דעם גרויסן גירוש, אין יאָר 1942, זיינען נאָך פארבליבן געציילטע אלעקסאנדערער יידן; מיין ברודער משה, ברוך שלמה האנדעלסמאן, ישראל יצחק ניסקער, ישראליק וויינבערג, הערשל מאנעלעס זון, איטשע ליכטענשטיין, הערשל מאנעלעס איידים, מאנע לייזערס א ברודערן זון, און הערשל מאנעלעס צוויי טעכטער. זיי זיינען אריין אין א שאָפּ אויף זשעלאזנע־גאס פון אן אלעקסאנדערן דייטש שולץ (נישט פון די רייכע שולצעס). דער האָט שטענדיק געשפּילט פוטבאָל מיט די אלעקסאנדערער יידישע פוטבאָליסטן. מיין ברודער משה איז געווען פון די פוטבאָליסטן. האָט ער געהאט פּראָטעקציע ביי דעם דייטש. האָט משה מיטגענומען די אויסגערעכנטע יידן צו שולצן. אלע ארבעטער זיינען געווען פארמויערט אין הויף פון דעם שאָפּ, אזוי האָבן זיי דאָרטן געארבעט עטלעכע וואָכן, ביז מען האָט דעם שאָפּ אויך ליקווידירט.

בעתן אויפשטאנד אין 1943 קומט א באפעל: דער גאנצער שאָפּ מוז אוועקפאָרן נאָך פּאָניאטאָוו; מיין ברודער משה, ברוך־שלמה, און ניסקער שטעלן זיך צו. זיי ווערן אוועקגעשיקט נאָך פּאָניאטאָוו, דאָרטן ווערן זיי דערשאָסן צוזאמען מיט גאנצן לאגער.

איך, ישראליק און ליכטענשטיין לויפן אין א באהעלטעניש. מיר זיינען דאָרטן מיט נאָך אכציק מענטשן. מיר האָבן מיט זיך א מאשין־ביקס. מיר ליגן דאָרטן אכט טעג אָן עסן אָן טרינקען; די דייטשן באפעלן, מיר זאָלן זיך אונטערגעבן, זיי גייען אונטערצינדן ס'הויז; מיר גייען אראָפּ; איך און ליכטענשטיין און נאָך עטלעכע מענטשן ביז א פופצן מאן; די רעשט ווערט פארברענט. אויך מיין טעכטערל פון 12 יאָר איז מיט מיר. מיר ווערן געשיקט נאָך לובלין. א סך מענטשן ווערן אין וועג דערשטיקט אויף טויט אין די וואגאָנען. פון לובלין שיקט מען אונדז אין לאגער בודזין. דאָרטן טרעף איך זיך מיט נאָך עטלעכע אלעקסאנדערער יידן ווי בן־ציון גאָלדבערג, מענדל פארבערס ברודער, יענקעלע שלאמס זון, בצלאל, היינט אין ישראל, אויך א געוויסן

טעוועל מיט יעקב לייבעלעס אן איידים. יעקב לייבעלע איז דער, וואָס האָט געהאלטן דעם שליסל פון אהל. ישראליק באקומט די ערשטע נאכט 50 שמיץ פון אן ס.ס.־מאן, ער קען זיך עטלעכע טעג נישט רירן. ער קריגט גרויסע היץ. ער בעט זיך, ער וויל שטארבן, ער באדויערט וואָס ער האָט אזוי פיל געקעמפט פארן לעבן. עס ווערט אים אביסל בעסער. ער ווערט דורך פראָ־טעקציע א פאַליציאנט. ער פרייט זיך, ער האָט געפונען א תפילין של ראש אין מיסט־קאסטן. ער לייגט יעדן טאָג די תפילין של ראש. יעקב לייבעלעס איידים פרייט זיך, ער האָט געפונען עטלעכע בלעטלעך פון מסכת־תענית (א גרויסער גאון געווען). שטענדיק ארייגעקוקט אין די בלעטלעך, כאָטש ער האָט געקענט גאנץ ש״ס אויסוויייניק.

עס קומט א באפעל: 127 מענטשן שיקן קיין מיידאנעק אין אויוון אריין. מען נעמט אלע קראנקע, שוואכע; מען טוט זיי אויס נאקעט, מען ווארפט זיי אריין אין די וואגאָנען. עס פעלט צו איין מענטש, עס איז נאָר דאָ 126. מען נעמט אוועק אונדזער טייערן בן־ציון גאָדלבערג פון דער ארבעט. מען טוט אים אויס נאקעט, מען ווארפט אים צו די קראנקע. זיי ווערן אין מיידאנעק פארברענט.

ישראליק און ליכטענשטיין זיינען אין דער לעצטער מינוט אומגעקומען, נישט געקענט אויסהאַלטן. דאָס זעלבע איז געשען יעקב לייבעלעס איידים און טעוועל.

ביז דעם 8־טן מאי 1945 בין איך געווען אין זיבן גיהנומס — ביים לעבן: ווארשעווער געטאָ, בודזין, וויעליטשקא, פלאשאָוו, גראס ראָזען, מיידא־נעק, בריניץ. דורך דער צייט האָב איך געזען טויזנט מאָל דעם טויט פאר די אויגן. געווען שוין געהאָנגען, געשאָסן, געשוואָלן פון הונגער.

דעם 8־טן מאי 1945, האָבן מיך די רוסן באפרייט. איך בין צוריקגעקומען נאָך לאָדזש און געזאָגט „אני שלמה". אָבער עס איז נישט געווען קיין לאָדזשער, אלס צוגערייזטע. און איך האָב נישט געהאט ווי איבערצוגעכטיקן. געשלאָפן אויף א בוידעם עטלעכע נעכט. איך טרעף אין לאָדזש אן אלעקסאנ־דערער ייד, דעם געלן יענקעלס א זון, דער וואָס האָט געהאט א שפייז־געשעפט. איך פאָר מיט אים נאָך אלעקסאנדער.

עס ווערט מיר פינסטער אין די אויגן: דער מארק איז באוואָקסן מיט גראָז; די גאס — טויט. מען זעט נישט קיין מענטש. איך פרעג מיך נאָך,

צי עס זיינען פאראן יידן. מען זאָגט מיר: עס זיינען פאראן עטלעכע. עס ווערט מיר אביסל לייכטער אויפן הארץ. מען ווייזט מיר א שטוב, וווּ עס וווינט א ייד, א בלעכער. איך קום אריין, טרעף איך זיך אָן אויף העניך יאקובאָוויטש, עלע קאוואלס איידים (היינט אין ישראל). העניך פאלט אויף מיר ארויף און מירביידע וויינען. העניך דערציילט מיר, אז עס זיינען פאראנען אין אלעקסאנדער עטלעכע יידן, ווי שמוליק גאָלדבערג, נחמן באהאריער, פייוול האנדעלסמאן, צאַדקעוויטש און נאָך עטלעכע. אָבער עס איז פאר מיר גאָרנישט קיין טרייסט.

דאָס הארץ וויינט אין מיר: די שול איז נישטאָ. דעם רבינס „הויף" נישטאָ. אין רבינס הויז — א פוילישע שולע. איך גיי אין מאגיסטראט, וווּ מען גיט מיר א ווינונג. א שטוב מיט א קיך אין קאָמענדאנטס הויז אויף דער אגראַדאָווער גאס. מען גיט מיר מעבל, אָנגעטועכטס און בעטגעוואנט.

נאָך עטלעכע טעג קומט אויך מיין טעכטערל. איך האָב זי שוין נישט געהאלטן פאר א לעבעדיקע.

ס'גוטע אָרט שטייט ווי אמאָל, נאָר דעם רבין העניכס אהל איז נישטאָ. א סך מצבות פעלן. מען האָט מיט זיי געברוקעוועט גאסן. אין משה בית־הקברותניקס שטוב וווינט א גוי. ער ווייזט מיר אָן, וווּ עס ליגן די פאָר יידן וואָס מען האָט געשאָסן דעם ערשטן טאָג, ווען די דייטשן האָבן פארנומען אלעקסאנדער.

ער דערציילט מיר, דאָס צווישן זיי ליגט א פאָליאק פון אלעקסאנדער, סטאשיקעל גנב. ער ווייזט מיר אויך אָן אויף אן אָרט, וווּ עס ליגן באגראָבן פערציק ספרי תורהס. עס לאָזט מיך נישט שלאָפן א גאנצע נאכט. צומאָרגנס נעם איך צוזאמען עטלעכע יידן און מיר גייען צום גוטן אָרט. איך מאַך א „אל מלא רחמים" און מיר זאָגן תהילים. מיר באשליסן צו גיין אויפגראָבן די ספרי תורה'ס, און מיר מעלדן דאָס דער פאָליציי. די פאָליציי ערלויבט אונדז, נאָר זיי מוזן זיין דערביי. זיי הייסן אונדז ארויסגיין צום גוטן אָרט, און זיי וועלן קומען עטלעכע מינוט שפעטער. מיר גייען פיר מענטשן. עס דויערט עטלעכע שעה און די פאָליציי קומט נישט. מיר קענען זיך נישט דערוואַרטן, און נעמען זיך אליין צום גראָבן; אָבער ליידער איז אלס פאר־פוילט. עס איז נישטאָ וואָס ארויסצונעמען. די פאָליציי האָט זיך דערוווסט אז מיר האָבן אליין געגראָבן, זיינען זיי גלייך געקומען און ארעסטירט מיך, יחיאל קאלישער און משה יחיאלן. זיי האָבן אונדז אריינגעוואָרפן אין א

פינצטערן קעלער; האָבן אונדז געהאַלטן פינף טעג. נחמן באהאריער מיט פייוול האנדעלסמאַן האָבן אינטערוועניִרט אין לאָדזשער קאָמיטעט און נאָך שווערע מי האָט מען אונדז באַפרייט.

מיר באַקומען א ספר תורה פון לאָדזשער קאָמיטעט און אָרדנען איין ביי מיר אין שטוב א מנין יידן. שבת, אויך ראש השנה און יום כפור האָבן מיר א מנין. יחיאל קאַלישער איז א גוטער חזן; ער האָט צוגעהאָלפן אין רבינס בית המדרש.

איך לערן אויס מיין טעכטערל אַרבעטן אויף א מאַשין. איך אַרבעט ביי שמוליק גאָלדבערג אין דער פאַרבערײַ. מיר אָרדנען זיך אביסל איין, אָבער נישט אויף לאַנג.

די אַ.קאַ. סטראַשעט אונדז, אַז אויב מיר יידן וועלן נישט פאַרלאָזן אלעקסאַנדער, וועלן זיי אונדז שיסן. די פּאָליציי זאָגט אונדז, אַז זי איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך. מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך ביי נאַכט. מיר האָבן שוין אויך געהאַט א קאָמיטעט. דער קאָמיטעט איז געווען אין יצחק לעווינס הויז אויף דער יידישער גאַס. דאָס איינציקע הויז וואָס עס איז געבליבן שטיין. מיר האָבן באַקומען שטיצע פון לאָדזש, אביסל געלט, אָנטועכטס. באהאריער איז געווען פּרעזעס; שפּעטער בין איך געוואָרן פּרעזעס, אָבער ליידער האָבן מיר געמוזט אויפסניי פאַרלאָזן אלעקסאַנדער.

שמחה טורקעלטאַוב /

ביים אלעקסאַנדערער רבי אין וואַרשעווער געטאָ

דער לובלינער תושב, שמחה טורקעלטאַוב, איז צוליב זיין ספּעציאַליטעט — מומחה אין דער לעדער־בראַנזשע — אָנגעקומען אויף אַרבעט אין אַמט פון שעף פון לובלינער דיסטריקט. ער האָט באַוויזן אין יענע צייטן — א דאַנק זיינע פעאיקייטן — אומצוגיין מיט מענטשן און בחוש אויסצוגעפינען, אפילו צווישן די רוצחים — דייטשע מענטשן, מיט וועלכע ס'לאָזט זיך רעדן. נישט איין יידן האָט ער א טובה געטאָן, דאָ אינטערווענירנדיק מיט א גוט וואָרט און דאָ מיטן גאַנגבאַרן ביים דייטש מיטל, שוחד. טורקעלטאַוב גיט איבער

פאַלגנדיקע פרטים, וואָס האָבן א שייכות צום אלעקסאנדערער רבין און זיינע חסידים. אגב, דער בעל הזכרונות צייכנט זיך אויס מיט א גלענצנדן זכרון, דערציילט וועגן אלץ, ווי דאָס וואָלט אָט־ערשט פאָרגעקומען.*

נאָכן ארויספירן די יידן פון לובלין בעת דער גרויסער אקציע פון מערץ־אפריל 1942 זיינען די איבערגעבליבענע אויפן אָרט יידן — א צען פראָצענט און איך בתוכם — איבערגעפירט געוואָרן פון צענטער שטאָט (געטאָ) אויף דער פארשטאָט פון לובלין מאידאן טאטארסקי — דאָס לעצטע געטאָ פון לובלין. זיי האָבן געזוכט וועגן אויף צו דערוויסן זיך, וואוהין האָט מען די געכאפטע יידן אוועקגעפירט און וואָס איז מיט זיי געשען. איינער א ייד, א פראנצאָז, וואָס האָט אין איינעם מיט מיר געארבעט אין דיסטריקט, האָט באקומען א קארטל פון ווארשעווער געטאָ פון זיין פריינדין קאָן, אין וועלכן ס׳איז געווען א רמז, אז אין ווארשע ווייסט מען, וואוהין די לובלינער יידן זיינען פארשיקט געוואָרן. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם האָב איך באשלאָסן צו טאָן אלץ, כדי אָנצוקומען קיין ווארשע און אויפן אָרט אויפקלערן דעם ענין.

איך האָב זיך געווענדן צום אָפטיילונגס־לייטער — דער דייטש יאַקזאַהן — וואָס איז געווען אן אנטשטענדיקער מענטש און מיטגעפילט מיט די פאר־יתומטע יידן, ער זאָל מיר באשאפן די געהעריקע דערלויבענישן אויף צו מעגן פאָרן מיט דער באן קיין ווארשע און קענען אריינגיין פריי אין געטאָ. יאַקזאַהן האָט מיך געוואָרנט, אז דאָס פאָרן מיטן צוג פאר א יידן, אפילו ווען ער האָט די נויטיקע דערצו אמטלעכע דערלויבענישן, איז לעבנסגעפערלעך, בפרט אויף דער דורכפארסטאנציע דעמבלין, ווו עס ווערט אדורכגעפירט א שטרענגע קאָנטראָל פון די רייזנדיקע און עס געשעט נישט זעלטן, אז א ייד ווערט אראָפּגענומען פון צוג און דערשאָסן ביי דער באן סטאציע, אן צו נעמען אין באטראכט זיינע פערזענלעכע דאָקומענטן.

טראָץ דעם האָב איך באשלאָסן נישט אָפּצוזאָגן זיך פון מיין פלאן און צוגעשטאנען צו יאַקזאַהנען, ער זאָל מיר די דאָקומענטן באשאפן. ער האָט

---

* צוליב די אלע מעלות זיינע איז טורקעלטאוב נישט איינמאָל אַרויסגעטראָטן ווי אן עדות פאר די געריכט־אָרגאנען תיכף נאָך דער מלחמה אין פוילן, שפּעטער אין ישראל, לעצטנס אין דייטשלאנד. זיינע זכרונות זיינען געדרוקט אין פארשידענע ביכער אויף פויליש, יידיש און העבּרעאיש.

דאָס געטאָן און איבערגעבנדיק מיר די געהעריקע דערלויבענישן האָט ער מיך נאָכאמאָל געוואָרנט — אָן דערפאָלג.

דעם 15.5.1942 בין איך ארויסגעפאָרן פון לובלין און נאָך דעם זעלבן טאָג אויף דער נאכט אָנגעקומען קיין ווארשע.

איך האָב פון מיין פארן קיין ווארשע נישט געמאכט קיין סוד פאר מיינע באקאנטע אין לובלין. פיל פון זיי זיינען צו מיר געקומען און געבעטן איבער־געבן גרוסן און בריוועלעך צו זייערע קרובים און באקאנטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין ווארשעווער געטאָ, צווישן זיי נישט ווייניק אנטלאָפענע פון לובלינער געטאָ.

ווען מען געפינט ביי מיר די דאָזיקע בריוועלעך בעת א רעוויזיע, וואָלט דאָס זיכער געווען געבראכט אויף מיר א טויט־אורטייל. כ׳האָב זיך אָבער דערמיט נישט גערעכנט.

צווישן אנדערע זיינען צו מיר געקומען דער מיטגליד פון יודענראט נחמן לערנער מיט נאָך אלעקסאנדערער חסידים, ווי איטשע מאיר סאניקס יינגסטער ברודער דוד, און זיין יינגסטער זון ירחמיאל, קעניגסבערג יוסף, זון פון באקאנטן גביר אין לובלין און סביבה קאָפּל קעניגסבערג א.א. זיי האָבן געוואָלט אויסצונוצן די געלעגנהייט פון מיין פאָרן קיין ווארשע, כדי מיט־צוגעבן א גרעסערן סכום געלט פארן אלעקסאנדערער צדיק, וואָס האָט זיך צו דער צייט געפונען אין ווארשעווער געטאָ און געוווינט אויף דזיעלנע־גאס, ערשטער שטאָק. פארשטייט זיך, אז איך האָב נישט געקענט זיי דאָס אָפּצוזאָגן.

ווען כ׳האָב דעם 17.5.1942 אָנגעקלאַפּט אין דער דרויסנדיקער טיר פון רבינס דירה, האָט מיר געעפנט די טיר א נידעריקער ייד, דער שמש. איך ב־ין אריין אין האלב־טונקעלן פאָרהויז און געזאָגט, אז איך וויל זיך זען מיטן רבין. ווייזט מיר דער שמש אן אויפן קאָפּ און רופט זיך אָן: יאָ, מען קען זיך זען מיטן צדיק, אָבער ווי אזוי קומט מען צו אים אָן א היטל?! — ערשט איצט האָב איך זיך געכאפּט, אז איך בין ארויסגעפאָרן פון לובלין בגלוי ראש. פארלוירן האָב איך זיך אָנגערופן: „אוי, איך קום פון לובלין, און מעגלעך אז איך בין נישט ביי די קלאָרע געדאנקען", — און געוואָלט אראָפּגיין קויפן א היטל. דאָס האָט דערהערט דעם צדיקס זון; ער איז ארויס פון צימער און גלייך צו מיר צו; געגעבן שלום און געפרעגט, וואָס איך וויל.

איך האָב אים געענטפערט, אז איך קום פון לובלין און האָב געבראכט פון דאָרט געלט פאַרן צדיקס וועגן און איך וויל אים דאָס פערזענלעך איבער־געבן; אָבער איך מוז קודם אראָפּגיין קויפן זיך א היטל. דער זון האָט מיך אָפּגעשטעלט: „גייט נישט, לויפט נישט, בארואיקט זיך. איך גיי אריין צום צדיק איבערגעבן, אז איר זיינט דאָ. ווייל פון לובלין האָט שוין דער צדיק א לאנגע צייט קיין ידיעה נישט געהאט". ער איז אריין אין צווייטן צימער צום רבין; אין א ווײַלע איז ער צוריקגעקומען און איבערגעגעבן, אז דער צדיק האָט געהייסן אריינקומען אפילו אָן א היטל, און מיך אריינגעפירט אין א גרויס ליכטיק צימער.

ביים זון־באַגאַסענעם פענסטער איז געשטאנען א קיילעכדיקער טיש מיט אָפענע ספרים, אין וועלכע דער צדיק האָט אריינגעקוקט. ווען כ'בין אריינגעקומען, האָט דער רבי א פרעג געטאָן: שמחה? — איך בין געבליבן משתומם! פון וואנען קען דער צדיק מיין פאָרנאָמען? דער צדיק האָט דאָס באמערקט און א זאָג געטאָן: „ס'איז נישט קיין נביאות". ער גייט צו א שופלאָד, עפנט אים און נעמט ארויס א פאק בריוו, פון זיי ציט ער ארויס אייניקע און ווייזט זיי מיר: „אָט דאָס זיינען בריוו פון מיינע חסידים אין לובלין, זיי האָבן מיר צווישן אַנדערן געשריבן וועגן א שמחה טורקעלטאוב, וואָס האָט געראטעוועט פון ארבעט יידן און בחורים פון דער ישיבת חכמי לובלין".

איך גיב אים איבער דאָס געלט, דער רבי וויל מיר געבן א קבלה, נאָר איך זאָג, אז דאָס איז נישט נויטיק.

דער רבי פרעגט מיך דאָן, צי דער לאָדזשער מורה הוראה הרב יוסף פיינער, זיינער א חסיד, איז נישט מיין שווער. איך זאָג, אז יאָ, און גיב צו, אז איך האָב בדעה אים, מיין שווער מיט זיין פרוי, מיין שוויגער, צו ברענגען פון לאָדזש (געוווינט האָבן זיי אויף גדאנסקא 23) קיין לובלין; ווייל — ווי מיר זיינען געווען דעמלט איבערצייגט — וועט אין לובלין נאָכן גרויסן גירוש שוין זיין רואיק, בעת אנדערע שטעט דערוואַרט ערשט דער זעלבער גורל, בפרט לאָדזש, וואָס איז דאָך צוגעטיילט געוואָרן צום רייך. פאַר 10,000 זלאָטעס האָט מען דעמלט געקענט אריבערפירן א פערזאָן פון לאָדזש קיין לובלין.

דער צדיק האָט מיך אויפמערקזאם געמאכט, אז ביי אזעלכע טראנזאקציעס דאַרף מען זיין זייער פאָרזיכטיק. מען קען אריינפאלן אין די הענט פון

שווינדלער. ער האָט אונטערגעשטראָכן, אז אין אזעלכע פאלן דארף מען קודם כל דאָס געלט איינלייגן ביי פרעמדע און טיילמאָל טרעפט, אז אומ־פאראנטוואָרטלעכע מענטשן נעמען עס צו. עס קען פארלוירן גיין א פאר־מעגן, אָן צו האָבן א וואספארא נישט איז נוצן פון דעם. דעריבער האָט ער פאָרגעלייגט, קודם כל אָנפרעגן ביים הרב פיינער אין לאָדזש, צי איז ער גופא מסכים צום איבערפאָרן. נאָכן באקומען פון הרב פיינער זיין הסכמה, וועט ער, דער צדיק אליין, דאָס ערלעדיקן דורך די באוווסטע אין ווארשע קאָן און העלער, וואָס קומען צו אים אריין. ביי זיי וועט מען נישט דארפן איינלייגן דאָס געלט פאָרויס, נאָר באצאָלן זיי (20,000 זלאָטעס פאר צוויי פערזאָן) נאָכן ברענגען די מענטשן קיין לובלין. איך בין דערויף מסכים געווען. דער רבי האָט מיר געהייסן קומען אין א צוויי וואָכן ארום, וועט שוין מסתמא זיין די תשובה פון מיין שווער.

ביים געזעגענען זיך האָט דער צדיק מיך געבעטן, אזוי ווי איך קום קיין ווארשע אין שליחות פון מיין אמט, בערך איינמאָל אין חודש, זאָל איך יעדעס מאָל אָפּשפּאָרן א האלבע שעה פאר זיינעטוועגן „אויף צורעדן". נאָך א צוויי וואָכן בין איך ווידער געווען ביים צדיק. ער האָט מיר געוויזן א בריוו פון מיין שווער, הרב פיינער, אז ער וויל נישט פארלאָזן לאָדזש און זיינע יידן.

ביים רבין בין איך געווען א צוויי־דריי מאָל, ביז ס'האָט זיך אלץ געענדיקט.

זאב (וולף) גרינשפן /

איך ניצלתי מצפרני הצוררים

בן שש־עשרה הייתי כשפרצה מלחמת העולם השניה. למדתי אז ב„ישיבת אהרן" שבעיר זגירש. היה זה עולם של רוח וקדושה, בו ניתקנו עצמנו מעולם ומלואו ושקדנו בהתמדה על הגמרא הרחבה — באר המים החיים שממנה ניזונו דורות על דורות וממנה ינקה האומה את כוח עמידתה ועוז כוחה.

שרויים היינו באווירה נאצלת של תורה וחסידות, כאשר החרידו אותנו בשורות האיוב על פלישת קלגסי הנאצים ימ"ש לאדמת פולין. בבת־אחת

חשך עלינו עולמנו. נאלצנו לנטוש את קננו הנעים, ונתפזרנו לכל עבר.

כשחזרתי לבית הורי אשר בלודז' כבר היתה העיר אחוזה בהלה ונתונה במצב של תוהו ובוהו. שמועות מסמרות־שיער על נגישות ורציחות מצד קלגסי הנאצים, פשטו על פני העיר וזרעו אימה ופחד. יהודי לודז' חרדו מפני הבאות וכל אחד חיפש לו דרך להימלט מן הפורענות.

בני משפחתי החליטו לעבור לווארשה. נטשנו את הבית ואת הרכוש, לקחנו רק מעט מטלטלין, ואחרי מאמצים מרובים וסכנת נפשות הצלחנו להגיע ברכבת לווארשה. לחרדתנו מצאנו גם כאן אותו מצב קודר של תוהו ובוהו ואימה מדכאת. נוסף לכך שררה בווארשה צפיפות איומה, עקב ריבוי הפליטים שנהרו אליה, וזו גרמה להתפשטות מחלות ורעב.

אחרי התייעצות קצרה הוחלט שהמשפחה תתחלק לשניים: אבי ואחותי ז"ל נשארו בווארשה, ואילו אני, אמי ואחותי השניה חזרנו ללודז'. עתה כבר היתה הדרך קשה ומסוכנת פי כמה, כי בינתיים נאסר על היהודים לנסוע ברכבות. בדרך־לא־דרך ואחרי נדודים רבים וקשים הגענו סוף־סוף למחוז חפצנו. אך גם כאן ציפתה לנו הפתעה מרה: יהודי לודז' והסביבה נכלאו בתוך גיטו, שהיה נתון במשטר אימים של הנאצים. הצפיפות בו היתה ללא נשוא ודכאון כבד אפף את הגיטו. אימה ופחד מילאו את הלבבות, ועל כל אלה — הרעב הציק בכל מוראותיו.

אותו יום ערב ראש־השנה היה. בלב נדכא ונשבר עמדתי בתור ארוך, כדי לקבל מנת אוכל זעומה. פתאום נתחוללה בהלה מסביב. שמועה חלפה, כי הגרמנים חוטפים יהודים ברחובות ומטעינים אותם על משאיות. ואכן, לא ארכו הרגעים ואנשי ס"ס הופיעו בקצה הרחוב. התחוללה מנוסת־בהלה. גם אני נשאתי רגלי והתחלתי לרוץ בכל כוחי, אך לגודל חרדתי הבחנתי באיש ס"ס הדולק אחרי. במרוצתי נקלעתי לביב שופכין ומיד ירדתי והסתתרתי בו. הגרמני חשב שטבעתי בתוך הביב ונטש אותי.

תוך מאמץ בל ישוער עמדתי שם כך, כמה שעות, עד שהחשיך. כשעליתי מתוך הביב הייתי כבר קרוב לאפיסת כוחות. כל עוד נשמתי בי רצתי הביתה, אל אמי ואחותי, אך לאכזבתי הנוראה לא מצאתי אותן בבית. נתברר, כי הגרמנים לא הסתפקו בחטיפת יהודים ברחוב, אלא חדרו גם לבתים וחטפו מכל הבא ליד.

ברכי פקו וראשי נסתחרר עלי. התמוטטתי על מיטתי ולא ידעתי נפשי מרוב צער ויגון.

שעה ארוכה שכבתי כך על מיטתי, עד שהרגשתי במשהו קשה המעיק על ראשי מתחת לכר. מיהרתי להרים את הכר והופתעתי לראות סיר מכוסה, עטוף היטב במגבת. פתחתי את הסיר וריח של תבשיל חם עלה באפי. לבי נכמר בי עד לכאב: אמי הטובה והיקרה — לפני שנפלה בידי הרשעים עוד הספיקה להכין תבשיל חם לכבוד החג. לא היה קץ להתרגשותי ודמעותי — אשר לפני כן קפאו בגרוני — פרצו עתה בעוז והתייפחתי בבכי סוער. כך עמדתי והתפללתי תפילת מעריב של ראש־השנה. כל תחנוני היו, כי אזכה עוד לראות שוב את הורי ואחיותי ויתר בני משפחתי.

ואכן, תפילתי החמה נתקבלה ותקוותי נתגשמו בחלקן.

למחרת, בעמדי בתפילת ראש־השנה, נפתחה פתאום הדלת ואמי ואחותי הופיעו. הן הצליחו להימלט מידי הגרמנים ולחזור הביתה. נפלנו זה על צווארי זו ובכינו מרוב התרגשות.

כך חלפו עלינו בגיטו שנתיים ימים, עד שהגיע היום המר והנמהר, שבו החלו המשלוחים לאושוויץ. עד מהרה הגענו גם אנו לאותו גיהנום. הגרמנים הפרידו בינינו באכזריות: אני נלקחתי אל אחד הצריפים תוך מכות קשות ואכזריות ומשהגעתי לצריף צנחתי על הרצפה שבור ורצוץ ונרדמתי. בחלומי נראו לי פניו המאירים, עטורי הזקן הלבן, של סבי ז״ל, ר׳ הרשל גרינשפן, יהודי יקר וירא־שמים, שהיה שמש בבית־הכנסת באלכסנדר והיה חוסך ממשכורתו הדלה פרוטה לפרוטה ונותן לי, כדי שאוכל להתמיד בלימוד התורה. נפעם מאד הייתי בהקיצי ולבי אמר לי כי יש דברים בגו. ואכן נתרחש בי נס: למחרת היום נערכה סלקציה בצריפים ורוב שוכניהם נשלחו אל המשרפות. בתוך הדחק והמהומה שהתחוללו מסביב נשמטתי וניצלתי. יודע אני לבטח, כי הצלה זו, וכן ההצלות האחרות שאירעו בי לאחר מכן, בעזרת השם, באו לי בזכות סבי ז״ל ואמי ע״ה, שכל שאיפתם ומשאת־נפשם היו, שאתמיד בלימודי קודש ואהגה בתורה הקדושה. לעולם לא אשכח את המלים האחרונות ששמעתי מפי אמי ע״ה, כאשר ראיתיה מרחוק מובלת על־ידי הרשעים. היא צעקה אלי: „וועלוועלה, דיר וועט גאָט העלפן און דו וועסט מצליח זיין״ (אותך יושיע אלוקים ואתה תצליח). נבואה זו שנזרקה מפי אמי, היא שעמדה לי לאזור עוז ולהינצל כמה וכמה פעמים ממוות בטוח.

זכורני, שהובאתי פעם אל מחנה גדול, ששימש מקום ריכוז של שבויים, ביניהם צרפתים, פולנים ואיטלקים. אנו היינו מבודדים, כמובן, מן השבויים, אשר מצבם היה טוב הרבה משלנו. היו ביניהם אנשים טובי לב, שהשליכו

לנו מפעם לפעם פרוסות לחם, אשר עליהן התנפלנו כזאבים טורפים. יום אחד חדלו מזה. שמענו איך הפולנים שביניהם מסיתים אותם נגדנו ואומרים להם: „אל תתנו אוכל ליהודים המטונפים, שהרי ממילא לא ישאירו אותם הגרמנים בחיים!" כך חלפו ימים אחדים והרעב הירבה להציק ללא חמלה. ביאושי התאזרתי עוז וקרבתי סמוך לגדר־התיל המחשומלת, אשר מעברה השני עמד שבוי צרפתי. התחננתי לפניו ברמיזות יד ופה שירחם עלי ויתן לי פרוסת לחם. ברגע זה הופיע איש ס"ס וראני בכך. הוא חשד בי, כי מסרתי לשבוי ידיעות סודיות, ומיד לקחני אל המפקדה, שם הואשמתי בריגול. ידעתי את הצפוי לי וכבר הייתי מוכן ומזומן לפסק־הדין. והנה הופיע פתאום אחד הקצינים הגבוהים. הוא נתן בי עיניים מלאות בוז ושאל: „מה מעשיך כאן?" אנשי המפקדה החלו לספר לו את החטא שחטאתי, אך הלה הוסיף להביט בי בבוז, ולבסוף בעט בי בחזקה וצרח: „הערַאוּס! פערשטונקענער יודע!" (צא, יהודי מצחין!).

וכך שוב ניצלתי בנס.

זכור לי עוד נס, שאירע לי במחנה אחר:

מאז ומתמיד הייתי חוור וחלש ולא הצטיינתי בגבורה גופנית. במחנות לא נדחקתי מעודי אל ראש התור, כדי לזכות במנת אוכל או לתפוס לי איצטבה של עץ לישון עליה. תמיד הייתי בין האחרונים בכניסה לצריף, כך שתמיד נאלצתי לישון על רצפת הבטון הקרה. דבר זה גרם לי אמנם סבל רב, אך השתדלתי תמיד למנוע סבל זה מאחרים. פעם אחת עלתה מחשבה בלבי, להיות פעם בין הראשונים לכניסה לצריף. נדחקתי בכל כוחותי, עד שהצלחתי להיכנס בין הראשונים ולתפוס לי איצטבה שהיתה האחרונה, הרחוקה ביותר מן הכניסה. אותו לילה באו פתאום אנשי ס"ס והוציאו שבעים וחמשה אחוזים מהאנשים אל המשרפות. אני, היות שהייתי הפעם מרוחק, בין האחרונים בצריף, שוב ניצלתי בנס.

פעם אחרת נתגלגלתי למחנה בראונשווייג, שם עבדתי בבית־חרושת בשם „ביסינג־ווערק". במפעל עבדו גם גרמנים אזרחים. אלה הביאו אתם כל יום צרורות מלאים מזון ואכלו לשובע. ואני, שהייתי שבור ורצוץ אחרי ימים רבים של מצוקת רעב, עיני יצאו מחוריהן מקנאה, בהביטי בהם באָכלם. פעם, הניח גרמני אחד את ארוחתו על השולחן והלך לרחוץ ידיו. לא יכולתי לשלוט בעצמי וברעבתנות יתירה חטפתי את האוכל מעל לשולחן ובלעתי, אותו בבת־אחת. כשחזר הגרמני ולא מצא את ארוחתו התקצף עלי מאד

והחל לצרוח, לגדף ולקלל. מיד נזעקו כמה מאנשי הס"ס ששמרו עלינו ושאלו לפשר הצעקות. הללו היו אך מצפים להזדמנות כזו, כדי להתעלל. אך ברגע האחרון, למזלי, התחולל איזה שינוי בלבו של הגרמני והוא בדה איזה נימוק אחר לצעקותיו.

כך שוב ניצלתי בנס.

מאיר גוזא /

וואגלענישן פון אן אלעקסאנדערער ייד

אין 27.12.1939 איז פאָרגעקומען די אלגעמיינע אויסזידלונג פון אלעקסאנ־דער קיין גלאָוונע.

איך בין אָנגעקומען קיין טאָמאַשאָוו און דאן אוועקגעפאָרן מיט מיין פאמיליע נאָך כמעלניק, ווו מיר האָבן געלעבט פון אָנהויב 1940 ביז 1943, ד. ה. ביז דער אלגעמיינער אויסזידלונג דאָרטן.

עס איז פאָרגעקומען א סעלעקציע פון עלטערע, קינדער, ווי אויך יוגנט־לעכע האָט מען געשאָסן. א טייל יונגע קרעפטיקע האָט מען איבערגעלאָזט און געבראכט אין לאגער סקארזשיסק.

איך בין באשטימט געוואָרן צו ארבעטן אין „ווערק B".

איינמאָל אין דערפרי, ווען איך בין געשטאנען און געארבעט, איז צוגע־קומען צו מיר א מייסטער (מיטן נאָמען נייגאַץ) פון אן אנדערער פאבריק און מיך עפעס געפרעגט. ווען איך האָב אים געענטפערט נישט לויט זיין פארלאנג, האָט ער מיך אָנגעהויבן מערדערלעך צו שלאָגן ביז בלוט. דאן האָט ער מיך אראָפּגענומען צו זיך אין צימער. דאָרט האָבן זיך אין דעם מאָמענט געפונען דער דייטש הערינג און אנדערע דריי פערזאָן: מעשנער, פערלאָווסקי און זיין פרוי.

מיט דיקע שטעקענעס האָט מען מיך אָנגעהויבן פונדאָסניי צו שלאָגן און פייניקן פון 2 בייטאָג ביז 7 פארנאכט. יעדעס מאָל ווען איך בין געפאלן אין חלשות, האָט מען מיך אָפּגעגאָסן מיט קאלט וואסער (עס איז געווען ווינטער) און דאן ווידער געשלאָגן, ביז ס'איז געקומען די אנדערע שיכט ארבעטן. זיי האָבן מיר אָנגעהאָנגען א שטריקל מיט א צעטל „יודע פערעטער", דערביי

האָט מען מיך געפּרעגט, פאַרוואָס מען שלאָגט מיך. מען האָט מיך אוועק־געשטעלט אויפן טיש און געמאַכט פון מיר א קאַריקאַטור.

איך אליין בין שוין נישט געווען בכוח איועקצוגיין פון דאָרט און מען האָט מיך מיט א טראָגבעטל אוועקגעטראָגן אין בלאָק אריין. א טאָג צייט בין איך נאָך דער טאָרטור געלעגן לגמרי אומפּעאיק צו דער ארבעט. בשעת כ׳בין געקומען אין לאַגער סקאַרזשיסק, בין איך געווען געזונט, שטאַרק, גוט געבויט. און נאָכדעם, ביז היינט זיינען ביי מיר געבליבן סימנים פון דריי אויסגע־שניטענע שטיקער פלייש פון לייב.

אזוי ווי איך בין שוין נישט געווען פּעאיק צו דער ארבעט, האָט מען מיך געוואָלט שיסן. געראַטעוועט האָט מיך די אינטערווענץ פון דער בלאָק־עלטסטער פרוילײן קליינגאַרטן און פון א געוויסן יידישן בלאָק־עלטסטער יעקב מילגראַם (ביידע פון לאָדזש). זיי האָבן געפּועלט, איך זאָל נאָך דערוויל ווייטער ארבעטן.

דער מערדער הערינג האָט זיך אָבער נאָך נישט געהאַט באַרואיקט און נישט געוואָלט איך זאָל ארבעטן ביי מעשנערן אין פאַבריק. ער האָט מיך צוגענומען צו זיך אין פאַבריק, כדי ביי יעדער געלעגנהייט מיך צו קענען שלאָגן (ביי מעשנערן איז די ארבעט געווען אביסל לייכטער). ביי יעדער קלייניקייט בין איך געוואָרן שרעקלעך געשלאָגן און בלוט האָט זיך יעדעס מאָל פון מיר געגאָסן. איך האָב זיך אליין געבעטן, ער זאָל מיך שיסן, איידער פּייניקן.

אין דער צייט איז אין פאַבריק פאָרגעקומען א סעלעקציע. מען האָט אויסגעקליבן די שוואַכערע, אויך מיך, און אויסגעשטעלט אויפן שיס־פּלאַץ.

אין דעם מאָמענט האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט פון לאַגער צו מיר א זאָג געטאָן: „דו בלייב נאָך אויף ווייטערס". צומאָרגנס בין איך אוועק ארבעטן צוריק אין פאַבריק. הערינג האָט מיך באַמערקט און עס איז אים מיין בלייבן לעבן נישט געפעלן געוואָרן.

ביים אוועקשיקן א גרופּע מענטשן פון ווערק „B" אין ווערק „C", בין איך אויך אויסגעקליבן געוואָרן. איך האָב פאַרשטאַנען, אז דאָ וועל איך אין אייניקע טעג ארום אומקומען. אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון 30 מענער.

אין משך פון 4 וואָכן האָבן 27 ארבעטער נישט אויסגעהאַלטן פון דער שווערער ארבעט, ווי אויך פון די קלעפּ מצד די פּוילישע ארבעטער. נאָר איך און נאָך צוויי יידן זיינען לעבן געבליבן.

די ארבעט אין סקאַרזשיסקער ווערק „C" איז געווען זייער א געפער־לעכע. מען האָט געאַרבעט ביי די גיפטן: טראָטיל און פּיקרין. די מענטשן זיינען געפאַלן ווי פליגן. אָנגעפירט מיט דער ארבעט האָבן מיראָווסקי און גאַיאַרטשיק. עס איז געווען אוממעגלעך צו דערהאַלטן דאָס לעבן, ווייל מען האָט שרעקלעך געיאָגט ביי דער ארבעט, וואָס האָט געדויערט פון 6 פרי ביז 10 אויף דער נאַכט. ביים גיין צו דער ארבעט פון לאַגער איז מען באַגלייט געוואָרן פון אוקראַינער „ווערקשוצן" (פאַבריקהיטער). נאָך דער ארבעט האָט מען ספּעציעל שנעל געיאָגט אין לאַגער אריין, כדי נישט אלע זאָלן קענען מיטגיין, די אָפּשטייענדיקע האָט מען געשאָסן אויפן וועג (5000 מאַן זיינען געגאַנגען ארבעטן).

אין בלאָק פלעגט מען אנידערפאַלן אָן כוחות.

איינמאָל אין א פרימאָרגן זיינען אָנגעקומען פיל אוקראַינישע כוליגאַנען. נאָך דער ארבעט האָבן זיי געמאַכט אַן אַפּעל און אויסגעקליבן די, וועלכע קענען נישט שטיין גלייך אין דער ריי, דריי אויסגעקליבענע האָבן זיי אויפ־געהאָנגען אין אלעמענס אָנוועזנהייט.

דאָס עסן אין ווערק איז געווען זייער ווייניק, מען האָט באַקומען א ברויט פון 1 קילאָ 80 פאַר 20 פּערזאָן, דערצו א האַלבן ליטער וואַסער־זופּ און שוואַרצע קאַווע. מיט דעם האָט מען געמוזט ארבעטן לויט די פאַראָרדנונגען פון די פּוילישע קאַפּאָס, און צושטעלן א נאָרמע פון 2200 שווערע גראַנאַטן (500־ער) א טאָג.

איך האָב געפילט, אז איך געפין זיך אין א זייער ערנסטער לאַגע און וועל נישט קענען אויסהאַלטן.

איך האָב זיך אריינגעלייגט אין בלאָק 14 (אין טויטן־בלאָק). יעדע 8 טעג פלעגט קומען אַן אויטאָ נאָך די שוואַכע, האַלב־טויטע מענטשן. דער אָנפירער פון דער ארבעט איז געווען דער דייטש אימפּלינג. ער פלעגט ארויס־נעמען פון דעם בלאָק די צעבראָכענע מענטשן און פירן זיי אויפן שיס־פּלאַץ. איך בין אויך אריינגעפאַלן צווישן זיי. אויפן וועג בין איך אראָפּגעשפּרונגען פון אויטאָ און זיך באַהאַלטן אין א פרויען־בלאָק.

דאָס גליק איז געווען, וואָס אימפּליג האָט נישט געהאַט אויפגענומען די נעמען פון די מענטשן. ער האָט זיי ארויפגעוואָרפן אויפן אויטאָ און געפירט צום שיסן. איך בין פון דעמלט אָן ווידער געגאַנגען ארבעטן. נאָך א געוויסער צייט זיינען געקומען צופאָרן עטלעכע הויכע געסטאַפּאָ־באַאַמטן און געמאַכט

א סעלעקציע, אָפּגעטיילט די געזונטע פון די שוואכע און קראנקע און דערביי געקוקט ווי איינער שטייט אויף די פיס. צווישן די אָפּגעקליבענע צום שיסן בין איך ווידער אויך געווען.

מען האָט אונדז אריינגעפירט אין א באזונדערן באראק, פון וואנען דער לאסט־אויטאָ זאָל אונדז קומען נעמען. איך האָב אויסגעהאקט די שויב, ארויסגעשפרונגען דורכן פענצטער און זיך באהאלטן אין א קאסטן פון קלאָזעט.

נאָך א מעת־לעת ליגן בין איך ארויס און צוריק אריין אין מענער־בלאָק. אינדערפרי, ווען איך בין געגאנגען צו דער ארבעט, האָט מיך באמערקט דער יידישער קאָמענדאנט פון בלאָק שענבערג און מיר געגעבן „גוטע האָפענונג״ אז אזוי ווי איך בין נישט דערשאָסן געוואָרן, וועט מען דאָס טאָן אויפן ארבעטס־פּלאץ, ווייל אזא „לייזע״ דארף מען נישט.

איך האָב געזען, אז מיין לאגע איז א ביטערע און גענומען זוכן, ווי אזוי צו קענען דערהאלטן דאָס לעבן. איך בין געגאנגען אויף פארשיידענע מיסטן זוכן א קארטאָפל, א בוראק, שאָלעכץ.

איינמאָל האָט זיך געמאָלדן א פוילישער פורמאן, אז ער דארף א מאן צו דער ארבעט. ער האָט געפירט די קעסטלעך פון טראָטיל און פּיקרין פון איין באראק צום צווייטן. צום גליק בין איך געוואָרן אויסגעקליבן. דער קריסט האָט געזען, אז איך וויל ארבעטן, אָבער איך קען נישט. איך בין געווען שוואך און געשוואָלן. איך האָב זיך אפילו נישט געקענט ארויפזעצן אויף דעם וואגן; דער פּאָליאק איז געווען א גוטער און מיר געזאָגט, אז איך וועל שוין ביי אים בלייבן און ער וועט זאָרגן איך זאָל האָבן צו עסן. ער האָט געהאט גרויסע באקאנטשאפט אין קיך און פלעגט קריגן 3 מיטאָגן (אין קיך האָבן געארבעט בלויז פּאָליאקן פון זיין שטאָט סקארזשיסק). ער האָט געפּאָדערט א פּאָרציע פארן ייד און פארן פערד. נאָכן אָפּעסן א גאנצע מענאשקע זופּ, האָב איך באקומען א דורכפאל. מיינע קישקעס זיינען שוין געווען פארטריקנט פון נישט דערעסן. אָבער איך האָב געגעסן, נישט קוקנדיק אויף מיין דורכ־פאל. צו דער זופּ פלעגט דער פורמאן מיר נאָך געבן א שטיקעלע ברויט.

דער קריסט האָט מיך זייער גוט באהאנדלט. אויף דער אָנפראגע פון מייסטער פון פאבריק, ווי איך ארבעט, האָט ער אלעמאָל געזאָגט, אז איך בין א גוטער ארבעטאָר. דער פורמאן האָט געהייסן מאליק פון סקארזשיסק. איינמאָל האָט מיך א דייטשער קאָנטראָלער געטראָפן זיצן און רוען, בעת

דער פורמאַן האָט געאַרבעט. דער דייטשער מייסטער האָט זיך אָנגערופן, אַז קיין פּוילישער דאַרף נישט אַרבעטן, נאָר דער ייִד איז דערצו באַשטימט, און ווען ער קען נישט אַרבעטן, איז „ביי אונדז פאַראַן אַ פעלד צום שיסן". דער פורמאַן האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַליין דערלויבט דעם ייִד אַביסל זיך אָפּרוען.

דער דייטשער מייסטער האָט דאַן געזאָגט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל, און אַז אַנשטאָט צו שלאָגן דאָס פערד, זאָל דער פורמאַן שלאָגן דעם ייִדן, ווייל ביי דייטשן זיינען מער געשעצט פערד, ווי קרעציקע ייִדן.

אָפּאַרבעטנדיק אַ גאַנץ יאָר ביים פורמאַן, בין איך געקומען צו זיך. שפּעטער־צו האָב איך איינגערעדט דעם קריסט, אַז ביים צוים פון לאַגער קען מען פאַרדינען געלט, ער זאָל ברענגען פּראָדוקטן, און איך וועל עס פאַרקויפן. אַזוי אַרום האָב איך פאַרבעסערט מיין מצב און געקומען צו די כוחות, אפילו געקראָגן צו זיך אַ געהילף (איך האָב פאַר דעם געצאָלט דעם פּוילישן מייסטער). די דייטשן האָבן זיך גאַנץ ווייניק געמישט און האָבן זיך פאַרלאָזט אויף די פּוילישע קאָליגאַנעס, וועלכע האָבן גענוג געשלאָגן.

אַזוי האָב איך געאַרבעט ביז דער עוואַקואַציע פון לאַגער קיין דייטשלאַנד. צוערשט זיינען מיר געבראַכט געוואָרן קיין פּיאָטרקאָוו. הונדערטער ס.ס.־לייט און טויטן־קעפּ האָבן אונדז באַוואַכט. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז מען פירט אונדז אין די גאַז־קאַמערן צום טויט, ווייל די דייטשע באַאַמטן און ס.ס. האָבן אונדז געזאָגט, אַז מיר וועלן ווערן פאַרניכטעט. צומאָרגנס האָט מען אונדז ווייטער געפירט, וואוהין — האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר זיינען אָנגעקומען אין סולעיעוו. אונדזער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון 2500 מאַן. מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ שטאַל פון בהמות. דאָרט זיינען אַלע געשלאָפן אויף דער ערד. דריי חדשים האָט מען זיך שרעקלעך אָפּגעמאַטערט. לייז האָבן אונדז געפרעסן. קיין טראָפּן וואַסער צום טרינקען איז נישט געווען, קיין העמד צו וואַשן, קיין אָרט צו שלאָפן. די אַרבעט איז דאָ געווען אַ שווערע — זומער ביי די גרעסטע היצן, ביי „אַקאָפּעס", אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דייטש אָטאָ, וועלכער פלעגט אונדז מערדערלעך שלאָגן.

דעם 3 נאָוועמבער 1944 איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע ייִדן מוזן פאַרלאָזן דעם לאַגער. מען האָט אונדז אַריינגעפּאַקט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אַזוי ווי הערינג אין פאַס, און מיר זיינען געפאָרן אָן אַ שטיקל ברויט, אָן וואַסער ביז קיין טשענסטאָכאָוו. דאָ האָט מען אונדז געשטעלט צו פאַרשיידענע

שווערע ארבעטן אין לאגער טשענסטאָכאָוויאנקא. אָבער דאָס עסן און שלאָפן זיינען דאָ געווען אביסל בעסער ווי אין סולעיעוו. דאָ האָט מען אויך געקענט גנבענען א קארטאָפל, א בוראק און נאָך אזעלכע מאכלים.

דעם 15.1.1945 האָבן מיר געמוזט פארלאָזן אויך דעם לאגער, אזוי ווי רוסלאנד האָט פארנומען די פוילישע געביטן. האָט מען אונדז אָנגעלאָדן אויף די וואגאָנען און נאָך א לענגערער צייט פאָרן אָן עסן און וואסער — אויפן וועג זיינען פיל געשטאָרבן (די דייטשן האָבן די טויטע קערפערס ארויס־געוואָרפן פון צוג ווי הינט) — איז מען אָנגעקומען קיין בוכנוואלד.

דאָ האָט זיך פאר אונדז פאָרגעשטעלט דער טויט, זעענדיק די גאז־קאמערן און די קרעמאַטאָריומס רויכערן סיי בייטאָג סיי ביינאכט. ביי דער רעוויזיע האָט מען אלץ ביי אונדז צוגענומען. מען האָט אפילו ארייַנגעקוקט אין מויל, צי מען האָט נישט קיין גאָלדענע ציינער. דערנאָך ארייַנגעפירט אין באָד, אָפגעשניטן די האָר, געגעבן העפטלינגס־קליידער. עס איז געווען ווינטער. מיר האָבן נישט באקומען קיין גוטע שיך, קיין מאנטל אָדער אונטערהויזן, אויך נישט קיין זאָקן. דער קערפער איז געווען קוים פארדעקט.

איך בין געווען אין ריכטיקן טויטן־בלאָק 52 — צוזאמען מיט אוקראינער, רוסן און נאָך אנדערע. צוערשט איז מען געלעגן צו 18 אויף א פריטשע (געלעגער), און איך האָב געהאט דאָס גליק, וואָס מען האָט מיך צוגעטיילט צום שלאָפן אין דער הייך אויף אן אויבערשטער פריטשע.

נאָך א געוויסער צייט איז געקומען דער באפעל איבערצוארבעטן די פריטשעס און מאכן שטייגן, ווי פאר עופות. פון 2 פריטשעס זיינען געמאכט געוואָרן 4.

יעדן טאָג האָט מען אונדז עוואקואירט. יעדן טאָג זיינען צענדליקער געפאלן. 4 וואָכן צייט זיינען מיר, 10 טויזנט מאן, געווען אונטערוועגס.

צו דער צייט זיינען פון נישט דערעסן און פון די קלעפ פון די ס.ס.־מענער אויסגעשטאָרבן בערך 210 מאן. צום סוף זיינען מיר אָנגעקומען אין טערעזיענשטאט.

אין 2 טעג ארום, דעם 2.5.1945, זיינען מיר באפרייט געוואָרן. נאָך דער באפרייאונג זיינען נאָך א פאָר הונדערט מענטשן דאָרט אויסגעשטאָרבן.

(אויפגענומען דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע
אין לאנדסבערג — דעם 3־טן יוני, 1947)

מאיר אלעק / פון יענע יארן

אין אלעקסאנדער האָבן יידן און דייטשן געהאט געשעפטלעכע פארבינדונגען און געפירט בשותפות פאבריקן. יידן האָבן אויפגעהאלטן דייטשע מייסטערס און דייטשע פאבריקאנטן — יידישע פארקויפערס. יידישע און דייטשע ארבעטער האָבן צוזאמען געארבעט אין דער זאָקן־אינדוסטרי.

די צוויי רייכסטע דייטשע פאבריקאנטן — שולץ און גריילין, — די איידעמס פון פאבריקאנט פאריינסקי, האָבן געשטאמט פון דייטשלאנד (דער פאבריקאנט פאריינסקי האָט זיי אראָפּגעבראכט פון דייטשלאנד און זיי האָבן אים אויפגעשטעלט א זאָקן־פאבריק און חתונה געהאט מיט זיינע צוויי טעכטער). זייערע קינדער האָבן זיי געשיקט נאָך דייטשלאנד שטודירן און אויך זיך משדך געווען פון דייטשלאנד.

קינדער פון די אויבנדערמאנטע צוויי דייטשע פאבריקאנטן האָבן געפירט די נאצישע טעטיקייט באלד ווי היטלער איז געקומען צו דער מאכט. קרויזע — דער אָנגעשטעלטער פון פאבריקאנט רודאָלף שולץ, איז אין יאָר 1939, ווען די היטלעריסטן האָבן ארײנמארשירט קיין אלעקסאנדער, געוואָרן זייער הויפט־פארטרויונגס־מאן. ער האָט אָנגעוויזן ווּעמען צו געבן אויסצייכנונגען פאר געטרייער נאצישער ארבעט. דער דייטשער פאבריקאנט עמנואל בישאָף, וועלכער האָט גערעדט יידיש ווי א ייד, און געווען מכלומרשט א תלמוד־קענער, האָט אָנגעוויזן וועמען פון די יידן מען זאָל ארעסטירן און אויספרעסן פון אים געלט.

דער באוווסטער באנדיט און מאסן־מערדער פון דער „קריפּאָ" (קרימינאל־פאָליציי) אין לאָדזשער געטאָ — סוטער, האָט געוווינט אין אלעקסאנדער (געווען מיין שכן).

זייער אלעמענס ציל איז געווען אויסצופרעסן ווערט־זאכן און געלט פון יידן. צענדליקער דייטשן פון אלעקסאנדער, וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיט יידן, זיינן געוואָרן היטלעריסטישע טוער.

כמעט אלע דייטשע פאריינען און קלובן זיינען געוואָרן היטלעריסטישע נעסטן. עס זיינען אָבער אויך געווען אויסנאמען, ווי צ.ב.ש. דער דייטשער פאסטאָר, דער גוטבאזיצער זאכערט, גאמאט און נאָך אייניקע.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן מיר געלעבט מיט פאַרשיידענע אילוזיעס, און זיך כּלל נישט געקענט פאָרשטעלן, מען זאָל סתּם מאָרדן אומשולדיקע מענטשן.


די ערשטע פּליטים, וואָס זיינען אדורכגעגאנגען אלעקסאנדער, זיינען געווען פון וויעלון און קאליש. עס איז אונדז אָנגעפאלן א שרעק, זעענדיק ווי גוט־סיטואירטע זיינען איבערנאכט געוואָרן הונגעריק נאָך א שטיקל ברויט. מיר האָבן באלד געזאמלט עסן פאר די פּליטים. מיין שוועסטער פּעסיע מיט נאָך מיידלעך האָבן גענומען א קעסל און געקאָכט פאר די פּליטים וואַרעם עסן. עס זיינען געווען עקשנים, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט נעמען קיין עסן, הגם זיי האָבן עס נויטיק געהאַט.

ערב דעם ארייַנמאַרש פון די היטלעריסטן זיינען די אלעקסאנדערער דייטשן פאַרשוואונדן, ממש ווי די ערד וואָלט זיי איינגעשלונגען; און אויב עס האָט זיך שוין איינער באַוויזן, איז ער אדורכגעלאָפן די גאס ווי א מויז, אזוי זיך געשראָקן.

מיר האָבן גענומען לויפן קיין ווארשע. דער וועג איז געווען פול. איך בין מיט מיינע עלטערן און מיט דער גאנצער משפּחה אָנגעקומען ביז גלאָוונע, ווו דער הרב אלימלך שפּירא ז״ל, דער עלטסטער איידעם פון אלעקסאנדערער רבּין, האָט אונדז אויפגענומען און געעצהט, מיר זאָלן בלייבן, מחמת דאָס לויפן האָט קיין זין נישט. אָבער מיך מיט די ייִנגערע ברידער האָט ער נישט אָפּגעהאַלטן.

הינטער ווארשע האָבן אונדז די דייטשע טאנקען פאַרהאַלטן און דערלויבט צוריקצוגיין אהיים. פון שרעק בין איך אנשטאט אין דער ריכטונג קיין לאָדזש, געגאנגען אויפן וועג קיין ווארשע; האָבן די דייטשן מיך מיט מיין ברודער צבי געוואָלט שיסן, אָבער איך האָב זיך אויסגעבעטן.

אין גלאָוונע האָט מען אונדז ווידער פאַרהאַלטן, דאָרט זיינען מיר געזעסן אונטערן פרייען הימל א גאנצע נאכט און א גאנצן טאָג אָן עסן. אין צווייטן אָוונט האָט מען אונדז באַפרייט, און מיר זיינען קוים אָנגעקומען קיין לאָדזש פאר דער פּאָליציי־שעה, ד.ה. 7 אָוונט. מיר האָבן איבערגענעכטיקט ביים פעטער נחמן אלעק און דאָרט געטראָפן דעם ייִנגערן, אין וועג פאַרבלאָנדזשעטן, ברודער פּנחס. צומאָרגנס — דאָס הייסט ערב ראש־השנה — זיינען מיר צוריק געקומען קיין אלעקסאנדער. צו אונדזער אומגליק איז דעמלט ארויס א באַפעל, אז אלע בחורים פון 18 יאָר און עלטער זאָל מען פאַרהאַלטן. איך



מצבת זכרון לקרבנות הראשונים

א דענקמאָל פאַר די ערשטע קרבנות

מיט מיין ברודער צבי זיינען געווען צווישן די פאַרהאַלטענע און דער ייִנגע־רער ברודער פּנחס איז אַהיים געגאַנגען.

איידער אַלעקסאַנדער האָט באַקומען עלעקטריציטעט פון לאָדזש, האָט דער אַלעקסאַנדרער מאַגיסטראַט אויסגעבויט אַן אייגענע עלעקטראַווניע ביי זיך אין הויף. שפּעטער איז דער לאָקאַל פון דער עלעקטראַווניע געוואָרן באַנוצט ווי אַ מחסן, ווו עס איז געלעגן שטעכלדראָט, לאָפּעטעס און סתּם זאַכן קאָנפיסקירטע פאַר שטייערן. אין דעם בנין, וואָס האָט געהאַט 10 מעטער די לענג און ביז 3 מעטער די ברייט, האָט מען אַריינגעשטופּט אַ 200 מאַן. דאָרט זיינען געווען ייִדן אויך פון אַנדערע שטעט, וועלכע זיינען צופעליק אַדורכגעגאַנגען די שטאָט. עס איז דאָרט אויך געווען אַ ייִנגל פון לאָדזש, וואָס איז געקומען צום זיידן זיינעם, אַ פריזירער יומעלע (בנימין) פּליטמאַן, בעטן אַ ברויט, איז ער אַריינגעפאַלן צו אונדז אין אַרעסט. פון די אויבנדערמאַנטע 200 מענטשן זיינען געווען בערך 50 ייִדן, די איבעריקע — פּאָליאַקן. די ערשטע נאַכט האָט אין אַרעסט געהערשט אַ טויט־שטילקייט, נאָר איין פּאָליאַק איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך דער וואַך, און מיר האָבן געהערט אַ געשריי און אַ שאָס. שפּעטער האָט מען אַרויסגערופן 3 ייִדן צו גראָבן אַ קבר פאַרן דערשאָסענעם. איינער פון זיי האָט זיך איינגעבלוטיקט די הויזן און איז צוריקגעקומען אין די אונטערהויזן.

ביי טאָג האָט מען אונדז גענומען אויף אַרבעט אויסצוקערן די גאַסן און פירן שטיינער און מיסט. איינער איז פון דער אַרבעט אַנטלאָפן. אונדזער שומר האָט זיך געשעמט צו דערציילן, אַז פון אים איז ווער אַנטלאָפן און קיין סטאַטיסטיק איז דאַן נישט געפירט געוואָרן. פון דאַן אָן האָבן מיר אַליין געבעטן זיך אויף אַרבעט, בכדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן.

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה האָב איך מיט מיין ברודער צבי געקערט די גאַס. מיר האָבן געהערט געשרייען אויף דעם הויף פון מאַגיסטראַט. דאָרט האָבן די דייטשן פון די אויסגעשטעלטע בערך 45 ייִדן אַרויסגענומען אַ העלפט און נאָכן צונעמען די בעסערע מלבושים, אויפגעלאָדן זיי אויף צוויי אויטאָס און אַוועקגעפירט. אונדז האָט מען צוריקגעפירט אין אַרעסט. דער־נאָך האָט מען גענומען 12 ייִדן, מיך צווישן זיי (6 האָבן באַקומען לאָפּעטעס), פאַרלאָדן אונדז אויף אַ גרויסן מיליטערישן לאַסט־אויטאָ, מיט פּלאַנדעק איבערגעדעקט. באַגלייט האָט אונדז אַ וואַך פון באַוואַפנטע ס.ס.־לייט. מיר האָבן באַלד דערקענט, אַז מען פאָרט אין דער ריכטונג פון בית־עולם. צווישן

אונדז איז געווען משה ראוויצקי. אויפן וועג האָבן מיר אָפּגעזאָגט וידוי, 3 מאָל „שמע ישראל" און 7 מאָל „ד' הוא האלוהים", און גרייט געווען צום טויט.ביים בית־עולם האָט מען אונדז באפוילן אויסצושטייגן, געטריבן אונדז דורך א שפאלער פון ס.ס.־לייט, און באקומען מיט די קאלבעס פון די ביקסן געשלאָגן. ווער עס איז געפאלן איבער די מצבות, האָט נאָך מער באקומען קלעפּ, ביז מיר זיינען אָנגעקומען צו דעם גרוב, ווו עס זיינען געלעגן 23 דערשאָסענע, געבונדן מיט א לאנגער פייערלעשער שטריק אין פאָרם פון בינטלעך מיט די הענט צו צוויי און דריי. מיר האָבן באלד דערקענט צוויי בחורים פון שוחט ברוך בער וויינבערג, דעם ברודער פון משה שמולעוויטש און יהושע זשארנאָווסקי, וועלכער האָט, לויט ווי איך האָב געהערט פון סטאשעקס פרוי, געשריגן, אז זיי, די דייטשן, וועלן האָבן א פינצטערן סוף און פוילן וועט בלייבן פוילן. (סטאשעק איז א פאָליאק, וועמען די אלעקסאנ־דערער קהילה האָט געדונגען אלס היטער פון בית־העולם). אלע געהרגעטע זיינען געווען מיט דורכגעשאָסענע קעפּ, נאָר דעם לעצטן האָבן זיי אויך מיט א באיאָנעט געשטאָכן. מיר האָבן באקומען א באפעל די געהרגעטע ארייננצו־ווארפן אין גרוב. עס איז נישט געווען פון די לייכסטע זאכן צו טראָגן די צוזאמענגעבונדענע מתים און ארייננצולייגן אין גרוב. איך האָב געבעטן, מען זאָל מינדעסטנס די שטריק איבערשניידן. דער אָנפירער פון דער אקציע האָט דערויף נישט דערלויבט. מען האָט די געהרגעטע ווי־עס־איז אריינגעשלעפּט אין גרוב און מיר האָבן זיי געמוזט אויסלייגן גלייך אין א ריי. איך האָב אוועקגעווארפן מיינע שיך, כדי מיין מוטער זאָל דערקענען, אז איך בין אויך אין דעם גרוב (מיר זיינען געווען זיכער אז מען שיסט אונדז). איך האָב געזען, אז דער געמויערטער פלויט ארום דעם בית־העולם איז פול מיט ציווילע דייטשן פון אלעקסאנדער. נעבן דעם אָנפירער פון דער אקציע איז געשטאנען זיגמאנס יינגסטער זון (ביים דייטש זיגמאן האָט דער „בונד" געהאט זיין לאָקאל). איך האָב אים געבעטן, ער זאָל איבערגעבן מיין לעצטן גרוס מיין מוטער און פאמיליע. איך האָב געזען, ווי זיגמאן שמועסט איבער מיט דעם אָנפירער. נאָך דעם האָט מען אונדז צוריקגעטריבן אין ארעסט.

די גאנצע נאכט האָב איך און מיין ברודער זיך באהאלטן צווישן די פארשיידענע זאכן, וואָס זיינען דאָרט געלעגן.

ביינאכט האָט מען אונדז געזוכט. אויפצומאָרגנס פרי האָט מיך איינער פון דער וואך (א דייטש פון אונדזער שטאָט — ערווין יערקע, מיט וועמען איך

האָב זיך גוט געקענט) געפּרעגט, ווו איך בין געווען ביינאכט. נאַטירלעך האָב איך אים געזאָגט, אַז ער האָט מיך אוודאי נישט באמערקט.

דער טאָג איז אדורך אביסל רואיקער; מען האָט אונדז גענומען צו ארבעט און צוריקגעבראכט. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן מאכן אילוזיעס, אַז דער מאָרד פון די 23 האָט געמוזט מאכן א גרויסן רושם צווישן דער אלעקסאנדערער דייטשער באפעלקערונג. דעם אנדערן טאָג האָב איך געוואָלט גיין צו ארבעט, כדי צו האָבן די מעגלעכקייט צו זען מענטשן אָדער אפשר דורך א נס צו קענען אנטלויפן. מען האָט ווידער גענומען 6 יידן מיט לאָפּעטעס צו דער ארבעט. 5 זיינען שוין געהאט ארויסגעגאנגען און איך האָב זיך אויך געלאָזט גיין. ביי דער טיר האָט מען מיך צוריקגעשיקט און גענומען א צווייטן. צווישן די זעקס זיינען געווען יהושע וואסערמאַן, משה ראוויצקי און דאָס ייִנגל וואָס איז געקומען בעטן א ברויט ביים זיידן, און — א געוויסער ליכטענבוים, דער איידעם פון שרייער, דער בעל־הבית פון דער האלע אין קאליש. די איבעריקע האָב איך נישט געקענט. א שעה שפּעטער זיינען צוריקגעבראכט געוואָרן די מכשירים, וואָס זיי האָבן מיטגענומען צו דער ארבעט, די 6 יידן זיינען דערשאָסן געוואָרן.

איך וועל אין לעבן נישט פארגעסן דאָס דארע יידעלע יהושע וואסערמאַן, ווי ער האָט זיך געטוליעט צו מיר און געציטערט; געהאט דאָס פּאַרגעפיל, אַז דער טויט דערנענטערט זיך, און געזאָגט, אַז ער לאָזט איבער 5 קינדער; דאָס טעפּעלע עסן, וואָס זיין פרוי האָט אים געדארפט ברענגען, האָט ער מיך געבעטן, צו האלטן, ביז ער וועט צוריקקומען. ווי א „נר נשמה" האָט דאָס טעפּעלע דערנאָך אויסגעזען, ווען איך האָב דערויף געקוקט.

אין ארעסט זיינען נאָך געבליבן 15 יידן.

מיר האָבן געזען, אַז עס האָט נישט קיין שום ווערט, צי מען גייט צו דער ארבעט, צי נישט; אַז די כוונה פון די היטלעריסטישע חיות איז אונדז אומצוברענגען, און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן א וועג צו אנטלויפן. אין צווייטן עק פון לאָקאַל, ווו עס איז געלעגן שטעכלדראָט, איז געזעסן יצחק דאנציגער, און באמערקט, אַז עס לייכט זיך ארייַן פון א לאָך אונטער די דראָטן. דאָרט איז געווען דער מאָטאָר־רער, וואָס איז ארויסגעגאנגען אויפן אנדערן הויף פון בונים היימאנס פאבריק. ער האָט מיר דאָס איבערגעגעבן, און איך האָב גענומען עס באטראכטן. דער צעמענט ארום לאָך האָט געפּלאצט, דער לאָך בערך 20 אויף 20 צ"מ. מיין יינגערער ברודער האָט זיך ארונטער־

געשארט אונטער די דראָטן, איך האָב זיך געזעצט אויפן דראָט, כדי אים פארשטעלן און ער האָט גענומען גראָבן מיט די הענט. איך האָב באלד געגעבן צוויסן באקאנטע וועגן דעם (מיינע שוועסטערן זיינען אָפּט צו אונדז געקומען). מיין יינגסטער ברודער פנחס האָט גענומען א קאסטן און צוגערוקט צו דער וואנט, געהאָלפן פון דער אנדערער זייט, און די עפענונג האָט זיך פארגרעסערט. אָבער צו מיין גרויסער אנטוישונג זיינען דאָרטן געווען יידן פון אנדערע שטעט. זיי האָבן מורא געהאט צו אנטלויפן. איך האָב זיי פארזיכערט, אז אין דרויסן וועט מיין משפחה זיי אפּווארטן און ווייזן ווו זיך אויסצובאהאלטן. עס האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן. איך האָב זיך געבעטן מאכן א פּרווו: ארויסלאָזן זאָלן זיך דריי פערזאָן און איך בין גרייט צו בלייבן דער לעצטער. צווישן די ערשטע דריי איז געווען מיין ברודער צבי. די עפענונג איז געווען אזוי ענג, אז ער איז ארויס אָן א מאנטל. מיט יעדן וואָס איז ארויס האָט זיך די עפענונג פארגרעסערט. נאָך דעם ווי די דריי זיינען געהאט ארויס געגאנגען, האָבן מיר געווארט ס׳זאָל טונקעל ווערן, כדי די איבעריקע זאָלן קענען ארויס גיין אומבאמערקט. מען האָט מיר אָבער איבערגעגעבן, אז אין דעם הויף קומט א דייטשער נאַכט־וועכטער פון 6 אָוונט ביז 6 פרי, אזוי אז מיר האָבן דאָס איבערגעלאָזט אויף פרי צווישן 6—7. מיך האָט מען גראד גענומען 5 פרי צו דער ארבעט צום פלומפּן וואסער ביי דער פאסט. דורך דער צייט זיינען כמעט אלע ארויס, נאָר איך בין געבליבן.

מיין מוטער איז געקומען און מיר געבראכט עפּעס עסן און געזאָגט, אז זי קומט זיך מיט מיר געזעגענען, ווייל אלע האָבן זיך ארויסגעראטעוועט, נאָר איך וועל מיטן לעבן באצאָלן דערפאר און מען גרייט שוין אויפן הויף פון מאגיסטראט מיך צו שיסן. איך האָב איר געענטפערט, אז אויב עס האָבן זיך געקענט ראטעווען אזויפיל יידן, האָט ביי מיר מיין לעבן קיין ווערט נישט. איך האָב מיין מוטער געבעטן, זי זאָל גיך מיט אלע זיך אויסבאהאלטן, ווייל מען ווייסט נישט, וואָס עס וועט פאסירן. מיין מוטער האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל טאָן ווי איך פארשטיי, ווייל מיין לעבן איז סיי ווי א פארשפּילטס, און זי איז גיך אוועק אהיים.

איך האָב זיך גענומען גיך צו דער ארבעט. דער וואָס האָט מיך געהיטן מיט דער ביקס אין האנט בעת מיין קערן די גאס, האָט מיך געפרעגט, וואָס איך בין אזוי דענערווירט. האָב איך אים געענטפערט, אז מיין מוטער גלויבט אין יעדן „קוואטש" (גערעדעריי) און זיך צוגעשארט ביים קערן ביז צום

עק פון מויער אין דער ריכטונג פון דער ווארשאווסקער גאס. איך האָב אוועקגעווארפן דעם בעזים אריבער דעם פלויט און פארשוווּנדן. איך בין אריין צו מיין שוועסטער, וועלכע האָט דאָרט געוווינט און זיך ביי איר אויסבאהאלטן. צו יענער צייט האָבן די היטלעריסטן פון שטאָט צוזאמען מיט ס.ס.־לייט געמאכט זיך מכלומרשט זוכן געווער ביי יידן, אָבער אין דער אמתן האָבן זיי געזוכט צונעמען וואָס עס לאָזט זיך. בעת אזא אונטערזוכונג האָט מען מיך געפונען באהאלטן: עס איז געקומען דער מאלער יערקע, א ברודער פון דעם אויבנדערמאנטן ערווין יערקע, וועלכער האָט געמאלן די וווינונג ביי מיין שוועסטער. עס איז דאָרט געווען א געהיימע קאמער פון זאָקן, וואָס מיין שוואָגער האָט אויסגעארבעט. איך בין געלעגן אויף די פעקלעך גארן. מען האָט מיך פון דאָרט ארויסגענומען און דער ס.ס.־מאן האָט מיך געפרעגט, פארוואָס איך בין געווען באהאלטן. איך האָב געזאָגט, אז מיין שוועסטערס קינד איז קראנק (ווייל דאָס קינד האָט גראד געוויינט) און אזוי ווי איך בין געווען אין אָוונט ביי מיין שוועסטער, און ביינאכט איז נישט דערלויבט צו גיין, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן און כדי דאָס קינד מיט זיינע געוויינען זאָל מיר נישט שטערן בין איך אריין אין קאמער. און דערביי האָב איך געבעטן אז יערקע, וועלכער קען מיך, זאָל באשטעטיקן מיינע ווערטער. דער ס.ס.־מאן האָט זיך געהאלטן ביי זיינס, זאָגנדיק אז אויב איך בין באהאלטן, האָב איך נישט קיין ריין געוויסן. איך האָב נאטירלעך אָנגעהויבן אויסרעכענען מיינע דייטשע חברים און אז איך האָב געשפילט פוס־באל אין דייטשן ספּאָרטקלוב „ספארטא", דערוויייל האָט דער ס.ס.־מאן דערזען מיין שוואָגער מיט זיין באָרד, האָט ער גענומען א שער און זי אים אָפּגעשניטן. איך האָב דערוויייל גערעדט מיט יערקען און מען האָט מיך אָפּגעלאָזט.

איך בין אָבער זיכער געווען, אז מען וועט מיך נעמען ווי נאָר דער יערקע וועט ארויסגיין. איך בין באלד מיט זיי אינאיינעם ארויס און פארשוווּנדן. איך בין דאן אוועק א פּאָר הייזער ווייטער צו מיין מומע אלישבע און זיך אויסבאהאלטן דאָרט. יום־כפור האָב איך געזען ווי יידן גייען צו דער ארבעט מיט לאָפּעטעס, בראש העניך אלטער, דעם גערער רבין ברודערס־זון. העניך אלטער מיט א לאָפּעטע אין יום כפור? אָבער ער האָט געזאָגט אלע, אז עס איז פורים און נישט יום־כפורים.

עס האָט זיך אביסל איינגעשטילט און מען האָט פארלאנגט פון דער יידישער קהילה, זי זאָל צושטעלן א געוויסע צאָל יידן צום ארבעט. ווען עס

איז געקומען די ריי, איך מיט מיין ברודער זאָלן גיין צו דער ארבעט, האָט מיין פאָטער אונדז פארטראָטן.

אין יענער צייט איז צענומען געוואָרן דאָס בית־המדרש פון אלעקסאנ־דערער רבין, וואָס איז געווען געבויט פון האָלץ. עס זיינען דאָרט געווען באהאלטן ספרי תורה אין א קעלער. א קינדערלאָזער ייד מיטן נאָמען ר׳ איטשע, אַן אַנגעשטעלטער ביי בערל קליין אין האָלץ געשעפט, האָט זיך איינגעשטעלט זיין לעבן און ביינאכט זיי ארויסגענומען. עטלעכע מאָל איז דער ייד געגאנגען מיט ספרי־תורה ביז מ׳האָט אים באמערקט און נאָכגעשאָסן, אָבער נישט געטראָפן.

עס איז ארויס א באפעל, מען זאָל טראָגן א געלן באנד אויפן אָרעם. מען האָט פארלאנגט פון יידן געלט. ביים אויפמאָנען א פאָר טויזנט זלאָטעס ביים זאָקן־פאבריקאנט הענעך שמידט, האָט מען גענומען אלס ערובניק מיין שוואָ־גער חיים דוד טעוול עדעלשטיין און אים געהאלטן ביז דאָס געלט איז געוואָרן געדעקט. יידן האָבן באקומען א באפעל זיך אָפצושערן די בערד, נאטירלעך האָבן זיי נישט געוואָרט ביז די ס.ס.־לייט זאָלן דאָס טאָן.

בעת א באזוך ביי מיין קראנקן חבר ישראל קאָפּלאָוויטש (ער איז געוואָרן שטארק פארוואונדעט אין ווארשע בעת דער באָמבארדירונג, זיין ברודער אהרון איז דעמלט אומגעקומען) האָב איך געטראָפן דעם אלטן ר׳ דוד׳ל קאָפּלאָוויטש כמעט אָן א באָרד, ער האָט אויף מיר געמאכט א דער־שיטערענדן איינדרוק ביז טרערן אין די אויגן. דער ייד איז געווען דעם אלטן סאָכאטשעווער רבין ברודערס־זון מיט אלע מידות און מעלות פון אן אמתן חסיד. ער האָט געזען ווי איך קוק אויף אים, האָט ער זיך אָפּגערופן „נו, מן הסתם באדארף עס אזוי זיין״.

איך האָב געלעבט אין פחד און זיך כסדר אויסבאהאלטן, ביז איך בין אוועק קיין לאָדזש.

מער האָב איך אלעקסאנדער נישט געזען ביז מיין באזוך אין 1946.

דעמלט בין איך געוויר געוואָרן, אז ס׳זיינען אומגעבראכט געוואָרן מיינע עלטערן דוד און לאה אלעק, מיינע שוועסטערס פייגע רחל, פעסיע, ראָזא, חנה שרה, טאובע און מיין יינגסטער ברודער פנחס, מיין שוועסטערס קינד מרדכי יוסף און איר מאַן, חיים דוד טעוול פון לובלין, און די גאנצע גרויסע משפחה פעטערס און מומעס.

מרים יאשינסקי / ווי אזוי איך האב געראטעוועט מיין קינד

ווען די דייטשן זיינען אריין קיין אלעקסאנדער, האָבן זיי גענומען אלע יידישע מענער צו דער ארבעט. מיין פאמיליע, ווי אויך מיינע עלטערן, האָבן געוווינט אין א הויז, וואָס האָט געהערט צו א פאָלקס־דויטש. היות ווי מיין פאָטער ר' הענעך („מלאך") איז געווען א מורה־הוראה אין דער שטאָט, האָט דער פאָלקס־דויטש, דער אייגנטימער פונעם הויז, אים געראטן, ער זאָל זיך אויס־באהאלטן. מיין פאָטער האָט זיך צוגעהערט צו זיין עצה און זיך באהאלטן ערגעץ ביי זיך אין שטוב.

וואָס ווייטער האָט זיך דער מצב אלץ מער פארערגערט. פיל יידישע פלי־טים זיינען אוועק צו־פוס קיין לאָדזש. בין איך מיט זיי מיטגעגאנגען. נאָר אין לאָדזש האָב איך זיך לאנג נישט געקענט אויפהאלטן און איך בין אריין קיין פיאָטרקאָוו; דאָרט האָב איך געטראָפן מיינע עלטערן.

דער פיאָטרקאָווער רב האָט מיין פאָטער געגעבן א דירה, און ער האָט מיטגעארבעט אין אָרטיקן ראבינאט, וואָס האָט זיך שוין גערופן: „יודנראט".*

אין עטלעכע וואָכן ארום האָט זיך דאָרט געשאפן דאָס געטאָ, וואָס איז באלד געוואָרן איבערפולט, מחמת ס'האָט נישט אויפגעהערט דער שטראָם פון די יידן פון דער ארומיקער געגנט. נאָכדעם האָבן די דייטשן איבערגענומען די גלאָז־הוטע „האָרטענסיא", ווי אויך די פאבריק „בוג", וואָס האָט אויס־געארבעט אלערליי האָלץ מכשירים פארן דייטשישן מיליטער. א היפשער טייל פון די געטאָ־יידן זיינען גענומען געוואָרן צו צוואנגס־ארבעט אין די צוויי אונטערנעמונגען.

אין אָקטאָבער פון יאָר 1942 האָט זיך אָנגעהויבן די דעפּאָרטאציע פון פּיאָטרקאָווער געטאָ. אומגעריכט איז דאָס געטאָ געוואָרן ארומגערינגלט מיט געסטאָפּאָ און אוקראינער. אין ערשטן טאָג איז די אקציע צוגעגאנגען שטיל. די יידן פון דעם געטאָ האָבן נאָך דאן נישט געהאט קיין אנונג, וואוהין מען שיקט זיי. דערנאָך אָבער איז שוין אלץ צוגעגאנגען מיט ווילדע געשרייען און געשלעגן.

---

* פאקטיש איז דער ראבינאט געווען בלויז אונטערגעאָרדנט דעם יודנראט.

די דייטשן האָבן אָנגעהויבן די אַקציע פון דער זשידאָווסקאַ־גאַס. זיי האָבן די יידן אַרויסגעטריבן אויפן לענאַרדאַ־פּלאַץ און סאָרטירט — ווער עס טויג אויף אַרבעט און ווער אוועקגעשיקט צו ווערן. די דייטשן האָבן גענומען אַסך יידן מיטאַמאָל. יעדע פּאָר טעג זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין אַן אַנדערער גאַס און אַלעמען אַרויסגעטריבן צום סעלעקציע־פּלאַץ. די נישט טויגבאַרע יידן אויף אַרבעט זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

די בערך צוויי טויזנט יידן וואָס האָבן געאַרבעט אין „האַרטענסיאַ״ און אין „בוג״, האָט מען דערווייל איבערגעלאָזט אויף די ערטער. איך האָב דאַן געאַרבעט אין „שאָפּ״ — אין אַן אַרבעטס־אָפּטיילונג פאַר קאָנפעקציע. מיט דער צייט, ווען ס'איז שוין געוואָרן זייער שיטער אינעם געטאָ, האָבן די דייטשן שוין אויך גענומען צום אָפּקלייב די אַרבעטנדיקע יידן. מ'האָט אונדז געטריבן אויפן סעלעקציע־פּלאַץ כמעט יעדן דריטן טאָג. מיר האָבן שוין דאַן געוווּסט, וואוהין מען שיקט די יידן, דערפאַר איז צווישן אונדז אויס־געבראָכן אַ מהומה. מיר האָבן גענומען זוכן מיטלען ווי זיך אויסצו־באַהאַלטן.

אין דעם הויז, ווו איך האָב געוווינט, האָט מען צוגעטראַכט אַ באַהעלט־ניש. אויפן בוידעם האָט מען אויפגעמויערט אַ וואַנט, מיט אַ קינסטלעך טירל, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו דערקענען דעם אַריינגאַנג. היות ווי מיין מאַן, ירחמיאל ניעכטשיצקי, האָט זיך דעמלט געפונען ביי זיין שוועסטער אין טאָמאַשאָוו (שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז פון דאָרט אָפּגעשיקט געוואָרן קיין סקאַרזשיסק אויף שווערע אַרבעט און איז צוליבן ווערן אַן אינוואַליד דערנאָך דערשאָסן געוואָרן) און איך האָב נישט געהאַט קיין חשק אַריינצוציין מיטן פּיצעלע קינד אין דעם ענגן באַהעלטעניש — בין איך בעת אַן אַקציע אַרויסגעגאַנגען מיטן קינד אויף דער האַנט צום סעלעקציע־פּלאַץ מחמת איך האָב געהערט, ווי אַ יידישער געטאָ פּאָליציאַנט האָט פאַרזיכערט, אַז ווער עס האָט אַ „קען־קאַרטע״ וועט נישט אוועקגעשיקט ווערן. ווען איך בין געקומען אויפן פּלאַץ, האָב איך שוין געטראָפן שטיין הונדערטער יידן, דאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנט, וועלכער פירט אָן מיט דער אַקציע, רופט מען פוצאַלאַ. דער קאָמענדאַנט, אַרומגעשטעלט מיט באַוואָפנטע געסטאַפּאָ־לייט, האָט שטרענג אויסגערופן נעמען פון אַ ליסטע, צווישן זיי אויך די נעמען פון די אַרבעטנדיקע פון מיין „שאָפּ״. איך האָב נישט געהערט אויסרופן מיין נאָמען. אַ שטאַרק־ציטערדיקע בין איך מיט

מיין שוועסטער חנה צוגעלאָפן צום שטרענגן געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דאָס אויסרופן נעמען, און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט מיין נאָמען נישט אויסגערופן. דער קאָמענדאַנט האָט אונדז ביידע באַטראַכט פון קאָפ ביז פוס און אונדז צוגעשריבן צו די פאַרבליבענע ארבעטס־פּעאיקע.

אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳לאָזט אונדז שוין צורו. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מ׳האָט אונדז ווידער געטריבן צום סעלעקציע פּלאַץ. ערשט איצט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז די מענטשן פון די לעצטע אַקציעס וועלן אָפּגעשיקט קיין בליזין נעבן סקאַרזשיסק, ווו קינדער וועלן דערשאָסן באַלד ביים אָנקומען.

איצט בין איך מיטן קינד פאַרשריבן געוואָרן צו גיין מיט דעם טראַנס־פּאָרט. נישט גלויבנדיק אין דעם, וואָס מ׳האָט געשמועסט, און ווילנדיק אָנקומען אויפן אָרט, ווו מיין מאַן האָט געאַרבעט, האָב איך געוואָלט גיין מיט דעם טראַנספּאָרט. אָבער מיין שוועסטער האָט מיך צוגערעדט, איך זאָל נישט אוועקגיין. איך האָב זי געפאָלגט און אויסגעקויפט זיך פאַר א סומע געלט. איך בין מיטן קינד איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן אָרט.

אין א צייט ארום האָט די געסטאַפּאָ ליקווידירט דעם „שאָפּ״, איבער־לאָזנדיק דאָרט 7 פּערזאָן, צווישן זיי צוויי קינדער. אויך מיך מיטן קינד האָט מען איבערגעלאָזט. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי מיינען מיט אונדז צו טאָן. צומאָרגנס איז געקומען א געסטאַפּאָוויעץ מיט אַן אויטאָ, כדי צונעמען זיבן מענטשן. עס האָט אינעם „בלאָק״ געפעלט א פרוי מיט א קינד. זיי זיינען נאָך נעכטן געהאַט אוועק אין דער „האַרטענסיא״. דער געס־טאַפּאָוויעץ האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, פאָדערנדיק שטרענג די פרוי מיטן קינד. מיר האָבן געוווּסט ווו די פרוי מיטן קינד זיינען אוועק, אָבער מיר האָבן דאָס אים נישט געוואָלט זאָגן. צוזעענדיק דאָס, בין איך געוואָרן שטאַרק צערודערט, אָבער באַלד זיך באַהערשט און אין איילעניש באַהאַלטן מיין קינד.

ווען דער געסטאַפּאָוויעץ האָט — נאָך צוויי מאָל ציילנדיק — פאַרט געזען, אַז עס פעלן אים מענטשן, איז ער צו מיר צוגעלאָפן מיט א ווילדן כעס, פרעגנדיק אויף מיין קינד. איך האָב פאַרלוירן דאָס לשון און געפילט, אַז איך גיי אוועקפאַלן אין חלשות. אָבער אין דעם מאָמענט איז אויסגעוואַקסן א ייִדישער פּאָליציאַנט און עדות געזאָגט, אַז איך בין נישט די פאַרשוווּנ־

דענע פרוי מיטן קינד. אזוי ארום בין איך געוואָרן אָפּגעראַטעוועט און ס׳איז געבליבן אז איך גיי אריבער ארבעטן אין „בוג״, ווו מ׳האָט איבערגעלאָזט לעת עתה קינדער ביים לעבן. דאָרט בין איך צוזאמען מיט נאָך טויזנט יידן פארבליבן אויף ארבעט ביז נאָוועמבער 1944. דריי חדשים פאר דער באַ־פרייאונג האָט מען אלע יידן פון „בוג״ אוועקגעפירט מיט דער באן קיין ראַווענסבריק (אין דייטשלאנד). אויך איך מיט מיין קינד זיינען געווען צווישן זיי. כ׳האָב דאָרט געזען נאָך יידישע קינדער.

אין ראַווענסבריק האָט מען אונדז געטריבן צו דער ארבעט ביי לאַנד־ווירטשאפט, צוממייסטן צו גראָבן קארטאָפל. עס האָבן מיט אונדז אָנגעפירט פרויען. ס׳האָבן זיך דאָרט געפונען טויזנטער יידן און נישט יידן. די באַדינ־גונגען זיינען געווען זייער שווערע. די דייטשקעס האָבן אָפּגעשוירן די פרויען די האָר און זיי מערדערלעך געשלאָגן. אויך אין די נעכט איז אונדז געווען זייער שווער. די באראקן, אין וועלכע מיר האָבן געוווינט, זיינען געווען זייער שלעכטע און תמיד קאלטע. יעדן אינדערפרי, אפילו ביי א קאלט־רעגנדיק וועטער, האָט מען געמוזט שטיין אויפן אפעל און אָן געשלעגן איז עס נישט צוגעגאנגען.

ווען די רויטע ארמיי האָט זיך צו אונדז דערנענטערט, האָט מען אונדז אָפּגעשיקט טיפער אין דייטשלאנד. פרויען און קינדער זיינען איבערגעפירט געוואָרן קיין בערגן־בעלזן. מיר האָבן דאָרטן אָנגעטראָפן אויף א שרעקלעכן הונגער. יעדן טאָג זיינען פיל מענטשן אוועקגעפאלן טויט פון הונגער. אויך איך מיט מיין קינד האָבן געפילט, אז די כוחות גייען אונדז אויס. אָבער באלד זיינען אריינגעקומען די ענגלענדער און מיר זיינען באפרייט געוואָרן.

ווי איך בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, איז מיין פאָטער, נאָכן פארלאָזן דעם בונקער אין פיאָטרקאָוו, געפונען געוואָרן דורך א יידישן פּאָליציאַנט א דערשאָסענער. דער פּאָליציאַנט האָט מיין פאָטער איבערגעפירט אויפן בית הקברות און אים דאָרט קובר געווען.

עקיבא ראדאנוסקי /

אין געטאס און לאגערן

ווען איך שרייב די שורות מאך איך אלע אָנשטרענגונגען, אויפצולעבן מיינע פארנעפלטע זכרונות, כדי קענען ארויסצוברענגען אלע מיינע איבערלעבענישן אָנהויבנדיק פון מיינע קינדער־יאָרן.

עס ערוועקן זיך זכרונות ווי איך האָב פארבראכט מיט מיינע חברים אין דער שיינער לאנדשאפט, מיט וועלכער דאָס שטעטל אלעקסאנדער איז געווען ארומגענומען. עס שווימט ארויף אויף די געדאנקען דער גאנצער עבר: דאָס גיין אין „חדר", דאָס לערנען ביי די מלמדים, וואָס האָבן מיט אזוי פיל אפפער באמיט זיך אריינצוברענגען אין דעם קינדערישן מוח'ל דעם יידישן אות.

עס דערמאנט זיך דער שבת נאך מיטאג, ווען מיין פאָטער ע"ה פלעגט מיך פירן צום רבין פארהערן די פרשת השבוע. אָט פיל איך נאָך היינט דאָס צאפלדיקע הערצל און די פלאמיקע בעקלעך פון דעם קניפ, וואָס איך האָב באקומען פון רבין פאר דעם שיינעם אויסזינגען די פרשת השבוע. מיט גאווה און גרויס הנאה האָט מיין פאָטער געשפרייזט לענג־אויס דעם יידישן געסל, און דאן מיט פארגעניגן דערציילט מיין מוטער ע"ה וועגן דעם גרויסן גאון וואָס שפראָצט אין דער משפחה. שפעטער האָב איך געלערנט אין דער פאָלקס־שול ביי די לערער דר. קורכין און לעווקאָוויטש.

אזוי האָבן זיך שטיל און נאטירלעך געוועבט אונדזערע קינדער־יאָרן, מיט זייערע פריידן און ליידן. אלץ איז געווען אזוי נאטירלעך און עס האָט אויסגעזען, אז אזוי וועט עס אָנהאלטן תמיד.

ס'זיינען אוועק יאָרן, איך האָב מיין שטעטל אלעקסאנדער פארלאָזט און אריינגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט לאָדזש. געלערנט זיך א פאך (צאָן־דענטיסט), און נאָך יאָרן געוואָרן זעלבסטשטענדיק, חתונה געהאט און אָנגעהויבן בויען מיין משפחה. געפירט האָב איך א שיין, באשיידן און גליקלעך לעבן.

ווער האָט דעמלט געטראכט, אז אָט אין די זוניקע פרילינג־טעג, ווען אלץ האָט געשיינט מיט אזויפיל פראכט און גלאנץ, זאָל מיט איינמאָל דער הימל פארדעקט ווערן מיט א שווארצער כמארע, און בייזע שטורעם־ווינטן זאָלן אויסרייסן דורות־לאנג איינגעוואָרצלטע לעבנס און אלץ פארוואנדלען אין א פעלד פון חורבן און פארניכטונג!?

***

דעם 7.9.1939, צוזאמען מיט עטלעכע שכנים, האָבן מיר איינגעפאקט קליינע פעקלעך און זיך געקליבן אין וועג קיין ווארשע. איך וויל זיך געזעגענען מיט מיין פרוי (זי איז דעמלט געווען אין דעם 8־טן חודש). א פארצווייפלטע בלייבט זי שטיין און זאָגט צו מיר, אז זי גייט מיט מיר; עס האָט נישט געהאָלפן מיין וועלן איבערצייגן זי, דאָס דער וועג איז בסכנת נפשות. אזוי האָבן מיר זיך געלאָזט צוזאמען מיט דעם מאסן־צוג אין דער ריכטונג פון ווארשע.

נאָך שווערער מי אוןליידן זיינען מיר אָנגעקומען קיין בזשעזין. באלד ביי די ערשטע טריט, וואָס מיר האָבן געמאכט נאָך בזשעזין, האָבן דייטשע עראָפּלאנען אונדז מקבל פנים געווען מיט מאשין־געווער; געקאָסעט מענטשן ווי זאנגען אין פעלד, ווי בינדלעך תבואה זיינען געפאלן גאנצע משפחות. מיט גרויס שרעק זיינען מיר אָנגעקומען נאָך ראווע, ווו מיר האָבן זיך אביסל אָפּגערוט. אין דער צייט האָט א פוילישער זעלנער געשאָסן מיט זיין מאשין־געווער אין דער ריכטונג פון א דייטשן עראָפּלאן. נאָך א לענגערער צייט איז אָנגעקומען אן עסקאדע דייטשע עראָפּלאנען און מיט אכזריותדיקייט באָמ־באַרדירט דאָס גאנצע שטעטל. איך און מיין פרוי האָבן זיך אויסבאהאלטן נעבן א קליין הייזל, וואָס איז געטראָפן געוואָרן ווארשיינלעך פון א גראנאט. פון דעם לופט־דרוק זיינען מיר געשליידערט געוואָרן א ווייטן מרחק. מיר האָבן אליין נישט געגלויבט, דאָס מיר זיינען געבליבן לעבן.

נאָך דעם האָבן מיר געזוכט א וועג ארויסצוקערן זיך פון ברענענדיקן שטעטל. מיט שווערער מי האָבן מיר געפונען א וועג, וואָס איז געווען באדעקט מיט טויטע, פארברענטע און פארוווּנדעטע מענטשלעכע קערפּערס. מיר זיינען ארויס הינטער דער שטאָט, צוגעקומען צו א טייכל און זיך אויסבאהאלטן ארום די יונגע ביימלעך, וואָס זיינען געוואקסן ביים טייך. אין דעם מאָמענט האָבן זיך ווייטער באוויזן דייטשע עראָפּלאנען, — חוצפּהדיק געפלויגן זייער נידעריק, זיינען זיי נישט געשטערט געוואָרן דורך קיינעם, — און ווייטער באַשאָסן די אויסבאהאלטענע ביים טייכל. מיט גרויס פחד זיינען מיר געלעגן, ביז עס איז צוגעפאלן די נאכט, און מיר האָבן ווייטער ממשיך געווען דעם וועג, נישט וויסנדיק אין וועלכער ריכטונג מיר גייען. אָן כוחות זיינען מיר צוגעקומען צו א וועלדל, דאָרטן האָבן מיר איבערגענעכטיקט. מיטן פרי־מאָרגן זיינען מיר ווייטער געגאנגען אין דער ריכטונג פון ווארשע. מידע און

ערשעפטע, הונגעריקע און דאַרשטיקע, מיט געשוואָלענע און פארוווּנדעטע פיס האָבן מיר זיך שווערלעך באַוועגט. פלוצים האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און א זאָג געטאָן צו די מיטגייענדיקע מענטשן, דאָס דער שׂכל מיינער זאָגט מיר, דאָס עס האָט נישט קיין טעם ווייטער צו גיין, היות ווי איך זע פאָר, ווּעט די מאָטאָריזירטע דייטשע ארמיי אונדז איבעריאָגן. דאן האָבן מיר באַשלאָסן צוריק צו גיין. מיר האָבן אזוי געטאָן. אויפן וועג זיינען מיר ארײַנ־געפאלן אין די דייטשע רוצחישע הענט; זיי האָבן אונדז קאָנצענטרירט מיט נאָך טויזנטער אנדערע יידן און פאָליאקן. און ווען די נאכט איז צוגעפאלן, האָבן זיי אונדז ארײַנגעפּרעסט אין א קירכע, וואָס האָט געקענט אין זיך ארײַננעמען נאָר אייניקע הונדערט מאן. די ענגשאפט איז געווען גרויס. צוליב מאנגל אין לופט איז אנטשטאנען א גרויסע פאניק. איך און מיין פרוי האָבן זיך באַמיט האלטן ביים ארײַנגאנג, כדי צו געווינען מער לופט. דער אָנפירנ־דיקער דייטשער אָפיציר האָט שוין געהאט באַוויזן זיין רוצחישקייט און מיט זיינע מיטהעלפער האָט ער געוואָלט באַהערשן די פאניק מיט באַרבארישע מיטלען, שלאָגנדיק מיט נאגייקעס און שיסנדיק פון רעוואָלווערן אן אויפהער. דאן איז די פאניק נאָך שטארקער געוואָרן און דאָס האָט די דייטשן נאָך מער אויפגעקאָכט. אין מיטן דער נאכט האָט זיך דער עולם דאָרט ביסלעכווייז איינגעשטילט; עס האָט געהערשט א מוראדיקע שטילקייט. אויסנוצנדיק דעם מאָמענט, האָב איך פּרובירט צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דעם הויפּט־אָפיציר און אים ערקלערן מיין ספּעציפישע לאגע. איך האָב אים געבעטן, דאָס ער זאָל מיך אויסהערן איין מאָמענט, אין דעם מאָמענט האָב איך געפילט, דאָס עס איז מיר בייגעשטאנען זכות־אבות. דער זעלבער, וואָס איז מיט אייניקע מינוטן פריער געווען צערייצט, איז אין דעם מאָמענט פארענדערט געוואָרן און מיך געפרעגט, וואָס איז מיין פארלאנג. נאָך דעם ווי איך האָב דערקלערט, דאָס מיין פרוי געפינט זיך אין לעצטן חודש און צוליב די איצטיקע איבער־לעבענישן קען דאָס שלעכט ווירקן אויף איר, בעט איך אים, ער זאָל מיך באַפרייען בכדי איך זאָל קענען מיין פרוי איבערפירן אין נאָענטסטן קראנ־קענהויז נאָך בזשעזין. ער איז געבליבן שטיין און קוקנדיק אויף מיין פרוי האָט ער זיך פארטראכט און גאָרנישט זאָגנדיק זי אָנגענומען ביי דער האנט, אונדז צוגעפירט צו א באנק און זי אוועקגעזעצט. ער איז פארשוווּנדן געוואָרן אָבער נאָך א קורצער צייט איז ער צוריקגעקומען מיט א פלאַש ווארעמער טיי מיט מאלינע־זאפט און דאָס איר דערלאנגט, זי זאָל זיך באַרויִקן.

נאָך א קורצער צייט איז ער ווידער דערשינען און זי ארויסגעפירט פון דער קירכע צוזאמען מיט מיר און אריינגעפירט אין גלח׳ס הויז. דאָ האָבן מיר איבערגענעכטיקט.

פריי־מאָרגן בין איך ארויס אויף דעם הויף א פארצווייפלטער און מיינע בליקן געוואנדן צום הימל און ביי זיך אין הארצן געטראכט: מאין יבוא עזרי? אין דעם מאָמענט האָב איך באמערקט דעם זעלבן אָפיציר, ווי ער שטייט ביים ברונען און וואשט זיך. זעענדיק ווי נישט באקוועם עס איז אים דאָס וואשן זיך מיט דעם טעפל, בין איך צו אים צוגעגאנגען און אים גע־פרעגט, צי איך קען אים העלפן. ער האָט מסכים געווען און גלייכצייטיק געפרעגט, וואָס מאכט מיין פרוי. איך האָב דעם מאָמענט אויסגענוצט און נאָך אמאָל געבעטן ער זאָל אונדז באפרייען. ער האָט געענטפערט, אז אין דעם מאָמענט איז עס אוממעגלעך און איז פארשוואונדן. אין א צייט ארום איז דער אָפיציר צוגעקומען און ביי מיר געבעטן די פאספאָרטן, און מיט זיי איז ער אוועק.

נאָך א קורצער צייט קומט ער צוריק מיט א שטראלנדיק געזיכט און דערלאנגט אונדז די פעסער מיט א באשייניקונג פון גענעראל־שטאב, דאָס מיר קענען פארלאָזן דעם פלאץ און פריי זיך באוועגן ביז בזשעזין. איך האָב אים הערצלעך באדאנקט און זיך מיט אים געזעגנט. ער האָט מיר אויסגע־שטרעקט די האנט און מיר געווונטשן א גליקלעכע רייזע. איך האָב באמערקט א טרער אין זיינע אויגן. איך האָב אים געפרעגט, וואָס באדייטן די טרערן. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט, דאָס אויך ער האָט איבערגעלאָזט א שוואנגערע פרוי און ער ווייס נישט, וואָס מיט איר האָט פאסירט, ווייל ער האָט געהערט דאָס די פאָליאקן האָבן באָמבארדירט זיין שטאָט.

נאָכן פארלאָזן דעם פלאץ איז ממש א נס געשען: — מיר האָבן באמערקט פון דערווייטנס שטיין א פויער מיט א פערד און וואגן פול מיט שטרוי, און ווען איך האָב אים געפרעגט, צי ער וויל אונדז צופירן ביז בזשעזין פאר א קליינעם אָפצאָל, איז ער באשטאנען. ער האָט אונדז געפירט דורך פארשיידענע זייטיקע וועגן, ווייל דער הויפטוועג איז געווען באלאגערט מיט דייטשן מיליטער, וואָס האָט מארשירט אויף ווארשע. מיט שווערער מי זיינען מיר מיטן צופאלן פון דער נאכט אָנגעקומען נאָך בזשעזין. מיר האָבן איבערגענעכטיקט ביי א יידישער משפחה און גלייך צומאָרגנס זיינען מיר צוריק געפאָרן נאָך לאָדזש.

אין לאָדזש האָט זיך אָנגעהויבן א נײַי קאַפּיטל פון יסורים.

אָט שטייט מיר איצטער פאַר די אויגן די אַזוי גערופענע דײַטשע שול אויף אלעיע קאָשטשושקאָ, וווּ איך האָב פאַרן קריג געוווינט, ארומגענומען מיט פלאַמען; די דײַטשע סאַדיסטן האָבן דעם שול אונטערגעצונדן. צונגען פון פלאַמען זײַנען דערגאַנגען ביז צום הימל. יידן און קריסטן מיט טרערן אין די אויגן האָבן באַוויינט דאָס הייליקע פּרעכטיקע קונסט־ווערק פון דער שול. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך דערמאָנט, ווי אַזוי האָט די שול אויסגעזען אין די רואיקע צײַטן פאַרן חורבן: די שבתים און „ימים־נוראים״־טעג, ווען די שול איז געווען געפּאַקט מיט מתפּללים. עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן די זיסע טענער פון די באַוווּסטע חזנים, בײַ און אַנדערע, וואָס האָבן געריירט הערצער. איך האָב דעם הייליקן פּלאַץ געזען נאָכן קריג, ווען ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א סטאַציע פאַר דראַשקעס און פערד.

אין די גורלדיקע טעג איז געבוירן געוואָרן מײַן זון. גרויס איז געווען אונדזער פרייד, אָבער מיט שרעק האָבן מיר איבערגעלעבט דעם מאָמענט, ווען מיר האָבן אים געיידישט. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן געהיים. דער מוהל האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן קומנדיק מוהל־זײַן דאָס קינד. דעם חלף האָט ער אַרויסגעצויגן פון דער כאָלעווע פון שטיוול, וואָס ער האָט געטראָגן.

אַזוי זײַנען ווײַטער פאַרלאָפן טעג און נעכט אין שרעק.

איינמאָל האָבן מיר געהערט א פּאַניק אויף דעם הויף, וווּ איך האָב געוווינט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט אַלע אײַנוווינער פון הויז אַרויסגעוואָרפן נישט דערלויבנדיק זיי וואָס איז נישט מיט זיך מיט צונעמען. ווען איך בין געשטאַנען פאַרצווייפלט מיט מײַן קליין נפשל אויף דער האַנט, איז דערשינען אין מײַן וווינונג א באַנדע דײַטשן אונטער דער אָנפירונג פון א ציווילער פרוי. איך האָב מיט טרערן אין די אויגן געבעטן בײַ איר צוליב דעם קראַנקן קינד, זי זאָל מיר ערלויבן פאַרבלײַבן אין מײַן וווינונג. זי האָט זיך פאַרטראַכט, קוקנדיק אויף דעם קינד, און מיר געגעבן א באַשײַניקונג, דאָס איך מעג פאַרבלײַבן אין מײַן וווינונג ביז סוף אַפּריל 1940. דאָס גאַנצע הויז איז באַזעצט געוואָרן מיט דײַטשן פון רײַך. זעענדיק, אַז מיר וועלן ווײַטער נישט קענען דאָ בלײַבן, האָבן מיר אין געהיים פאַרלאָזט די וווינונג, מיטנעמענדיק מיט זיך די נויטיקסטע זאַכן און אַרײַנגעפאָרן נאָך וואַרשע.

אין וואַרשע זײַנען מיר געווען 4 מאָנאַטן, די גאַנצע צײַט אין א צושטאַנד פון כסדרדיקע רדיפות. גלײַכצײַטיק האָבן מיר געליטן פון דער קעלט און

הונגער. נאָך א משפּחה־באראטונג האָבן מיר באשלאָסן, דאָס איך זאָל צוריק־פאָרן נאָך לאָדזש און ווען עס וועט קומען דער פרילינג זאָל מיין משפּחה אויך צוריקקומען אהין. די פּרעסט זיינען דעמלט געווען זייער שטארקע און עס איז אוממעגלעך געווען צו פאָרן מיט א קליין קינד.

מיט גרויסע שוועריקייטן בין איך צוריקגעקומען קיין לאָדזש און אָנגע־הויבן ארבעטן, און דאדורך געקענט איבערטראנספּערירן געלט צו מיין משפּחה. ליידער האָבן מיר געמאכט א פאלשן חשבון. מיטן אָנקומען פון פרילינג, איז שוין אוממעגלעך געווען אריינצופאָרן קיין לאָדזש, און דאָ האָט זיך אָנגע־הויבן א נייע טראגעדיע.

ביז דעם יאָר 1942 האָבן מיר נאָך געהאט א שריפטלעכן קאָנטאקט. איצט איז ארויס א נייע גזירה און עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די פּאָסט פון לאָדזשער געטאָ. די לעבנס־באדינגונגען זיינען געוואָרן ערגערע פון טאָג צו טאָג. הונגער און קראנקייטן האָבן געפּאנעוועט אין דער שטוב. טייל מענער האָבן זיך פרייוויליק געמאָלדן אויף ארבעט אויסערן געטאָ, בכדי צו לינדערן די נויט. צווישן די פרייוויליקע האָבן זיך אויך געפונען מיינע צוויי ברידער אברהם יחיאל און לייב. ליידער האָט אברהם יחיאל נישט אויסגעהאלטן די שווערע ארבעטס־באדינגונגען און איז געשטאָרבן פאלנדיק ביי דער שווערער ארבעט אויף דעם פרייען פעלד. מיין ברודער לייב האָט אים אליין געבראכט צו קבורה אויף דעם פעלד, ווו ער איז געשטאָרבן, און צוריקגעקומען אין לאָדזשער געטאָ מיטן גאנצן טראנספּאָרט. דאָ האָט מען זיי אריינגעפירט אין געטאָ־געפאנגעניש. דורך א יידישן אויפזעער פון דער תפיסה בין איך געוויר געוואָרן, אין וועלכער קאמער ער געפינט זיך. ביינאכט בין איך אריין אין דער קאמער, וואָס איז געווען באלויכטן דורך א קליין עלעקטריש לעמפּל, און געפונען מיין ברודער זיצן צוזאמען מיט נאָך יידן, אויסגעמאטערטע, הונ־געריקע און מוטלאָזע. איך האָב געהערט דאָס באקאנטע יידישע אָנגעווייטיקטע ליד: „אלי, אלי! למה עזבתני!״ אָט קלינגט מיר נאָך דער טרויעריקער ניגון אין די אויערן. איך האָב אָנגעוואנדן אלע מיטלען צו באפרייען מיין ברודער, וואָס איז מיר סוף כל סוף געלונגען.

און ווייטער זיינען אדורך טעג און נעכט, באגלייטע פון פּיין און שרעק. יעדער טאָג האָט מיט זיך געבראכט נייע גזירות. אָט שטייט מיר נאָך יעצט פאר מיינע אויגן דאָס טראגישע בילד פון שפּיטאָל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מיצקעוויטש גאס. דאָרט האָט זיך געפונען אן אפּטיילונג פאר

קימפעטאַרינס. דורך מיין פענסטער האָב איך געזען ווי עס שטייט א לאַסט־אויטאָ ארומגעשטעלט מיט דייטשע טויטן־קעפּ, און די קראַנקן שוועסטערס האָבן געטראָגן זויגקינדער צום אויטאָ. אָבער די רוצחישע סאַדיסטן האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, און איך זע ווי מיטאַמאָל הויבן אָן פליען לעבעדיקע נפשלעך פון ערשטן שטאָק גלייך אויף דעם לאַסט־אויטאָ. אין א קורצער צייט איז דער אויטאָ אָנגעפאַקט געוואָרן מיט די קליינע קינדערלעך און איז פארשוואונדן געוואָרן, מיטנעמענדיק אויך די קראַנקן־שוועסטערס.

דאָס בילד וועל איך קיינמאָל נישט פארגעסן.

און נאָך א טראַגיש בילד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון:

דורכגייענדיק אין געטאָ ביי דעם רבינס מארק האָב איך געזען קאָנצענט־רירנדיק טויזנטער מענטשן. אויף מיין פראַגע, פון וואַנעט זיינען אהער געקומען אזוי פיל מענטשן, האָט מען מיר געענטפערט, דאָס מען האָט זיי ספּעציעל אראָפּגעבראַכט פון די רעסאָרטן (פאבריקן), בכדי זיי זאָלן ביייווינען און זען, ווי עס ווערט אויסגעפירט א טויט־אורטייל דורך אויפהענגען א יידן. אין מיטן מארק איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט די תּליה — באוואַכט פון דייטשער געסטאַפּאָ — און דער תּלין, באַדעקט מיט שוואַרץ דעם קאָפּ, האָט געוואַרט אויף דעם באַפעל. אין דעם מאָמענט ברענגט מען צופירן א יידן געבונדן די הענט אויף הינטן. א בלאַסער מיט א ווייסן קאָפּ האָר, אויסגעלאָשענע אויגן. מען האָט אים צוגעפירט צו דער תּליה, איין אָפיציר האָט אים פאָרגעלייענט דעם אורטייל, און נאָך דעם האָט דער תּלין פארלייגט דעם שטריק אויף דעם האַלדז פון יידן און אויסגעפירט דעם אורטייל.

א גאַנצן טאָג איז דער ייד געהאָנגען. מיטן זון־אונטערגאַנג האָט מען אים קובר געווען.

שווער איז מיר ארויסצוברענגען אין שריפט און אין ווערטער דאָס טראַגישע געפיל פון די אַלע אנוועזנדע. טייכן בלוט האָבן געטריפט פון די יידישע הערצער צוזעענדיק דעם סאַדיסטישן אקט.

ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז דאָס געווען א דייטשער ייד, וואָס האָט געוואָלט פאָרן מיט דער באַן צוריק נאָך דייטשלאַנד. ביים קויפן דעם באַן־בילעט האָט זיך אים ארויסגעגליטשט פון דער טאַש דער געלער מגן דוד, וואָס די יידן האָבן געטראָגן אין די געטאָס. דאָס איז געווען זיין זינד און דערפאַר האָט מען אים ארעסטירט און פארמשפּט אויף טויט.

אין יאָר 1944, בעת דער אלגעמיינער ליקווידאציע פון געטאָ אין לאָדזש, מיט איינעם פון די לעצטע טראַנספּאָרטן האָב איך פארלאָזט די שטאָט. איך האָב איינגעפאקט מיין רוקזאק, זיך געזעגנט מיט מיין מוטער ע״ה, וואָס איז דעמלט געלעגן קראנק אין שפּיטאָל אויף דווארסקע גאס. זי דריקט מיר מיין האנט, און איך וועל אייביק פילן דעם לעצטן קוש, וואָס מיין מוטער האָט מיר דעמלט געגעבן. און עס קלינגען מיר נאָך אין די אויערן אירע לעצטע ווערטער: ווו דו זאָלסט נישט זיין, און וואָס עס זאָל נישט פאסירן מיט דיר, זאָלסטו זוכה זיין און איבערלעבן די מלחמה.

דעם זעלבן טאָג האָט מען אונדז אריינגעפירט אין פארמאכטע וואגאָנען. וואָס אין נאָרמאלע צייטן האָט מען אין זיי געפירט בהמות. מיר האָבן נישט געוווסט, אין וועלכער ריכטונג מען פירט אונדז.

אָפּפאָרנדיק א טאָג מיט א נאכט זיינען מיר אָנגעקומען נאָך אושוויץ. אויף דעם פלאץ האָט מען אונדז גלייך פונאנדערגעטיילט, מענער באזונדער, פרויען און קינדער, שוואכע מענער און עלטערע מענער אויך באזונדער. מען האָט אונדז אָפּגעפירט א שטיק וועג, און מען האָט אונדז געלאָזט זיצן אויף א פרייען פלאץ 24 שעה אָן עסן, אָן טרינקען. דאן האָט מען אונדז אריינגעפאקט אין איין באראק און געהייסן אויסטאָן זיך מוטער־נאקעט. מען האָט אונדז אָפּגעגאָלט מיט פארזשאווערטע מעסערס, מיטרייסנדיק שטיקער פלייש. נאָכן אָפּטושן זיך האָבן זיי אונדז געגעבן אן אזוי גערופענע לאגער־קליידונג און פונאנדערגעטיילט אין בלאָקן.

ווידער א ניי קאפיטל פון איבערלעבענישן וואָס איז אוממעגלעך צו באשרייבן — די פרשה פון יסורים, די ענגשאפט אין די באראקן, וואוהין מען האָט אונדז ממש אריינגעפרעסט, ווערנדיק דערנידערט דורך טמאדיקע קאפאס, וואָס האָבן בלוטזויגעריש אויסגעפירט סאדיסטישע באפעלן.

אין איינעם פון די יסורים־טעג בין איך געוווּיר געוואָרן, דאָס מען האָט געבראכט א נייעם טראנספּאָרט פון לאָדזשער געטאָ און צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען די אלע קראנקע פון דערמאנטן שפּיטאָל; צווישן זיי איז אויך געווען מיין מוטער. פון די דאָקטוירים פון דעם שפּיטאָל האָב איך זיך דערוווּסט, אז מען האָט אין דעם זעלבן אָוונט דעם גאנצן טראנספּאָרט אריינ־געפירט אין דעם גאז־אויוון און זיי פארברענט. כ׳בין געווען זיכער, אז אויך מיין מוטער געפינט זיך אין דעם מאָמענט אין דעם פלאַמענדיקן אויוון. איך בין געבליבן א פארקלאמערטער שטיין פאר מיין בלאָק, און קוקנדיק אויף די

פלאמענדיקע צונגען, וואָס זיינען דערגאַנגען צום פארשלאָסענעם הימל, האָט זיך ביי מיר געעפנט א קוואל פון טרערן. אזוי בין איך אָפּגעשטאַנען א גאַנצע נאַכט מיט א צעבראָכן הארץ און שטיל געמורמלט: „גאָט, אוי גאָט, זע ווי דיינע יידישע קינדער ווערן פארברענט אין פלאַמען!" מיט שווערע טריט בין איך צוריק אריין אין בלאָק, אָן כוחות אנידערגעפאַלן אויף דער האַרטער ליימעדיקער ערד.

דער גורל פון מענטשן שפּילט זיך אָפּ סיי אין פריידן און סיי אין ליידן. זייענדיק אין אושוויץ אייניקע וואָכן, בין איך געווען אין בלאָק 13. איינמאָל האָב איך פארשפּעטיקט צום נאַכט־אַפּעל. ווען איך בין צוגעקומען צו מיין בלאָק, איז שוין דאָס קוואַנטום פון די מענטשן געווען פול. האָט מען מיך דעריבער צוגעטיילט צום בלאָק 12, ווייל דאָרט האָט געפעלט איין פּערזאָן. געווען איז דאָס יום כיפור ביינאַכט. אַלץ ארום איז געווען רואיק. יעדער איז געלעגן פארטראַכט אין זיינע קאָשמאַרע מחשבות. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָב איך דערהערט א פארשטיקטע שטימע פון אַן עלטערן יידן מיט דעם באַקאַנטן „כל נדרי" ניגון. שטיל האָט ער דאָס אויסגעזונגען, נאָר די נאָענטע ארום אים האָבן דאָס געהערט, און שטיל האָבן מיר אַלע מיט־געכליפּעט און מיט אים מיטגעזונגען. אין דעם מאָמענט זיינען אויף דעם געדאַנק געקומען די פארשיידענע פּיין און ליידן פון די אינקוויזיציעס, צייטן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אדורכגעמאַכט אין פארלויף פון דעם לאַנגן יידישן גלות. אין מיטן ביינאַכט האָט מען פלוצים דערהערט א רעש מיט יאָמערדיקע געוויינען. אויפשטייענדיק אין דער פרי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די זעלבע נאַכט האָט מען ליקווידירט דעם גאַנצן בלאָק 13, ווו א נאַכט פריער האָב איך גענעכטיקט. ביז צו איין פּערזאָן זיינען זיי אַלע פארברענט געוואָרן.

נאָוועמבער 1944 בין איך געשיקט געוואָרן נאָך נידערשלעזיען (פרידלאַנד) אויף ארבעט. אדורכגעמאַכט פארשיידענע שווערע ארבעטן אין די גרויסע פרעסט און שנייען ביים שלעפּן שווערע שטיינער, וואָס איז געווען איבער די מענטשלעכע כוחות. אָפּגעפרוירענע הענט און פיס, אָנגעטאָן אין דינע פּאַשאַקעס, הונגעריקע, די פינגער האָבן געשטאָכן פון קעלט. און ווער עס האָט נישט געקענט די ארבעט אויספירן, איז גלייך באַלוינט געוואָרן מיט סאַדיסטישע קלעפּ פון די דייטשן און אוקראַינער.

פיל זיינען געפאלן אַנמעכטיק, נישט געקענט דאָס אלס אויסצוהאלטן.

אזוי זיינען מיר זייער ווייניק געבליבן. נאָך א לענגערער צייט האָט מען א טייל אריבערגעפירט אין א פאבריק, ווו מען האָט אויסגעפערטיקט פראָ־פעלערס פאר עראָפּלאנען. אויך דאָ איז די ארבעט נישט געווען קיין לייכטע. מיט א פּאָרציע ברויט פון 100 גראם, וואָס מיר האָבן באקומען באלד אין דערפרי, און איין זופּ וואָס איז מערסטנס באשטאנען פון געוויקסן, פון גראָז, וואָס איז געוואָרן אָפּגעריסן פון פעלד, האָבן מיר געארבעט 12 שעה א טאָג. דער שטארקער דראנג אין ווילן פון לעבן האָט באהערשט אפילו דעם שוואכן אויסגעמאטערטן אָרגאניזם.

א זכיה האָב איך געהאט, וואָס זייענדיק נאָך דער מלחמה אין אושוויץ האָב איך ארויסגענומען א ביסל אש פון דעם קרעמאטאָריום, געהיטן עס ביי זיך די גאנצע צייט, מיט דעם געדאנק דאָס צו ברענגען צו קבורה אין אונדזער הייליקן לאנד ישראל.

דעם 9־טן מאי 1945 בין איך באפרייט געוואָרן דורך די רוסן. ביסלעכ־ווייז בין איך צו זיך געקומען, און ווייטער אויפסניי אָנגעהויבן בויען א נייע משפחה.

אין יאָר 1950 בין איך אָנגעקומען קיין ישראל, מיטברענגענדיק דאָס ביסל הייליקע אש. אין דעם טאָג פון י״ז בטבת 1963, אין דעם טאָג וואָס מיר, די אלעקסאנדערער לאנדסמאנשאפט אין ישראל, האָבן אויפגעדעקט די מצבה אין מרתף השואה אין ירושלים צום אָנדענק פון אונדזער אומגעקומענער קהילה אלעקסאנדער, האָב איך אויך מיטגעבראכט דאָס ביסל אש בכדי דאָס צו קבורה ברענגען אויף דעם הר ציון אין ירושלים.

נחמן באהאריער /

מיין גורל אין די מלחמה־יארן

אין יאָר 1939 ביים אויסברוך פון דער 2־טער וועלט־מלחמה בין איך אלט געוועזן 17 יאָר. דאָס זיינען געווען מיינע פרילינגס־יאָרן געוועבט מיט זיסע קינדער־חלומות, פון ליכטיקע זונען־שטראלן, רואיקע טעג און גייסטיקע פארגעניגנס. איך בין דעמלט געווען א „ישיבה״־בחור. געלערנט אין דער אלעקסאנדערער „ישיבה״ „בית ישראל״, ווו דעם רבינס ברודער אברהם חיים זצ״ל איז געווען דער מנהל. צוליב צניעות פלעגט ער זיצן בעת דעם שעור נישט אויבן־אָן, נאָר ביים סוף פון טיש.

אָט ליגט מיר נאָך היינט אין זכרון די איוב־בשורה, אז די היטלער־שטיוול האָבן איבערגעטראָטן די פוילישע גרענעץ. ביי יעדן אין הארצן האָט עפעס א צאפל געטאָן און מיט שרעק זיך פאָרגעשטעלט די געוואלדיקע טראגעדיע פארן יידישן פאָלק, וואָס די מלחמה קען מיט זיך מיטברענגען. טראָץ דעם האָבן מיר די לימודים נישט איבערגעריסן און ווייטער ממשיך געווען דעם נאָרמאלן שעור און מיט דבקות אויסגעזונגען די שווערע סוגיות אין די גמרא־בלעטלעך. אָבער דאָס זיינען געווען בלויז געציילטע טעג. באלד האָט אויך אונדזער שטעטל אָנגעהויבן טרינקען די ביטערע טראָפּן פון סם המשחית, וואָס היטלער האָט געהאט צוגעגרייט פאר די יידן אין אייראָפּע.

אויך אונדזער שטעטל אלעקסאנדער איז נישט געווען קיין אויסנאם. בעתן גרוש פון די אלעקסאנדערער יידן נאָך גלאָוונע, וואָס זיינען געטריבן געוואָרן דורך די ס.ס. מיט דער מיטהילף פון די אלעקסאנדערע פאָלקס־דייטשן — זיינען אויפן וועג געפרוירן געוואָרן עטלעכע יידן מחמת דעם שטארקן פראָסט, וואָס איז אין יענעם טאָג געווען. צוליב די נגישות און דעם דראָען די יידישע וואנדערער מיט שיסן, האָט מען די געשטאָרבענע יידן נישט געבראכט צו קבר ישראל.

אין גלאָוונע בין איך געווען נאָר איין טאָג. איך האָב זיך געלאָזט אליין אין וועג אין דער ריכטונג פון אָסטראָוויעץ. דאָרט האָב איך געטראָפן א סך

יידן פון קאָנין, אויך זיי זיינען געוואָרן איבערטראַנספּאָרטירט, און עטלעכע אלעקסאנדערער משפחות. צווישן זיי די משפחה ווינטער, זעליג גוטערמאן און זיין משפחה, די משפחה גלאט, און מיין פעטער מאיר באהאריער און זיין משפחה. כדאי אונטערצושטרייכן די ווארעמע באציונג צו די פּליטים מצד די אָרטיקע בעלי־בתים. ביי יעדן בעל הבית האָבן געווינט עטלעכע משפחות, פּליטים. מען האָט זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן; ליידער האָט אלעמען גלייך געטראָפן דעם טראגישער גורל. שפּעטער זיינען אלע אומגעקומען. פון מיין פארצווייגטער משפחה בין איך און מיין שוועסטער העניע, וואָס איך האָט זי מיט כוח ארויסגעריסן פון ווארשעווער געטאָ, געבליבן לעבן. איך האָב אויך געקענט ראטעווען מיין צווייטע שוועסטער לאה, אָבער זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט פארלאָזן די געטאָ. נאכהער האָב איך זיך דערוווסט די סיבה. זי האָט געארבעט אין ווארשעווער אונטערערד־באוועגונג. נאָך דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ האָט מען זי געכאפּט און איבערגעפירט נאָך מיידאנעק און דאָרט איז זי אומגעקומען.

זייענדיק אין אָסטראָוויעץ האָב איך געפונען א וועג צו פארדינען און זיך אויסצוהאלטן. דער אָרטיקער יודענראט האָט זיך פארפּליכטעט פאר די דייטשן צושטעלן א געוויסע צאָל יידן יעדן טאָג צו פארשיידענע ארבעטן, בכדי די דייטשן זאָלן נישט כאפּן קיין יידן אין גאס אויף צוואנגס־ארבעט. אזוי ארום בין איך געגאנגען ארבעטן אין מיין פרייער צייט פאר אנדערע יידן און איך האָב דערפאר באקומען באצאָלט. אזוי האָב איך געארבעט ביז דעם יאָר 1942. דאן האָט מען ליקווידירט די געטאָ און די גרעסטע טייל יידן איבערגעפירט נאָך טרעבלינקע. געבליבן זיינען מיר בערך 2 טויזנט מאן, וואָס די דייטשן האָבן אונדז אויסגעקליבן און באשעפטיקט אין א הוטע „זאקלאדי אָסטראָוויעצקי". דאָ האָט מען אונדז ארייַנגעפאקט איז האָלץ־באראקן, 450 מאן אין א באראק. די ענגשאפט, די נישט היגיענישע באדינגונגען, די שווערע ארבעט און הונגער האָבן געבראכט די עפּידעמישע קראנקייטן. מענטשן זיינען געפאלן אין די הונדערטער.

אין יאָר 1944, ווען די רוסישע ארמיי האָט זיך דערנענטערט צום בוג, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ליקווידירן אלע ארבעטס־לאגערן, דערצונטער אויך אונדזער לאגער. מיר זיינען שוין צו יענער צייט געווען א קליינע צאָל. מיר האָבן זיך נאָך געראנגלט מיט די לעצטע כוחות. טראָץ דעם האָבן זיי אונדז נאָך נישט צורו געלאָזט און אונדז ווייטער איבערגעשיקט נאָך בירקענאו.

דאָרט האָב איך אָנגעטראָפן א סך יידן פון לאָדזש, קיעלץ, און סקארזשיסקאָ; פון דאָרט האָט מען אונדז ווייטער געטריבן. ביז מיר זיינען אָנגעקומען נאָך יאוואָזשנא, ווו די דייטשן האָבן אונדז באשעפטיקט אין קוילן־גרובנס ביי די שווערסטע באדינגונגען. פאר אונדזער אָנקומען האָבן דאָ געארבעט ענגלישע געפאנגענע, צווישן זיי יידן פון ארץ ישראל פון דער יידישער בריגאדע. פון אָרטיקע איינוווינער האָבן מיר זיך דערוווסט, אז ס'איז געקומען א באפעל פון בערלין צו באפרייען די ענגלישע קריגס־געפאנגענע פון שווערער פיזישער ארבעט. אזוי ארום האָבן מיר מיט די לעצטע כוחות געדארפט פארטרעטן זייערע פלעצער אין די פינסטערע קוילן־גרובנס, אין מינוטן פון פארצווייפלונג און אָנמאכט, ווען די געדאנקען זיינען שוין נישט פעאיק געווען צו טראכטן. אין דעם מאָמענט האָט פאסירט א איבערראשונג, וואָס נישט מיר און אויך נישט די דייטשן האָבן פארשטאנען. דאָס איז געווען דעם 11.1.45, ווען די רויטע ארמיי מיט אירע שותפים האָבן אדורכגעריסן אלע דייטשע פראָנטן און די דייטשן מורא האָבנדיק פאר דער געפאר, וואָס שטייט זיי פאָר, האָבן פיבער־האפט אָנגעהויבן יאָגן אין דער ריכטונג פון דייטשלאנד. 5 טעג און נעכט זיינען מיר אזוי געטריבן געוואָרן אָן אויפהער, אָן עסן, אָן טרינקען, ביז מיר זיינען צוגעקומען צום באוווסטן לאגער בלעכהאמער. דאָס איז געווען א באוווסטער לאגער; אויף דעם נאָמען פון הערמאן גערינג י״ש איז דאָ געווען א גרויסער סינטעטיש ווערק (פאבריק), ווו מען האָט איבערגעארבעט קוילן אויף פארשיידענע כעמיקאלן. מידע, ערשעפטע פון דעם וועג, ווו טויזנטער זיינען געפאלן, זיינען מיר אָנגעקומען.

ס'איז געוואָרן א גרויסער כאאָס; די דייטשן האָבן שוין נישט געקענט באהערשן די לאגע. זיי זיינען געבליבן אָנמעכטיק. מיר האָבן זיך מיט די לעצטע כוחות פונאנדערגעלאָזט אויף פארשיידענע וועגן. מיר האָבן אויפגעריסן פארשיידענע מאגאזינען מיט זאפאסן. מיר האָבן זיך געפונען אויף דער דייטשער טעריטאָריע, ווו די דייטשע פריוואטע באפעלקערונג האָט אונדז אויפגענומען פארשעמט און זיך געפילט נישט באקוועם פון דעם אלעם וואָס איז פאָרגעקומען.

ספעציעל וויל איך באצייכענען, דאָס דעם 26.1.45 בין איך שוין געווען באפרייט און דעם 30.1.45 בין איך שוין געווען אין אלעקסאנדער. א סטיכישע קראפט האָט מיך געשטויסן צוריק אין מיין היימשטעטל, כדי ווידער זיך טרעפן מיט מיין נאָענטער משפחה און מיט אונדזערע טייערע יידן, אָבער ליידער בין איך געווען דאָ דער איינציקער ייד. נאָך מיר זיינען געקומען נאָך א פאָר

צענדליק יידן. מיר האָבן זיך ארומגעדרייט אין שטעטל פּארוויינטע און פאר־יתומדיקע. מיר האָבן פרובירט זיך צוריק אָרגאניזירן, אָנגעהויבן אביסל ארבעטן. אָבער דער געדאנק האָט נישט געלאָזט רוען און קיינער האָט נישט געוואָלט בלייבן אויף דער פארשאָלטענער ערד.

צום סוף וויל איך דערמאנען צוויי גוטע פריינט, וואָס האָבן אדורכגעמאכט די ביטערע מלחמה און צוריקגעקומען אין אלעקסאנדער און נאכהער אומגע־קומען. דער ערשטער איז געווען יהושע לעווין, געקומען אין פוילישן מיליטע־רישן מונדיר און ווייטער אוועק אויפן פראָנט — און געפאלן ביי בערלין. דער צווייטער, וואָס איז נאָך דער מלחמה געקומע אין אלעקסאנדער אין מונדיר פון דער יידישער בריגאדע, איז געווען יעקב הנוך יעקובאָוויטש, וועלכער איז נאכהער געווען א חבר אין א מושב אין ישראל אויף דעם נאָמען ווינגייט אין רמת נפתלי. אין יאָר 1948, צוויי וואָכן פארן אויסברוך פון דער באפריי־אונגס־מלחמה, איז ער געהרגעט געוואָרן ביים פארטיידיקן דעם פונקט פון אראבישע קוילן.

יהי זכרם קדוש לנצח.

יהודה גאלדשמידט / מיין גורל

ווען דער דייטש איז געשטאנען פאר אלעקסאנדער דעם 7.9 1939, בין איך געגאנגען נאָך לאָדזש. ווען איך האָב געהערט, אז דער דייטש איז שוין אין אלעקסאנדער, האָב איך געוואָלט צוריקגיין. אויפן וועג האָט מען מיך געכאפּט און אָפּגעפירט אויפן הויף פון מאגיסטראט.

דאָרט איז שוין געווען א פולער הויף מענטשן. כ׳האָב דערזען דעם שוחט ברוך בער און אנדערע. מען האָט מיט אונדז קאָמאנדעוועט די הענט ארויף, די הענט אראָפּ, פנים אהין, פנים צוריק א.א.וו. א פּאָר מינוט שפּעטער איז אריינגעקומען א דייטש און האָט ארויסגענומען ברוך בער דעם שוחט און פינף מינוט שפּעטער יענקעלע פארזשענטשעווסקי.

דערווייל זיינען מענטשן געקומען צו מיין ברודער דוד זאָגן, אז איך זיץ אין מאגיסטראַט און מיר זיינען אויסגעשטעלט צום שיסן. אין דעם זעלבן הויז האָט געוווינט א דייטש קראַוזע, וועלכער איז געווען בורמישטש אין דער צייט. איז מיין ברודער צו אים ארויף און געגעבן א גרויסע סומע געלט און זאכן און געבעטן אים, ער זאָל מיך באפרייען.

ווען כ׳בין שוין געשטאַנען אין דער ריי מיט אלע, האָט מען מיך ארויס־גענומען. דעמלט האָט מען אריינגעבראַנגט דעם שוחטס צוויי זין. פינף מינוטן שפעטער איז אָנגעקומען א באפעל, אז מ׳זאָל אלע אָפּפירן אויפן יידישן בית־עולם און דאָרט האָט מען זיי צוזאמען מיט פאָליאקן געשאָסן.

צומאָרגנס האָט מען מיך געכאפּט צו ארבעט. אהיימגייענדיק פון דער ארבעט האָט מיך געטראָפן אויפן וועג מיינס א באקאַנטן א דייטש. האָט ער מיר געזאָגט, אז „היינט וועט ווערן פון דיין קאָפּ א שוויין" (אמאָל, נאָך אין די גוטע צייטן, איז געווען א בילדל פון היטלערס קאָפּ אויף א שוויין. דאָס האָב איך אים דעמלט געוויזן).

אזוי ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך דאָס דערציילט מיין גאַטזעליקן שוואָגער יענקל ליטווין, האָט ער מיר באפוילן אוועקצופאָרן פון אלעקסאנדער. איך האָב געזען אז מיין לעבן איז איינגעשטעלט, האָב איך גענומען דאָס פעקל און אוועק קיין לאָדזש, פון לאָדזש קיין ווארשע, פון ווארשע צו דער גרענעץ, נאָך ביאַליסטאָק...

שבתי פראַנקענטאַל /

זי האָט אפגעראַטעוועט דאס לעבן פון דריי יידן

וואַנדא באַראַווסקא — אַן איינוווינערין פון אונדזער שטאָט, קענט איר געוויס. איר פאָטער איז געווען אַן אייגנטימער פון א שלאָסער־ווערקשטעל צו רעפּארירן ראָווערן, וועלכע ער פלעגט אויך אויסבאָרגן, דעריבער האָט די יוגנט גוט געקענט זיין פאַמיליע.

אין שכנות מיט דער פאמיליע האָט געוווינט צווישן אנדערע די פאַר־מעגלעכע פאמיליע גאָלדבערג.

ווען די היטלעריסטן זיינען צוגעטראָטן צום אויסראָטן אונדזער פאָלק, האָט וואנדא באַראָווסקא געהאָלפן דער משפחה גאָלדבערג איבערטראָגן זיך קיין ווארשע (ווי באוווסט, האָבן די נאציס געשאפן א גרענעץ אין גלאָוונע, אָפּגעטיילט דאָס דריטע רייך פון גענעראל גוווערנאמענט) און דערנאָך אַן שום מאטעריעלן נוצן איבערגעפירט אהין א טייל פון זייער פארמעגן.

ווען די איוב־בשורות פון ווארשעווער געטאָ זיינען אויך אָנגעקומען צו וואנדאן, האָט זי באשלאָסן באזעצן זיך אין ווארשע און העלפן דער משפחה, איינשטעלנדיק דערמיט איר אייגן לעבן.

נאָכן שליסן דאָס געטאָ אין ווארשע — האָט וואנדא געדונגען אויף דער ארישער זייט א וווינונג אויפן 6־סטן שטאָק און אָנגעהויבן דאָרט צוגרייטן א באהעלטעניש. דעם קאכל-אויוון אין דער וווינונג האָט זי אויסגעוויילט פאר דעם צוועק. עס איז נישט געווען קיין לייכטע זאך דאָס אויסצופירן. אין א קוישל פאר איינקויפונגען האָט וואנדא ארויסגעטראָגן צוביסלעך די ציגל און שטיינער פון אינעווייניקסטן טייל פון אויוון, כדי נישט ארויסצורופן די אויפמערקזאמקייט פון די שכנים. נאָכן ענדיקן די ארבעט איז איר געלונגען איבערצופירן פון געטאָ יחזקאלן, שמואלן און חנהן (דזוניא), דריי קינדער פון דער משפחה גאָלדבערג, וועלכע זי האָט באזאָרגט מיט ארישע פאפירן. מער קיין פלאץ איז אין דעם באהעלטעניש נישט געווען.

יעצט דארף מען אויסהאלטן די באהאלטענע און אויך באצאָלן הויכע דירה־געלט פאר דער וווינונג. די דריי געשוויסטער גאָלדבערג האָבן אָנגעהויבן ארבעטן, געשטריקט זאָקן. מאשינען און רוי־שטאָף באזאָרגט וואנדא, אויך די פארטיקע פראָדוקציע ווערט דורך איר פארקויפט. שפייז, רוי־שטאָף — צו דעם אלעם האָט געדינט איר קוישל. עס האָט אויך געטראָפן אמאָל א באזוך פון א געסטאפּאָ־מאן און פון שמאלצאָווניקעס *. דאן זיינען די דריי מיט דער הילף פון א לייטערל אריין אין אויוון. אזוי זיינען דורכגעגאנגען לאנגע שווערע טעג און נעכט אין שרעק און פיין. ביז עס איז אויסגעבראָכן דער ווארשעווער אויפשטאנד. די היטלעריסטן האָבן פארנומען א הויז נאָך א הויז, דעמלט זיינע די דריי גאָלדבערגס געצוווּנגען געווען צו פארלאָזן זייער באהעלטעניש. דער עלטסטער זון יחזקאל ז״ל איז אומגעקומען אין

* פאָליאקן, וואָס האָבן שאנטאזשירט די אויסבאהאלטענע אויף דער ארישער זייט יידן. אויסגעפּרעסט ביי זיי געלט און דערנאָך איבערגעגעבן די דייטשן.

אויפשטאנד, שמואל און חנה זיינען פארוואונדעט געוואָרן און זייענדיק אין שפּיטאָל האָבן זיי זיך דערוואַרט די באפרייונג דורך דער רויטער ארמיי.

וואנדא באַראַווסקא געפינט זיך צווישן אונדז דאָ אין לאנד צוזאמען מיט איר פאמיליע, און עס איז פאר קיינעם קיין ספק נישט, אז איר טאט פארדינט אונדזער גרעסטע אָנערקענונג.

מנחם ווינטער / אויף די וועגן קיין ישראל

געווען איז עס אין אָנהויב פון פראַקטיקן ווינטער 1940, א קורצע צייט נאָכן גירוש אלעקסאנדער.

מיטן געדאנק צו קומען וואָס שנעלער קיין ארץ־ישראל, זיינען מיר — ווינטער מענדל, מיילעכס זון; שמידט שמואל, איטשעס זון; מאָשקאָוויטש מרדכי, אברהמס זון; גאָלדוואסער יוסף, כתריאלס זון; סענדיק אברהם, רבקהס זון; ראָזענשטראוך יעקב, איטשעס זון; צולא אברהם, דער קאָמאשן־שטעפער; דאנציגער משה לייב, פון דער בלאשקער גרשון הײמאנס משפחה; באום יחיאל, משה יוסלס זון; באום קאָפל, משה יוסלס זון — א מנין בחורים פון אונדזער שטעטל, מיט נאָך עטלעכע פליטים פון אנדערע שטעט, אָנגעקומען צו דער אונגאריש־רומענישער גרענעץ, אין שטעטל דעלאטין.

מיר זיינען געשטאנען אין בריף־קאָנטאקט מיט אונדזערע משפחות, און אויך מיט משה פשעטיצקי, דעמלט אין ווארשע; נחמה סענדיק אין סארנע (זי האָט דאָרט חתונה געהאט און געווען א לערערין אין פאָלקס־שול); און מיט יהושע לעווין, יעקבס זון, א סטאכאנאָוויעץ אין א זאָקן־פאבריק פון ווילנע, וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אלס פוילישער סאָלדאט אין די קאמפן נעבן בערלין, פרילינג 1945.

כדי צו פארווירקלעכן אונדזער ציל, און נישט פארלירן קיין צייט, ווייל עס קען חלילה זיין צו שפּעט, זיינען מיר איבערגעגאנגען צו מעשים.

יחיאל באום, וועלכן איך האָב נאָך געזען ענדע 1939 אלס אויפזער פון דער פליטים־קוך אין טארנאָפּאָל, איז געכאפּט געוואָרן אין דער צייט פון די גרויסע פרעסט אין די קארפאטן־בערג ביים איבערשרייטן די אונגארישע גרענעץ (וואָראָכטא) — צוזאמען מיט נאָך עטלעכע בחורים, זיינע באקאנטע

פון פוילישן מיליטער, — און פארשיקט געוואָרן דורך די רוסן אין אן „אומ־באקאנטן וועג". זיין ברודער קאָפּל האָט זיך ביי דער געלעגנהייט אָפּגעפּרוירן די פיס און איז געשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל, ווו מיר האָבן אים באזוכט. מער האָבן מיר אים נישט געזען. איך בין מיט זיי געזעסן 7 טעג.

יוסף גאָלדוואסער איז געכאפּט געוואָרן אין שניאַטין ביי דער רומענישער גרענעץ און איז פארשיקט געוואָרן קיין גרוזיע, היינט וווינט ער אין ניו־יאָרק.

אברהם צולא איז צוליב זיין דעמלט געזוכטן פאך — אריבער ארבעטן אין א קאָאָפּעראטיוו אין קוטי. אויך ביי די דייטשן האָט ער געארבעט ביי דעם פאך ביז צו דער ליקווידאציע פון יידישן שטעטל.

יעקב ראָזענשטראוך איז געלונגען ביי די דייטשן צו קומען פון סטא־ניסלאוו קייןווארשע צו זיין משפחה, ווו ער איז אומגעקומען.

משה לייב דאנציגער האָט זיך אן עצה געגעבן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאציע אין סטאניסלאוו ביז צו דער אנטגילטיקער פארניכ־טונג פון דער שטאָט.

מיר, פיר פארבליבענע חברים, זיינען מיט די לעצטע גראָשנס אין א פינסטערע נאכט אריבער די גרענעץ — ראש השנה תש"א — און זיינען אָנגעקומען קיין טשערנאָוויץ ווו מיר זיינען אָנוועזנט געווען ביים אָנטלויפן פון די רוסן — זומער 1941 ; און דאן די מפּלה פון די רומעניש־דייטשע טרופּן אין מערץ 1944.


ערשט אין אויגוסט 1948 האָב איך ווידער געטראָפן די דריי חברים, שמואל שמידט, מרדכי מאָשקאָוויטש און אברהם סענדיק — אלס חיילים פון צ.ה.ל. אין ישראל.

משה שיפּלינגער / פּאר און נאכן חורבן

אונדזער שטאָט אלעקסאנדער איז געווען ווייט און ברייט באַרימט מיט דעם רבינס „הויף". דער אלעקסאנדערער רבי ר' יצחק מנחם, דער לעצטער פון דער רביאישער דינאסטיע, איז אומגעקומען צוזאמען מיט זיינע ברידער — ר' יעקב־בונים, ר' אברהם חיים, שוועסטער, קינדער, איידעמס.

אַ מלכות!

פיל חסידים פלעגן קומען צום רבין אויף שבת און יום־טוב. ספּעציעל אויף א שבת חנוכה, שבועות, ראש־השנה און יום כיפור האָט דאָס גרויסע רבינס בית המדרש נישט געקענט ארייננעמען די פילע חסידים, וואָס זיינען געקומען פון די ווייטסטע ווינקלעך אין פּוילן, כדי צו זיין נאָענט צו זייער רבין.



שרידי ה„אוהל" לקברי האדמו"רים באלכסנדר
די חורבות פון רביימס „אוהל"

ווער קען פארגעסן דאָס מתיקותדיקע דאווענען פון דעם ימים־נוראימדיקן בעל מוסף ר׳ אריה לייב. זיין טיפע, שטארקע שטימע, טאקע ווי א לייב. אזוי האָט זיין קול געשאלט ברייט און ווייט איבער דעם גרויסן בית המדרש, און איבער דעם גרויסן הויף, ווו די פיל חסידים האָבן מתפלל געווען, ווייל אינעווייניק איז מער קיין פלאץ נישט געווען. זיין „כל־נדרי", זיין „יתגדל" פאר מוסף, האָבן געהאט א שם. איך מוז אויך דערמאנען דעם כאָר־זינגערס, מיט דעם קאָמפּאָזיטאָר־דיריגענט געצל פון לאָדזש. יעדעס יאָר האָט ער געשאפן נייע ניגונים, מארשן, ס׳איז געווען די ריכטיקע עבודת הקודש.

צום „הויף" האָט אויך געהערט די „ישיבה" „תפארת שמואל", געשאפן פון אלעקסאנדערער רבין, אויף דעם נאָמען פון זיין פאָטער ר׳ שמואל צבי זצ"ל. די „ישיבה" איז געווען דער רוח החיים פון „הויף": דאָרטן זיינען געזעסן איבער דריי הונדערט בחורים פון אלע ווינקעלעך אין פוילן, און יומם ולילה געלערנט ש"ס און פוסקים און חסידות.

מיט דער „ישיבה" האָט זיך אָפּגעגעבן יענקעלע אברהם חיימס, דער פרינץ פון „הויף": שלאנק, הויך, שווארץ, א שיין איידל פנים. פאר יעדן האָט ער געהאט א גוט וואָרט, א שמייכל. ער האָט נישט געקענט איינשטיין אויף אן אָרט; דער שארפער קאָפּ, דער גרויסער לערנער, האָט נישט געקענט איינ־רוען. ער איז געלאָפן פון איין טיש צום צווייטן ארויסהעלפן א בחור אין א שווערן תוספת, אָדער א הארבן מהרש"א. אלץ האָט ער געוווסט, אלץ האָט ער געזען. אלע האָבן אים ליב געהאט און רעספעקטירט.

דער מנהל פון דער „ישיבה" איז געווען ר׳ מנשה פריימאן, א ייד א למדן, א פיקח, דעם רבינס אויסערן־מיניסטער. די בחורים פלעגן עסן טעג, אָבער די לעצטע פאָר יאָר פארן קריג — איז שוין געווען איינגעאָרדנט א קוך. אלחר יוסף יאקובאָוויטש, וואָס האָט געענדיקט די „ישיבה", מיט היתר הוראה, פון די פיינע יונגעלייט ביי אונדז אין שטאָט, האָט צוגעהאָלפן יענקעלען אין דער אָנפירונג פון דער „ישיבה".

אָבער דער קאָפּ פון דער „ישיבה" איז געווען ר׳ אברהם חיים (דעם רבינס יינגסטער ברודער).

מיין זיידע, לייבעלע פּאָמעראנץ (גערופן לייבעלע בעקער), האָט געבויט זיין הויז און בעקעריי נישט ווייט פון רבין.

אויך מיינע עלטערן האָבן געוווינט אין זעלבן הויז.

געווען איז מיין זיידע לייבעלע א חסידישער ייד, געדאוונט ביים רבין. זיין פארגעניגן איז געווען יעדן פרייטאג פארנאכט שטעלן פלעשער קאווע אין בעקער־אויוון אריין. ווען די חסידים וועלכע זיינען געקומען פון דער פראווינץ צום רבין, זיינען שבת פרי נאך דער מקווה געקומען צום זיידן טרינקען הייסע קאווע, געדענק איך, ווי עס פלעגט טומלען און ווימלען פון זיי אין דעם זיידנס שטיבער. מען האט פארפלאכטן א שווערן תוספות, אדער א הארבן מהרש״א, אויך אמאל אדורכגעפירט... א שידוך. אויך מיר האט דער זיידע לייבעלע געגעבן א פונקציע צו האלטן ריין דעם טיש, אוועקנעמען די ליידיקע קאווע־פלאשן, ס׳זאל נישט אויספעלן קיין ריינע גלעזער, טעפלעך.

„ס׳איז א זכיה משמש צו זיין חסידים, תלמידי חכמים״, פלעגט דער זיידע לייבעלע מיר אפט זאגן, „א בחורל ווי דו דארף זיך דרייען און הערן א גוט ווארט אויף תורה״. דעם אמת זאגנדיק, האב איך די ארבעט נישט גערן געטאן, ווייל איך האב פארשטאנען, אז פון אוועקנעמען די ליידיקע פלאשן און צוגעבן ריינע טעפלעך וועל איך נישט פיל לערנען. מיך האט בעסער געצויגן צו זיין שבת פריער אין בית המדרש, איך זאל מיך קענען שפילן מיט די אנדערע יינגלעך.

געקומען איז דאס יאר 1939, דער 1־טן סעפטעמבער. היטלערס ארמיי מארשירט אריין אין פוילן; יידן לויפן שוין פון שטאט צו שטאט; די בהלה איז גרויס; די דייטשע עראפלאנען פליען נידעריק איבער דער שטאט און יאגן אן א מורא. אונדזער הויז איז שוין פול מיט יידן, פרויען און קינדער, אנטלאפענע פון די פויליש־דייטשע גרענעצן און אויך פון די נאענטערע שטעטלעך. אלץ איז פארצווייפלט, נישט ווייסנדיק ווו צו לויפן.

אין דער פינסטערניש פון דער נאכט גנבט זיך דער רבי ארויס נאך לאדזש, און מיט אים די גאנצע פאמיליע. דער „הויף״ בלייבט ליידיק, — הפקר.

יידן לויפן נאך זגיערזש, אויפן וועג צו ווארשע. אונדזער גאנצע פאמיליע איז אויך געלאפן, אבער נאר ביז סטריקאוו. מיין ברודער יעקב, איך און נאך פיל אלעקסאנדערער יידן, זיינען געגאנגען נאך ווארשע.

אין ווארשע האט זיך אנגעהויבן א ניי קאפיטל: די באמבארדירונגען טאג און נאכט. איך האב געזען ווארשע אין פלאמען.

דריי טעג זיינען מיר געווען אָן וואסער, אָן ליכט, אָן ברויט. מיר זיינען געלאָפן פון איין קעלער צום צווייטן, פון איין הויז צום אנדערן. ווארשע איז געוואָרן באָמבארדירט פון אלע זייטן. די דייטשע ארטילעריע האָט נישט אויפגעהערט מיט איר מערדערלעכער פארניכטונג; הונדערטער עראָפלאנען האָבן אָן אויפהער באָמבארדירט די ווארשעווער הייזער; מענטשן פאלן ווי פליגן, װוּאהין לויפן?! איבעראל ברענט!

משה ראפאלאָוויטש איז געפאלן אין ווארשע פון א דייטשער באָמבע, ביים איבערלויפן פון איין קעלער צום צווייטן אויפן זעלבן הויף.

ער איז געקומען צו קבורה אויף דעם זעלבן הויף.

ת נ צ ב ה.

נאָכן פאלן פון ווארשע זיינען מיר — הערשל גרונדמאַן (מיין יוגנט־פריינט), זיינער א קוזין פון א יאָר 15, מיין ברודער יעקב און איך, — אהיים געגאנגען. אָפגייענדיק א פופצן קילאָמעטער פון ווארשע אויפן וועג קיין לאָדזש, האָבן מיר אין דער זייט פון וועג ביי א פויערישע כאטע דערזען טראָקס און דייטשע סאָלדאטן. איך הער א באפעלערישע שטימע „קאָמען זי מאָל הער", איך גיי צו, גאָרנישט טראכטנדיק קיין שלעכטס, און איך דערזע פאר מיר א דייטש אין אוניפאָרם פון די ס.ס. מיטן טויטן־קאָפּ, מיט בייזע שפיציקע אויגן, מיט א בייזן טאָן. ער שרייט צו מיר: „ביסט דו יודע?" נאָך בעפאָר איך זאָג יאָ, גיט ער מיר דעם ערשטן פאטש, און איך ליג אויף דער ערד. „שטיי מאָל אוּף, פערפלוכטער יודע! קאָם מאָל מיט". איך גיי מיט, אָבער פול מיט שרעק. עס ציטערט אין מיר יעדעס אבר. ער נעמט מיר אריין אין דער ליידיקער שטיינערנער כאטע. דאָ האָט דער נאצי זיך צעשריגן מיט די ווילדסטע קולות און גענומען מיר שלאָגן און ריטשען: „דו פער־פלוכטער יודע, דו פערפלוכטער טשעמבערליין. איר האָט געוואָלט קריג". מיין ברודער און מיין פריינט הערשל, זעענדיק אז איך קום נישט ארויס, זיינען זיי צוגעגאנגען זען, וואָס מיט מיר האָט פאסירט, האָט ער זיי אויך אריינ־גערופן און ערשט זיך צעריטשעט, מיט דעם ווילדסטן כעס האָט ער אָנגע־הויבן אונדז שלאָגן; צוגענומען ביי אונדז די זייגערלעך, דאָס געלט, באזוכט אונדז, צי מיר האָבן גאָלד, דאָלארן, און צווישנצייט געשריען און געשלאָגן. ער האָט אונדז געטראָטן מיט די פיס, ספעציעל מיר האָט ער געקאָפּעט אויף דעם ריכטיקן דעלעקאטן אָרט, ווו ס׳טוט אממייסטן וויי.

מיט אמאָל קומט אריין א באנדע זעלנער, זיך אמוזירן, אונטערהאלטן פון דעם, וואָס זייער קאַמעראַד שלאָגט אונדז; זיי לאכן מיט דעם ווילדסטן געלעכטער פון אונדזער וויינען, פון אונדזער שיצן זיך און אויסבאהאלטן אין א ווינקל פון כאטע.

מיר בעטן זיך ביי די זעלנער, אז מיר האָבן מיט פּאָליטיק אָדער קריג גאָרנישט צו טאָן. איינער פון דער באנדע ווערט מלא רציחה פון אונדזער בעטן, נעמט ער זיין ראַפּניק, וואָס די דייטשע אָפיצירן, ס.ס.-לייט פלעגן טראָגן, און הויבט אונדז אָן שלאָגן איבער די קעפּ. ער גייט פון איינעם צום אנדערן און שרייט און שלאָגט, קאָפּעט און ריטשעט. מיט די הענט פּארדעקן מיר די קעפּ צו שיצן זיך פון די קלעפּ, מיר וויינען און בעטן, אז מיר זיינען ארבעטער, און אונדזערע עלטערן מאכן קוים א לעבן. דער מערדער איז אביסל מיד געוואָרן פון שרייען און שלאָגן, האָט ער זיך גענומען א ציגארעטל צום רויכערן.

א דריטער פון דער באנדע קומט צו ווייזן פאר זיינע קאַמעראַדן, וואָס ער קען. ער האָט גאָר געשפּילט דעם דזשענטעלמען. ער האָט זיך נישט געוואָלט די הענט באשמוצן ביי די יידן, האָט ער אָנגעטאָן לעדערנע הענטש-קעלעך, ארויסגעצויגן דעם לעדערנעם ראַפּניק פון שטיוול און געוויזן וואָס פאר א פאכמאן ער איז. זיין טאַקטיק איז געווען: באָקס אין מאָגן; זיינען מיר געפאלן, האָט ער געריטשעט און געקאָפּעט „שטיי מאָל אויף!" און זיך ארויסגעהאָלפן מיט דעם ראַפּניק. איך פיל, דער קאָפּ פּלאצט מיר פון די קלעפּ. מיט איין מאָל רייסט זיך דער ערשטער מערדער אָפּ פון זיין גרופּע, און פרעגט: „וואָס מאָכן מיט די יודען?" און ענטפערט: „גלייך ערשיסן!" די באנדע צעלאַכט זיך מיט א ווילדן געקיקער, און שרייען אויס: „יאָ, ערשיסן די יודען!"

דער מערדער כאַפּט ארויס דעם רעוואָלווער און איז גרייט אונדז צו שיסן, רופט זיך אָפּ איינער פון דער חבר'ה: „שאַדע די קוגעל (קויל), לאָס די יודען פריי". ער גייט צו און נעמט פון דעם מערדער ארויס דעם רעוואָלווער, און שרייט צו אונדז, „הערויס! מאַכט ספּאָרד קאָם! איר שווינע!"

איך מוז זאָגן, אז עפּעס א העכערע מאכט האָט געווירקט, עפּעס א נס, אז זיי האָבן אונדז באפרייט.

צעבלוטיקטע, צעביילטע, פול מיט שמערצן האָבן מיר זיך ארויסגעשארט פון די מערדערס הענט. לאנגע וואָכן האָב איך געפילט די קלעפּ, ספּעציעל

די קישקעס און אויפן קאָפּ אַנגעלאָפענעביילן פון די קלעפּ מיט דעם ראַפּניק.

אין דער היים האָב איך ערשט געזען, אז דאָס וואָס מיר האָבן מיט־געמאכט איז געווען א שפּילעכל קעגן דעם, וואָס אין אונדזער שטאָט האָט זיך אָפּגעטאָן. די דייטשן, די נאציס, האָבן געכאַפּט און דערשאָסן ברוך בער שוחטס צוויי זין — ירחמיאל און ישראל — מיינע אזוי נאָענטע טייערע פריינט פון „חדר", „ישיבה", און בית המדרש. זיי האָבן אויך דערשאָסן מיין נאָענטן חבר און פריינט פון גערער שטיבל לייבל שמילעוויטש, טייערע יונגע קינדער זיינען זיי געווען, 22—21 יאָר אַלט. הי"ד!

יידן זיינען אין שרעק. מ'שלעפּט צו שווארצער ארבעט, וואשן טראָקס, קערן דעם מארק־פּלאַץ און אַן קלעפּ האָט עס זיך נישט געענדיקט. אז מ'האָט זיך אין אָוונט געזען צוריק אין שטוב, איז מען געווען גליקלעך. יעדן טאָג נייע געזעצן, געלט־קאָנטריבוציעס, אָפּגעבן ראַדיאָס, מעבל, פּוטער־מאַנטלען, ארעסטן, מאָרדן.

די יוגנט האָט זיך שטילערהייט אָרגאניזירט און אין קליינע גרופּעס פארלאָזט די שטאָט. אויך איך האָב מיך געטראָפן מיט אפּאָר פון מיינע נאָענטע פריינט, און מ'האָט גערעדט אז מ'דארף אנטלויפן, ווייל די לאגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. נטע נאָטאַנאָוויטש האָט געפרעגט, ווי קען ער איבערלאָזן זיין שטיף־מוטער אליין און אנטלויפן? און יעדער אויף זיין אופן האָט געפונען א תירוץ: די לאָגע וועט זיך בארואיקן. עס קען דאָך נישט זיין, אז מ'זאָל אומשולדיקע מענטשן הרגענען.

דעם 11־טן נאָוועמבער האָט מען אין לאָדזש אויפגעהאָנגען צוויי יידן און צוויי קריסטן. מ'האָט ווייטער געשלעפּט יעדן טאָג צו דער ארבעט, און דערביי געשלאָגן מכות רצח. האָבן מיר באשלאָסן צו אנטלויפן, איך און מיין ברודער. מיר האָבן גענומען דאָס נויטיקסטע אויפן וועג. מיין יונגע שוועסטער פעלא, די איבערגעגעבענע ציוניסטקע און פייערדיקע רעוויזיאָניסטקע, האָט זיך געבעטן: נעמט מיך מיט, איך וויל נישט בלייבן מיטן מערדער דייטש, איך וויל גיין מיט אייך. און איך האָב זי איבערגערעדט: בלייב דאָך אין דער היים, וואָס וועט מען דיר, א 16 יעריק מיידל, טאָן? ווי וועסטו זיך שלעפּן איבער די גרענעצן, ווען מיר אליין ווייסן נישט ווו מיר גייען.

אין דער פינסטערניש פון דער נאכט בין איך מיט מיין ברודער יעקב אוועק נאָך לאָדזש אויפן וועג קייןווארשע, ביאליסטאָק. איך בין אוועק און געלאָזט מיין טייערע שוועסטער אויף הפקר, איך האָב זי געקענט ראטעווען.

איך האָב נישט געוואָלט פאַרשטיין איר געבעט און זי נישט געוואָלט מיט־נעמען. איך פיל א געפיל פון שולד. איך האָב זי איבערגעגעבן צו די מערדער אין די הענט אריין.

ביים געזעגענען זיך האָט אלץ אין שטוב געוויינט: מיין מוטער האָט זיך צוזאמענגעבראָכן: קינדערלעך! ווער ווייסט, צי מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל זען!? — זיינען געווען אירע ווערטער. דאָס לעצטע מאָל האָב איך נאָך געכאפט א בליק אויף מיינע עלטערן און שוועסטערלעך.

און דאָס לעצטע מאָל האָב איך געקושט די מזוזה פון אונדזער שטוב.

אין יאָר 1944 בין איך צוריקגעקומען פון רוסלאַנד — מאָביליזירט צו קעמפן אין דער פוילישער ארמיי. קומענדיק נאָך לובלין, ווארשע, האָב איך שוין געזען דעם גרויסן חורבן. די גאנצע צייט זייענדיק אין וויטן גאָרקי — טיף רוסלאנד — האָב איך נישט געוווסט פון דעם חורבן. נישט די ראַדיאָ, נישט די צייטונג האָט וואָס געמאָלדן וועגן דער פאַרניכטונג פון אייראָפּעאישן יידנטום, וועגן גאז־קאמערן, אָדער שקלאפן־לאגערן. איך האָב אלץ נאָך געהאָפט אז ווער פון מיינע נאָענטע און טייערע, עלטערן, פיר שוועסטערלעך, מומעס, פעטערס, קוזינען וועט זיך אפשר ראַטעווען.

אין יולי 1945 בין איך געקומען נאָך אלעקסאנדער, האָב איך ערשט געזען דעם גרויסן בראָך. קיינער האָט זיך פון דער גרויסער פאַרצווייגטער משפחה נישט געראַטעוועט!

נאָר מיין איינציקער טייערער ברודער יעקב, יעצט אין ישראל, האָט זיך דורך א נס געראַטעוועט פון לאגער דאכאו, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך פארלוירן ביים אנטלויפן אין 1941 פון שאוועל, ליטע. מיר איז געלונגען זיך אריבערצוכאפן די ליטוויש־רוסישע גרענעץ, נאָך ריגא און ווייטער, און מיין ברודער איז געבליבן אין שאוולער געטאָ, ווייל די ליטווישע אנטיסעמיטן האָבן געמאכט שוועריקייטן ביי דער גרענעץ, און אים און פיל אנדערע יידן נישט אדורכגעלאָזט.

יאָ! מיין ליבע טייערע מוטער איז געשטאָרבן י׳ אדר 1941, פון הונגער און אוממענטשלעכע באדינגונגען אין ווארשעווער געטאָ און געקומען צו קבורה אויפן פראגער בית הקברות. זי האָט ריכטיק פאָרגעפילט.

די גאנצע יידישע גאס, מיט אונדזער הויז, ווו מיר האָבן לעצטנס געוווינט, מיט דעם רבינס הויף, בית המדרש, — אַראָפּגעריסן. נאָר דעם רבינס

ניי גרויס הויז, וואָס די חסידים האָבן געלאָזט בויען פאַרן רבי'ן די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה, האָבן די דייטשן געלאָזט שטיין, און די פּאָליאקן האָבן דערפון געמאכט א גימנאזיע.

די שיינע געמויערטע שטאָט־שול — פארברענט. אויפן אָרט — א גאָרטן געמאכט, אז ס'איז אפילו נישט צו דערקענען אז אויף דעם אָרט איז אמאָל א שול געווען. פון דער מקווה, נעבן דער שול — קיין זכר; דאָס בית־הקברות איז צעשטערט, די מצבות — צעבראָכן, אויסגעריסן.

צו מיין אוועקפאָרן פון אלעקסאנדער אין יאָר 1945 איז נאָך געווען א שיין ביסל מצבות אויפן פעלד. פון אן עד ראיה, ישראל פארבער, וואָס איז לעצטנס געווען אין אלעקסאנדער, האָב איך זיך דערוווּסט, אז אויפן בית הקברות איז געבליבן נאָר א פּאָר איינצעלנע מצבות, פון „ישמח ישראל" און „תפארת שמואל". די מויער ארום די מצבות פון די גרויסע רבי"ים איז אויך צעשטערט.

איך וויל דאָ דערמאנען מיינע עלטערן לשבח.

זעלטן א שבת, פרייטאג צונאכטס, וואָס מיין פאָטער בעריש שיפּלינגער, גערופן בעריש מלמד, זאָל נישט האָבן מיט זיך אהיים גענומען א יידן צום שבת־טיש.

דאָס איז אויך געווען אין מיטן דער וואָך. ווען א שליח פון א „ישיבה" אָדער א בעל־דרשן פלעגט קומען אין שטאָט, האָבן שוין די בחורים פון רבינס, אָדער קהלס בית המדרש געהאט אן אדרעס, און דאָס איז געווען ביי אונדז.

אלטער יוסף יאקובאָוויטש, אָדער משה ראפּאלאָוויטש הי"ד און ייבדל לחיים ארוכים שמעון יעקובאָוויטש פלעגן אָפּט אריינשיקן בכבודיקע יידן מיט א מליצה־בריוועלע.

ביי אונדז איז די טיר שטענדיק געווען אָפן. און מיין מוטער ע"ה, די הארציקע גוטע פרוי, האָט קיין מאָל נישט אָפּגעזאָגט א גאסט. נישט רעכנענדיק זיך, וואָס ביי אונדז אין שטוב איז געווען זיבן קינדער, האָט די איידעלע נשמה, מיין טייערע מוטער תמר, אלע מאָל אויפגענומען דעם גאסט בסבר פנים יפות, און פיל מאָל נאָך צוגעגעבן אויף הוצאות הדרך אים אין טאש אריין.

די איראַניע פון גורל האָט געוואָלט זיך רייצן מיט מיר. מאַרשירנדיק איבער די אויפגעריסענע געטאָ־מויערן אין וואַרשע צום פּראַגער בית־החיים, האָב איך געזען אין מיין דמיון דאָס מאַרשירן פון מיינע שוועסטערלעך, מיט די קאָלאָנעס, צו צוואַנגס־אַרבעט; הונגעריקע, פאַרפרוירענע, איינזאַמע, באַטריבטע. זעסט, קוק! האָט זיך דער שטן מיט מיר געריצט, מיט דעם וועג, האָבן דיינע שוועסטער פאַרוויינטע, צעבראָכענע, באַגלייט אונדזער אַזוי טייערע מוטער צו איר אייביקער רו אויפן פּראַגער בית־החיים. אָן א צייכן, אָן א מצבה איז דער קבר געבליבן.

איך האָב מיין רוסישן קאָמאַנדיר אָפּט דערציילט וועגן געטאָ; אַז מיין מוטער איז געקומען צו איר רו אָט אָ דאָ (איך ווייז אים מיט דעם פינגער צום פעלד). ער אַלס רוס האָט מיר דערלויבט צו גיין זיך אויסוויינען. אָבער וווּ?! וווּ געפין איך א צייכן פון מיין מוטערס קבר? אַלץ איז געווען צעשטערט, די מויער, דער גדר אַרום; קיין צייכן. א פּאָר מצבות זיינען געשטאַנען, א טייל צעבראָכענע זיינען געלעגן אויף דער ערד. ס׳האַרץ וויינט. וואָס טאָן? איך, דער יידישער סאָלדאַט אין פּוילישן מונדיר, שטעל זיך אַוועק אין מיטן פעלד, א צעבראָכענער, איינזאַמער, א באַגאָסענער פון טרערן. ביי א טויטער שטילקייט, זאָג איך דעם טראַדיציאָנעלן „יתגדל ויתקדש שמיה רבא״. א קאָלעקטיוון „קדיש״ האָב איך געזאָגט נאָך מיינע ליבע און טייערע, מיינע נאָענטע פון מיין פאַרצווייגטער פאַמיליע, הי״ד.

בהכיננו את רשימת קדושי עיירתנו שהושמדו ע״י הצורר הנאצי וקלגסיו ימ״ש, עשינו מאמצים בלתי נלאים לרכז את כל השמות האפשריים על מנת להנציחם בספר.

לצערנו ולדאבון לבנו — למרות הרצון הטוב והעמל הרב שהשקענו בעבודה זו — לא הצלחנו לאסוף אלא כשליש בלבד מן השמות.

עריכת רשימת השמות למשפחותיהם ולפי סדר הא״ב אף היא אינה מלאכה קלה וייתכן שבמהלכה נשמט שם כלשהו, הופיע פעמיים או נכתב שלא כמקובל ע״י בעליו.

על כל אלה מבקשים אנו מראש את סליחת הנוגעים בדבר.

ועדת המערכת

ביים אויספערטיקן די רשימה פון די אלעקסאנדערער קדושים, וועלכע זיינען אומגעקומען דורך די נאצישע מערדער, האָבן מיר געמאכט אונערמידלעכע אָנשטרענגונגען צו קאָנצענטרירן אלע מעגלעכע נעמען כדי זיי צו פאראייביקן אין בוך.

ליידער, טראָץ אונדזער בעסטן ווילן און פלייסיקע ארבעט, האָבן מיר מצליח געווען צונויפזאמלען נאָר א דריטל פון די נעמען.

דאָס פאַרבערייטן די ליסטע לויט די משפחה נעמען און לויטן א״ב, איז אויך נישט געווען קיין צו לייכטע מלאכה, און מעגלעך אז ביי דעם איבער־שרייבן זיינען דאָ און דאָרטן געפאלן עטלעכע שיבושים.

איבער די אלע טעותן בעטן מיר פאַרויס אנטשולדיגונג פון די לייענער.

די רעדאַקציע קאָמיסיע

יהודי אלכסנדר שניספו בשואה

אומגעקומענע אלעקסאנדערער יידן

אדלר לייבל
אדלר רבקה
אדלר חיה־פעסיע

אזשעכאָווסקי משה און משפחה

איזראלעוויטש הערש
איזראלעוויטש אסתר
איזראלעוויטש עלקע
איזראלעוויטש פנחס
איזראלעוויטש רבקה־מינדל

איזראלעוויטש שמעון
איזראלעוויטש חנה
איזראלעוויטש זיסל
איזראלעוויטש מינדל
איזראלעוויטש אסתר

איזראלעוויטש שולמית
איזראלעוויטש טובה־שרה
איזראלעוויטש ביילע־שיינדל
איזראלעוויטש אבא

איזראלעוויטש אברהם
איזראלעוויטש רויזע־מלכה
איזראלעוויטש משה

איזראלעוויטש יואל
איזראלעוויטש מרדכי

איזראלעוויטש ישראל און משפחה

אייגארס אסתר

אייזן אסתר

אייזן אבא
אייזן רויזע און קינדער

אייזן אברהם און משפחה

אייזנער משה
אייזנער אלטע און קינדער

איילענבערג יהושע־לייביש
איילענבערג יסקע און קינדער

אבנר יעקב־אהרן
אבנר פייגל־רבקה
אבנר טויבע
אבנר שיינדל

איצקאָוויטש אברהם
איצקאָוויטש רוזשקע
איצקאָוויטש ישראל

איצקאָוויטש איטע
איצקאָוויטש נעמי
איצקאָוויטש פרימעט
איצקאָוויטש פערל

איצקאָוויטש בלימע
איצקאָוויטש מאשה

אלטמאן פנחס
אלטמאן יוכבד

אלשטיין יצחק־יוסף און משפחה

אלשטיין מענדל
אלשטיין אלטע־נחה
אלשטיין אברהם

אנגעלקא אהרן און משפחה

אָפּאטאָווסקי אליעזר
אָפּאטאָווסקי אסתר
אָפּאטאָווסקי מענדל
אָפּאטאָווסקי אברהם

אָפּאַטאָווסקי שמערל און משפחה

אָפּאַטאָווסקי רבקה

אפעלאָוויטש יצחק־אליעזר
אפעלאָוויטש אלטע־ברכה
אפעלאָוויטש אהרן־שמואל
אפעלאָוויטש רבקה

אפעלבלאט דאבריש
אפעלבלאט טובה
אפעלבלאט שרה
אפעלבלאט אריה
אפעלבלאט חנה־רויזע
אפעלבלאט אסתר

ארדינאנס צעקא
ארדינאנס אברהם

ארדינאנס גאָלדע
ארדינאנס יוסל
ארדינאנס טוביה
ארדינאנס חנה־דבורה
ארדינאנס שמערל
ארדינאנס שפרה

ארדינאנס עלקע און מאן

באהאריער חנוך
באהאריער מלכה
באהאריער יוכבד
באהאריער לאה
באהאריער מירל
באהאריער חיה

באהאריער מאיר

באהאריער מאלטשע
באהאריער רחל
באהאריער טובה
באהאריער נתן

באטשאן מלכה
באטשאן יוסף
באטשאן מרדכי

באטשאן דוד
באטשאן וואָלף

באטשאן שמחה
באטשאן יחיאל
באטשאן לייטשע
באטשאן מענדל
באטשאן חיה־ליבע
באטשאן גאָלדע

באַרוכאָוויטש פישל
באַרוכאָוויטש איטה

בודזין און משפחה

בוים שלמה־יוסף

בוים מרים־פייגע

בוים יחיאל

בוים קאָפּל
און זייערע פאמיליעס

בוימגארט פייגע

בזשאזע יצחק־מענדל
בזשאזע יחיאל
בזשאזע ירחמיאל

ביגלאייזן יצחק־מענדל
ביגלאייזן שרה
ביגלאייזן דבורה
ביגלאייזן חנה
ביגלאייזן יוסף

ביעלאוס אברהם און פרוי

ביעלאוס ראזשקע
ביעלאוס לאטא

בירקע אהרן
בירקע חנה
בירקעביילע
בירקע נחמן
בירקע אברהם

בירקע יעקב און משפחה

בלאנקעט חנוך
בלאנקעט נעמי
בלאנקעט יעקב
בלאנקעט אהרן
בלאנקעט הערש

בלאנקעט רבקה

בלאנקעט אברהם־יוסל
בלאנקעט חיה
בלאנקעט מלכה
בלאנקעט חנה׳טשע

בלאנקעט בן־ציון
בלאנקעט פערל

בלאשטיין לייבל
בלאשטיין קאזשע און קינדער

בלאשטיין בנימין
בלאשטיין טובה־פייגע

בעלקאָוויטש יצחק מאיר

בראנד הערצקע

בראנד יעקב

בראנד בינה

בראנד איסער

בראנד בינה

בראנד פנחס־מאיר

בראנד מלכה

בראנד מאטל

בראנד ייסקע

בראנד לאה

בראנד בן־ציון

בראנד אברהם

בראנד מלכה און קינדר

בראנד מאיר

בראנד מלכה

בראנד אברהם און קינדער

בריל פייגע

בריל לייב

בריל חיים

בריל משה

בריל מרים

בריל דבורה

ברעזינער אלתר

ברעזינער חנה־שפרה

ברעזינער רחל

ברעזינער חיה־שמחה

ברעזינער ברכה־יוכבד

ברעזינער אסתר־מלכה

ברעסלער יצחק

ברעסלער ראדע

ברעסלער גיטל

גאָטליב, ד"ר און משפחה

גאָלדא אברהם

גאָלדא מאטל

גאָלדא משה

גאָלדא יחיאל־מאיר

גאָלדא ישראל

גאָלדבערג עווטשע

גאָלדבערג מאיר

גאָלדבערג נאטע

גאָלדבערג פייגע־שבע

גאָלדבערג רחל

גאָלדבערג הערשל

גאָלדבערג גרשון

גאָלדבערג מענדל

גאָלדבערג נעמי און משפחה

גאָלדבערג מנשה

גאָלדבערג רויזע

גאָלדבערג יהודית

גאָלדבערג יעקב

גאָלדבערג טובה

גאָלדבערג לאה

גאָלדבערג יצחק־מאיר

גאָלדבערג דינה

גאָלדבערג יעקב
גאָלדבערג רויזע
גאָלדבערג ייטקע
גאָלדבערג יחזקאל
גאָלדבערג העלע
גאָלדבערג לייבל

גאָלדוואסער בן־ציון
גאָלדוואסער אריה
און זייערע פאמיליעס

גאָלדוואסער דוד, פרוי און קינדער

גאָלדוואסער כתריאל
גאָלדוואסער גאָלדע און משפחה

גאָלדמאן פנחס
גאָלדמאן חנה
גאָלדמאן קיילע
גאָלדמאן טויבע

גאָלדמאן אברהם און משפחה

גאָלדקראנץ מאיר

גאָלדקראנץ שעוועלע

גאָלדקראנץ פנחס

גאָלדקראנץ ירוחם
און זייערע פאמיליעס

גאָלדשמידט דוד
גאָלדשמידט חיה

גאָלדשמידט לאדזיא
גאָלדשמידט העניא
גאָלדשמידט פעליק
גאָלדשמידט גרשון

גוטערמאן מאָטל
גוטערמאן איידל
גוטערמאן העלא
גוטערמאן זישע
גוטערמאן יחזקאל
גוטערמאן יחזקאל
גוטערמאן מאניע
גוטערמאן העניע
גוטערמאן זישע
גוטערמאן יחזקאל און צוויי טעכטער

גוטערמאן פריידל
גוטערמאן זישע
גוטערמאן יחזקאל
גוטערמאן רויזע
גוטערמאן הערש
גוטערמאן מאכלע

גוטערמאן משה־אברהם
גוטערמאן פייגע
גוטערמאן זישע
גוטערמאן איטע
גוטערמאן טויבע
גוטערמאן ישראל־הערש

גוטערמאן זעליג
גוטערמאן חנה־רבקה
גוטערמאן ישראל

גוטערמאַן איציק
גוטערמאַן חיה
גוטערמאַן זישע
גוטערמאַן אלי
גוטערמאַן מאַכלע

גוטערמאַן שמואל־הענעך
גוטערמאַן מאַכלע
גוטערמאַן יחיאל־מאיר
גוטערמאַן אסתר
גוטערמאַן הירש
גוטערמאַן רחל

גומפריך גיטל

גומפריך בעלאַ

גומפריך טויבע
און פאַמיליעס

גורמאַן גדליהו
גורמאַן חנה
גורמאַן ראַשקע
גורמאַן פייגע
גורמאַן לאה
גורמאַן דבורה

גילעף ראובן־וואָלף
גילעף פריידל און משפחה

גימפּראָוויטש רבקה־רחל
גימפּראָוויטש פערל
גימפּראָוויטש חנה־מינדל

גלאַט משה און משפחה

גלאַט ד״ר און משפחה

גליצנשטיין פייוול
גליצנשטיין פעלאַ
גליצנשטיין רבקה

גליצנשטיין הענעך
גליצנשטיין עטל
גליצנשטיין רחל
גליצנשטיין מרים
גליצנשטיין חנה
גליצנשטיין לאה
גליצנשטיין שרה

גליצנשטיין בונים
גליצנשטיין חנה
גליצנשטיין הינדע
גליצנשטיין רבקה
גליצנשטיין טויבע

גליקסמאַן ברוך־לייזער און משפחה

געטשינסקי יצחק־משה
געטשינסקיביילע
געטשינסקי אברהם־הירש
געטשינסקי רודע
געטשינסקי שרה

געטשינסקי זלמן

געטשינסקי עקיבא

געטשינסקי חנה

געטשינסקי מרים

געטשינסקי מלכה
און פאמיליעס

געטשינסקי הלל

געטשינסקי רחל

געטשינסקי יוסף

געטשינסקי גאָלדע

געטשינסקי יחזקאל

געטשינסקי זלמן

געטשינסקי ישראל

געטשינסקי חנה

געלבארט מיכאל

געלבארט רייזל

געלבארט אברהם

געלבארט משה

געלבארט פרץ

געלבארט יחיאל

געלבארט גאָלדע־שרה

גערשוניאק הינדע־רחל

גערשוניאק מלך

גערשוניאק יצחק

גערשוניאק פרץ

גערשוניאק טויבע

גערשאָנאָוויטש לייביש

גערשאָנאָוויטש חנה

גערשאָנאָוויטש יצחק

גערשאָנאָוויטש פרץ

גערשאָנאָוויטש טויבע

גערשאָנאָוויטש חנה

גראָסמאן אסתר

גראָסמאן בעריש

גראָסמאן מאיר

גראָסמאן יצחק

גראָסקאָפּף הערשל

גראָסקאָפּף דבורה

גראָסקאָפּף יונה

גראָסקאָפּף חוה

גריימאן גבריאל

גריימאן העלע

גריימאן הירש

גריימאן רחל

גריימאן שמואל

גריימאן אברהם־שמעון

גריימאן חנה

גריימאן שמואל

גריימאן מרדכי

גריימאן יצחק

גריימאן פעסא

גריימאן שרה־רבקה

גריימאן אלטע

גריימאן פערל

גריימאן אברהם

גריימאן מרדכי

גריימאן חנה

גריימאן הינדע

גריימאן בן־ציון
גריימאן חוה
גריימאן יוסף
גריימאן לאה

גריימאן פרץ
גריימאן פייגע

גריימאן מנחם
גריימאן פערל
גריימאן ליפמן

גרינשפאן בן־ציון אברהם
גרינשפאן פערל
גרינשפאן פריידע
גרינשפאן גאָלדע
גרינשפאן חיה
גרינשפאן חנה

גרינשפאן ברל
גרינשפאן איטע
גרינשפאן אסתר־באשה
גרינשפאן זכריה יצחק

גרינשפאן שמואל־חיים
גרינשפאן שרה־חיה
גרינשפאן אהרן־הנוך
גרינשפאן צירל

גרינשפאן פייגה
גרינשפאן חיה

גרינשפאן הענעך
גרינשפאן פעסע
גרינשפאן יונה

גרינשפאן שלמה
גרינשפאן זיסל

גרינשפאן פעסיע
גרינשפאן חיה
גרינשפאן אדעלע
גרינשפאן צירל
גרינשפאן אסתר
גרינשפאן שרה

גרינשפאן הירש־מאיר
גרינשפאן אסתר־רחל
גרינשפאן פאלקע

גוזע פינקל
גוזע ירוחם־שמואל
גוזע גיטל

גערשט מרים
גערשט טויבע און קינדער

דער אדמו"ר פון אלעקסאנדער און משפחה, זצ"ל

דאנציגער יצחק מנדל זצ"ל
דאנציגער חנה, זיין פרוי

דאנציגער רויזע מינדל, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער הינדע, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער פייגע, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער אסתר, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער רחל, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער הדסה, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער לאה, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער סימע, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער בריינדל, טאָכטער
און משפחה

דאנציגער ירחמיאל ישראל יוסף
און משפחה

דאנציגער יעקב בונם
ברודער פון רבין זצ"ל
און משפחה

דאנציגער אברהם חיים
ברודער פון רבין זצ"ל
און משפחה

דאנציגער מרדכי
דאנציגער אברהם
דאנציגער יחיאל
דאנציגער יעקב ירחמיאל
דאנציגער ירחמיאל ישראל יוסף
דאנציגער רויזע פייגע
דאנציגער צפורה
דאנציגער אסתר
דאנציגער שבע'לע
דאנציגער אברהם יודל
דאנציגער יחיאל
דאנציגער רבקה
דאנציגער יוסף
דאנציגער רויזע מינדל

דאנילעוויטש חיה־שרה

דאנציגער אברהם־חיים

דאנציגער לאה

דאנציגער ישראל

דאנציגער פייגע

דאנציגער אהרן

דאנציגער דבורה־אסתר

דאנציגער משה־מענדל

דאנציגער הינדע־צירל

דאנציגער יצחק־מאיר

דאנציגער יהודה־לייב

דאנציגער הדסה

דאנציגער גאָלדע

דאנציגער אברהם־יחזקאל

דאנציגער מיכל'ה־פרימעט

דאנציגער בונים

דאנציגער ציפע

דאנציגער ברײנע

דאנציגער מרים

דאנציגער פייגע

דאנציגער נעמי

דאנציגער יעקב און פאמיליע

דאנציגער יוסף

דאנציגער רחל

דאנציגער יעקב־בונים

דאנציגער רחל

דאנציגער שלמה

דאנציגער שרה

דאנציגער יצחק

דאנציגער רויזע און קינדער

דאנציגער און פאמיליע (מבלאשקע)

דאנציגער יעקב־אהרן

דאנציגער פעסיע־לאה

דאנציגער יידל־לייב

דאנציגער חיה

דאנציגער פייגע

דאנציגער מלכה

דאנציגער משה

דאנציגער רבקה

דאנציגער טאמי־רייזל

דאנציגער שמואל־אבא

דאנציגער פראדל

דאנציגער דוד

דאנציגער יעקב

דאנציגער פייגע

דאנציגער יצחק

דאנציגער יוסף

דאנציגער משה־מאיר

דאנציגער מיכאל

דויטש יהושע

דויטש לאה

דויטש לייבל

דויטש יעקב

דויטש פעסיע

דויטש רויזע

דויטש משה

דרוקער וואפטשע און פאמיליע

דרוקער יצחק־מרדכי
דרוקער בריינע
דרוקער חיה

האָכמאַן מלכה־ביילע

האנדעלסמאַן אביגדור
האנדעלסמאַן מלכה
האנדעלסמאַן חנה־רייזל
האנדעלסמאַן יעקב־קאָפּל
האנדעלסמאַן יהודה־לייב
האנדעלסמאַן אהרן
האנדעלסמאַן צבי
האנדעלסמאַן ברוך־שלמה
האנדעלסמאַן שרה
האנדעלסמאַן זיסל
האנדעלסמאַן זלאַטע
האנדעלסמאַן חוה
האנדעלסמאַן פייוול
האנדעלסמאַן ייטע
האנדעלסמאַן חוה
האנדעלסמאַן שרה־חנה
האנדעלסמאַן יחיאל־שרגא
האנדעלסמאַן מירל
האנדעלסמאַן יעקב־קאָפּל
האנדעלסמאַן שמואל־מענדל
האנדעלסמאַן יחיאל־משה
האנדעלסמאַן חוה
האנדעלסמאַן מירל
האנדעלסמאַן שמריהו

דרוקער פריידע
דרוקער אלתר

האנדעלסמאַן משה־צבי
האנדעלסמאַן מרים־רחל
היימאַן בונים
היימאַן מרים און קינדער
היימאַן אסתר
היימאַן חיה
היימאַן בת־אבא
היימאַן גרשון
היימאַן מינדל און קינדער
היימאַן הערשל־צבי און פאַמיליע
היימאַן פנחס
היימאַן חנה
היימאַן לייבל
היימאַן טאָבטשע
היימאַן ליבע
הערשקאָוויטש אברהם
הערשקאָוויטש אסתר־רחל
און קינדער
הערשקאָוויטש יחיאל־מאיר
הערשקאָוויטש רויזע
הערשקאָוויטש מרים
הערשקאָוויטש יעקב־לייב
הערשקאָוויטש רפאל־יצחק
הערשקאָוויטש צפורה
הערשקאָוויטש אסתר

וואלדמאן ישראל
וואלדמאן חנה
וואלדמאן רחל
וואלדמאן גדליהו

וואלדמאן ישראל
וואלדמאן מרדכי
וואלדמאן אליעזר
וואלדמאן געניע

וואסערמאן בן־ציון
וואסערמאן מלכה
וואסערמאן דבורה
וואסערמאן רבקה
וואסערמאן מעניע
וואסערמאן חיה־שרה

וואסערמאן יחיאל־מאיר
וואסערמאן טובה־שפרה
וואסערמאן שמואל־לייב
וואסערמאן גיטל
וואסערמאן יעקב

וואסערמאן יעקב־דוד
וואסערמאן פייגע
וואסערמאן ישראל־יהושע
וואסערמאן צירל
וואסערמאן דבורה
וואסערמאן אברהם
וואסערמאןביילע
וואסערמאן גיטל
וואסערמאן חיה־שרה
וואסערמאן לובע

ווידאווסקי מרדכי און פאמיליע

וויטענבערג מוטל און פאמיליע

וויטענבערג פייוול
וויטענבערג חיה

וויינבערג ברוך בר
וויינבערג מרים
וויינבערג רויזע
וויינבערג יחיאל־מאיר
וויינבערג ישראל

וויינבערג הנוך
וויינבערג רחל
וויינבערג מלכה

וויינבערג הערשל
וויינבערג אלטע
וויינבערג דינה
וויינבערג ישראל
וויינבערג יוכבד
וויינבערג גיטל

וויינרייך חיה־רייזל
וויינרייך משה

וויים אברהם־יששכר און פאמיליע

וויים בערל
וויים לאה
וויים אלטע

וויים רייזל
וויים מלך
וויים שפרה
וויים רבקה

ווײם משה
ווײם חנה
ווײם הערשל
ווײם יחזקאל
ווײם שלמה
ווײם לאה
ווײם יחיאל און משפחה
ווײם שמעון
ווײם פײגע
ווײם בן־ציון
ווײסמאן יחיאל און משפחה
ווײסמאן מענרל און משפחה
ווילענסקי חיים
וויניארסקי דוד־נח און משפחה
ווינטער יחיאל און משפחה
ווינטער מאכלע
ווינטער ירחמיאל
ווינטער אברהם
ווינטער משה
ווינטער ראשקע און טאָכטער

ווינטער שמחה־בונים
ווינטער גאָלדע
ווינטער שרה
ווינטער אלימלך
ווינטער ישראל
וונטש הענדל
וונטש אלטע
וונטש ברײנדל
וונטש יחיאל און משפחה
װעבער בונים און משפחה
װעבער הערש־מאיר
װעבער הענדל און קינדער
װעבער יחיאל
װעבער חיה
װעבער לאה
װעבער גאָלדע
װעבער חיים
װעבער אברהם
װעבער לײב
װעבער פעסיע און קינדער
װעבער רבקה

דער רב פון אלעקסאנדער און משפחה, זצ״ל

זינגער יצחק־מאיר זצ״ל
זינגער מלכה, זײן פרוי

זינגער יעקב־פײוול און משפחה
זינגער רויזע־מינדל און משפחה

זאָנענבערג ברוך
זאָנענבערג חיה
זאָנענבערג יעקב־וואָלף
זאָנענבערג ליבע
זאָנענבערג ייטע
זאָנענבערג אברהם־יצחק
זאָנענבערג גרשון־יונה
זאָנענבערג דבורה
זאָנענבערג יעקב־וואָלף
זאָנענבערג קיילע
זאָנענבערג ייטע
זאָנענבערג חנה
זאָנענבערג שרה־רבקה
זאָנענבערג ירחמיאל
זאָנענבערג הענדל
זאָנענבערג מענדל
זאָנענבערג פייגע
זאָנענבערג אסתר
זילבערבערג ירחמיאל־דוד
זילבערבערג חנה
זילבערבערג משה
זילבערבערג לאה
זילבערבערג יהודה
זילבערבערג פערל
זילבערבערג בת־שבע
זילבערבערג שמואל־הירש

זילבערבערג ישראל
זילבערבערג פאלא
זילבערבערג מאטעק
זילבערבערג מענדל
זילבערבערג שרה
זיסמאן הערשל און קינדער
זיסמאן שרה
זיסמאן יעקב
זיסמאן טובה־ביילע
זיסמאן מענדל
זיסמאן שרה
זיסמאן יידל
זיסמאן בת־שבע
זיסמאן הערשל
זיסמאן מענדל
זיסמאן צבי
זיסמאן ביילע
זיסמאן הדסה
זעלמאן יחזקאל־בעריש
זעלמאן פערל
זעלמאן נעכע
זעלמאן חוה
זשעמבאווסקי דאָביש
זשעמבאווסקי יונה
זשעמבאווסקי חוה
זשארנאָווסקי יהושע

זשארנאָווסקי חנה
זשארנאָווסקי שרה
זשארנאָווסקי מלכה
זשארנאָווסקי דבורה

חיימאָוויטש רחל און קינדער
העלעמער בעריש
העלעמער משה און משפחה
העלעמער שמואל און משפחה

טאנדאָווסקי יוכבד
טאנדאָווסקי חיה־רחל
טאנדאָווסקי צירל
טאַנדאָווסקי הירש־מנחם
טאראנטשיק רבקה
טוך אברהם
טוך אסתר־רחל
טוכהענדלער דוד
טוכהענדלער אסתר־מלכה
טוכהענדלער עזריאל און משפחה
טעלער נתן און משפחה
טענענבאום מאטל
טענענבאום צפורה
טענענבאום חיה
טענענבאום שרה
טענענבאום ישראל
טענענבוים יחיאל
טענענבוים חיימל

זשארנאָווסקי שמואל און קינדער
זשארנאָווסקי קיילע
זעמלאנעק און משפחה

העלעמער שמעון
העלעמער אסתר
העלעמער הערשל
העלעמער לאה

טענענבוים חיים
טענענבוים צירל
טענענבוים לאה
טענענבוים שפרה
טענענבוים רבקה
טענענבוים גיטל
טענענבוים חנה
טענענבוים משה
טענענבוים יחיאל
טענענבוים דוד
טענצער שמעון
טענצער סימעלע
טענצער און משפחה
טשייניאק אנשל
טשייניאק צירל
טשייניאק בנימין
טשייניאק הינדע
טשייניאק משה
טשייניאק טויבע
טשייניאק גאָלדע

יאוויץ ישראל
יאוויץ אסתר
יאוויץ משה
יאוויץ ירחמיאל
יאוויץ אברהם
יאוויץ מרדכי

יאמניק יוסף־מענדל
יאמניק מלכה
יאמניק רחל
יאמניק מינדל

יאנקעלעוויטש הנה־גיטל
אוּן משפחה

יאנקעלעוויטש חיים־עזור

יוזעפּאָווסקי מענדל
יוזעפּאָווסקי אסתר
יוזעפּאָווסקי בינה
יוזעפּאָווסקי הערשל
יוזעפּאָווסקי טייבל
יוזעפּאָווסקי געלע
יוזעפּאָווסקי אסתר
יוזעפּאָווסקי דינה
יוזעפּאָווסקי פייוול
יוזעפּאָווסקי דוד
יוזעפּאָווסקי אסתר
יוזעפּאָווסקי אליעזר
יוזעפּאָווסקי שבע־בינה
יוזעפּאָווסקי רויזע
יוזעפּאָווסקי בריינה
יוזעפּאָווסקי יחיאל

יוזעפּאָווסקי לייזער
יוזעפּאָווסקי צפורה
יוזעפּאָווסקי יחיאל־מענדל
יוזעפּאָווסקי לאה
יוזעפּאָווסקי פייוול
יוזעפּאָווסקי פייגע
יוזעפּאָווסקי שמואל
יוזעפּאָווסקי שמשון
יוזעפּאָווסקי ירחמיאל

יאַסקאָוויטש דוד
יאַסקאָוויטש צירל
יאַסקאָוויטש שמואל
יאַסקאָוויטש משה
יאַסקאָוויטש חנה

יעקובאָוויטש וואָלף
יעקובאָוויטש אברהם
יעקובאָוויטש קרייזל
יעקובאָוויטש שלמה
יעקובאָוויטש איטקע
יעקובאָוויטש אייזיק
יעקובאָוויטש מאיר
יעקובאָוויטש שמעון
יעקובאָוויטש ישעיהו
יעקובאָוויטש חנוך־אשר
יעקובאָוויטש גבריאל
יעקובאָוויטש שלמה
יעקובאָוויטש זיסל
יעקובאָוויטש אברהם
יעקובאָוויטש פערל
יעקובאָוויטש כאנציע

יעקובאָוויטש אסתר
יעקובאָוויטש מירל
יעקובאָוויטש חוה
יעקובאָוויטש גנענדל
יעקובאָוויטש ראדע
יעקובאָוויטש שפרה
יעקובאָוויטש שבע
יעקובאָוויטש לעמל
יעקובאָוויטש ישראל
יעקובאָוויטש יצחק
יעקובאָוויטש שמעיה
יעקובאָוויטש חנה
יעקובאָוויטש רבקה
יעקובאָוויטש רבקה
יעקובאָוויטש שרה־גיטל
יעקובאָוויטש חיה־מינדל
יעקובאָוויטש יצחק

יעקובאָוויטש טובה
יעקובאָוויטש איטע
יעקובאָוויטש בערל
יעקובאָוויטש מאיר
יעקובאָוויטש חיים־פנחס
יעקובאָוויטש רחל
יעקובאָוויטש אלתר־יוסף
יעקובאָוויטש יעקב־בונים
יעקובאָוויטש ירחמיאל
יעקובאָוויטש ישראל־יצחק
יעקובאָוויטש שמואל־צבי
יעקובאָוויטש ישראל־יצחק
יעקובאָוויטש מאטל
יעקובאָוויטש שמואל־צבי
יעקובאָוויטש יעקב־דוד
יעקובאָוויטש יחיאל־משה
יעקובאָוויטש חיה־פייגע

כהן יהושע
כהן דוד
כהן ישראל
כהן שלמה־יוסף
כהן רבקה
כהן נתן
כהן רפאל
כהן שרה
כהן אריאלה
כהן שמחה
כהן שלמה־נח

כהן רויזע
כהן שיינדל
כהן רחל
כילעוויטש יוסף
כילעוויטש הינדע־מרים
כילעוויטש חנה־מלכה
כילעוויטש אסתר
כילעוויטש ירחמיאל
כילעוויטש לייזער־בער
כילעוויטש רודע
כילעוויטש חיים־יעקב

כילעוויטש ישראל־יצחק
כילעוויטש חנה־ייטה

כץ משה
כץ מלכה
כץ יחיאל־דוד

לאנגאווסקי יצחק
לאנגאווסקי שרה
לאנגאווסקי פערל
לאנגאווסקי מרדכי־אליעזר
און משפחה

לאמסקי יעקב־דוד
לאמסקי לאה
לאמסקי אליהו
לאמסקי לייביש
לאמסקי הינדע
לאמסקי רחל

לאנדאו שפרה
לאנדאו יצחק
לאנדאו הערשל

לאקס דבורה
לאקס רבקה
לאקס אברהם
לאקס אסתר
לאקס שרה
לאקס וואָלף

לובלינער משה־שמעון
לובלינער לאה־טובה
לובלינער יחזקאל־אליהו

כץ יהודית

כץ־כהן דבורה
כץ־כהן מרים
כץ־כהן משה

לובלינער שרה־גיטל
לובלינער רבקה
לובלינער רייזל
לובלינער אברהם־יצחק

לוין יצחק
לוין שיינדל
לוין זיסל
לוין זלאטע
לוין יעקב
לוין יהושע
לוין אליעזר
לוין לייביש

לוין יוסף
לוין הדסה
לוין רוחמה
לוין יששכר
לוין רעגינע
לוין ראובן
לוין חינקה

ליטווין אברהם־יעקב
ליטווין רחל־לאה
ליטווין מירה

לייב הניך

לייב שרה־בלימה
לייב חוה
לייב יעקב
לייב לאה
לייב מאיר־אברהם
לייב רבקה
לייב פעסיע
לייב הערשל
לייב משה
לייב לייבל
לייב צביה
לייב פעסיע
לייב דוד
ליכטמאן שרה
ליכטמאן אלטע
ליכטמאן לאה
ליכטמאן מירה
ליכטמאן בינה
ליכטענשטיין מנה לייזער
און משפחה
לינק רויזע־פייגע
לים ישראל
לים לאה
ליפשיץ אליהו און משפחה
ליפשיץ יהושע
ליפשיץ אלקע
ליפשיץ פישל און משפחה
ליפשיץ פראניע און משפחה

לעווקאָוויטש זעליג
לעווקאָוויטש אייזיק־יעקב
לעווקאָוויטש חנה
לעווקאָוויטש אלקע
לעווקאָוויטש ברוך
לעווקאָוויטש חוה
לעווקאָוויטש פעסיע
לעווקאָוויטש פרימעט
לעווקאָוויטש לייבל
לעווקאָוויטש יחיאל־מאיר
און משפחה
לעווקאָוויטש יעקב־אהרן
לעווקאָוויטש הינדע און קינדער
לעווקאָוויטש רפאל
לעווקאָוויטש רחל
לעווקאָוויטש חנה
לעווקאָוויטש שאול־העניך
לעווקאָוויטש חנה־גאָלדע
לעווקאָוויטש אסתר־בלימע
לעווקאָוויטש אפרים
לערנער טובה און קינדער
לערנער פעסיע
לערנער הינדע־רחל
לערנער איטע
לערנער גאָלדע־לאה
לערנער טונע
לערנער יחיאל
לערנער חיה־צפורה און קינדער

מאירפעלד הענדל
מאירפעלד חנה־גיטל
מאירפעלד צירל

מארגולים אליהו
מארגולים גאָלדע
מארגולים יואל
מארגולים שרה
מארגולים לאה
מארגולים דבורה
מארגולים פרידל

מאָרגנשטערן גבריאל
מאָרגנשטערן ציפּע
מאָרגנשטערן באשע
מאָרגנשטערן מלכה
מאָרגנשטערן שרה
מאָרגנשטערן דבורה
מאָרגנשטערן חנה
מאָרגנשטערן יצחק
מאָרגנשטערן ירחמיאל
מאָרגנשטערן יחזקאל
מאָרגנשטערן יצחק
מאָרגנשטערן ליבע
מאָרגנשטערן עטקע
מאָרגנשטערן שלום
מאָרגנשטערן לייבל

מארקאָוויטש חיה־הענע
מארקאָוויטש מענדל
מארקאָוויטש שלמה־יחיאל
מארקאָוויטש מירל

מארקאָוויטש הינדע
מארקאָוויטש גיטל
מארקאָוויטש מלכה
מארקאָוויטש פייגע
מארקאָוויטש חיה
מארקאָוויטש שמעון
מארקאָוויטש סענדער
מארקאָוויטש פערל
מארקאָוויטש הינדע

מאָשקאָוויטש שיינדל און משפחה

מונק משה
מונק גאָלדע און קינדער

מיעלניך

מענדעלעוויטש פישל
מענדעלעוויטש חנוך
מענדעלעוויטש אסתר
מענדעלעוויטש חוה
מענדעלעוויטש רחל
מענדעלעוויטש שרה

מענציג פערלע
מענציג פריידע
מענציג חיה־שרה

מונקאלסקי יחיאל
מונקאלסקי טובה
מונקאלסקי חנה
מונקאלסקי משה־לייב
מונקאלסקי איטע
מונקאלסקי צדוק

נאבאזשנא משה־פנחס
נאבאזשנא שפרה
נאבאזשנא חיה־אסתר
נאבאזשנא ייטע
נאבאזשנא פייגע

נאוואק קלמן און משפחה

נאטאנאָוויטש אסתר
נאטאנאָוויטש אריה
נאטאנאָוויטש נוטע

נאשעלסקי שבע־ברײנע
נאשעלסקי ישראל
נאשעלסקי יוסף

ניידאט הירש

ניידאט חיים און משפחה

ניסקער בערל
ניסקער חנה
ניסקער ירחמיאל

ניסקער יונתן און משפחה

סאַוויצקי

סוסאק

סורעצקי חיים און משפחה

סורעצקי ישראל

שטאטשעווסקי אהרון
שטאטשעווסקי אסתר
סטאשעווסקי לאה
סטאשעווסקי יוסף

סטודנבערג און משפחה

סלאדקעוויטש חיים
סלאדקעוויטש חנה
סלאדקעוויטש דינה

סלאדקעוויטש דבורה
סלאדקעוויטש מאשע
סלאדקעוויטש דוד
סלאדקעוויטש משה

סלאדקעוויטש זלמן
סלאדקעוויטש שײנדל
סלאדקעוויטש דוד

סלאדקעוויטש חיים־יחזקאל
סלאדקעוויטש לאה

סענדיך חומה און מאן

סקאטשילאס און משפחה

סרעבנאגורא

עסטרייכער משה־אהרן און משפחה

ענגעל רבקה
ענגעל חיה־בריינה

ענגעל צירל
ענגעל מאשע

ערדינאנסט הירש־לייב

ערדינאנסט צפורה
ערדינאנסט פריידע
ערדינאנסט שלמה־נח

פאָזנאַנסקי חנוך
פאָזנאנסקי נינא
פאָזנאנסקי בעריש
פאָזנאנסקי יחיאל
פאָזנאנסקי רייזל
פאָזנאנסקי שרה
פאָזנאנסקי זיסל

פאָמעראנץ מאיר
פאָמעראנץ פריידל
פאָמעראנץ יצחק־לייב און משפחה
פאָמעראנץ אליהו־זאב און משפחה
פאָמעראנץ חנוך
פאָמעראנץ דבורה־רבקה
פאָמעראנץ יחזקאל
פאָמעראנץ לייבל
פאָמעראנץ שיינדל
און משפחה
פאקולא שמערל און משפחה
פאקטארטשיק מרדכי־יוסף
פאקטארטשיק רבקה
פאקטארטשיק פערל
פאקטארטשיק גרשון

ערדינאנסט משה־אהרן
ערדינאנסט שמעון

פאקטארטשיק בלומע
פאקטארטשיק ישראל
פאקטארטשיק שיינדל

פארבער משה
פארבער יחיאל
פארבער מענדל
פארבער ביילע
פארבער בעריש
פארבער שרה־בלימע
פארבער שרה־לאה
פארבער שיינדל
פארבער מענדל
פארבער גיטל
פארבער אסתר
פארבער יחיאל
פארבער אברהם
פארבער מענדל
פארבער שרה־ביילע
פארבער חיים־יוסף (יואל)
פארבער שמעון
פארבער שרה
פארבער פייגע
פארבער ישראל־יצחק
פארבער גיטל
פארבער ישראל

פארבער הערשל
פארבער רייזל
פארבער מענדל

פארזשענטשעווסקי משה־אהרן
פארזשענטשעווסקי ביילע
פארזשענטשעווסקי לייביש
פארזשענטשעווסקי שרה
פארזשענטשעווסקי אברהם
פארזשענטשעווסקי יוסף
פארזשענטשעווסקי טובה
פארזשענטשעווסקי יעקב
פארזשענטשעווסקי אסתר

פארזשענטשעווסקי יצחק
פארזשענטשעווסקי יעקב
פארזשענטשעווסקי שרה־רחל
פארזשענטשעווסקי חנה־פריידע
פארזשענטשעווסקי דבורה
פארזשענטשעווסקי פייגע
פארזשענטשעווסקי הירש
פארזשענטשעווסקי חנה
פארזשענטשעווסקי מאשע

פויזנער יוסף
פויזנער אלטע־שרה
פויזנער ישראל־יצחק
פויזנער שיינדל
פויזנער יעקב
פויזנער עזריאל

פוטערמילך רחל
פוטערמילך עקיבא

פוטערמילך חנה־דבורה
פוטערמילך וויטשא
פוטערמילך שלמה
פוטערמילך שמואל
פולקאָווסקי זעליג
פולקאָווסקי צפורה־שרה
פולקאָווסקי ייטע
פולקאָווסקי מאניא
פולקאָווסקי טובה
פולקאָווסקי מינדל

פולקאָווסקי משה־וואָלף
פולקאָווסקי חיה־אסתר און קינדער

פוקס אליעזר
פוקס רבקה
פוקס לייבל
פוקס גיטל

פוקס אייזיק און קינדער

פוקס רחל

פוקס שמואל־וואָלף
פוקס דבורה

פייבושעק איטשע
פייבושעק רחל
פייבושעק טובה
פייבושעק נחמן
פייבושעק מישל
פייבושעק שמעיה

פיין אליהו

פיין אסתר־רחל
פיין צפורה
פיין גאָלדע
פיין צילע
פיין פנחס
פיין הערש
פיין בלומע־אסתר און קינדער
פיין וואָלף
פיין פייגע
פיין חיה־רבקה
פיין יעקב
פיין לופציע
פיין וואָלף
פיין חנה
פיין יוכבד
פיין יצחק
פיין בלומע
פיין רבקה
פיין יצחק
פיין יחיאל
פיין ברײנע און קינדער
פיין נח
פיין ביילע
פיין פרידל
פיין שמעון
פילץ אנטשל
פילץ אסתר

פינקעלשטיין
פינקעלשטיין יצחק
פיעטריקאָווסקי אבא
פיעטריקאָווסקי רויזע
פיעטריקאָווסקי ישראל
פיעטריקאָווסקי חוה
פיראנקא און משפחה
פלאם יחיאל
פלאם גאָלדע
פלאם פרץ
פלאם משה־אהרן און משפחה
פלאם הירש־חנן און משפחה
פלודווינסקי נתן און משפחה
פלודווינסקי ליפע
פלודווינסקי שיינדל און קינדער
פלוים יונה און משפחה
פלוים מיכאל
פלוים אסתר
פליטמאן אהרן
פליטמאן יצחק
פליטמאן מאטע
פליטמאן אשר
פליטמאן עלקע
פליטמאן העלדע
פליטמאן איציק

פליטמאן יחיאל
פליטמאן רבקה
פליטמאן אסתר
פליטמאן חיה

פליטמאן יומעלע
פליטמאן שרה

פליטמאן יידל

פליטמאן משה
פליטמאן העניע

פליטמאן פייוויש
פליטמאן שפרה און קינדער

פליישמאן הירש־לייב
פליישמאן אלטע־הינדע
פליישמאן חיה
פליישמאן רחל
פליישמאן עטל און משפחה
פליישמאן משה

פערלמוטער משה־מרדכי
פערלמוטער חנה
פערלמוטער לופצע
פערלמוטער יצחק
פערלמוטער מינדל
פערלמוטער שרה־יהודית
פערלמוטער חנה

פראנקענטאל הירש
פראנקענטאל רייזל

פראנקענטאל רחל און משפחה

פראנקענטאל יחיאל־מאיר
פראנקענטאל דבורה־דינה
פראנקענטאל מרדכי
פראנקענטאל יוכבד
פראנקענטאל אברהם
פראנקענטאל יששכר
פראנקענטאל חיים
פראנקענטאל חנה
פראנקענטאל דליה
פראנקענטאל ישראל
פראנקענטאל רבקה

פרוינד יחיאל־מאיר
פרוינד חיה־רבקה

פרידל זכריה
פרידל רבקה־רחל
פרידל מרדכי
פרידל לאה

פרידמאן מאיר
פרידמאן דבורה־ביילע
פרידמאן משה־זעליג
פרידמאן יחזקאל

פריידנרייך מלכה־לאה
פריידנרייך שרה־רבקה
פריידנרייך פריידע
פריידנרייך ציפורה

פריידנרייך יעקב־משה
פריידנרייך יחיאל
פריידנרייך זעלדע

פריידנרייך פריידע
פריידנרייך חנה
פריידנרייך געלא

פריימאן מנשה
פריימאן נחה
פריימאן יהודית
פריימאן רייזל
פריימאן מלכה
פריימאן ירחמיאל

פשעדבארסקי יעקב

פשעדבארסקי חיה
פשעדבארסקי שרה
פשעדבארסקי יחזקאל
פשעדבארסקי יחיאל
פשעדבארסקי ראָזע

פשעדבארסקי אסתר
פשעדבארסקי מאשע
פשעדבארסקי רויזע
פשעדבארסקי מירל

פשעמיצקי משה און משפחה

צאלעק הנוך כהן
צאלעק אסתר־מלכה
צאלעק אברהם
צאלעק איטשע־מאיר

צאלעק שמואל און משפחה

צאלעק שמעון
צאלעק שיינדל
צאלעק שעיה
צאלעק חיה
צאלעק רבקה

צודקאָוויטשביילע
צודקאָוויטש ייטע
צודקאָוויטש הנוך
צודקאָוויטש טובה
צודקאָוויטש אברהם
צודקאָוויטש יחיאל

צודקאָוויטש פרץ
צודקאָוויטש משה
צודקאָוויטש ליפע און משפחה
צודקאָוויטש עזריאל און משפחה

צוואנג אברהם
צוואנג צירל
צוואנג שמואל
צוואנג שמואל
צוואנג לאה
צוואנג רחל
צוואנג מרים
צוואנג דינה

צולה אליעזר
צולה קיילע און קינדער

ציצינאָוויטש הלל און משפחה

ציצינאָוויטש הערשל

ציצינאָוויטש נחה
ציצינאָוויטש חנה
ציצינאָוויטש ריקל
ציצינאָוויטש יחיאל און משפחה

קאוואלסקי צירל
קאוואלסקי הדסה

קאטושעווסקי יחיאל
קאטושעווסקי אסתר
קאטושעווסקי לייזער
קאטושעווסקי שבע־לאה
קאטושעווסקי קלמן

קאטשקאָ און משפחה

קאלושינסקי העניך
קאלושינסקי פייגע
קאלושינסקי צפורה
קאלושינסקי מרים
קאלושינסקי צירל
קאלושינסקי יצחק
קאלושינסקי שלום
קאלושינסקי חיה

קאלושינסקי משה־אהרן
קאלושינסקי חיה
קאלושינסקי צירל
קאלושינסקי אברהם

קאלושינסקי שלמה
קאלושינסקי אברהם

ציצינאָוויטש שייע און משפחה

צענדאָרף ישראל־יהושע
צענדאָרף משה־חיים
צענדאָרף חיה

קאלושינסקי בערל
קאלושינסקי יוכבד

קאלניצקי חיים־יצחק
קאלניצקי טויבע און טעכטער
קאלסקי דבורה

קאלסקי משה־ברוך

קאלסקי פייגע
קאלסקי יצחק־דוד
קאלסקי גאָלדע

קאלערשטיין גבריאל
קאלערשטיין רויזע

קאמיאנער משה
קאמיאנער חוה
קאמיאנער זיסל

קאמיאנער נאטע און משפחה

קאָפּלאָוויטש דוד
קאָפּלאָוויטש אהרן
קאָפּלאָוויטש ישראל
קאָפּלאָוויטש פייגע

קאפניא יצחק
קאפניא חנה

קאַפּעל אסתר־מרים
קאַפּעל שלמה און משפחה
קאַפּעל שמחה
קאַפּעל מענדל
קאַפּעל חיה
קארפּנקאָפּף יידל
קארפּנקאָפּף טאָבטשע און טאָכטער
קוטנער פישל
קוטנער פערל און משפחה
קוטנער מרים
קוטנער אלה
קוטשינסקי אברהם
קוטשינסקי עלקע און משפחה
קוטשינסקי אברהם
קוטשינסקי פייגע און משפחה
קוטשינסקי הלל און משפחה
קוטשינסקי חיים
קוטשינסקי שרה און משפחה
קוטשינסקי יחיאל און משפחה
קוטשינסקי יעקב־הענעך
קוטשינסקי קיילע
קוטשינסקי חנה־לאה
קוטשינסקי ישראל
קוטשינסקי אשר
קוטשינסקי הענעך
קוטשינסקי משה־אהרן

קוטשינסקי יצחק־מענדל
קופּערוואסער הערשל
קופּערוואסער שרה
קופּערוואסער גאָלדע
קופּערוואסער מענדל
קופּערוואסער משה
קופּערוואסער קלמן און משפחה
קופּערוואסער יוסף און משפחה
קופּערמאַן אהרן
קופּערמאַןביילע
קופּערמאַן משה
קופּערמאַן רחל
קופּערמאַן יוסף
קליין בערל און משפחה
קליין מרדכי
קליין ביילע
קליין יעקב
קליין חיה
קליין אסתר
קליין חיים
קליין משה און משפחה
קראָנענבערג און משפחה
קרייזמאַן יצחק און משפחה
קרייזמאַן משה און משפחה
קרייזמאַן שלום־ברוך און משפחה
קרייזמאַן שלמה און משפחה

קרימילאווסקי אברהם
קרימילאווסקי רחל
קרימילאווסקי רבקה
קרימילאווסקי שרה
קרימילאווסקי רויזע
קריסקי אליהו

קריסקי מלכה
קריסקי לאה
קריסקי רחל
קריסקי שבע

ראבינאָוויטש אברהם
ראבינאָוויטש צפורה
ראבינאָוויטש לאה

ראבינאָוויטש אסתר

ראדאָמסקי אברהם־יחיאל
ראדאָמסקי חיה
ראדאָמסקי שלמה
ראדאָמסקי שבתי
ראדאָמסקי ירוחם

ראדאָמסקי לייב
ראדאָמסקי מאטל
ראדאָמסקי מרים
ראדאָמסקי לאה

ראדאָמסקי משה
ראדאָמסקי שרה
ראדאָמסקי רייזל

קריסקי משה
קריסקי הלל
קשיוויאק ראובן

קשיוויאק מלכה
קשיוויאק מענדל
קשיוויאק יוסף
קשיוויאק ישראל־יצחק

קשיוויאק דבורה
קשיוויאק לאה

ראדזינסקי גאדל
ראדזינסקי פייגע
ראדזינסקי יחיאל

ראָזען און משפחה
ראָזענבלום אברהם
ראָזענבלום פייגע און משפחה

ראָזנבערג אברהם
ראָזנבערג דבורה

ראָזענפעלד עלקע

ראָזענצוויג אברהם
ראָזענצוויג חנה־הינדע
ראָזענצוויג עלקע
ראָזענצוויג טויבע־ביילע
ראָזענצוויג שרה־מירל
ראָזענצוויג יטע־לאה
ראָזענצוויג יעקב־שמעון

ראָזענצוויג אברהם
ראָזענצוויג חיה און משפחה

ראָזענצוויג דוד
ראָזענצוויג יאסקע און משפחה

ראָזענצוויג חייקל און משפחה

ראָזענצוויג יחיאל־מאיר
ראָזענצוויג רייזע און קינדער

רויזענצוויג יצחק־יוסף
ראָזענצוויג פייגע
ראָזענצוויג משה

ראָזענצוויג חיים־בער
ראָזענצוויג אלטע

ראָזענצוויג יעקב־אשר
ראָזענצוויג דבורה

ראָזענצוויג משה
ראָזענצוויג שרה און משפחה

ראָזענצוויג פנחס
ראָזענצוויג בלימע
ראָזענצוויג ייטע
ראָזענצוויג אברהם
ראָזענצוויג גאָלדע־לאה
ראָזענצוויג משה
ראָזענצוויג שמואל־הירש
ראָזענצוויג יעקב־לייב

ראָזענקראַנץ אהרן
ראָזענקראַנץ פרימעט

ראָזענקראַנץ גיטל

ראָזענקראַנץ הירש־אייזיק
און משפחה

ראָזענקראַנץ מלך און משפחה

ראָזענקראַנץ וואָלף
ראָזענקראַנץ יוטע
ראָזענקראַנץ יצחק
ראָזענקראַנץ שבתי
ראָזענקראַנץ שמואל

ראָזענקראַנץ יחיאל
ראָזענקראַנץ פעסיע און קינדער

ראָזענקראַנץ שמערל
ראָזענקראַנץ פרימעט
ראָזענקראַנץ דבורה
ראָזענקראַנץ אסתר

ראָזענשטרייך יצחק און משפחה

ראָזשאנסקי חנה
ראָזשאנסקי בן־ציון
ראָזשאנסקי פערל

ראכמילעוויטש יחיאל
ראכמילעוויטש דבורה
ראכמילעוויטש חוה

ראכמילעוויטש ליבע
ראכמילעוויטש צירל
ראכמילעוויטש חוה

ראכמילעוויטש פנחס־יוסף

ראכמילעוויטש פייגע
ראכמילעוויטש שלמה
ראכמילעוויטש ניסל
ראפּאלאָוויטש שמחה
ראפּאלאָוויטש משה
ראפּאלאָוויטש חיה
ראפּאלאָוויטש שמואל

רובין יחזקאל
רובין סימה
רובינשטיין אליעזר־ברוך
רובינשטיין חנה
רובינשטיין מאיר און פרוי

שאמפּאניער משה און משפחה

שאפּירא מלך
שאפּירא רויזע

שווענדזשינעוויטש אסתר
שווענדזשינעוויטשביילע
שווענדזשינעוויטש חיים

שיינהאָלץ זלמן
שיינהאָלץ וואָלף
שיינהאָלץ מאטל

שיינהאָלץ בערל־לייב און משפחה

שיינהאָלץ ברוך
שיינהאָלץ פרימעט
שיינהאָלץ הערשל
שיינהאָלץ לאה

רובינשטיין שמואל־שלום

רובינשטיין הענא און זון

ריוואן גאָלדע
ריוואן הינדע
ריוואן חנה
ריוואן טעמא

ריוואן הלל און משפחה

ריוואן יחיאל און משפחה

ריוואן מיכאל און משפחה

שיינהאָלץ גאדל
שיינהאָלץ לאה
שיינהאָלץ יחיאל־משה

שיינהאָלץ יחיאל־אלטער
שיינהאָלץ קריינדל
שיינהאָלץ זלמן־וואָלף
שיינהאָלץ יצחק־יעקב און משפחה

שיינהאָלץ שרה
שיינהאָלץ לאה
שיינהאָלץ רחל

שימקעוויטש רפאל און משפחה

שיפּלינגער בעריש
שיפּלינגער תמר
שיפּלינגער פינטשע

שיפלינגער חיה־דרויזע
שיפלינגער רבקה
שיפלינגער לאה
שיפלינגער פריידל־מינדל

שיקער יעקב
שיקער אסתר
שיקער רייזל
שיקער רייזל
שיקער נחום

שלאם יעקב
שלאם מינדל
שלאם שמחה

שלאם ליבע
שלאם מירל
שלאם פריידל

שלאם פייוויש
שלאם דבורה

שמולעוויטש יעקב און משפחה

שמידט העניעך און משפחה

שמידט יצחק און משפחה

שמידט רחל
שמידט חיה־גיטל

שניאטאָווסקי אברהם־אהרן
שניאטאָווסקי יימע
שניאטאָווסקי פערל
שניאטאָווסקי שרה

שניאטאָווסקי יהודית
שניאטאָווסקי וואָלף און משפחה

שניאטאָווסקי חיה
שניאטאָווסקי יחיאל־מאיר
שניאטאָווסקי פייגע

שניאטאָווסקי חנה
שניאטאָווסקי יצחק
שניאטאָווסקי מינדל
שניאטאָווסקי חנינא
שניאטאָווסקי מאטל

שניאטאָווסקי משה־נחום
שניאטאָווסקי יוסף
שניאטאָווסקי ביילע
שניאטאָווסקי יחיאל
שניאטאָווסקי טויבע

שניאטאָווסקי פייוול און משפחה

שעראדזקי יידל
שעראדזקי העניע
שעראדזקי ברכה
שעראדזקי מאיר
שעראדזקי אברהם

שערמאַן אפרים־מנשה
שערמאַן שפרה
שערמאַן יוכבד

שערמאַן חיה־גיטל און משפחה

שערמאַן יצחק־לייב
שערמאַן אסתר־לאה

שערמאן מרים
שערמאן ישראל פנחס

שערפינסקי אברהם־יוסף און משפחה

שערפינסקי הענעך
שערפינסקי רבקה־רחל
שערפינסקי שרה־מירל
שערפינסקי זלמן
שערפינסקי יוכבד

שערפינסקי שבע און מוטער

שערפינסקי שלמה־הירש און משפחה

שפיעוואק קלמן און משפחה

שפיציק יחיאל־מאיר
שפיציק פייגע און קינדער

תבל און משפחה


אישים ודמויות

טיפן און געשטאלטן

ב. צ. פונורנץ / ר' חנוך הניך אלתר ז"ל

בין אישי הציבור של יהדות אלכסנדר התבלטה בשלל כשרונות ובפעילות ענפה ותוססת דמותו של ר' חנוך הניך אלתר ז"ל.

ר' חנוך הניך נולד בווארשה בשנת 1892 לאביו ר' שלמה'לה — נכדו של הרבי יצחק מאיר אלתר זצ"ל, בעל „חידושי הרי"ם", ולאמו — נכדתו של בעל ה„תפארת שלמה" מראדומסק.



הוא גדל והתחנך באווירה חסידית, ספוגה תורה וחכמה. ב„חדרים" וב„ישיבות" שבהם למד יצאו לו מוניטין בשל חריפותו ובקיאותו הרבה בש"ס וב„פוסקים". הודות לתפיסתו המהירה קנה לו גם ידיעה רחבה בלימודי חול ובהוויות העולם.

בן תשע־עשרה שנה היה כאשר בא בברית הנישואין עם בתו של ר' יצחק קוטנר, תעשיין עשיר, שנמנה עם נכבדי חסידי גור באלכסנדר.

משחר נעוריו גילה ר' חנוך הניך כוח ארגוני, יוזמה פוריה ופעילות ציבורית רבת־מעוף. הוא יסד והקים באלכסנדר מוסדות ציבוריים כמו תנועת

פועלי אגודת ישראל, „בית יעקב", גמילות־חסדים, תלמוד תורה ועוד, ובמשך כל שנות קיומם של המוסדות הללו היה הוא הרוח החיה, הפעילה והמפעילה בהם. בעת ובעונה אחת גם תרם חלקו בשטחי פעולה רבים אחרים באלכסנדר, כגון בעיות החינוך, הסעד והמדיניות של הקהילה.

מטעם פועלי אגודת ישראל ואגודת ישראל הוא נבחר לוועד הקהילה, ובתור דוברם בוועד זה לחם בעוז למען צביון דתי של הקהילה היהודית באלכסנדר ולמען זכויות האדם באשר הוא אדם.

דאג לצרכי הזולת ותמיד היה מוכן ומזומן להושיט יד, להטות שכם ולתמוך בכל נצרך וכושל.

כאן המקום לציין את השתתפותו הפעילה במאבקם של הפועלים היהודים באלכסנדר למען שיפור מצבם הכלכלי, שהיה ירוד מאד לעומת מצבם של חבריהם, הפועלים הנוצרים:

התעשיינים היהודים העסיקו בדרך כלל פועלים נוצרים, היות שבתי החרושת פעלו גם בשבתות. לא יצאו מכלל זה גם חסידי גור, שהיוו אחוז ניכר בין תעשייני הגרביים באלכסנדר.

שנים על שנים נלחמו תנועות הנוער היהודי נגד התעשיינים הללו, בשיתוף פעולה מלא מצד ר' חנוך הניך, בתור נציגם של פועלי אגודת ישראל. אחרי מאבק ממושך — לרבות הצעד הנמרץ של הפסקת קריאת התורה בשבת בבית הכנסת דחסידי גור — הצליח ר' חנוך הניך להכניע את התעשיינים, והם קיבלו עליהם את הדין והסכימו לאפשר גם לפועלים יהודים להתקבל לעבודה במפעליהם.

כך הגשים ר' חנוך הניך הלכה למעשה את הצו „וחי אחיך עמך".

בשנות השלושים של המאה הנוכחית כבר הורגשו הזעזועים הכבדים בחיי יהדות פולין, בעיקר בתחום הכלכלי והמדיני. האנטישמיות החלה להשתולל בכל רחבי פולין ובישרה רעות. אז התעורר הנוער הציוני לפעולה ועשה את כל המאמצים האפשריים לנטוש את מקום הפורענות — כשהוא ממריץ גם אחרים ומעודדם להימלט ארצה ישראל, מי בדרך כשרה ומי בדרך ההעפלה.

גם ר' חנוך הניך חש בסכנה הממשמשת ובאה והצטרף מיד אל היוזמים והפעילים למען הקמת מקומות הכשרה לבחורי „ישיבה" וחברי פועלי אגודת ישראל לקראת עלייתם ארצה. הוא התנגד נמרצות לשוללי העליה לארץ־

ישראל והודות לפעילותו הנמרצת עלו לארץ בני נוער דתיים רבים (ביניהם גם בתו פרל ובעלה, החיים כיום בירושלים).

בימי שלטון הנאצים התגלה ר' חנוך הניך במלוא מסירותו ואומץ־לבו, כפטרונה ומנהיגה של העדה היהודית באלכסנדר. למרות איומיהם, זילזוליהם ותביעותיהם של אנשי ה־ס"ס הוא לא חדל להשתדל ולבקש רחמים, וחירף את נפשו למען תינוקות של בית־רבן וחולים, כדי לדחות את גירושם עד לאחר החורף הקשה. אין בכוח מלים לתאר את כאב לבו ויסורי נפשו, כאשר נודע לו כי כל תחנוניו והפצרותיו עלו בתוהו.

הגזירה יצאה ויהדות אלכסנדר נאלצה להשאיר מאחוריה את עמל ומסורת הדורות, את מקום קברות אבות ואבות־אבותיה, ולצאת למסע־גירוש, לקראת גורל מר ונמהר.

היה זה ביום רביעי, חמשה־עשר בטבת שנת ת"ש (27.12.39). קלגסי הצורר ריכזו את כל יהודי העיירה בככר המרכזית, לקראת הגירוש. לפתע פילחה את חלל האוויר הצונן שריקה חדה. הלבבות עמדו מפעום וחרדת אימה סימררה את כל הקהל. קצין ס"ס נתן פקודה צרחנית לצעוד קדימה, ויהודי אלכסנדר למשפחותיהם, שבורים ורצוצים ברוחם ובנפשם, החלו בצעדתם לקראת הבלתי ידוע: עוללים התייפחו בזרועות אמותיהם, וקולם מחריש את בכיין החרישי של האמהות; זקנים וחלשים כשלו ורעדו בקור העז ותפילה חרישית נישאה השמימה: אלי, אלי! למה עזבתנו?!

באותם רגעים קשים מנשוא, כאשר אנשי הקהילה — אחוזי אימה ופחד ומלאי מרירות ואכזבה — נפרדו מאלכסנדר עירם, הופיע ר' חנוך הניך במלוא שיעור־קומתו כמנהיגה של הקהילה. הוא צעד בראש המחנה, והיה מעודד ומחזק את רוחם הנדכאה של צאן־קדשיו. הוא אץ מאחד למשנהו, כשהוא מנחם את הנואשים, תומך בכושלים, דואג ועוזר לחולים ומעורר ניצוצות נחמה בלבבות הקודרים בהתנבאו על אחריתם המרה של היטלר וקלגסיו.

עם כל אנשי הקהילה נספה גם הוא ולא זכה לראות בהתגשם נבואתו־תקוותו.

יהי זכרו ברוך לעד!

ב. צ. פ. / מרדכי׳לה גריימאן

פון די אַנגעזעענע בעלי בתים אין שטעטל, א פרנס אין דער קהילה, און טעטיק אויך אויף דעם ציוניסטישן געביט. געוווינט אין עק שטאָט צווישן קריסטלעכע איינוווינער; זיך דערנערט פון א שפייז־קרעמל. זיינע קונים זיינען געווען קריסטן. זיי האָבן צו אים געהאט דעם גרעסטן צוטרוי. אין די מארק־טעג, האָבן פויערים פאַרן אהיים פאָרן איינקויפן ביי אים פראָדוקטן. אמ־מערסטן האָבן זיי גענומען אויף באָרג; אויפן חשבון פון דער תבואה פון נייעם גערעטעניש. די חובות פלעגט ער פארשרייבן אויף די שענק מיט קרייד. נישט איינמאָל פלעגט טרעפן, אז די פויערן זיינען אריינגעקומען מיט די גרויסע פעלצן און מיט איין וויש אָפגעמעקט די אלע חובות, וואָס מרדכי׳לע האָט פארשריבן אין פארלויף פון דער וואָך.

וואכזאם און טעטיק אין געזעלשאפטלעכן לעבן, האָט ער פיינט געהאט חנופה, עפנטלעך ארויסגעטראָטן קעגן יעדער רעפּרעסיע, מיט טעמפּערא־מענט געקעמפט פאר גערעכטיקייט.

א פארגעניגן איז געווען צו הערן זיינע מיינונגען בשעת א צוזאמענ־טרעף מיט אן עדה יידן צווישן מנחה און מעריב אָדער שבת נאָך מיטאָג אין לוסט־גאָרטן. ווי שיין און רייך האָט ער באגרינדעט זיינע געדאנקען, אידעען!

א הייסער ציוניסט, האָט ער ערצויגן זיינע קינדער אין גייסט פון ציוניזם: געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער „המזרחי״־שול אין שטעטל. פון די גרעסטע שפענדער פאר ציוניסטישע פאנדן. די קק״ל פושקע אין זיין שטוב איז בשעת דעם אויסליידיקן זי תמיד געווען פול.

איך געדענק וואָס ס׳האָט פאסירט אין א שבת צונאכטס, ווען מיר בחורים פון צעירי „המזרחי״ זיינען זיך צוזאמענגעקומען אויף א חברים־שמועס. אויך מרדכי׳לע און זיין זון מיכאל זיינען געקומען. און פלוצים האָט מען באמערקט, אז די קק״ל־פושקע איז אויפגעריסן און דאָס געלט איז פארשוווּנדן.

מרדכי׳לע גריימאן און זיין זון מיכאל האבן זיך געהיצט און גרייט געווען דעם מענטשן דורס צו זיין. א קליינִיקייט! גנבענען געלט, וואָס איז באשטימט פארן אויפבוי פון אונדזער הייליק לאנד!

ער האָט אלע יאָרן געשטרעבט צו פארווירקלעכן דעם געדאַנק פון שיבת ציון.

צום ערשט האָט ער געשיקט זיינע קינדער מיכאל און יוסף; שפּעטער אויף די עלטערע יאָרן אליין עולה געווען.

ער האָט ליב געהאט טרעפן זיך מיט זיינע לאנדסלייט, מיט זיי ווארעם און ליבלעך אדורכגעשמועסט זיך וועגן אמאָליקן לעבן אין שטעטל.

געהאט זייער א גוטן זכרון. געדענקט פאסירונגען כמעט פון ערשטן טאָג, ווען דאָס שטעטל איז אנטשטאנען.

געשטאָרבן אין עלטער פון 106 יאָר און געקומען צו קבורה אין ירושלים.

יהי זכרו ברוך.

ב. צ.פ. / מיכאל גריימן

מיכאל, בנו בכורו של מרדכי גריימן, קיבל בנעוריו חינוך דתי. למד ב„ישיבה" וספג תורה וחכמה ועם זאת רכש ידיעות כלליות. בהתבגרו הושפע מאד מן הרוחות החדשות שהחלו לנשב ביהדות הגולה עם פרסום „הצהרת בלפור". בהיותו מושפע גם מאביו, אשר נמנה בין ראשוני הציונים בעיירה, הצטרף גם הוא לתנועת „צעירי המזרחי" ופעל רבות בשטח הארגוני. הוא היה בין הפעילים המסורים ביותר במסגרת המגביות והקרנות למען גאולת הארץ.

על אף היותו בעל בעמיו, מבוסס מבחינה כלכלית כבעל בית־חרושת לגרביים, לא מצא מיכאל גריימן מנוח לנפשו בגלות הדוויה, האכולה שנאה ליהודי, ובשנת 1925 חיסל את מפעלו, ארז את מטלטליו, לקח עמו את משפחתו ועלה ארצה. הימים היו ימי משבר כלכלי ואי־שקט בטחוני. רבים מן הבאים אז התייאשו וחזרו כלעומת שבאו. אך מיכאל גריימן עמד בנסיון, על אף כל הקשיים והמאמצים. עד מהרה נכנס לעבוד בבית־חרושת „לדזיה" והיה בין הפועלים הראשונים ומניחי־היסוד של המפעל.

הוא הירבה לשלוח למשפחתו ולידידיו בגולה מכתבי עידוד ותקווה, וכן שלח ניירות־הגירה לבני משפחתו והעלה ארצה את אחיו יוסף, המתגורר בחולון, ואחר־כך את הוריו, אשר זכו לעת זקנתם להגשים את משאת־נפשם ולחונן את אדמת ארץ ישראל.

שני בניו לקחו חלק פעיל בשחרור המולדת; ובתו הבכירה רחל גלבוע, ובעלה, היו בין ראשוני מניחי־היסוד של כפר ויתקין.

נפטר ביום כ"ו מרחשון תשכ"ה.

גיסו, הרשל פרנקנטל ז"ל, אף כי היה טרוד בחנותו כל שעות היום, לא הסיח דעתו מענינים ציבוריים, חברתיים וחינוכיים. תמיד היה ער ותוסס לגבי כל המתרחש בשטחים אלה. במיוחד התמסר בכל להט נפשו לשטח החינוך. כאשר נוסד באלכסנדר בית־הספר „המזרחי", היה הוא בין מניחי־היסוד והנפש החיה במפעל זה.

בחצר ביתו עמד מבנה נטוש ועזוב, ששימש לשעבר בית־חרושת לגזוז. הרשל לקח את היוזמה לידיו, שיפץ את הבנין, הכניס בו שינויים והכשירו לשמש כבנין בית־ספר. ריהט את החדרים בריהוט מודרני ונוח לכתיבה ולקריאה. דאג לסגל מורים מתאימים והקים בית־ספר. שני בניו היו התלמידים הראשונים ובעקבותיהם באו ילדים נוספים מכל שכבות האוכלוסיה. חיש מהר נתמלאה הכיתה הראשונה והחלו הלימודים. לא היה קץ לשמחתו ולשביעות־רצונו, כאשר זכה לשמוע את השיר הראשון בשפה העברית: „על חלון עמדה צפור יפה", בהדרכת המורה פוקס. צלילי השיר הדהדו למרחקים. עוברים ושבים נעצרו והטו אוזן קשבת. יהדות אלכסנדר קיבלה בהתלהבות את החידוש והמפנה בשטח החינוך, וגרעין זה, שנשתל על־ידי מייסדי בית־הספר היה לברכה גם לאחר שנים.

יהי זכרם ברוך ותהי נפשם צרורה בצרור החיים של עם ישראל וארצו.

מ. הנדלסמן / אהרן הוכמן

נולד באלכסנדר בשנת 1908 למשפחה חסידית מודרנית. גם אביו ר' אלתר ז"ל נולד באלכסנדר, וגם אמו מלכה־ביילה ז"ל נולדה בסביבה הקרובה. למד ב„חדר", כרגיל, ועם הקמת בית הספר „המזרחי" עבר ללמוד בו. המשיך בלימודיו בבית ספר תיכון דתי בלודז'. חבר ב„צעירי המזרחי" ואחר כך — ב„החלוץ המזרחי". נשא לאשה את ביילה פשדבורסקי ז"ל ונולד להם בן בשם יחיאל ז"ל, שנספה בשואה.

בדרך־לא־דרך הצליח להגיע לארץ מרומניה חודש לפני פרוץ מלחמת העולם השניה, באניה „פריטה". בשנת 1941 התגייס לצבא הבריטי, לפלוגה הארץ־ישראלית־יהודית להובלה מספר 462, בפיקוד רב־סרן יהודי בשם יפה מדרום־אפריקה. הפלוגה היתה אחת הפלוגות שלקחו חלק במאבק של המחנה השמיני נגד הכוחות האויבים, הגרמניים־איטלקיים, במדבר המערבי. הם פעלו כל הזמן בחזית עד הדיפת האויב מאל עלמיין ועד כיבוש לוב מידי האויב. במכתבים שקיבלתי ממנו מן המדבר המערבי היה מביע ספיקות לגבי פעולותיו ועזרתו למיגור האויב. בפלישה לסיציליה שותפו גם פלוגות ארץ־ישראליות. פלוגת ההובלה 462 עזבה אף היא את אלכסנדריה בדרכה לסיציליה, בשיירה גדולה ובליווי של אניות משחית. ליד דרנה הופצצו האניות על ידי מטוסים גרמניים וספינתם אף מוקשה. 146 איש מאנשי הפלוגה טבעו ושמונים ניצלו (ביניהם — הוכמן). וזאת — תודות למפקד, בנו של הנשיא המנוח יצחק בן־צבי ז"ל. הפצצת האניה חלה ביום האחד במאי. פלוגתי הנתה אז בנמל דרנה, ולי נודע דבר ההתקפה מהקריאה האלחוטית לשלוח סירות הצלה מן הנמל. היה זה בעיצומה של חגיגת האחד במאי, שחגגנו גם בצבא. הוכמן נפצע בזמן ההפצצה, ולאחר עזיבתו את בית החולים לא יכול היה יותר להמשיך לשרת בצבא.

היה בין ראשוני מקימי ארגון החיילים המשוחררים והיה פעיל בשיקום החיילים המשוחררים והקמת מפעלים כלכליים, שהוקמו בעזרת הסוכנות, ההסתדרות וארגון החיילים המשוחררים. למשל: מפעל „סלילים" התפתח ממפעל אריגה של „חברת החיל", ו„המשביר" רכש אותו לאחר מכן.

בארץ התחתן שנית ובשנת 1946 החל לעבוד בחברת „מקורות" מקום בו הגיע לדרגה גבוהה והיה בעל תפקיד חשוב.

ביום ששי, אחד בחודש אלול שנת 1957, קיבל התקפת לב ונפטר אחרי זמן קצר, בהיות בן 48 שנים בלבד. השאיר אלמנה וילדה בגיל צעיר.

חבל על דאבדין ולא משתכחין.

יהי זכרו ברוך.

שמחה שרמן / משה וידאבסקי

היה יהודי אדוק, חסיד. בא לעירנו בסוף שנות העשרים. נאלץ לעזוב את עיר מולדתו בגלל פעילות ציונית. החרדים החרימו אותו בגלל הציונות.

באלכסנדר הצטרף לחוג „שפת עבר" ונעשה מורה לעברית. פעיל היה בחיים הצבוריים ובמחנה הציונים בעירנו.

הושמד בגיטו לודז'.

תהיה רוחו צרורה בין אלה שנשארו להגשים את צוואתו.

ש. פערלמוטער / ברוך זאַנענבערג

דער יונגער דיכטער ברוך זאַנענבערג איז אויסגעוואקסן און דערצויגן געוואָרן ביי פרומע עלטערן, פאַלקס־מענטשן. זיין פאָטער וואַפקע, אן ערלעכער ייד, א הויכער, מיט א תמימותדיק פנים און מיט קינדערישע מילדע אויגן, איז געווען א צייט־לאַנג שמש אין דער שטאָט־שול.

זיין מוטער איז געווען חנה מינדל, די רביצן, ווי מ'האָט זי מיט פיעטעט גערופן, ווייל זי האָט געלערנט לייענען, שרייבן „יידיש־דייטש", מערסטנס דערוואקסענע מיידלעך.

זאַנענבערג באקומט זיין פאָליטיש־געזעלשאפטלעכע דערציונג אין יוגנט־„בונד" — „צוקונפט".

זיינע ערשטע לידער דרוקט ער אין זיין פארטיי־צייטונג. שפעטער פארעפנטלעכט ער צוויי לידער: „א ליד צו דער נויט", און „א באגינען אזא..." אין דער זאמלונג „אויף דער שוועל", ארויסגעגעבן אין ווארשע — מאי 1932. ביי מיר איז געבליבן אויפגעהיט אן עקזעמפליאר מיט זיין אייגנהאנטיקער אונטערשריפט מיר געווידמעט.

ער איז געווען אנגעלאָדן מיט רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, אָבער צוגלייך געווען סענסיטיוו, בארוט, ווי די רואיקע וואסערלעך ארום דעם שטעטל. ער

האָט זיך נישט געקענט אַרויסרייסן פון דער אָרעמקער גרויער סביבה. ער איז נוטה געווען זיך אויסצולעבן מיט ווייזיעס. דער עיקר ביי אים: סאָציאַלע מאָטיוון פונעם קליינעם מענטש. אינעם כאָר פון די יונגע יידישע דיכטער האָט ער געזונגען מיטן שטילן מינאָר.

ער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער אַרבעטער, אַ זאָקן־מאַכער, און האָט מקיים געווען דאָס געבאָט: „פת במלח תאכל". ער האָט געהאַלטן ערשט אין אויספּאָרעמען זיך און רייף־ און צייטיק־ווערן.

געשטאָרבן אין רוסלאַנד, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

ברוך זאַנענבערג

דער דיכטער ברוך זאַנענבערג איז געבוירן אין אַלעקסאַנדער נעבן לאָדזש אין יאָר 1910 אין אַ פרומער אַרבעטער־משפּחה. געלערנט אין „חדר" און יינגער־הייט געוואָרן אַ זאָקן־מאַכער. ער איז טעטיק געווען אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט" און דעביוטירט מיט לידער פון לירישן און סאָציאַלן אינהאַלט אין „יוגנט־וועקער", וואַרשע, 1929; שפּעטער געדרוקט אין דער „פאָלקס־צייטונג", וואַרשע, „לאָדזשער וועקער" א.א. חוץ לידער, האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט בילדער פון יידישן אַרבעטער־לעבן און געווען דער אַלעקסאַנדערער קאָרעספּאָנדענט פון די דערמאָנטע אויסגאַבעס אונטער זיין פּאַרטיי־נאָמען „באַריס". ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די לידער־זאַמלונגען „אויף דער שוועל", וואַרשע, 1931.

בעת די דייטשן האָבן אין יאָר 1939 פאַרנומען פּוילן, איז זאַנענבערג אַנטלאָפן אין די רוסיש־באַזעצטע געביטן, פון וואַנען ער איז אין יוני 1940 פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער. אין אויגוסט 1941 ווערט ער, אַ דאַנק דער אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער, באַפרייט פון לאַגער. ביז 1943 לעבט ער אין אַ קאָלכאָז הינטער בעלי־וואַרי, אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין דרום־קאַזאַכסטאַן, ווו ער איז אין דעם יאָר אויסגעגאַנגען פון הונגער און דערשעפּונג.

(לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור)

ברוך זאנענבערג / ליד צו דער נויט

איינטאָניק גרויע טעג אין קעלער־שטובן פייכט.
דער שטארקער הוסט, ער צייטיקט אויס א שווינדזוכט־קרענק,
און אנשטאט לוקסוס, פראכט און גלאַנץ — זע, שווארץ עס קוקט
א שאָטן פון די ווענט, פאררויכערטע, אראָפּ.

נו, זאָלן קינדערישע הענטלעך נישט זיין ווייך ?
נישט קריגן בייכעלעך, געשוואָלענע, ווי דען ?
אז אלעמאָל די זעלבע גריץ, אזש ס׳בייסט אין קעל :
און צום געשמעלץ — פאר מענטשן זעקס — נאָר פעטס א לויט.

און דאָרטן ווו ס׳זיינען בלענדיקע די נעכט,
זעקס זאָלן אין דעם בלאנקענדיקן שפיגל־ליכט ;
אָ, ווײ צו זייער פרייד, אין זאטן שכורדיקן זנות,
ווען ס׳ברעכט זיך זייער וועלט איין אין דעם מאָרגן־ווינט.

(„אויף דער שוועל״, ווארשע, 1932)

נתן פוזנר / אלתר זילברברג

נמנה עם חסידי סוכצ׳ב. יהודי עבדקן, שחור־זקן ויפה־תואר, עיניו שחורות כגחלת, כתימני מראהו — כאילו הועתק הנה מן המזרח. מוכר היה בחוגי התעשיינים של הגרביים. מטופל בילדים — כמה בנות ובן יחיד. היה גר ברחוב ורשבסקה, מאחורי בית הכנסת. בחזותו — איש צעיר לימים, עוד לא נס ליחו. כל מי שבא במחיצתו, הוקסם מיושרו הרב ומלבו התמים.

היה מפורסם כאיש עסקים פיקח וכבעל חוש מסחרי מפותח. תמיד היה שקוע בעסקיו והלך מחיל אל חיל. בראשית, אחרי מלחמת העולם הראשונה,

הגיע את בית החרושת שלו בכמה מכונות בלבד — והתקדם עד הגיעו למצב שהפיס את דעתו.

שקט ושלוה היו מנת חלקו, ורוב מעש. ידיו היו תמיד מושטות לנזקקים ולנצרכים, ובסבר פנים יפות היה מקדם את הבריות. רבים העריצוהו על טוב לבו, ועל החסד שגמל להרבה יהודים. היה מרבה במתן כספים ליהודים — מתת והלוואות, מבלי הבטח לו את החזרתם. האמין, שאחרים גם הם כמוהו. כך רכש לו שם טוב בעיירה.

בפרוס העליה הרביעית נטש הוא את כל עסקיו — געגועים על עליה ארצה תקפוהו. כנראה ינק הוא את השראתו מהחסידים שעלו ארצה מאות שנים לפניו.

נתן פוזנר / נחה זלכמן

כמו יתר אחיותיה ואחיה שמתו בדמי עלומיהם התחנכה נחה על ברכי הדת והמסורת בבית אביה, ר' יחזקאל בריש, חסיד דגור, אשר התפרנס ממלמדות בביתו.

הוא, ר' יחזקאל בריש, בעל תבונה רחבה ומעמיקה היה, פיקח ופיכח גם יחד, ונהירין לו דרכי נפש האדם, גישתו לסביבה וגם לבנותיו היתה סלחנית ואנושית ותמיד היה מוכן להושיט ידו לעזרה לכל נצרך. התרחק מן הקלחת הציבורית והפוליטית — הלך בצדי דרכים ולא פגע בזולת.

נחה ספגה בקירבה את האווירה הדתית המובהקת, האופפת את בית הוריה ומעצבת ומעדנת את אופיה ורוחה. בהתבגרה הרגישה שחסר לה דבר־מה, ונפשה לא היתה שלמה עמה. עוד בצעירותה התחילה לחפש פורקן לסער שהתחיל תוסס בלבה, ותוך התלבטויות חטטה למצוא פתרון לבעיות הזמן. רכונה על מכונת תפירה ומשועבדת לה מבוקר עד מאוחר בלילה, דאגה לכלכלת עצמה ולכלכלת הבית, כי פרנסת אביה המלמד לא הספיקה לכלכל את המשפחה. אבל למרות שיעבודה למכונת התפירה מרבה היא לקרוא בספרים ולהגות בהם, עד שהרגישה שעליה לכוון את מרצה לאיזו תנועה שהיא קרובה לנפשה.

בשנתה העשרים החליטה שמקומה בתנועת „פועלי־ציון" צ"ס. היא שוברת את המסגרת הצרה בה חיה כל הזמן ופורצת למרחב. ולרעיון הציוני־סוציאליסטי היא מקדישה את כל נפשה ומאודה.

נחה נעשית חברה אקטיבית, פעילה בתוך המפלגה ומחוצה לה, משתתפת במגביות: תורמת ומתרימה אחרים.

לא היה מפעל בלי השתתפותה הערה של נחה — היא גילמה את סמל התנועה. היא היתה הדמות המרכזית של התנועה ונבחרה לועד הסניף ולוועדות אחרות כפעילה ומפעילה. היא לא חסה על גופה החלש ומעולם לא ידעה לאות. אהובה היתה על הכל על עמידתה האיתנה בהכרתה הרעיונית, כי ידעה לסנגר על יעודה מכל קטרוג. וגורלה — כגורל יתר יהודי העיירה, הלכה עם כולם...

זכרה היקר לא ימוש מקרבנו.

ב. צ. פ. / חנה מינדל די רביצן

דער אלעקסאנדערער ייד מיט דעם נאָמען הירש צודקאָוויטש (דער שווארצער הירש), זייענדיק א צייט אין צארישן מיליטער אין ווילנער געגנט, האָט זיך דאָרט באקענט מיט א מיידל, זייער אן איידעלע, א פראָגרעסיווע, און אויך געבילדעט אין שפראכן. ער האָט מיט איר חתונה געהאט און זי מיטגעבראכט קיין אלעקסאנדער. דאָ האָט זי דערזען א גרויסע אָפּגעשטאַ־נענקייט אויף דעם קולטור־געביט, הויפּטזעכלעך ביי די מיידלעך פון דער אָרעמער יידישער באפעלקערונג, וואָס האָבן נישט געקענט באזוכן קיין „חדרים" אדער שולן. אָט די פרוי מיט דעם נאָמען ריווע האָט אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו קאָנצענטרירן ארום זיך די אלע נישט פארמעגלעכע קינדער; געעפנט פאר זיי די טויערן פון תורה און חכמה, דערקלערט די וויכטיקייט פאר די יידישע טעכטער צו זיין גלייכבארעכטיקט מיט די מענער.

זי האָט זיך גענומען צו הילף א פרוי מיט דעם נאָמען חנה מינדל, וואָס האָט אין יענער צייט גוט באהערשט די יידישע שפראך, געקענט גוט שרייבן און לייענען. חנה מינדל, „די רביצן", האָט מען זי גערופן, נישט

האָבנדיק קיין פינאַנסיעלע מעגלעכקייט איינצואָרדנען אַ פּריוואַטע שול בײַ זיך אין דער וווינונג, פלעגט זי, באין ברירה, באַזוכן די אָרעמע יידישע הייזער. אַ קליינטשינקע, אַ דאַרינקע, אַ שוואַכע, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין איר, שלעפּט זי זיך איבער די יידישע קעלער און בוידעם־שטיבלעך מיט דעם געדרוקטן א.ב. לוח און מיט דעם גראָבן קרבן־מנחה סידור, פאַר אַ מינימאַלן שכר לימוד מאַכט זי די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויסצולערנען די יידישע טעכטער דעם יידישן אות. מיט דעם ברייטן געשניצטן טייט־העלצל פירט זי אירע צאַרטע פינגער איבער די שורות. דורשטיק לויפן נאָך די קינדערישע פייכטע אויגעלעך און פאַלגן נאָך אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, אַ שורה נאָך אַ שורה דעם טייטל. „זאָג מיין קינד — פלעגט חנה מינדל זיך בעטן — נאָך אַמאָל דעם זעלבן פּסוק. ווען דו וועסט קענען גוט שרייבן און דאַווענען, וועסטו זיין אַ מענטש צו גאָט און צו לייט״.

אַזוי האָט זי זיך געשלעפּט — זומער אין די גרויסע היצן, ווינטער אין די קאַלטע פרעסט. זי האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין באַקעמפן די עם־הארצות בײַ די אַלעקסאַנדערער מיידלעך.

פ. בן־ציון / יעקב הנוך יעקוביץ



נולד בעיר אלכסנדר בשנת 1920 להוריו אברהם וקרייזל. קיבל חינוך מסורתי; למד בבית ספר „המזרחי" והצטיין כתלמיד מעולה.

כאשר התבגר הצטרף לתנועת הנוער של בית"ר. מסור היה לתנועה ופעל רבות למענה. משאת נפשו היתה לעלות ארצה, ובהקמת המדינה היהודית להגשים הלכה למעשה את התורה שספג בתנועה.

בשנת 1940 הצליח לעלות ארצה באופן בלתי ליגאלי, ומיד הצטרף לבריגדה היהודית ולחם בחזית איטליה. באיטליה יסד קבוצת הכשרה חקלאית וביחד עם הקבוצה הזו חזר ארצה למושב שיתופי ע״ש וינגייט ברמת נפתלי.

ב־1948, שבועיים לפני פרוץ מלחמת השחרור, נהרג בהתגוננות מול פורעים ערביים שהתנפלו על המושב. הובא לקבורה בקבר אחים ברמת נפתלי.

כבוד לזכרו!

ב. צ. פ. / יצחק רבי׳לה

יהודי נמוך־קומה, בעל זקן לבן שהצטהב מרוב שימוש בטבק־הרחה. כובעו ומעילו הארוך, הפתוח, וה„ארבע־כנפות״ שתמיד היו גלויות, היו משומנים ומבריקים.

מוכר נפט היה, וגם... נרות לשבת, ו... שמרים לחלות מכר. מסתפק היה במועט ואף פעם לא התמרמר על גורלו. את ברכת ה„בוקר טוב״ שלו היה שולח למרחקים.

בעל זכרון שאין דוגמתו בעיירה וסביבתה היה, ומבלי לנהל ספרים ידע על־פה וזכר את שמותיהם של אבות אבותיו, וידע בדיוק מתי חל יום הזכרון (יאָרצייט) של פלוני אלמוני אף לא מבני משפחתו. יום יום היה פוסע לאורך רחובות העיר ומבקר בבתים ואומר שצריכים להזכיר את נשמת פלוני או פלונית ביום זה ושצריך להדליק נר לזכרם על קברו של האדמו״ר ר׳ הנוך ז״ל.

קראו לו יצחק רבי׳לה, לא משום שהיה רבי או בן רבי. את השם הזה נתנו לו, כנראה, בגלל זה שהיה משמש את האדמו״רים באלכסנדר במותם ולא בחייהם.


בבית הקברות היה הוא השליט והשמש היחידי, וביחוד באוהל של הרבי ר׳ הנוך זצ״ל: מפתח גדול היה מופקד בידיו ובמפתח זה היה פותח את שערי הרחמים.

מכל קצווי פולין באו יהודים להשתטח על קברי הצדיקים, והיו מביאים אתם צרורות של מכאובים. מי שהיה זקוק לפרנסה, ומי לבריאות, מי לשידוך

הגון או אשה עקרה למרפא וכד׳ — כל אלה ביקשו פה רפואה לגוף ומרגוע לנפש.

יצחק רבי׳לה היה כותב פתקים (קוויטלעך) ומנצח על הכל: שואל שא־לות, כותב פרטים ומוסיף גם משהו מהנוסח שלו, אומר „אל מלא רחמים" וזורק את הפתק לתוך מסגרת הברזל שמסביב לקבר.

אלפי פתקאות הצטברו במשך הדורות.



מצבה חדשה על קברו של ר׳ הנוך, שהוקמה לאחר המלחמה, במקום ה„אהל" שנהרס.
א נייע מצבה, אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך די מלחמה אויפן אָרט פון ר׳ הנוכס „אהל".

במיוחד רבו העבודה והלחץ מסביב לקבר בראש חודש אלול, שאז היו באים גם יהודי העיירה לפקוד את בית הקברות ולהתייחד ולהשתטח על קברי אבות. בהזדמנות זו ביקרו כמובן גם באוהל של ר׳ הנוך.

בתוך האוהל האווירה דחוסה: החום הולך וגובר, נרות השעוה הגדולים הדולקים מוסיפים חום ומחנק מרגע לרגע, והאוהל מתמלא יותר ויותר רעש והמולה! אומרים תהילים ותפילות אחרות.

יצחק רבי׳לה, יהודי חלש, אשר בקושי עומד על הרגליים, כותב פתקאות ומקבל פתקאות, ממלמל כמה מלים וזורק את הפתקאות לתוך מסגרת הקבר

תמורת מטבעות ספורים, שהוא משלשלם לתוך הכיסים הגדולים והכבדים המנמיכים את קומתו עוד יותר.

בשנים האחרונות, כשהזדקן ונחלש, החליט לקבל עזרה, ולמטרה זו הוא פנה לכמה ילדים, תלמידי בית־הספר „המזרחי", ביניהם אהרן פליישמן, שמחה שרמן, בן־ציון פומרנץ ובן־ציון כילביץ, וגייס אותם לכתיבת ה„קוויטלעך". הכתב שלנו היה נקי וברור, ויצחק רבי'לה ז"ל נהנה מזה והוסיף ברכה: אזוי ריין און ליכטיק ווי דאָס קוויטל איז, אזוי ריין און ליכטיק זאָל אייער מזל זיין (כמו שהפתק ברור ומאיר עיניים, כה יאיר מזלכם) אמן ואמן סלה.

משה רוזנבלט /

המורה אברהם יעקב ליטווין ז"ל

הנני עוצם את עיני ובזכרוני עולות הדמויות היקרות, שחיו ופעלו בעיר אלכסנדר. הריהן מופיעות לפני בזו אחר זו, כל אחת וסבר הפנים המיוחד לה, המזכיר פעולות ומעשים, פרקי חיים של הפרט ושל העיירה כולה.

כמה געגועים ועצבות מלא לבי הדווי. אלכסנדר עירי, המפוארת והמהו־דרת, על כל שכבותיה, על ה„חצר" המופלאה, על החרשתנים האמידים, על הנוער המשכיל על כל פלגיו, על הבנות השופעות חן ויופי, על ה„משהלעך" וה„דבורהלעך" בלכתם לבתי־הספר, ל„חדרים" ולגני הילדים, טהרם ושחוק פיהם שובי הלב.

דיוקנו של חמי ר' אברהם יעקב: רציני וצנוע בהליכותיו; אוהב פשטות ומתרחק מגאוה והתרברבות; נוה לבריות; משכיל וציוני נלהב. זוכרני: תקופה של רוח חדשה עברה אז בעיירה, רוח של השכלה ותחיה לאומית, אשר חדרה עמוק אל לבות הנוער, והתשוקה לעליה לארץ־ישראל גברה מיום ליום.

חמי היה הראשון בעיירה ששלח שתים מבנותיו להכשרה לסקוצ'קובה (זו היתה חוות ההכשרה של „המזרחי") על מנת להכשירן לעליה ארצה.

הוא היה בין נבחרי הפעילים בתנועת „המזרחי" שבעיירה, ופעיל למען הקרנות הלאומיות. וראה זה פלא: בין באי ביתו — לאו דווקא מתומכי השקפתו המפלגתית היו, אלא גם מזרמים אחרים. המה באו כדי לחטוף שיחה על „ספר וסופר", על המצב הפוליטי דאז. ה„חטיפה" הזו היתה נמשכת שעות על גבי שעות.

ידען בתורה, משכיל בחולין ונחבא אל הכלים. מורה לעברית וליודאיס־טיקה. רבים מתלמידיו חיים כיום בתוכנו.

ביתו היה תמיד פתוח לרווחה ושימש בית־ועד לטובי הנוער בעיירה: אברהמ'ל כהן, הרשלה זוהר, המורה קוצינסקי, ד"ר גלאט הי"ד, ועוד ועוד.

חמי — עם היותו בן־תורה ושומר־מצוות — לא הטיף מוסר לאחרים והיה מסביר פנים לכל באי ביתו. הקשיב בסבלנות לדברי כל המתווכחים ובמתינות היה משיב: מתוך מתון ובטעם, ומבלי לפגוע, חלילה, בבן־שיחו.

מעולם לא ניסה להמיר את דעתן של בנותיו על החיים, ולהשפיע על התנהגותן, כמקובל בבתים אחרים מסוג זה. היה נוהג להחדיר ללב בנותיו את המימרה: „טוב שם טוב משמן טוב" והיה מוסיף: שמן טוב הולך מקיטון לטרקלין, ושם טוב הולך מסוף העולם ועד סופו.

ב. צ. פומרנץ / משה'לה הקטן

הבריות קראו לו „משה'לה הקטן", הן דרך חיבה והן בשל קומתו הנמוכה והצנומה. יש שקראו לו גם „איש־התהילים", כי היה מרבה באמירת פרקי תהילים.

ענוותן היה וצנוע, מכונס בתוך עצמו ונחבא אל הכלים, ואולם עיניו השחורות, העמוקות, קרנו פיקחות וחכמת חיים.

הוא היה בעל־עגלה, שלרשותו עמדו סוס קטן וכחוש ועגלה קטנה. בשוק קבע לו מקום ליד הבאר, סמוך לפסי ה„טראם", הרחק מחבורת יתר העגלונים, כדי למנוע עצמו מלשמוע דברי רכילות וסתם דברים בטלים. כל שעותיו הפנויות היה יושב על עגלתו ואומר בשקידה פרקי תהילים. וכשהיה בעל־בית בא להזמינו להובלת משא, היה עומד וממתין באורך־רוח ובדרך־

ארץ, עד שיסיים את פרקו. משסיים היה משה׳לה נושק במתינות את הספר, מניחו בתוך כיס מעילו, וקם לעשות מלאכתו.

תמיד השתדל שלא להעמיס על עגלתו יתר על המידה, לבל יכביד על סוסו. במעלה הדרך היה יורד ותומך בעגלה, כדי להקל על בהמתו. ממעיט היה להשתמש בשוטו, ותחת זאת היה מהלך תכופות ליד סוסו, מחליק על רעמתו בחיבה ומעודדו: עוד מעט, עוד מעט ונגיע למחוז־חפצנו.

כמוהו היתה גם אשתו אצילת־נפש ומסורה; הסתפקה במועט ולא התאוננה מעולם על גורלה. מדי יום ביומו היתה מביאה לבעלה ארוחת־צהרים, עטופה מגבת צחורה, באמרה לו דרך היבה: „אכול, יקירי, ויערב לך ויבושם לך". הוא היה מודה לה בבת־צחוק נוהרת, אחר היה יורד מעל עגלתו, נוטל ידיים ומברך בקול רם, כשהיא עונה אחריו „אמן" בדחילו.

הוא ואשתו, שהיו חשוכי ילדים, חיו להם חיים שקטים וצנועים.

חן מיוחד היה אופף אותו בשבתות וחגים. עוד בצהרי יום ששי היה מקדים ועוזב את השוק, כדי להכין עצמו לקראת השבת. הכנה זו היתה נעשית בחרדת־קודש מיוחדת. נראה היה בעליל, שהוא עומד לפשוט את צורת החולין וללבוש צורה חדשה, של חגיגיות וקדושה. אך עם זאת לא הסיח דעתו גם מסוסו. זכורני, כיצד היה סר בדרכו הביתה אל בית אבי ז"ל, לקנות שבולת־שועל בשביל סוסו, והיה עומד ומפציר בו: אנא, ר׳ מאיר! הואל נא בטובך ומכור לי שבולת־שועל מן המובחר. לא איכפת לי לשלם עוד כמה גרושים. הלא ערב שבת היום ורצוני שגם סוסי יהנה מעונג שבת, ככתוב „למען יהנה וינוח שורך וחמורך".

אחר היה נכנס אל האורווה, שוטח על הרצפה שחת טריה, מכין לסוסו תערובת טעימה, מחליק בחיבה על רעמת הסוס, מברכו בברכת שבת טובה, שבת מנוחה, ויוצא להכין עצמו לקראת שבת מלכתא.

היה רץ לבית המרחץ וטובל עצמו, אחר היה מסרק את זקנו בהקפדה, מצחצה את מגפיו, לובש את בגדי־השבת ואץ אל בית־הכנסת. הוא נמנה עם מתפללי בית־הכנסת ע"ש הרבי בצלאל יאיר זצ"ל, שרובם היו בעלי־מלאכה, חייטים, סנדלרים, עגלונים, קצבים וסתם יהודי־תהילים. תמיד היה בין ראשוני המתפללים, מתכנס היה בקרן־זווית, הרחק מכותל המזרח, מתעטף היטב בטליתו ומתפלל בדביקות ובכוונה, תפילה חרישית, היוצאת מן הלב ונכנסת בשערי שמיים.

בשבת, אחרי שינה של צהריים, שוב היה הולך לבית־הכנסת, לשמוע שיעור ב„עין יעקב", או ב„פרקי אבות", מפי הלמדן המופלג ר' יחזקאל בריש. מסביב לשולחן היו מסובים מתפללי בית־הכנסת ובולעים בצמא את דבריו של ה„רבי", שנאמרו בנעימה מתנגנת המושכת את הלב, כשהוא מסביר ליהודי „עמך" כי „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", ומצייר להם בצבעים מקסימים ומרתקים את דרכי חייו של אדם, את השכר והעונש, את הטוב והרע, ואת כל האושר העילאי הטמון באמונה ובטחון. כל השומעים מתמוגגים מהנאה, ובמיוחד קורנות פניו של משה'לה. בקצה השולחן יושב גם הוא ומקשיב בעיניים עצומות, כשחיוך של הנאה מרחף על שפתיו ופניו מפיקות זוהר של קדושה, כאילו היה חזון נגלה לעיניו.

עם צאת השבת עדיין היתה קדושתה מתמשכת ואופפת את משה'לה כאילו קשתה עליו הפרידה הימנה. שעה שהכוכבים כבר התנוצצו ממעל ונרות ההבדלה הזדהרו בחלונות הבתים, היה משה'לה פוסע מתונות ומפזם לו ניגון חרישי, המביע אמונה ותקווה: „אליהו הנביא, אליהו התשבי, אליהו הגלעדי — במהרה יבוא ויגאלנו".

נתן פוזנר /

המלמד משה פנחס נאבוז'נה

איש תמים וישר היה משה פנחס מלמד, — אחד המלמדים שדמותו בלטה בעיירה. עבדקן, בעל עיניים שחורות ועגומות היה, מהורהר תמיד ודאגה מסתתרת בביתו הצר והחמים, אשר שתי מדרגות אבן הובילו אליו. אהב לגמול חסדים ונכון היה לעזור בלא לחוס על גופו הצנום. מעולם לא חס משה פנחס מלמד על כוחו ומרצו להרביץ תורה בתלמידיו. והתלמידים, סנטריהם שעונים על השולחן הארוך, היו נועצים עיניהם באותיות הקטנות של הגמרא הפתוחה, בפירוש רמב"ם ורש"י, כשרבם מסתובב סביב השולחן. קפדן ומסור מאד לתפקידו. בעיירה היו אומרים, כי מי שלומד אצל משה פנחס יודע דף גמרא. בעת השעור היה מתוח מאד ואף לא שמע את דברי אשתו מן המטבח, שממנו חדר תמיד עשן שאפף את חדר הלימוד.

לאחר זמן נתקבל לבית הספר „המזרחי". תלמיד שקדן היה זוכה בחיבתו של משה פנחס המלמד ולנשיקה בקדקדו.

משה פנחס מעולם לא נפש מעמל השבוע. מדי שבת בשבתו היו התל־מידים מתכנסים ללמוד „עין יעקב". ומשה פנחס, קפוטה של קטיפה לגופו, ולראשו כיפה שחורה וגדולה, — מן החוץ נשמע קרקור הצפרדעים, — יושב היה הוא ותלמידיו, מסובין לשולחן המכוסה סדין לבן, ועליו פמוט כסף גדול.

עסיסיות ומתיקות ושלוות נפשו הקסימונו. חשנו בנשמה יתרה של המלמד שלנו. עיניו היו מחייכות וכובשות בחיוניותן. נפלה המחיצה שבינו לבין התלמידים והתחומים נתפרדו. היינו אחד, הרבי והתלמידים.

ב. צ. פומרנץ / ישראל סרבנוגורה ז"ל

נולד בשנת 1926, באלכסנדר. מלחמת העולם השניה טילטלה את הנער ממסגרת חייו הרגילה וגררה אותו אל נתיב היסורים והתלאות.



כשעלה לארץ בשנת 1947 התחיל לעבוד במקצועו — סריגת גרביים. אך זמן קצר הספיק לעבוד במקצועו זה והנה פרצה מלחמת השחרור. הוא התגייס מיד למערכות המלחמה, מחושל בגופו וברצונו. המלחמה סחפה אותו בטרם הספיק להתערות כראוי בארץ ולקנות לו ידידים ומכרים.

ביום 25.10.48 נפל ליד משטרת בית ג׳וברין והובא לקבורה בראשון־לציון. ביום 22.6.50 הועברו עצמותיו אל בית־הקברות הצבאי בנחלת־יצחק, חלקה 60, שורה 24, קבר מס׳ 1.

מדינת ישראל

הננו מודיעים בצער עמוק כי

ישראל סרבנגורה ז״ל

נפל בשעת מלוי תפקידו ביום
כב׳ תשרי תש״ט (25.10.48) במשטרת בית גוברין.

ממשלת ישראל. צבא־הגנה לישראל
והאומה העברית ישאו תמיד את זכרו
ישראל אשר נפל בהגנת המולדת
ובמערכה על חרותה ועצמאותה.

ד. בן־גוריון

ראש הממשלה

ב. צ. פומרנץ / גדליהו פרנקנטל ז"ל

כבחייו — כן במותו חי הוא בצינעה, ובדומיה עצורה נפטר מן העולם.

חמש שנים סבל ממחלה ממארת, אשר הסבה לו יסורים בל ישוערו; אך בקור־רוחו ובאצילות התאמץ והבליג על יסוריו, כדי להסתיר את סבלו מעיני אחרים, שלא לצער אותם.

הוריו, יחיאל־מאיר ודבורה־דינה, נמנו עם המשפחות המכובדות והאצילות. גדליהו קיבל בביתם חינוך מסורתי. בשנות חייו הראשונות לא שפר עליו חלקו, כי מצבם הכלכלי של ההורים היה דחוק מאד ובעודו צעיר־לימים נאלץ גדליהו בכוחותיו הוא לפלס לו דרך כדי לכלכל את עצמו וגם לבוא לעזרת ההורים.

הכרתיו בתור עלם צעיר, שקט, מצניע לכת, שבת־צחוק אצילת נסוכה תמיד על פניו. עיניו העידו על מחשבה מעמיקה צמאונו לדעת ולהשכלה לא ידע רוויה. הירבה לקרוא וללמוד בכוחותיו העצמיים והגיע לרמת השכלה נאותה. דוגל היה בקידום האדם וכבודו. תמיד חיפש דרך לשינוי פני החיים של הנוער היהודי בגולה, וכך הגיע אל תנועת הנוער „גורדוניה", בה ראה אמצעי להגשמת שאיפותיו. הודות לכשרונותיו המזהירים התערה חיש־מהר בתנועה זו ונעשה אחד מראשי דובריה.

משאת נפשו היקרה ביותר היתה לעלות לארץ־ישראל, לעבוד את אדמתה ולחיות חיים פוריים של מעמד לאומי, חופש ויצירה.

עם פרוץ מלחמת העולם השניה סבל גדליהו יחד עם כל אחיו מידי הנוגשים הנאציים, ולא אחת עמד בצל הגרדום אך ניצל בנס. יחד עם אשתו דבורה (אותה נשא ברגע האחרון, לפני עזבם את אלכסנדר), נטש את ביתו ואת משפחתו תוך סכנת נפשות נדדו מעיר לעיר, בדרכים־לא־דרכים, עד שהצליחו להגיע לסיביר אשר ברוסיה. שם עברו עליו שנות יסורים וסבל, הן בגוף והן בנפש. אך הודות לאמונתו העמוקה ב„נצח ישראל לא ישקר" ותקוותו האיתנה, עמד בו כוחו להחזיק מעמד וזכה לראות בתבוסתם של קלגסי גרמניה.

בשנת 1947 הגיע ארצה יחד עם אשתו דבורה ובנם יוסי. כאן קידמו את פניו תוהו־ובוהו של שלהי השלטון המנדטורי והפרעות שפרעו הערבים בישראל. אך שוב היה הוא איתן ברוחו וצפה בכליון־נפש לקראת המפנה

הכביר העומד לחול בחיי העם. הדי היריות והכדורים ששרקו מעל לראשו בעמדות ההגנה שבקרית ענבים לא הפחידוהו. גאה היה על כך, שבחלקו נפל ללחום בעד עצמאות ישראל ותקומת מדינת ישראל.

כל־כולו היה נרגש ועירני לקראת הבאות. בלב נפעם היה מאזין לרדיו ועוקב אחרי מהלך ההצבעה באומות־המאוחדות. וכאשר נפלה ההכרעה והרוב הצביע בעד הקמת מדינת ישראל, לא היה גבול לשמחתו והתרגשותו. אותה שעה עמדו דמעות בעיניו והוא מילמל לעצמו: „זכיתי... זכיתי...” וכל אותו לילה שמח ורקד עד אור הבוקר.

אחרי קום המדינה השתקע בחולון. כאן נולד בנו השני, אפרים. השתתף באורח פעיל בפעולות מפלגתיות ותרבותיות, מילא כל תפקיד שהוטל עליו במרץ ובמסירות, וזכה לכבוד והערכה מצד כל חבריו וידידיו.

היה פעיל בוועדת התרבות של הסתדרות העובדים בחולון, במיוחד התמסר להחדרת התרבות העברית והשפה העברית בין העולים החדשים שאך זה עלו ארצה.

הוא היה אוהב הבריות ואהוב על הבריות. הצטיין במידת הכנסת אורחים, וביתו היה בית ועד לפגישות ושיחות.

דגש מיוחד שם על חינוך ילדיו, בעקבו בהקפדה אחרי התקדמותם בלימודיהם, והיה בעל ואב נאמן, מסור לביתו ואהוב על כל מכריו.

יהי זכרו ברוך לעד.

שמחה שרגון / אליהו פיין

אליהו פיין היה בין מייסדי הסתדרות „המזרחי” בעיר. ביוזמתו שלו הקימו בית ספר עברי לתפארת. המגמה של בית הספר היתה עברית בעברית.

ב־1925 עזב את חיק משפחתו ועלה לארץ. היה החלוץ הראשון מעירנו שהסמיך הלכה למעשה ועלה ארצה. במשבר הגדול שפקד את הארץ ובלחץ של בני משפחתו (אשתו היתה חולנית) היה נאלץ, שלא־ברצונו, לעזוב את הארץ שאהב ורצה להיות בה איכר, ובשנת 1927 חזר אל משפחתו לאלכסנדר.

הצורר קיפד את שאיפתו. הוא הושמד במחנה רכוז.

תהא נשמתו צרורה ולא נשכחת.

ש. פערלמוטער / יהושע צענדארף

געבוירן אין יאָר 1902, א זון פון א גערער חסיד, אן ערלעכער ייד און גוטמוטיקער מענטש. זיין מוטער — א פרומע, פּאָלקסטימלעכע און גאַסט־פריינטלעכע.

יהושע איז אין די יונגע יאָרן געוואָרן א זאָקן־ארבעטער, דערמיט האָט ער אויך געקענט העלפן זיין מוטער, דער פרי־געוואָרענער אלמנה. נישט לאנג איז ער פארבליבן ביי דעם פאַך. נאָך אלס פרומער בחור, וויל־לערנער, איז ער אוועק צו קרובים אין ווארשע און דאָרט געוואָרן א דרוקער־ארבעטער.

נאָך א פּאָר יאָר, אין איינעם א שיינעם טאָג, האָט ער זיך צוריקגעקערט א צעשיינטער, מיטגעבראכט אין זיך אן עקסטרעם, לינק־אידעאָלאָגישע איינ־שטעלונג, און זיינע ערשטע בלעטלעך לידער אין קעשענע פון א שמאלער, שווארצער, אָפענער צעפראַסטעטע בלאָזע, און אויף די פלידערן, געוויקלטע, ברייטע־טונקעלע טוך־פּאסן. די דאָזיקע הלבשה איז געווען איינגטימלעך פאר די דעמלטדיקע טרעגער פון ראדיקאלן לאגער.

זיין ביכל לידער — „רויטע באפעלן״ — וואָס ער האָט שפּעטער ארויס־געגעבן, האָט נישט געקענט, צוליב צענזור־טעמים, דערשיינען אין פוילן, האָט ער דאָס ארויסגעגעבן אין דער פריי־שטאָט דאנציג.

אינספּירירט פון די פּאָליטישע קאמפן און סאָציאלע געראנגלענישן פון דער ארבעטערשאפט אין דער מעטראָפּאָליע — ווארשע, האָט זיין שעפערישער גייסט ארויסגעבראכט, דער עיקר, סאָציאלן און רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. ער איז געוואָרן דער זינגער־באזינגער פון ארבעטער־קאמף.

ער ווערט מיטגעריסן מיטן אלגעמיינעם ארומיקן אויפברויז און פּאטאָס. אין דעם ביכל לידער פילט מען דעם אומרו, ריטם און גאנג, וואָס באוועגט דעם דיכטערס הארץ און פען.

אינהאלטלעך איז דאָס א ביכל פון שטילער ליריק מיט הארציקע מאָטיוון פון א פארבענקטן טרוימער. א טייל פון זיינע לידער זיינען אין תוך אָפּ־שפּיגלונגען פון אייגענעם „איך״־געמיט; אנדערע זיינען א דיכטערישער פּרווו פון ארויסברענגען סאָציאלע געשעענישן.

ער האָט זיך אויך פארמאָסטן אויף וויכטיקע געשעענישן און ראדיקאלע ענדערונגען אין געזעלשאפטלעכן לעבן.

ביז צו זיין עמיגרירן נאָך פראנקרייך דרוקט ער זיינע לידער אין „ליטע־ראַרישע בלעטער" און אין „וועלט שפיגל". אין פאריז דריקט ער אויס זיין פארגאפונג איבער דער דערהויבענער שיינקייט און אנדערשקייט פונעם ארום. ער דריקט עס אויס אין די רעאלע בילדער פון זיינע נייע לידער. א טיף־רירנדיק און ווייטיקדיק ליד האָט צענדאָרף פארעפנטלעכט איבער א קינדער־לאגער אין פראנקרייך אין די גרויזאמסטע טעג, ווען דער דייטשער פאשיזם האָט באהערשט פראנקרייך.

ער באטייליקט זיך ביז צו דער מלחמה, מיט לידער אין ארטיקע יידישע זשורנאלן און צייט־שריפטן.

ער איז טראגיש אומגעקומען אין פאריז בעת דער אויסזידלונג פון די יידן.

יצחק צענדאָרף /

ישראל יהושע (כּאניעק) צענדאָרף ז"ל

דער דיכטער י. ש. צענדאָרף איז געבוירן אין לאָדזש יאָר 1902 ביי חסידישע עלטערן. נאָכן ענדיקן אין אלעקסאנדער די „חדרים" פאָרט ער לערנען אין „ישיבה" קיין גאסטינין און ווערט צו 17 יאָר קאנדידאט אויף סמיכות לרבנות. צוליב דעם פריצייטיקן טויט פון זיין פאָטער דוד ז"ל פארלאָזט ער די „ישיבה" און קומט צוריק קיין אלעקסאנדער, ווו ער ווערט אן אקטיווער טוער אין „המזרחי" און איינער פון די מיטבויער פון זייער שול.

צו יענער צייט הויבט ער אָן אויטאָדידאקטיש לערנען אייראָפעאישע שפרא־כן. נישט קענענדיק בלייבן אין שטעטל, פאָרט ער קיין וואַרשע, לערנט זיך זיין א זעצער און הויבט אָן ארבעטן אין דער „פאָלקס־צייטונג". ער ווערט דערנאָך אן אקטיווער קאָמוניסט, פארלירט צוליב דעם די ארבעט און קומט צוריק קיין אלעקסאנדער. צוליב זיין פאָליטישער טעטיקייט אין אלעקסאנדער און לאָדזשער ראיאָן ווערט ער פארפאָלגט דורך דער פאָליציי. פאר יעדן ארבעטער יום־טוב ווערט ער ארעסטירט אויף עטלעכע טעג.

ער נעמט זיך צו ליטערארישער ארבעט; דערווערבט זיך א גרויסע ביב־ליאָטעק אין פארשיידענע שפראכן; די פאָליציי קאָנפיסקירט יעדעס מאָל

די ביכער און ער באקומט זיי נאָך אן אינטערווענץ ווידער צוריק, געשטעמ־פּלט. הייבט אן שרייבן לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און „וועלט־שפּיגעל". צוליב די כסדרדיקע רדיפות מצד דער פּאָליציי, ווערט זיין מוטער קראַנק און שטאַרבט, ווען ער איז שוין נישטאָ אין שטעטל. עס דערוואַרט אים א גרויסער פּראָצעס. 9 חדשים באהאַלט ער זיך אויס אין וואַרשע. ווען די פּאָליציי קומט אויף זיינע שפּורן, אַנטלויפט ער קיין דאַנציג. דאָרט גיט ער אַרויס אין 1931 דאָס בוך לידער „רויטע באַפעלן".

אין 1933, מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט, פאָרט ער קיין פּאַריז, באַזעצט זיך דאָ מיט זיין פרוי און קינד און ווערט טעטיק אויפן ליטעראַרישן געביט.

ווען די היטלעריסטן קומען קיין פּאַריז, ווערט ער פאַרשיקט אין לאַגער פּיטיוויע. ער פירט דאָ קולטור־אַרבעט, האַלט פאָרטראַגן און איז ליטעראַריש טעטיק. אייניקע לידער זיינע ווערן געזונגען פון די פאַרהאַפטעטע.

אין 1942 ווערט ער דעפּאָרטירט קיין אַשוויענצים, ווו ער ווערט דער־מאָרדעט דורך די נאַצי־מערדער איבערלאָזנדיק זיין פרוי און טאָכטער מישעל, 2 יאָר אַלט.

(זע וועגן אים אין „יזכור־בוך צום אָנדענק פון 14 אומגעקומענע פּאַרי־זער יידישע שרייבער", רעדאַקטירט פון י. ספּערא, ג. קעניג, מ. שולשטיין און ב. שלעווין; פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז 1945, ז. 183—191).

י. ש. צענדארף / צוויי לידער

(פון יזכור בוך)

הונגעריקע

הונגעריקע פארגעסן אָפּטמאָל, אז זיי זיינען מענטשן,
כאָטש עס איז יעדערן אזוי מענטשלעך ביטער.
מען עסט מיט די אויגן דאָס ברויט פון חברס הענט שוין,
מען וואָלט גערן דעם חברס ברויט מיט די פינגער געשניטן.

די הייסע בליקן יאָגן זיך נאָכן וואַנדערנדיקן קעסל,
מען חשבונט די געדיכטיקייט פון א יעדן לעפל,
מען צערטלט די בענקשאַפט צו א גרעסערער פּאָרציע עסן —
גרויס איז די פרייד ווען מ'קען אביסל „ראַביאַ" * טרעפן.

ווי שמערצלעך ס'איז צו זען די פּיין פון גרויסע קינדער,
ווי זוכנדיק א טרייע מאמע ביי וועמען ברויט צו בעטן.
איך פיל זיי מיט, דאָך, אויגן מיינע, בעסער וואָלט איך בלינד זיין
און נישט זען ווי ס'ווערט דאָ מענטשן־כבוד געטראָטן!

דער ביטערער הונגער איז מיינער אן אלטער באַקאַנטער.
איך האָב געזען שוין הונגערן פיל גרויסע גייסטער.
איך האָב אליין שוין אויך געטראָפן אים אין מיינע קאַנטן
און פלעג אַמאָל באַרימען זיך, אז כ'בין א הונגער־מייסטער.

דאָך ווי אנדערש מיר האָבן אונדזער פּיין געטראָגן,
מיר האָבן זיין געברום מיט געזאַנג איבערגעשריגן.
ווי סאָלדאַטן פלעגן מיר זיך אויפן הונגער־פראָנט שלאָגן,
און נאָך א טאָג געלעכטער זיינען מיר געווען די זיגער.

---

* איבערבלייבעכץ פון געקעכטס אין קעסל.

מיין קינדעלע גייט שוין...

מיין קינדעלע גייט שוין, און איך קען עס נישט זען!
אך, וואָס פאר א פרייד ס'איז געבאָדן אין צער!
פארבייסן די ליפן — ס'איז אלץ וואָס איך קען.
דאָס טאטע־הארץ מוז ווערן ווי גראניט הארט.

עס לויפן אירע פיסעלעך, ווי ניסעלעך אזוי גרויס.
מישעלע לויפט — דער מאמעס אָטעם לויפט מיט.
באלד וואָלט זי געלאָפן זיך זעצן אויף מיין שויס
און געיאָגט איבער מיר די פיצעלעך טריט.

און וואָלט איך געקענט כאָטש א ווייל דאָרט אהין
קושן די פיסעלעך, יעדעס קינדער־גליד —
דעם חלום פון טאטע־גליק פונווייטן כ'שפין
דער בלוי אויגיקער טרוים אין מיין ליבן בליט.

הארציקער חן פון ערשטן קינדערישן גאנג,
אָט פאלט עס, הייבט זיך און פאלט ווידער צוריק.
פון שטעכיקע דראָטן — א גרענעץ־פאָרהאנג
פארשטעלט מיינע אויגן דאָס וואקסנדע גליק.

לויף דאָרט, מיין טעכטערל, וואָקס געזונט און לויף,
אייל שנעל דורך דער קווער פון די ביטערע טעג!
דו לויפסט דאָרט פילמאָל דורכן קליינינקן הויף,
און דיין טאטנס הארץ דאָ לויפט מיט אויף דייז וועג

פיטיוויע, דעם 17־טן אויגוסט 1941

ש. פערלמוטער / אברהמ׳לה קאן

אן אייגנארטיקער טיפ פאָלקס־אינטעליגענט איז געווען דער פון לאָדזש ארבעטעקומענער, וואָס האָט א סך יאָרן, ביז צו דער לעצטער וועלט־מלחמה, געלעבט אין אלעקסאנדער — אברהמ׳ל קאן.

געבוירן אין א פרום־אָרטאָדאָקסער שטוב און דערצויגן ביי א זיידע אן אָרעמאן. אליין געווען א וויל־לערנער — א בר־אוריין, א תלמיד חכם, איש ספר, עדין נפש און טיף קלוג. געוואָרן שפעטער באוווסט אלס משכיל. געלעבט צווישן שרייבער און קינסטלער פון לאָדזש. געווען אן אוהב־ציון, לויט די באגריפן פון אמאָל.

קומענדיק אין אלעקסאנדער, דאכט זיך אין יאָר 1922, האָט ער זיך פארנומען מיט געבן העברעאישע לעקציעס, פון וועלכע ער, אין זיינע ווייניקע הצטרכותן, האָט דאָך נישט געהאט קיין חיונה.

ער איז געווען א קענער פון תנ״ך און פון דער נייער העברעאישער ליטעראטור, הגם ער האָט זיך אויסגעלעבט אין א ידיש־ריידנדיקער סביבה. געווען אויך באהאוונט אין דער יידישער ליטעראטור; פון צייט צו צייט ארויסגעטראָטן מיט רעפעראטן וועגן העברעאיש־יידישע ליטעראטור־פראָבלעמען; שטודירט פילאָזאָפישע פראָבלעמען.

ער איז געווען אין זיין וועלט־אויפפאסונג — א העגעליאנער.

ער האָט נישט געשאפן קיין משפחה־לעבן, געלעבט אין און מיט זיך. די וועלט מיט אירע פארשיידענע פראָבלעמען און די געזעלשאפט מיט אירע קלאסן־קעגנזאצן, האָט ער רעדוצירט צו א „בולקע מיט פוטער־אידעע״. דעם געווירבל, געדריי ארום דער מאטעריעלער־וועלט, האט ער נעגירט; געמיינט, אז דאָס געהערט אים נישט אָן.

זיין אויסערלעכער אויסזען האָט געמאכט דעם איינדרוק, פון א מענטש וואָס געהערט נישט צו אונדזער וואָכעדיקער, מאטעריעלער וועלט. שטענדיק אין זיך ארייגעטאָן, נישט אָכט געלייגט אויף זיין אויסערלעכן אויסזען.

א נידעריקער, א דארער, א כמעט קערפערלאָז־געשטאלט, אָפגעצערט, ווי דער רבי חנינא בן דוסא. די ביז גאָר קליינע שיך אויף זיינע דינע און קליינע פיס, האָבן מיט קורצע טריטלעך געהאָפסלט איבער די אלעקסאנדרער

אספאלטירטע גאסן. האָסט געקענט מיינען, דאָס דער באָדן אונטער אים, איז צו גראָב, ווייניק עלאסטיש, אויפצונעמען און אויסטראָגן זיין גוף־ווייניקייט.

אין אן ענגן קרייז, ליבהאָבער פון גוטן ידישן בוך, האָבן מיר זיך מיט אים געטראָפן אין דער פריוואטער וווינונג פון ליבנסווירדיקן און גאסטפריינט־לעכן איטשע ראָזנבלום. אין אָט דער היימישער, ווארעמער שטוב, האָט זיין אייגנארטיקע מענטאליטעט געפונען א גייסטיקן תיקון.

ער איז אומגעקומען פון א טמאהדיקער דייטשער האנט, באלד ווי די ערשטע פארשאָלטענע היטלעריסטן האָבן פארנומען אונדזער שטאָט.

אברהם ציאשניאק / שמחה קאפעל

געבוירן אין לאָדזש ביי האלב פארמעגלעכע עלטערן, האָט ער באקומען א דערציונג אי אין א „חדר״ אי א וועלטלעכע בילדונג. געענדיקט די לאָדזשער יאראטשינסקיס שול. נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה האָט זיך זיין פאמיליע באזעצט אין אלעקסאנדער און שמחה איז באלד געוואָרן אקטיוו אין דעם נאָר וואָס אנטשטאנענעם ידישן פראָפעסיאָנעלן פאריין פון האַנט־זאָקן ארבעטער, און גלייך אריינגעטראָטן אין די קולטור־אָרגאניזאציעס, ווי די „גראָסער ביבליאָטעק״ א.א. ער האָט אויך גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין די הילפס־קאסעס וואָס האָבן זיך געשאפן פאר די נויטבאדערפטיקע ידדן אין אלעקסאנדער.

שמחה האָט א גרויסן חלק ביים שאפן די בונדישע אָרגאַניזאציע אין אלעקסאנדער און איז איינער פון די אקטיווסטע אירע טוער. צוליב זיין אינטעליגענץ איז ער געוואָרן באלד באוווסט און אנערקענט אויך ביי די פוילישע און דייטשע ארבעטער. ער איז געווען דער שטענדיקער רעפרעזענ־טאנט פון „בונד״ אין די צווישנפארטייאישע אונטערהאנדלונגען און אויף עפנטלעכע ארויסטרעטונגען, ווי דער 1־טער מאי, און גערעדט איןביידע שפראַכן, ידיש און פויליש. די חברטע שרה מירל ברעסלער, וואָס איז אויך געווען אין „בונד״, איז געוואָרן זיין שטענדיקע לעבן־באגלייטערין. זיי ביידע האָבן אוועקגעגעבן זייער ענערגיע און צייט דעם „בונד״.

ער האָט געשריבן פּראָשעניעס פאר יידן, וואָס האָבן געדארפט ערליידיקן פארשיידענע ענינים אין מאגיסטראט, קראנקן־קאסע, אָדער אין אנדערע מלו־כהשע אינסטיטוציעס, און נישט געוואָלט ווערן באצאָלט, טראָץ זיין שווערן מאַטעריעלן מצב. ער אליין מיט זיין פרוי, זיינען געזעסן א גאנצן טאָג ביי דער האנט־זאָקן מאשין, און אין אָוונט זיך פארנומען מיט בונדישער און געזעלשאפטלעכער ארבעט. שטענדיק געווען קראנק (א לונגענליידענער) און אויך זיין פרוי האָט געליטן פון טובערקולאָז, און נישט געהאט קיין באדינגונגען אויף צו היילן זיך. די חברטע שרה מירל איז געשטאָרבן אין 1938 יאָר; דאָס האָט שטארק געטראָפן דעם ח׳ שמחה. ער איז געבליבן מיט צוויי געראָטענע קינדער, מענדעלע און חיקה ז״ל. נישט קוקנדיק דערויף האָט ער ווייטער געטריי און איבערגעגעבן געארבעט אין דער בונדישער אָרגאניזאַציע.

ווי עס איז מיר באקאנט, איז ער געווען אין ווארשעווער געטאָ אן אָנגעשטעלטער אין „דזשאָינט", און האָט זיך ווייטער פארנומען מיט געזעל־שאפטלעכער ארבעט. עס האט אים נישט אויסגעמיטן דער טרויעריקער גורל וואָס האָט געטראָפן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

ב. צ. פ. / שיע ריוואן

החורף בעיצומו. זה שלושה ימים יורד שלג בלי הפסק. משטח לובן עוטה את העיירה: עוד מעט לא ייראו הבתים הקטנים ברחוב ווארשאווסקי (יידישע גאס). השלג משבש את התחבורה, משתק את תקינות מהלך החיים: אין בא ואין יוצא. לפנות ערב נעשה הכפור יותר ויותר קשה וכמעט אין רואים נפש חיה בחוץ. החשמלית מלודז׳ באה באיחור רב והאנשים הבודדים החוזרים מעסקיהם ממהרים למצוא מחסה בחיק משפחתם.

בשעה זו חזרתי גם אני מלודז׳. ירדתי מהחשמלית במחשבה למהר הביתה ולשתות כוס תה חם...

פתאום נתקלתי בשלוש דמויות חשודות, הרצות לכיוון הגן הציבורי.

למרות הכפור הגדול והחשכה התעוררה בי הסקרנות — וצעדתי כמה צעדים לאותו כיוון. לאור פנס החשמל ע"י בתי השימוש שבמרכז העיר הבחנתי בשני שקצים ממשפחת אולניצקי וביהודי שיע ריוואן. הלה הוציא בקבוק יי"ש ונתן לשני השקצים, ואלה — כהרף עין הריקו את הבקבוק. אחר־כך פקד עליהם: עכשיו אחרי. בצעדים מהירים התקדמו לעבר רחוב אוגרודובה, לחצר בית המרקחת. סקרנותי גברה עוד יותר ועקבתי אחרי הנעשה. כאשר הגעתי לחצר נתגלתה לעיני תמונה קורעת לב: פקיד מההוצאה לפועל (אקזקוטור) פקד להוציא את כל המטלטלין מדירתו של אהרון אלביק. התחילו לזרוק החוצה כסאות, ארונות, כלים, מנורות, כרים, שמיכות ולבסוף הוציאו את כל המשפחה האומללה מדירתם. תמונה מזעזעת! אהרון אלביק מרים את ידיו לשמים וצועק: „אלי, אלי למה עזבתני מה חטאי ומה פשעי?" רוני אשתו, אשה שמנה וגוצה, חולנית, מתייפחת ועוטפת את שני ילדיה בצעיף צמר גדול. השניים עומדים ורועדים מקור ואינם תופסים פשר הדבר. מתאספים אנשים, מתחילים לשדל את בעל־הבית ואת הפקידים; מבטיחים לשלם את שכר הדירה. אבל לא הועילו כל הבקשות ואת הנעשה אין להשיב. עמדתי והרהרתי כמה זולים הם חיי האדם, אפסיים הם ומופקרים; אין דין ואין דיין שירחם על חיי משפחה אומללה זו.

לאחר שהפקיד ועוזריו גמרו את מלאכתם הבזויה, שמו חותמות על הדלת והלכו, נשמע פתאום מפינה אחת של החצר קול שיע ריוואן: „יאַנעק, יוזעף, בואו אחרי" ושלושתם ניגשו לדלת. שיע הוריד את החותמות ושני השקצים התחילו להחזיר את המטלטלין והיהודים שעמדו בחצר עזרו להם.

מיד באו שוטרים, התחילו לצעוק ואיימו במשפט פלילי. שיע ריוואן לקח על עצמו את כל האחריות לתוצאות המשפט. אחר־כך הסתדר הענין; יהודי העיר אספו כספים ושילמו בעד היהודי האומלל.

אהרון אלביק היה פעם בין העשירים והמכובדים בפולין. בתים גדולים היו לו בווארשה ובלודז' והוא חי חיים שקטים וצנועים. תמיד תמך בזולת, וביתו היה פתוח לעניים ולנצרכים. אך הקערה נהפכה על פיה — הוא הפסיד את כל רכושו, והתחיל להתדרדר מטה מטה עד שהגיע למצב של חוסר לחם וגג לראשו, ונוסף לזה התברך באשה חולנית ובשני ילדים פרובלמטיים. כדאי לציין שאף פעם לא ידענו את מצבו הטראגי; מפעם לפעם היה מוכר משהו מהרכוש שנשאר לו מהימים הטובים כדי לא להזדקק לעזרת בשר־ודם.

הבאתי את המקרה כדי לתת ציון ליהודי שיע ריוואן, איש פשוט, אשר לא רדף אחרי הכבוד, ותמיד היה מוכן בחרוף נפש לעזור לזולת.

יהי זכרו ברוך.

נוסף למקרה הנ״ל יש לציין לשבחו את פעילותו בשטח הציבורי. הגדיל לעשות רבות בשטח זה.

בתור גבאי בית־הכנסת הגדול דאג תמיד לשיפוצים ושיפורים של בית הכנסת, וביוזמתו הרחיבו גם את עזרת הנשים.

כחבר בחברה קדישא דאג לביצור חומה מסביב לבית הקברות שהיה עזוב שנים רבות, ובמרוצת זמן זה נהפך למקום מרעה לבהמות.

את הכסף עבור זה קיבל מגיסו העשיר שבא מאנגליה לביקור באלכסנדר. לגיס זה קראו „הדוד מוטי״ (דער פעטער מאָטיע).

בן־ציון פומרנץ / אפרים מנשה שרמן

הוא נולד בעיר לודז׳, להוריו ישראל־שמחה ובילה־פריידל, שנמנו עם אחת המשפחות המסועפות של חרדים וחובשי ישיבות. אפרים מנשה היה הצעיר שבאחים והצטיין בחכמתו, בלמדנותו ובזכרונו המופלג, בבחינת „בור סוד שאינו מאבד אף טיפה״. בנעוריו שקד על התורה בהתמדה, ויחד עם זאת קנה לו דעת והשכלה. לימודי הקודש בין כתלי בית־המדרש וה„ישיבה״ לא סיפקו את מאוויי נפשו ולא הירוו את צמאונו לידיעות כלליות. עיוניו בכתבי הרמב״ם, ובמיוחד בתחום חכמת הרפואה, עוררו בו נטיה לחכמה זו. מיד התחיל לשקוד על ספרי לימוד האנטומיה, על־מנת שיוכל ללמוד רפואה בבוא העת. ברוב שקידתו ומרצו עשה חיל בלימודיו והתקדם שלב אחרי שלב, עד שהגיע להשכלה כללית גבוהה ובין היתר הצטיין בידיעת שפות שונות.

בגיל צעיר בא בברית הנישואין עם שפרה בת יצחק וחנה־פייגה. זמן קצר היה סמוך אל שולחנו של חותנו („קעסט״), אך עד מהרה פילס לו דרך לחיים עצמאיים. דרכו הובילה אותו לאלכסנדר, וכאן נרתם מיד לפעולה ציבורית בשטח החינוכי, החברתי והסוציאלי. ביתו הפך עד מהרה לבית־ועד לתלמידי חכמים, ושימש מרכז ללומדי תורה ולמשכילים כאחד. שם נערכו

תמיד ויכוחים ושיחות על נושאים שונים מהתלמוד, על גאוני וגדולי התורה, על חידושיהם ופסקיהם וכו' וכו'.

על קיר ביתו, מעל למיטתו, היו תלויות במסגרות מוזהבות תמונותיהם של גדולי ישראל וביניהם: אברבנאל, רבי עקיבא אייגר, רבי לוי יצחק מברדיצ'ב, הבעל־שם־טוב, הרמב"ם, רבי יהודה הלוי, ועוד. תמונות אלה שיוו חן מיוחד לבית ודיוקנאותיהם של אותם גאונים סיפקו לו תמיד נושאים לשיחות על חייהם ויצירותיהם. במיוחד שגורות היו על פיו מילות שירו של רבי יהודה הלוי — „לבי במזרח ואני בסוף מערב".

הוא היה ציוני בלב ונפש. הוא היה הראשון בעירנו אשר דיבר עברית בהברה הספרדית, כפי שהיתה שגורה בפיהם של בוני הארץ. בהסכמתו יצאו בנו שמחה ובתו שרה להכשרה לקראת עלייתם ארצה. וכאשר קיבל מבנו בפעם הראשונה תמונה מהארץ, כשהוא רכוב על סוס לבן ורובה על שכמו, לא היה קץ לשמחתו וגאוותו. פניו היו נוהרות מגיל בהצביעו על התמונה: „הביטו וראו, בני שמחה הוא אחד משומרי הגליל התחתון".

בשבתות ובחגים היו מתכנסים בביתו בני־נוער רבים מתלמידי ה„ישיבות" ובית הספר „המזרחי", והוא היה קורא בפניהם פרק בתנ"ך, כשהוא מבאר את תוכנו ומשמעותו בשפה עשירה, מקסימה ומרתקת. סיגנון דיבורו ורעיו־נותיו היו מצודדים את לבות השומעים, שהיו יושבים צמודים למקומותיהם עד השעות המאוחרות ומקשיבים רב קשב.

פעילותו הציבורית מתבלטת גם בשטח הסוציאלי. מלחמת העולם הרא־שונה פגעה קשות ביהודי עיירתנו הן מבחינה רוחנית והן מבחינה חומרית. רבים נשארו ללא קורת גג וללא מקור מחיה. הרעב והמחסור גרמו למחלות, ומגיפת הטיפוס השתוללה בקרב האוכלוסיה. אז היה אפרים מנשה בין היוזמים והפעילים, והתנדב ראשון להושיט עזרה בשטח התברואה. הוא ביקר בעשרות בתים, יעץ וטיפל והגיש עזרה ראשונה, שהביאה תועלת מרובה הודות לבקי־אותו בשטח זה. רבים התאוששו והחזיקו מעמד הודות לטיפולו המסור. כאשר הגיע המשלוח הראשון של מזון ועזרה רפואית מטעם הג'וינט, על־מנת לחלק בין מעוטי היכולת, הזדרז אפרים להירתם גם לפעולה זו והתנדב להיות אחראי על המטבח ועל חלוקת תבשיל חם לילדים רעבים. הנהיג סדר למופת במטבח והקפיד שלא יקופח מי מהילדים. הוא הוכיח אז את כשרונו הרב בניהול פנקסים, חליפת מכתבים ועריכת דו"חות, וזכה באהדה רבה מצד הממונים של הג'וינט.

בשנים האחרונות ניהל את בית החרושת לגרביים של מר ביאלוס (ביאלוס היה בעל בית המרקחת היהודי היחיד בעירנו); הודות לכושר הארגון שלו וידיעותיו הרבות לא הזדקק לשום עזרה וריכוז בידיו את כל ענפי המפעל. כל הפועלים שעבדו במפעל — ביניהם פולנים וגם גרמנים — זכו מצדו ביחס ידידותי וחביב, וכולם אהבוהו וכבדוהו.

וכשהגיע היום המר והנמהר, בו נגזרה גזירת הגירוש על כל העדה היהודית בעיירתנו, פסע גם אפרים מנשה את פסיעותיו האחרונות על אדמת אלכסנדר ונספה ביחד עם בני עירנו.

זכרו נחרת לנצח בלבנו כאציל־נפש, אהוב על הבריות וכאחד מעמודי התורה והחכמה בעיירתנו.

יהי זכרו ברוך.

אחרי המלחמה


נאכן חורבן

אברהם טענענבוים / נאכן חורבן

אלעקסאנדער — א שיין יידיש פאבריקן־שטעטל. עס קומען פארשיידענע סוחרים פון אלע עקן און קויפן אויסגעפערטיקטע סחורות, וואָס אונדזערע ברידער און שוועסטער האָבן אויסגעארבעט.

עס ליגן מיר גוט אין מיין זכרון די אלע יידישע געסלעך, ווו אונדזער טייערער יוגנט האָט יעדן אָוונט פארברענגט. ווען עס איז געקומען אַ פרייטיק פלעגן מאסן חסידים קומען צום אלעקסאנדערער רבין אויף שבת.

עס שטייען מיר נאָך פאר מיינע אויגן אלע יידישע אָרגאניזאציעס: די לינקע „פועלי־ציון", „בונד" און די רעכטע „פועלי־ציון", מיט צענדאָרפן און יעקב פערלמוטער בראש. דאָס אלס איז אוועק ווי א שטיין אין וואסער אריין, אָבער אין מיינע געדאנקען לעבט דאָס אלס.



בית העלמין היהודי לאחר המלחמה...
דער יידישער בית־עולם נאָכן קריג...

דעם 9־טן סעפטעמבער 1939, 10 א זייגער אין דערפרי, האָבן אריינ־מאַרשירט די ערשטע פאָרפּאָסטנס פון דער דייטשער אַרמיי. איך האָב אליין געזען גוסטלען און פּאַשקיש זון גיין אַנגעטון אין פּאָליציייאישע קליידער. דאָס האָט אויף מיר אַנגעוואָרפן א טויט־שרעק. איך בין אהיים געקומען און האָב דאָס דערציילט מיינע ליבע עלטערן מיט א געוויין. איך בין אראָפּ צו שימקעוויטשן און זיי געזאָגט, אז עס דערוואַרט דעם גאַנצן יידישן ישוב א שווידערלעכער אומקום, און איך בין צוריק אהיים געלאָפן צו מיינע עלטערן. איך האָב זיך געזעגנט מיט זיי און האָב זיי געזאָגט, אז איך וועל צוריקקומען אין עטלעכע טעג.

איך בין צוריק געקומען קיין אלעקסאַנדער אין 1946. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין אונדזער שטעטל און געוויינט מיט גרויסע טרערן, וואָס פאַר א גרויסע שטראָף עס איז געקומען אויף אַלע אונדזערע נאָענטע און טייערע. איך האָב געזוכט באַקאַנטע מענטשן, אָבער לײדער האָב איך נישט געפונען קיינעם. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין לוסט־גאָרטן. פּלוצים האָב איך באַמערקט, אז איינער גייט מיט א שטעקן אין דער האַנט, זייער א יונגער מענטש. איך האָב זיך דערנענטערט צו אים: דאָס איז געווען אברהם שווענ־דזיניעוויטש און איך האָב אים געוואָלט קושן. ער האָט מיר געזאָגט: קוש מיך נישט, ווייל איך האָב סוכאַטעס. איך האָב שטאַרק אַנגעהויבן צו וויינען.


איך בין אוועק אויף דער גאַס, וווּ איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט מיינע עלטערן פאַר דעם קריג, אויף קאַשצעלנע. איך בין אריין אין אונדזער וווינונג, און האָב אַלס דערקענט וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט.

עס האָט זיך פאַר מיר אַנגעהויבן א פרישע טראַגעדיע: וואוהין גייט מען און וווּ שטייט מען? איך האָב באַשלאָסן צו גיין אהיים צוזאַמען מיטן גאַנצן בני ישראל — אהיים קיין ארץ ישראל.

יצחק צנדורף / בחזרי לאלכסנדר

כשחזרתי, אחרי שבע שנות יסורים, בגמר מלחמת השמד, לעיר מולדתי אלכסנדר, לא הכרתי את רחובותיה. במו עיני ראיתי את חורבן אלכסנדר, את רחובותיה בלי יהודים, את בתיהם שנתפסו על־ידי זרים.

רציתי לראות את המקומות בהם ביליתי רבות משנות חיי. כשירדתי מהחשמלית בה הגעתי מלודז׳, ניגשתי קודם כל לביתי, לבית אחי משה חיים ז״ל. אבל לא יכולתי להיכנס. הדלת היתה נעולה ועל הדלת שלט של רופא פולני, זר. שומרת הבית מסרה לי את התמונה של אמי ז״ל וסיפרה לי שבזמן שהוציאו את הרכוש והרהיטים היא לקחה את התמונה בידעה מראש שהיא תקבל תמורה. היא גם מסרה לי לאן העבירו את הרהיטים שלנו. נכנסתי לפולני אחד וראיתי את כל החפצים שלנו. התחלתי לדבר אתו, והוא קם ואיים עלי. קמתי ועזבתי את דירתו עם רכושנו.



בית המדרש „של הקהל״; כיום — סדנה

דעם קהלס בית מדרש — היינט א שלאָסער ווארשטאַט

ניגשתי לשוק בתקוה למצוא ולו אשה יהודיה אחת, ולא מצאתי. נכנסתי לגן הציבורי, בו בילה הנוער היהודי לפני המלחמה את זמנו החופשי. מן השוק ניגשתי לבית החרושת של גרשון היימן, בו עבדתי עד יום לפני המלחמה. נכנסתי פנימה, עומדים פועלים ועובדים. עומד מנהל בית החרושת, אבל לא גרשון היימן ואף לא פועל יהודי אחד ביניהם. חזרתי דרך השוק והגן לרחוב היהודים, „יידישע גאס", אשר לפני המלחמה היה תמיד מלא יהודים. נכנסתי לחצר הרבי לראות את בית המדרש הגדול ואת בית הרבי הגדול אשר הייתי רגיל לראות בהם יהודים מכל קצווי הארץ, לאלפים ולמאות בחורים לומדים. במקום זה ראיתי בית ספר תיכון בלי ילד יהודי אחד.

המשכתי באותו רחוב לבית החברים פליטמן וריווואן אשר לפנים התאכסן שם הקיבוץ בורוכוב שלנו. בבית הזה החביאו חברינו בעליית הגג את דגל המפלגה. אבל בפתח הבית ראיתי אנשים זרים, אשר שאלו אותי: מה רצונך? המשכתי עד המקום בו היה עומד בית הכנסת הגדול, אבל ראיתי רק את המגרש שנשאר אחרי שהפולקס־דויטשה המקומיים שרפו את בית הכנסת. עברתי לבית המדרש הגדול, אבל במקום יהודים בבית המדרש ראיתי בית חרושת לגרביים ופועלים פולנים ואף לא יהודי אחד.

המשכתי דרך רחוב היהודים ו„מילן־גאס", וניגשתי אל בית הקברות, ברצותי לראות את קבר אמי ז"ל, וקבריהם של אחותי, סבי ורבים ממכרי המנוחים. אבל מעיני זלגו דמעות בראותי את הגדר ההרוסה ובתוך בית הקברות פולנים עם סוסים ופרות. רוב המצבות אינן במקומן. ערכתי כמה צילומים במקום ובדמעות בעיניים עזבתי את בית הקברות. בדרך ראיתי שכל המדרכות בעיר מרוצפות במצבות עם שמות וכתובות עבריים.

לא האמנתי לעצמי ששלטון של פועלים בעיריה מרשה דברים כאלה. החלטתי להיכנס לעיריה ונפגשתי עם הרבה פקידים מכרים. כל הפקידים מלפני המלחמה יושבים במקומותיהם, החליפו רק את פנקס־החבר של המפלגה; רק ראש העיר הוחלף.

בעיריה נודע לי שנמצאו בעיר כמה משפחות יהודים. לקחתי את הכתו־בות ורצתי לבית של החסיד דגור יהודה מאיר יעקובוביץ ז"ל. לא האמנתי בראותי את חברי לעבודה ציבורית את החבר אברהם ווילנסקי, עם אשתו צביה. שנינו בכינו בראותנו את חורבן עירנו, חורבן משפחותינו וחורבן קהילתנו.

החלטתי שאין בשבילי מקום בעיירתי, — אפילו לילה אחד לא רציתי להישאר בה — ונפרדתי מהחברים. לפני שעזבתי את המקום, ניגשתי לבית מפלגת „פועלי־ציון" צ"ס וגם פה ראיתי אנשים זרים. זרקתי עוד פעם מבט לדירה שלנו וברחתי. חזרתי לעיר לודז'. חיפשתי קרובים, מכרים, חברים למפלגה, ולא מצאתי אף קרוב אחד, אלא חברים אחדים למפלגה.

חברי כלודנביץ והרצברג קיבלו את פני וסידרו אותי בעבודה.

בעבודתי הציבורית מצאתי קצת סיפוק.

ב־28.3.49 ביקרתי עוד פעם אחרונה באלכסנדר וראיתי גם את בית הקברות בפעם האחרונה. עוד באותו יום עזבתי את אלכסנדר ואת לודז' בדרך לישראל.

פרטים על פעילות

ארגון יוצאי אלכסנדר בישראל

גרעיני הפעילות הראשונים בשטח זה נטמנו בשנים 1923—25, עם בואם ארצה של החלוצים הראשונים מעיירתנו. היו אלה: וולף קופלוביץ, אלתר זילברברג, יצחק צומבר, שלמה ברוכוני, יחיאל משה הנדלסמן, נחום פולקובסקי, יעקב זילברמן, בן־ציון פלאס, מיכאל גריימן, מיילניק ואחרים.

היו אלה יהודים מכל שכבות האוכלוסיה — חלקם הדורים רוח־ציון וחלקם מחוגי החסידים — שהשאירו מאחוריהם בתים מסודרים וחמים, והחליטו, בזמנים של חוסר־עבודה, מאורעות־דמים וקדחת, להיאחז במדבר החול ובסלעי המולדת. הם התאימו עצמם לעבודה פיזית קשה וקיבלו באהבה את הבלי הלידה של המדינה היהודית שבדרך. כאן כדאי לציין: למרות המשבר הכלכלי ששרר בארץ בימים הקשים ההם, נמצאו משפחות מבוססות בודדות, שחילקו מפיתן לאח־רים. מצאת אצלן מקום לינה, ארוחה חמה, תמיכת־כסף קטנה, וכן — אולי החשוב מכל — מלת נחמה בעת צרה.

בשנת 1929, עם פרוץ המאורעות בארץ־ישראל, עת הגיעו לגולה הידיעות הראשונות על התנפלויות הערבים על הישוב היהודי, כאשר הסוכנות היהודית פנתה לנוער היהודי בגולה בבקשת עזרה — התארגן ספונטאנית בעיירתנו הנוער החלוצי והיה מוכן להתייצב לפקודה. היו אלה: יצחק וונטש, אהרן פליישמן, שלמה קולסקי, נטע פוזנר, חיים וסרמן, שמחה שרמן, שרה שרמן, בן־ציון פומרנץ, האחים יעקב ושמואל פרלמוטר.

קבוצה זו יצאה להכשרה ועלתה ארצה. הם היו מניחי היסוד ל„ארגון יוצאי אלכסנדר" וריכזו סביבם את יוצאי עירנו האחרים, שעלו בדרכים שונות. עזרו בהקמת הארגון ובתכנון הפגישות התכו־פות, הבילוי בצוותא, הקשר עם הבית וכן המרצת הנוער ללכת בעקבות הראשונים, מורי־הדרך.

פעילות אחראית ומסועפת הראה הוועד בשנים 1946—48, עם העפלתם של פליטי השואה הראשונים, אודים מוצלים מאש, יחידים ממשפחות ענפות, בלא כל אמצעי מחיה.



תצלום בעת נטיעת עצים ע״ש קדושי אלכסנדר ב„יער הקדושים״

א בילד בעת איינפלאנצן ביימער אויפן נאָמען פון אונדזער קהילה אין „יער הקדושים״



לימוד פרק משניות לפני גילוי הלוח מעל לשלט לזכר קדושי אלכסנדר במרתף השואה

א פרק משניות פארן אנטהילן דעם שילט צום אָנדענק פון אונדזער קהילה אויף הר־ציון אין ירושלים

ראינו חובה קדושה לעצמנו לגיים עזרה לשארית הפליטה של החורבן האיום.

לשם כך ייסדנו את **קופת גמילות החסדים.** החברים שעסקו בזה תרמו הרבה מזמנם למטרה זו, ביקרו לאחר יום עבודה מפרך בבתי החברים, מבוססים כעניים, וכולם תרמו מכספם לייסוד הקופה, שנתנה הלוואות לחברים ללא ריבית, ובכך עזרה לנצרכים להסתדר. כמו כן היתה דאגה של סידור חברים בעבודה.

תיזכר כאן לטובה **אלקה ויגדרזון,** שהיתה פעילה במיוחד בשטח זה. לא היה איש מהעולים שלא מצא אצלה פינה חמה בדירתה הקטנה בת החדר האחד בתוספת מטבחון-עץ. בביתה מצא תמיד האורח מקום-לינה, ארוחה חמה, מלת-נחמה ותמיכה כספית. היא היתה „אם כל חי". תודה מיוחדת מגיעה לה.

ערבי אזכרה

הוועד לקח על עצמו את התפקיד הנכבד של עריכת ערבי-האזכרה השנתיים, בהם מספרים אלה שחזו על בשרם את מוראות השואה,



ערב אזכרה

א „יזכור" אָוונט

דפים של „מגילת איכה" זו; אז צפה בזכרון כל אחד אכזריות התקופה ההיא וכל אחד חי מחדש את רגעי ההיאבקות עם השטן, שהכרית בצורה כה ברברית את בני משפחותינו.

חורשה ביער הקדושים

לזכר קדושי עיירתנו שניספו בידי הצורר הנאצי, ורובם אף לא נודע קברם, נטענו — בשנת 1956 — חורשה בהרי ירושלים.

המצבה במרתף השואה

השונא ועוזריו לא הסתפקו בהשמדה רוחנית ופיזית של העם היהודי. הם דאגו לכך שלא יישאר זכר לקהילה יהודית; קיבלנו לאחרונה ידיעות על הריסה המונית של בתי־קברות יהודיים. קברים אלה,



החי' אלקה וויגדרזון מדליקה נרות נשמה לאחר הסרת הלוט מעל לשלט
די חברטע עלקא וויגדערזאָן צינד נשמה ליכט נאָכן אנטהילן דעם שילט

מצבות אלו, אבנים אלו, יכולים לספר הרבה על קורות הישוב היהודי, על החיים החברתיים ועל אוצרות תרבות שהושמדו באלכסנדר.

בתי הקברות נחרשו והפכו שדות־מרעה. המצבות נעקרו ורחובות נסללו בהן. ואם עוד אי־פה אי־שם נשארה מצבה לפליטה, הרי גם לה נשקפת סכנת השמדה.

ראינו, אם כן, מחובתנו הקדושה להקים מצבה במרתף השואה בירושלים לזכר העיירה שהושמדה ובית־הקברות שחולל.

מזעזע היה הרגע, בשעת גלוי הלוט מעל למצבה: מבעד ללהבות המרטטות של הנרות האירו המלים החרותות: „לזכר עולם לקהילה הקדושה אלכסנדר". רעדה פילחה את הלבבות. בקול חנוק מבכי הזכיר חברנו שלמה ברוכוני את העיירה הקדושה, את היהודים היקרים שחיו בה במשך הדורות; העיירה של תורה וחכמה ומוסדות צדקה.

החבר אברהם ויילינסקי, אשר חזה על בשרו את שעות הגסיסה האחרונות והחורבן של הקהילה היהודית, תיאר את הרגעים הטרגיים בשעות האחרונות של הפינוי. היה זה תיאור מזעזע, שלא במהרה יישכח.

„ספר היזכור"

הננו מגישים לכם בזה את „ספר היזכור" לעיירה אלכסנדר, עיירת מולדתנו, ומקווים שאתם, בני עירנו היקרים, בכל אתר ואתר, תקבלו אותו כיאות.

בידינו כעת „ספר היזכור", שינציח את עיירתנו. הבה נקרא בו, הבה ניזכר בקדושתה של עיירתנו, הבה נספר לדורות הבאים על העיירה היפה והאהובה ועל תקופת השואה האיומה. נמלא בכך את חובתנו לקיים את צוואת הקדושים: **זכור — ואל תשכח!**

עוטי יגון ואבל אנו מרכינים ראשינו על קברי הקדושים.

כבוד לזכרם!

והרי רשימת החברים, שתרמו ממסירותם וממרצם להצלחת הוצאתו של „ספר היזכור״:

ויגדרזון אלקה	**פרלמוטר יעקב**
וינטר מנחם	**פרלמוטר שמואל**
ויילינסקי אברהם	**פרנקנטל שבתאי**
חילביץ בן-ציון	**ציאשניאק אברהם**
טישלר נעמי	**צנדורף יצחק**
פומרנץ בן-ציון	**רדומסקי עקיבא**
פליישמן אהרן	**רוזנצווייג טוביה**

שרמן שרה

חברי ועדת המערכת:

בלומנטל נחמן	**פרלמוטר שמואל**
פומרנץ בן-ציון	**פרנקנטל שבתאי**
פרלמוטר יעקב	**ציאשניאק אברהם**

די טעטיקייט פון אונדזער
ארגון יוצאי אלכסנדר אין ישראל

די ערשטע קערנדלעך זיינען פארזייט געוואָרן אויף דעם געביט אין די יאָרן 25—1923 מיטן אָנקומען פון די ערשטע פּיאָניערן פון אונדזער שטעטל. דאָס זיינען געווען וואָלף קאָפּלאָוויטש, אלתר זילבערבערג, איטשע צאמבער, שלמה ברוכוני, יחיאל משה האנדעלסמאן, נחום פּאָלקאָווסקי, יעקב זילבערמאן, בן־ציון פלאם, מיכאל גריימאן, מיעל־ניק א.א.

יידן פון פארשיידענע שיכטן, — א טייל אדורכגענומען מיטן ציון־געדאנק, א טייל פון חסידישע קרייזן, — איבערלאָזנדיק גוט סיטואירטע און ווארעמע היימען, האָבן זיי באשלאָסן אין יענע שווערע טעג פון אומרוען, ארבעטסלאָזיקייט, מאלאריע־קראנקייטן א.א.וו. דאָ צו פארבלייבן און זיך געקלאמערט ארום די מדבר־זאמדן און פעלזן. איבערגייענדיק צו פיזישער שווערער ארבעט האָבן זיי מקבל באהבה געווען די חבלי לידה פון דער צוקונפטיקער יידישער מדינה. עס איז כדאי אונטערצושטרייכן: נישט געקוקט אויף דעם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט געפאנעוועט אין יענע שווערע טעג, האָבן זיך געפונען איינצעלנע פארמעגלעכע משפחות, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט דעם לעצטן ביסן. מען האָט ביי זיי געפונען א נאכט־געלעגער, א ווארעמען מיטאָג, א קליינע געלט־שטיצע, און דער עיקר — א טרייסט־וואָרט בעת א צרה.

אין יאָר 1929, מיטן אויסברוך פון די אומרוען אין ארץ ישראל, ווען די גלות־לענדער האָבן באקומען די ערשטע ידיעות וועגן די אראבישע איבערפאלן אויף דעם יידישן ישוב, ווען די יידישע אגענץ האָט זיך געוואנדן צו דער יידישער יוגנט אין די גלות־לענדער, זי זאל צוהילף קומען פארטיידיקן דעם יידישן יישוב — האָט זיך ספּאָנטאניש אָרגאניזירט די חלוצישע יוגנט אין אונדזער שטעטל און געווען גרייט זיך שטעלן אין די ערשטע רייען. צו זיי האָבן געהערט: יצחק ווונטש, אהרן פליישמאן, שלמה קאָלסקי, נטע פויזנער, חיים וואסערמאן, שמחה שערמאן, שרה שערמאן, בן־ציון פּאָמעראנץ, און די ברידער יעקב און שמואל פערלמוטער.

אַט די גרופּע איז ארויסגעגאנגען אויף הכשרה־פּונקטן און עולה געווען קיין ארץ ישראל. די דערמאנטע חברים זיינען געווען די יעניקע וואָס האָבן אווועקגעלייגט דעם יסוד פון אונדזער „ארגון אוצאי אלכסנדר” און ארום זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אלע איבעריקע אלעקסאנדערער יידן, וואָס זיינען עולה געווען דורך פארשיידענע וועגן. די אָפטע צוזאַמענטרעפן, דאָס צוזאמען פארברענגען, אויך דער קאָנטאקט מיט דער אלטער היים און דאָס גלייכצייטיקע וועקן דאָס יוגנט נאָכצופאָלגן די טריט פון די וועג־ווייזער האָט געהאָלפן צום אנטשטיין פון ארגון.

די וויכטיקסטע און פארצווייגטסטע ארבעט פון דעם קאָמיטעט איז אויסגעפאלן אויף די יאָרן 1946—48 מיטן אָנקומען פון די ערשטע פּליטים, אודים מוצלים מאש: יחידים פון פארצווייגטע משפחות אָן שום מיטלען צום לעבן.

מיר האָבן געהאלטן פאר א הייליקן חוב צו מאָביליזירן הילף דער שארית הפּליטה פון דעם שוידערלעכן חורבן.

צום דעם צוועק האָבן מיר געשאפן די **גמילות חסדים קאסע.** חברים האָבן געווידמעט א סך פון זייער צייט. נאָך א שווערן טאָג ארבעט באזוכט פארמעגלעכע און נישט פארמעגלעכע חברים. אלע האָבן בייגעשטייערט אויף דעם צוועק און אוועקגעשטעלט די גמילות חסדים קאסע, וואָס האָט געגעבן הלוואות אָן פּראָצענטן, און דערמיט דערמעגלעכט טיילוויז איינצואָרדנען א נויטבאדערפטיקן חבר. מען האָט אויך געזאָרגט איינצואָרדנען יעדן מיט אן ארבעטס־פּלאץ.

זאָל דאָ דערמאנט ווערן דער נאָמען פון **עלקא וויגדעריזאָן,** וועלכע איז ספּעציעל געווען טעטיק אויף דעם געביט.

עס איז נישט געווען קיין איינער פון די ניי־אָנגעקומענע, וואָס זאָל נישט האָבן געפונען א ווארעמע היים אין דער קליינער וווינונג, וואָס איז באשטאנען פון א קליין צימערל מיט איין הילצערנער צוגעשטעלטער קיכל. דאָ האָט געקענט דער אורח שטענדיק געפינען א נאכט־געלעגער, א ווארעמען מיטאָג, א טרייסט־וואָרט, א געלט־שטיצע.

זי איז געווען די „אם כל חי”. צוליב דעם אלס קומט איר א ספּעציעלער דאנק.

די אזכרה־אוונטן

דער קאָמיטעט האָט אויף זיך גענומען די אויפגאבע פון איינאָרדנען די יערלעכע אזכרה־אָוונטן. ווען חברים, וואָס האָבן אדורכגעלעבט די טראגעדיע — דערציילן בלעטלעך פון דער „מגילת איכה", דאן שווימט ארויף אויף דעם געדאנק די גאנצע גרויזאמקייט פון יענער צייט און



הציבור במעמד הסרת הלוט מעל לשלט במרתף השואה
א בילד... בשעתן אנטהילן דעם שילט אין מרתף השואה אין ירושלים

יעדער פון די אָנטיילנעמער לעבט אדורך די שרעקלעכע מינוטן פון ראנגלעניש מיטן טייוול, וואָס האָט אזוי בארבאריש אונדזערע נאָענטע פארשניטן.

א וועלדל אין יער הקדושים

צום אָנדענק פון אונדזערע אומגעקומענע האָבן מיר אין יאָר 1956 געפלאנצט א וועלדל אויף די בערג פון ירושלים.

די מצבה אין מרתף השואה


דער שונא און זיינע מיטהעלפער האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דער פאַרניכטונג — גייסטיק און פיזיש — דאָס יידישער פאָלק. ער האָט גלייכצייטיק געזאָרגט, אַז ס'זאָל נישט בלייבן קיין שפור פון קיין יידישער קהילה; אַזוי דערהאַלטן מיר לעצטנס גרוסן וועגן אַ מאַסן־פאַרניכטונג פון יידישע בתי קברות. אָט די קברים, די מצבות, די שטיינער, וואָס האָבן געקענט דערציילן די געשיכטע פון יידישן יישוב, פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און קולטורעלן ווערטן, ווערן צעשטערט.

די בתי קברות זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַשע־פעלדער, די מצבות אַרויסגעריסן און מיט זיי ברוקירט די גאַסן, און אויב עס געפינט זיך נאָך ערגעץ־ווו אַן איינצעלנע מצבה, איז זי אויך אין געפאַר פאַרניכטעט צו ווערן.

דעריבער האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב איוועקצושטעלן אַ מצבה אין מרתף השואה אין ירושלים, צום אָנדענק פון אומגעקומענעם שטעטל און דעם געשענדטן בית הקברות.

רירנדיק איז געווען דער מאָמענט, ווען מען האָט אַנטהילט די מצבה — ווען דורך די צאַנקענדיקע פלאַמען פון די צוויי אָנגעצונדענע ליכט האָבן אַדורכגעלויכטן די אויסגעקריצטע ווערטער „לזכר עולם לקהילה הקדושה אלכסנדר". אַ ציטער איז אַדורך אַלע הערצער. מיט אַ פאַרשטיקטער שטים, באַגאָסן מיט טרערן, האָט אונדזער חבר שלמה ברוכוני דערמאָנט דאָס הייליקע שטעטל און די טייערע יידן, וואָס האָבן אין משך פון דורות דאָרט געלעבט. דאָס שטעטל פון תורה און חכמה, דאָס שטעטל פון וווילטעטיקע אינסטיטוציעס.

דער חבר אברהם וויעלינסקי, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די לעצטע גסיסה־שעהן און דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער קהילה, האָט איבערגעגעבן דאָס בילד פון די טראַגישע מאָמענטן אין די לעצטע שעהן פאַר דער אויסזידלונג. אַ טרויעריקער מאָמענט וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן.


לזכר עולם לקהילת הקדושה
אלכסנדר
(שעל יד לודז')
שנספתה בידי הצוררים הנאצ"ם
בשנת השואה
שעברה על עמנו בארצות אירופה
ט"ו בטבת ת"ש 27-12-1939
תהיינה נשמותיהם של קדושינו צרורות
בצרור החיים של האומה בישראל
יוצאי אלכסנדר בישראל ובתפוצות

דאס יזכור בוך

עס איז פאַרענדיקט די ארבעט פון „יזכור בוך", וואָס דאַרף פאַר־אייביקן דאָס געוועזענע שטעטל. מיטן צוטראָגן דאָס, מיט אזוי פיל מי, ארויסגעגעבענע „יזכור בוך" פון אונדזער היים־שטעטל אלעק־סאנדער, האָפן מיר, דאָס איר, לאנדסלייט, וועט ווי געהעריק אויפ־נעמען דאָס בוך.

זאָלן מיר דאָס לייענען, זאָלן מיר זיך דערמאָנען אין די אלע הייליקטימער, וואָס דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט, זאָלן מיר דערציילן אויך די קומענדיקע דורות וועגן דעם שיינעם און באַליבטן שטעטל, ווי אויך וועגן דער תקופה פון שוידערלעכן אומקום.

מיר האָבן דערמיט דערפילט דעם חוב מקיים צו זיין די צוואה פון אונדזערע קדושים: זכור! געדענק — און נישט פארגעסן!

געבויגן און איינגעהילט אין טרויער שטייען מיר איבער די אומ־באַוווסטע קברים פון אונדזערע קדושים.

כבוד זייער אָנדענק!

און אָט זיינען די נעמען פון די חברים, וועלכע האָבן מיט זייער פליים, ענערגיע, געהאָלפן אנטשטיין דעם „יזכור-בוך“:

ווייגדערזאן עלקא	פערלמוטער יעקב
ווינטער מנחם	פערלמוטער שמואל
וויעלינסקי אברהם	פראנקענטאל שבתאי
טישלער נעמי	ציאשניאק אברהם
כילעוויטש בן-ציון	צענדארף יצחק
פאמעראנץ בן-ציון	ראדאמסקי עקיבא
פליישמאן אהרן	ראזענצווייג טוביה

שערמאן שרה

די רעדאקציע-קאָלעגיע:

בלומענטאל נחמן	פערלמוטער שמואל
פאמעראנץ בן-ציון	פראנקענטאל שבאי
פערלמוטער יעקב	ציאשניאק אברהם

תוכן העניינים:

עם הספר 9
צום דערשיינען פון בוך 11

לתולדות העיר
צו דער געשיכטע פון דער שטאט

יהושע צענדאָרף — היימלאנד 15
שין־פע — געווען א יידישע קהילה... 16
נתן פוזנר — עיירתי... 18
שרה ויעקב פרלמוטר — עיירתי אלכסנדר 19
שרה און יעקב פערלמוטער — מיין שטעטל אלעקסאנדער 21
בן־ציון פומרנץ — אלכסנדר 26
נ. ב. — אלעקסאנדער 28
מנחם ווינטער — א בינטל פאקטן 34
י. בן־דב — שושלת אדמו"רי אלכסנדר 39
מנשה אונגער — דער אלעקסאנדערער „הויף" 50
מ. ליפמן — „סדר" של מעלה 53
נתן פוזנר — שבת בעיירה 56
שלמה ברוכוני — זכרונות מימי ילדותי 57
ישראל פארבער — ברעקלעך זכרונות 63
יחיאל פויזנער — מיין אלעקסאנדער 71
יצחק ווונטש — עירי וביתי 72

בין שתי מלחמות עולם
צווישן ביידע וועלט־מלחמות

יצחק צענדרף — מיין שטעטל 79
מאיר זאַנענבערג — די קהילה 87
מאיר זאַנענבערג — דער שטאָט־ראט 89

פארטייען

שמואל פערלמוטער — דער ארבעטער סעקטאָר 92
משה הנדלסמן — התנועה הציונית בהתפתחותה 98
אברהם ציאַשניאק — דער „בונד" 100
יעקב פרלמוטר, יצחק צנדורף — „פועלי־ציון" צ"ס 111
שמואל פערלמוטער — „פועלי־ציון" לינקע 119

מנחם ווינטער — בית״ר אין אלעקסאנדער 129
מאיר אלעק — דער קיבוץ בית״ר 130
מאיר אלעק — די רעוויזיאָניסטישע אָרגאַניזאַציע 132
אהרן יצחק פליישמן — הסתדרות „המזרחי״ 134
נתן פוזנר — „החלוץ המזרחי״ 136
ב. צ. פומרנץ — „החלוץ הכללי״ 138
שרה כרמי (שרמן) — „„גורדוניה״ 142
אליעזר כהן — פועלי אגודת ישראל 143
קולטור און ספאָרט
שבתי פראנקענטאל — ספאָרט־קלובן 145
נתן פוזנר — ספורט בעיירה: כדורגל 148
אברהם לערנער ז״ל — דער דראמאטישער קרייז 150
די פראָפעסיאָנעלע באוועגונג
שמואל פערלמוטער — דער ארבעטער סעקטאָר 154
מאיר זאָנענבערג — די אנטשטייונג און אנטוויקלונג
פון די פראָפעסיאָנעלע באוועגונג 160
דערציונג און הילפס־אינסטיטוציעס
בן־ציון פומרנץ — בית ספר „המזרחי״ ומחנכיו 168
אפרים (פישל) אולק — בית ספר „המזרחי״ 171
בן־ציון כילעוויטש — די „גמילות חסדים קאסע״ 172
יעקב פערלמוטער — „הכנסת כלה״ 175
אברהם וויעלינסקי — „לינת החולים״ 176
פארשיידנס
שין־פע — א געזעלשאפטלעכע דערשיינונג 179
ב. צ. פומרנץ — קאלמוס החזן 180
מנחם ווינטער — העלדישע רחמנות 183
בן־ציון פומרנץ — בפרוע פרעות בישראל התנדבו ראשי העם 185
השואה
דער אומקום
בן־ציון פאָמעראַנץ — א טרער איבער מיין שטעטעלע 189
בן־ציון פומרנץ — דמעת יגון על עיירתי 195
די געשעענישן אין אלעקסאנדער 199
הרב שמעון הובערבאנד הי״ד — אלעקסאנדער (ביי לאָדזש) 203

הרב שמעון הובערבאנד הי״ד — דער אלעקסאנדערער רבי
רבי יצחק מנחם דאנציגער 206
ידיעות וועגן חורבן אלעקסאנדער 208
גדליה פ. — אלכסנדר 209
גדליה פרנקנטל ז״ל — מהווי ראשית הכיבוש 211
א. ויילינסקי — פרעות באלכסנדר 214
א. וויעלינסקי — חורבן אלעקסאנדער 217
ישראל פארבער — אלעקסאנדערער דייטשן בעתן קריג 221
בן־ציון כילעוויטש — יום כיפור ביי די דייטשן 223
רבקה שטיין (שרמן) — פרק מימי השואה 226
אברהם ציאַשניאַק — אין אלעקסאנדער ביי די דייטשן 228
ישראל פארבער — די לעצטע רביישע דינאסטיע 233
ישראל פארבער — מיט אלעקסאנדערער יידן אין
ווארשעווער געטאָ 237
שמחה טורקעלטאוב — ביים אלעקסאנדערער רבי
אין ווארשעווער געטאָ 243
זאב (וולף) גרינשפן — איך ניצלתי מצפרני הצוררים 247
מאיר גוזא — וואגלעניש פון אן אלעקסאנדערער ייד 251
מאיר אלעק — פון יענע יאָרן 257
מרים יאשינסקי — ווי אזוי איך האָב געראטעוועט מיין קינד 266
עקיבא ראדאָמסקי — אין געטאָס און לאגערן 270
נחמן באהאריער — מיין גורל אין די מלחמה יאָרן 280
יהודה גאָלדשמידט — מיין גורל 283
שבתי פראנקענטאל — זי האָט אָפּגעראטעוועט דאָס לעבן
פון דריי יידן 284
מנחם ווינטער — אויף די וועגן קיין ישראל 286
משה שיפלינגער — פאר און נאָכן חורבן 288
יהודי אלכסנדר שניספו בשואה
אומגעקומענע אלעקסאנדערער יידן 298

אישים ודמויות

טיפן און געשטאלטן

ב. צ. פומרנץ — ר׳ חנוך הניך אלתר ז״ל 333
ב. צ. פ. — מרדכי׳לה גריימאַן 336

ב. צ. פ. — מיכאל גריימן 337
מ. הנדלסמן — אהרן הוכמן 338
שמחה שרמן — משה וידאבסקי 340
ש. פערלמוטער — ברוך זאַנענבערג 340
ברוך זאַנענבערג 341
ברוך זאַנענבערג — ליד צו דער נויט 342
נתן פוזנר — אלתר זילברברג 342
נתן פוזנר — נחה זלמן 343
ב. צ. פ. — חנה מינדל די רביצן 344
פ. בן־ציון — יעקב הנוך יעקובוביץ 346
ב. צ. פ. — יצחק רבי'לה 347
משה רוזנבלט — המורה אברהם יעקב ליטווין ז״ל 349
ב. צ. פומרנץ — משה'לה הקטן 350
נתן פוזנר — המלמד משה פנחס נאבוז'נה 352
ב. צ. פומרנץ — ישראל סרבנוגורה ז״ל 353
ב. צ. פומרנץ — גדליהו פרנקנטל ז״ל 355
שמחה שרמן — אליהו פיין 356
ש. פערלמוטער — יהושע צענדאָרף 357
יצחק צענדאָרף — ישראל יהושע (מאניעק) צענדאָרף ז״ל 358
י. ש. צענדאָרף — צוויי לידער (פון יזכור בוך) 360
ש. פערלמוטער — אברהמ'לה קאן 362
אברהם ציאַשניאק — שמחה קאַפּעל 363
ב. צ. פ. — שיע ריוואן 364
בן־ציון פומרנץ — אפרים מנשה שרמן 366

אחרי המלחמה

נאכן חורבן

אברהם טענענבוים — נאָכן חורבן 371
יצחק צנדורף — בחזרי לאלכסנדר 373
פרטים על פעילות הארגון 377
די טעטיקייט פונעם ארגון 385